STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09576

DOYRES

Charles A. Freilich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פריילין

דורות

דערציילונגען

מיין רחלען אַ מתנה

כמעט אַלע דערציילונגען וואָס גייען אַריין אין דעם דאָזיקן בוך, זענען פריער דערשינען אין די זשורנאַלן: „זאַמל־ביכער" פון יוסף אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק; „די גאָלדענע קייט", „קיום", „צוקונפט" און „אונדזער וועג".

ד ע ר מ ח ב ר.

י. פרײליר

דורות

דערציילונגען

פאָרוואָרט: שמחה סנה

הילע געצייכנט: לעאָן פּאָך

פאַרלאַג
אונדזער וואָרט

1955 בוענאָס איירעס

Copyright by:
CH. FREILICH
311 West 97th Street
New York 25, New York

DOIRES

(A TRAVES DE LOS SIGLOS)

CUENTOS

Prólogo de SIMJE SNEH

Portada de LEON POCH

★

EDITORIAL "UNDZER VORT"
Buenos Aires — 1955

פאָרוואָרט

דאָס דריטע בוך, וואָס דער פאַרלאַג „אונדזער וואָרט" טראָגט צו דעם יידישן לייענער, איז אַ זאַמלונג דערציילונגען פונעם באַקאַנטן שרייבער, מיטרעדאַקטאָר פון „אונדזער וועג", ח׳ י. פריליך. ווי דער מחבר ווייזט אָן אין זיינער אַ „באַמערקונג", זענען אָט די דערציילונגען, כמעט אַלע, שוין געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ ריי וואָגיקע און ערנסטע צייט־שריפטן אין די תפוצות און אין ישראל. דאָס אַרויסגעבן זיי אין בוך־פאָרעם האָבן מיר באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקן צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור.

י. פריליך איז נישט קיין פנים חדשות אין אונדזער יידישער ליטע־ראַטור. ער איז זייער אַן אַקטיווער און פּראָדוקטיווער שרייבער און פּוב־ליציסט און האָט זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער שרייבער־משפחה אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיין שרייבערישע אַקטיוויטעט איז ענג פאַרבונדן מיט זיין געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט און הגם זיינע שאַפונגען טראָגן נישט אויף זיך קיין בולטן אידעאָלאָגיש־פּאָליטישן חותם, דאָך איז זייער לייכט צו באַמערקן די שטרעבונג פונעם מחבר אַרויסצוהייבן יענע אידעישע און עטישע ווערטן אינעם יידישן גייס־טיקן פאַרמעג, וועלכע זענען אים באַזונדערס טייער צוליב זיינע איבער־צייגונגען און זיין וועלט־באַנעם.

בכדי דעם דאָזיקן ציל צו דערגרייכן, האָט דער מחבר געהאַלטן פאַר צילמעסיק אַריינצודרינגען נישט נאָר אין היינטצייטיקן יידישן לעבן, נאָר אויך זוכן דעם שורש פון אָט־די ווערטן, איינגראָבן זיך אינעם באָדן, בע־סער געזאָגט: אין די פאַרשיידענע באָדנס, פון וועלכע עס זענען במשך פון לאַנגע דורות, אַרויסגעוואַקסן די ווונדערלעכע פלאַנצן פון יידישן בטחון, גלויבן, עקשנות, צוגעבונדנקייט צום יידישן שטאַם און אומגעהייערן לע־בנסווילן. אין אָט דעם גאַנג האָט דער מחבר ממילא געמוזט מאַכן אַ פּרוּוו צו באַזיגן די מחיצות פון צייט און פון שטח. מיר געפינען אין אָט דער זאַמלונג דערציילונגען וואָס באַציִען זיך צום ווייטן, אַלטערטימלעכן עבר אין דער רוימישער תקופה, צום מיטלאַלטער, צום פאַרמלחמהדיקן לעבן

אין דער אַלטער היים און צו דער היינטצייטיקער, צאַפּלענדיקער ווירקלעכקייט אין דער אויפגעריכטער מדינה; און פּונקט ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זענען די תקופות אַזוי איז אויך אויסגעשפּרייט דער שטח וווּ די אַקציע פון די דערציילונגען שפּילט זיך אָפּ: רוים און דאָס מיטלאַלטערלעכע דייטשלאַנד און פּוילן, דאָס פאַרמלחמהדיקע פּוילישע שטעטל און דאָס „גרינע״ לעבן אין די שטאַטן און אין אַרגענטינע, מאה שערים און דער נגב. דער דאָזיקער גאַנג איבער צייט און שטח דינט דעם מחבר נישט נאָר ווי אַ מיטל צו קרעפטיקן דעם בונד צווישן יידישן עבר און יידישער קעגנוואַרט, נייערט אויך ווי אַ רוישטאָף מיט וועלכן ער זוכט צו באַפעסטיקן אונדזער גלויבן אין דעם נישט־איבערגעריסענעם אייביקן קיום פון אונדזער פאָלק.

מיט אָט דעם קורצן פאָרוואָרט באַצוועקן מיר נישט צו געבן קיין גענויע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם בוך. מיר ווען דעריבער זיך נישט אָפּשטעלן גענויער אויף די קינסטלערישע מיטלען, וואָס דער מחבר באַנוצט בכדי זיין ציל צו דערגרייכן. מיר האָפן, אַז די יידישע ליטעראַרישע קריטיק וועט שענקען דעם בוך די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט און מיר ווען דעריבער נישט פאַרלויפן דעם וועג. מיר האָבן אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצוברענגען אָט דעם, לויט אונדזער מיינונג, וויכטיקסטן און כאַראַקטעריסטישסטן שטריך פון י. פריילּיכס שרייבערישן דרך, אַ דאַנק וועלכן דאָס בוך צייכנט זיך אויס מיט זיין פּילקאָליריקן, פילבילדערישן פאָן און אינטענסיווער אידעיִש־עטישער אָנלאָדונג.

מיר דערלויבן זיך דערביי אויך אויסצודריקן די זיכערקייט אַז דער יידישער לייענער וועלכער האָט ביז איצט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן די אַרבעט פון אונדזער פאַרלאַג, וועט אויפנעמען מיט דער זעלביקער וואַרעמקייט אויך דאָס דאָזיקע דריטע בוך אונדזערס; און דעם ח׳ י. פריילּיך שיקן מיר איבער, בײנאַנד מיט אונדזערע ברכות צום דערשיינען פון זיין בוך, אונדזערע בעסטע ווונטשן פון ווייטערדיקע דערפאָלגן אין זיין שעפערישן גאַנג.

פאַר דער רעדאַקציע פונעם
פאַרלאַג „אונדזער וואָרט״

שמחה סנה.

בוענאָס־איירעס, יולי 1955.

פ י נ ל

די פּאַטיאָ האָט אויסגעזען ווי אַ פּירקאָנטיקער קאַסטן. איין וואַנט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער שכנותדיקער פּאַטיאָ, איז געווען געדיכט באַהאָנגען מיט בלומענטעפּ, מיט קריכפלאַנצן, מיט קאָליר־רייכע אויסגעהאָפטענע און אויסגענייטע טיכער און טיכלעך. אַ גאָלדן־געלער שפּילפויגל איז געזעסן אין אַ שטייגל געמאַכט פון דינע שטעקעלעך און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ בענקענדיקן געצוויטשער.

אין סאַמע צענטער פון דער פּאַטיאָ איז געשטאַנען אַן אַלטער, געבויגענער בוים, וואָס האָט געשפּרייט אַרום זיך אַ נעץ פון קלענערע און גרעסערע שאָטנס. אונטערן בוים איז געשטאַנען אַ ווייס־געדעקטער טיש, וואָס איז געווען פול מיט שפּייזן, מיט רויטן וויין אין קאַראַפינקעס, מיט סיפאָנדלעך סאָדע־וואַסער, מיט פלעשלעך ביר.

סעניאָר כאָסינטאָ מאַרקוס, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער ייִד מיט אַ צעפלאַמטן פּנים, מיט אַ צעאַקערטן שטערן, מיט אַ פּאָר וואָנצעס שאַרפע, שפּיזיקע ווי ציינבערשטלעך, האָט זיך נערוועז אַרומגעשפּאַצירט איבער דער פּאַטיאָ, האָט אַלעמאָל אָנגעשטעלט די אויערן, ווי ער וואָלט געהערט טריט, וואָס דערנענטערן זיך צו זיין הויז. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר ווייכע, געשטריקטע שיך, ברייטע, לייוונטענע הויזן און אַ ווייס העמד, וואָס איז געווען אָפן, צעכראַשטשעט. געלבלעך־גרויע האָר, ווי אַן אינדזל אויף זיין ברוסט, האָבן אַרויסגעקוקט פון זיין העמד. אַרום האַלדז איז ביי אים געווען אַרומגעשנורעוועט אַ ווייס נאָזטיכל, וואָס האָט ווי אַ שוואָם איינגעזאַפּט אין זיך די טראָפּנס שוויס, גרויס ווי קרעלן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיין צעקאַרבטן שטערן, פון זיינע צעפּאַסעוועטע באַקן, פון זיין הויכן, צעקנייטשטן האַלדז. ער האָט פון צייט צו צייט אַ הייב

געטון די אויגן צום אייבערשטן גאָרן פון זיין הויז, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער דעם אַריינגאַנג צו דער פּאַטיאָ, און אַז עס האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן צו אים אַ סקריפּעדיקער וואָרטש, אַ גרילציקער קוויטש, אַ בייז וואָרקען, האָט ער פאַרביסן די ליפּן, פאַרשטייפט די פויסטן און צום חלל אַ ברום געטון: „גוואַלד, וואָס טוט מען מיט זיי?"

ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן שנעלער, איז פאַרפאָרן מיט זיינע פינגער אין די אָפּגעבלאַקעוועטע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויסגע־טריקנטער טיטון, און זיינע בלוילעך־גרויע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, ווי זיי וואָלטן געזוכט עפּעס אַן עצה, וואָס צו טון מיט „זיי" דאָרט אויפן גאָרן־שטיבל.

דער האַנט־קנאַקער אויף דער טיר פון דער פּאַטיאָ האָט אַ הילך געטון, האָט צעפּליקט די שטילקייט פונעם אַרום. סעניאָר מאַרקוסעס האַרץ האָט אַ פּלאַטער געטון אין אים. ער האָט צום לעצטן מאָל געוואָרפן אַ בליק צום גאָרן און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט מיט געבעט: „הלוואַי זאָלט איר דאָרט איינגעמען אַ שטומעניש אויף היינט". פלינק אויף די פיס, ווי אַ קינד, איז ער אַוועק צו דער טיר. ער האָט אויפן וועג פאַרהאַלטן זיין שוואַרץ־האָריק, ברוין־הויטיק אייניקל, וואָס האָט אים געוואָלט אי־בעריאָגן, זיין פריער ביי דער טיר. ער האָט געטון אַ פּראַל אויף די טיר און האָט פאַר זיך דערזען דעם גאַסט, דעם יונגנמאַן, וואָס האָט דעם פרימאָרגן געהאַט אָנגעקלונגען אויפן טעלעפאָן און אים אָנגעזאָגט, אַז ער איז ערשט נעכטן שפּעט ביינאַכט אָנגעקומען מיט דער שיף „וואולקאַן" פון אייראָפּע, פון וואַרשע.

סעניאָר כאַסינטאָן האָט פאַרפעלט אָטעם ווען ער האָט דערזען לעבן זיך דעם יונגנמאַן, וואָס האָט איבערן טעלעפאָן זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים ווי זיין שוועסטערס אַ זון. ער האָט ערשט פאַר זיך געזען נישט סתם אַ בחור, וואָס זאָגט, אַז ער איז זיין לייבלעכער שוועסטערס אַ קינד, נאָר ער האָט געזען שטיין לעבן זיך זיין שוועסטער אַליין, זיין שוועסטער ליבע, ווי ער האָט איר געדענקט ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל מיט לאַנגע, געדיכטע צעפּ, וואָס האָבן זיך שטענדיק געבאָמבלט ביי אירע אַקסלען.

„משהל, משהלע הייסטו, דאַכט זיך?" — האָט אַ קוואַליקע פרייד זיך געריסן פון אים און ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע ציטערנדיקע הענט

צום בחור, וואָס האָט אויסגעזען אַביסל פאַרלוירן. סעניאָר כאַסינטאָ האָט אימפּעטיק אַ נעם געטון משהלען אין זיינע אָרעמס אַריין ווי אין קלאַ־מערן, און ער האָט אים געדריקט צו זיין האַריקער ברוסט, צו זיין פייכטן האַלדז. זיינע בערשטלדיקע וואָנצעס האָבן זיך איינגעפּרעסט אין משהס באַקן און משה האָט מורא געהאַט, אַז די נאָדלען־האָר וועלן דורכלעכערן די הויט פון זיין פּנים. משה האָט געפילט ווי הייסע טראָפּנס טרערן קייק־לען זיך פון זיין פעטערס באַקן צו אים אויפן פּנים. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון פעטער, אים זען, וויסן ווער עס האַלדזט אים אַזוי שטאַרק און קושט אים אַזוי הייס. האָט געוואָלט נאָכאַמאָל זען צי דער מענטש אין וועמענס אָרעמס ער איז איינגעקלאַמערט, איז טאַקע זיין פעטער, דער פעטער וועגן וועלכן די מאַמע האָט שטענדיק געהאַט צו דערציילן אַזויפיל מעשיות, אָבער ער איז געדולדיק געבליבן אין פעטערס קלאַמערן און האָט געוואַרט ביז דער פעטער וועט אים באַפרייען.

„טאַקע מיין שוועסטערס זון משהלע!" האָט מיט אַ וואַרשעווער אויסשפּראַך סעניאָר כאַסינטאָ כסדר געשעפּטשעט, דאָ אָפּגעלאָזט דעם בחור, אים אַ שטעל געטון פאַר זיך, אים באַקוקט, און דאָ אים ווידער אַ שלעפּ געטון צו זיך.

משה איז ערשט געשטאַנען אַ באַפרייטער. ער האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אויפן צעשטראַלטן פעטער, אויף זיינע פייכט־רויטע אויגן, און ער האָט קיין שום שייכות נישט געקענט געפינען צווישן אים און זיין מוטער, צווישן דעם פעטער און דעם זיידן, דעם גערער חסיד, דעם תלמיד חכם, דעם אייזערנעם קאָפּ, דעם זיידן ר' הערש־לייזער בראָ־קער. ער האָט פאַר זיך געזען אַ צעאַקערטן, אַ צערונצלטן פּנים, אַ פּנים, וואָס איז געווען ענלעך צו די פּנימער פון די פּוילישע פּויערים, וואָס שטייען גאַנצע טעג אונטער דער ברענענדיקער זון, וואָס זענען צעבייטשט פון שניידנדיקע ווינטן, אַ פּנים מיט שטעכעדיקע, שאַרפע, שמאָלע וואָנ־צעס, וואָס זענען אָפּגעקראָכן פונעם שטענדיקן רויך פון מאַכאָרקע.

פון די אָפענע טירן פון הויז, פון די צימערן, ווי קעמערלעך אַרום פּאַטיאָ, האָבן זיך באַוויזן פלאַקסן־האָריקע יונגעלייט, שוואַרץ־ברוינע ווייבלעך און קליינע קינדער.

„פּאַקיטאָ, זע, אָט דאָס איז דאָך מיין שוועסטער ליבעס זון!" האָט מיט צעלויכטענע אויגן, ווי בליצלאָמפּן, כאַסינטאָ זיך געווענדט צו אַ

נידעריקער פולבוזעמדיקער פרוי, וואָס איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט און האָט זיך געווישט די הענט אין פאַרטעך. „מיין שוועסטער לי־בעס זון, ווי מיין שוועסטער פון אויג אַרויס!״ האָט כאַסינטאַ נישט אויפ־געהערט צו שוימען מיט פרייד.

משה האָט דערלאַנגט דער פרוי די האַנט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז אַוודאַי זיין זיין מומע. זי איז געווען די עלטסטע צווישן די פרויען, וואָס זענען ערשט געשטאַנען אַרום אים. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע ייִדישע מאַמע. משה האָט ערשט אַ טראַכט געטון, אַז ווען דער פעטער וואָלט איר נישט גערופן מיט דעם מאָדנעם פרעמדן נאָמען פאַ־קיטאַ, וואָלט ער איר געקענט רופן שרה, חיה, ביילע אָדער אַפילו פּשוט ברײנע. אירע קליינע אויגן זענען געווען אומעטיקע, באַצויגענע מיט ייִדישן מאַמע־צער, און אויף איר פּנים האָט געלויכטן אַן ערב־שבתדיקע צניעות, אַ רויִקייט פון פאַר ליכטבענטשן. משה האָט לאַנג געהאַלטן דער מומעס האַנט אין זיינער, ווי ער וואָלט אין איר האַנט געזוכט און גע־פונען אַביסל היימישקייט, אַביסל וואַרעמקייט, אַביסל שוץ אין דער פרעמ־דער קאַלטקייט אַרום אים.

די זין, די שנורן, די אייניקלעך זענען געשטאַנען אין אַ קרייז אַרום פאָטער, מוטער און גאַסט. זיי האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך. דער פע־טער האָט זיי פאָרגעשטעלט יעדן באַזונדער, נאָר זיי זענען געשטאַנען, האָבן געקוקט און זיך גערויטלט.

„קענען נישט אויסרעדן קיין ייִדיש וואָרט!״ האָט סעניאָר מאַרקוס זיך באַגאָסן מיט שוויס פאַר חרפּה פאַרוואָס די קינדער שטייען ווי שטו־מע. „אַ וויסט לאַנד״, האָט ער צוגעגעבן. באַלד האָט ער מיט אַ צאַרטער, געענדערטער שטימע אַ זאָג געטון: „ביסט אַוודאַי הונגעריק, משהלע?״ ער האָט משהן אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט, אים געצויגן צום ווייס־געדעקטן טיש אונטערן בוים אין דער פאַטיאָ און האָט אַ רוף געטון: „וואַ־מאָס אַ קאָמער!״ ער האָט אַ שמייכל געטון צו משהן און איבערגעזעצט אויף ייִדיש, וואָס ער האָט נאָרוואָס געזאָגט די קינדער: „קומט עסן, האָב איך זיי געזאָגט״.

ער האָט אַוועקגעזעצט משהן אויף אַ שטול לעבן זיך ביים אויבנאָן פון טיש. ער האָט אים צערטלעך אַ גלעט געטון די האַנט און ער האָט אים געבעטן: „עס, משהלע, עס!״

משה האָט דערפילט ווי עס וויקלט זיך און שפּרייט זיך אַ נאָענטע היימישקייט אַרום אים, כאָטש אים האָט ווי געטון פאַרוואָס די קינדער אַרום מוזן צוליב אים זיצן ווי טויב־שטומע. ער האָט ביסלעכווייז אָנגע־הויבן צו באַטראַכטן די קינדער און ער האָט דערזען, אַז זייערע פּנימער זענען באמת גאָרנישט אַזוי גויִיש־פרעמד ווי זיי האָבן זיך אים אויסגע־וויזן בעת ער האָט זיי נאָרוואָס געהאַט דערזען. ער האָט ערשט אַפילו באַמערקט, אַז דער עלטסטער זון, וואָס איז געזעסן ביים טאַטנס רעכטער האַנט און איז שטאַרק געווען געראָטן אין טאַטן, אַז אָט דער עלטסטער זון האָט אַ פּאָר אויגן, וואָס זענען אַזוי טיף, אַזוי געדיכט באַברעמט ווי דעם זיידן הערש־לייזערס אויגן. אַפילו דער גלאַנץ אויף זיי איז שיר נישט דער זעלביקער גלאַנץ, וואָס הויערט שטענדיק איבערן זיידנס אויגן. די שוואַרץ־חנעוודיקע שנורן האָבן אויך געהאַט אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימער אַ מין ייִדישע צניעות, וואָס האָט צוגעגעבן היימישקייט דעם אַרום. אים האָט ערשט פאַרדראָסן פאַרוואָס ער קען זיך מיט זיי אַלע נישט צערעדן ווי מיט אייגענע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער קען זייער שפּראַך, אָדער זיי זיין שפּראַך, וואָלט דאָס ביסל פרעמדקייט אַרום אים אינגאַנצן צערונען געוואָרן. ער וואָלט באַלד געוואָרן אַן אייגענער צווישן אייגענע.

דער פעטער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, האָט אים אַלעמאָל דער־מאָנט: „עס משהלע, עס!" ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן מיט סאָדע־וואַסער, געמישט פאַר משהן, ער האָט אָנגעפילט אַלע גלעזער, אַפילו די קינדערס, מיט ווײַן און סאָדע־וואַסער און האָט זיך געווענדט צו משהן: „טרינק, משהלע, ס'איז גוט צום אַפּעטיט!"

משה האָט אַ צי געטון פון דער גלאָז. דער ביטערער ווײַן האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז, אים געשטיקט, געוואָרגן ווי מען וואָלט דאָרט אַריינגעשטופּט אַ בינטל פינגער. ער האָט זיך צעהוסט, איז רויט געוואָרן און האָט זיך אַנטשולדיקט: „נישט געוווינט צו קיין געטראַנקען".

„וועסט זיך צוגעוווינען. אַן ווײַן האָט ס'עסן קיין שום טעם נישט", האָט דער פעטער אים געגלעט די האַנט.

די מומע האָט אַרויסגעטראָגן פון אַ זייטיק צימערל אין פאַטיאָ פול־מעסן פאַרשיידענע געקעכצן. משה האָט באַמערקט ווי זי טראָגט צו הכנעהדיק דאָס עסן צום טיש און שטעלט אָוועק די מאכלים לעבן איר

מאַן. ער שטעלט זיך אויף פֿאַר יעדן פּולמעס, פֿאַר יעדן באַלאָדענעם טע־לער, ווי פֿאַר אַן עלטסטן, און פֿאַרטיילט פֿאַרציעס מיט אַזאַ מינע ווי ער וואָלט, להבדיל, געווען אַ כהן ביי דער עבודה. אַלע אַרום טיש האָבן געגעסן מיט דרך־ארץ און אין אַ מוראַדיקער שווייגעניש. מען האָט בלויז געהערט דעם געקלימפּער פֿון לעפֿל, גאָפּל, מעסערס און טעלערס.

„נאָך אַ שטיקעלע פֿלייש?" האָט די מומע ס׳ערשטע מאָל אַריינגע־וואָרפֿן אַ וואָרט.

„אַ דאַנק, אַ דאַנק", האָט משה זיך אָפּגעבעטן.

„אַז דו וועסט נישט אַריינלייגן, וועסטו נישט אַרויסנעמען", איז דער פֿעטער צוגעשטאַנען, אַז משה זאָל פֿון זיך נישט אָוועקשאַרן דאָס עסן. „זעסט דאָך אויס ווי אַן אויסגעצויגענער דראַנג", האָט ער צוגעגעבן. זיין פּנים האָט זיך געשמאָלצן פֿאַר פֿרייד.

„הערסט, משהלע, „דראַנג" האָב איך געזאָגט. כ׳שווער דיר, אַז שוין אַוודאַי דרייסיק יאָר איז דאָס וואָרט דראַנג נישט געקומען אויף מיינע ליפּן. אַז מ׳לעבט שטענדיק צווישן גויִים". האָט זיין שטימע געטון אַ פֿאַל אַראָפּ מיטאַמאָל און ער האָט אַ שטילן זיפֿץ געטון.

די פֿאַרציעס פֿלייש האָבן געבראַכן די טעלערס. משה האָט געזען ווי דער פֿעטער טרינקט דאָ אַ גלאָז ווייַן מיט סאָדע־וואַסער און אָט גיסט ער אין זיך אַריין אַ פֿולע גלאָז בלויז ווייַן און זיין פּנים טוט זיך דערביי אַפֿילו נישט קיין קרום. משה איז געזעסן און האָט געטראַכט וויפֿל פּוי־ליש־יידישע פֿאַמיליעס עס וואָלטן געקענט מאַכן שבתדיקע און יום־טובדיקע מאָלצייטן, גאַנצע חתונות פֿון דעם ביסל פֿלייש, וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש. „ווען די מאַמע, ווען דער זיידע קריגן אַריין אַזאַ אוצר פֿלייש וואָלטן זיי דאָך עס געגעסן אויף אַ קיילעכדיק יאָר", האָט אַ בענקשאַפֿט אַ שפּאַר געטון משהן ביים האַרץ.

„דאָ איז, קיין עין־הרע, דאָ גענוג צום עסן!" האָט משה נישט גע־קענט האַמעווען די באַוווּנדערונג אין זיך.

„עסן, ס׳הייסט עסן!" האָט דער פֿעטער אָפּגערוקט דעם ליידיקן טע־לער פֿון זיך. ער האָט מיט אַן אויסגעהאָפּטענער סערוועטקע געווישט די בערשטלדיקע וואָנצעס, די רויטע, פֿולע ליפּן, דעם שווייס פֿון זיין פּנים און ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן פֿון קעשענע.

„רויכערסטו?" האָט ער משהן אַ פֿרעג געטון און האָט אים דערלאַנגט

אַ פּאַפּיראָס. ער האָט אַ רייב געטון אַ שוועבעלע און האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דערלאַנגען משהן פייער. אַ גרילציקער וואָרטש האָט זיך אַ טראָג געטון איבער דער שטילקייט פון פּאַטיאָ, אַ קוויטש אַזאַ, ווי עס וואָלט אַ משונהדיק־ווילדע מויד זיך געריסן פון פּענטעס, וואָס האַלטן איר געבונדן. סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוסעס האַנט מיטן שוועבעלע האָט זיך אַ טרייסל געטון ווי פון אַן ערדציטערניש. דאָס פייער האָט זיך אויסגע־לאָשן. זיין האַנט איז געבליבן הענגען אַ געליימטע אין דער לופטן. דער קוויטש איז זיך פאַרגאַנגען העכער און העכער. נאָך שטימען, אַלע מאָנאָ־טאָנע, אַלע גרילציק־גרויליקע האָבן אין איין כאָר זיך צעוואָרטשעט.

משה איז געזעסן אַ פאַרציטערטער. ער האָט געווענדט די אויגן צום גאָרן, פונוואַנען דאָס וואָרטשען איז געקומען, פונוואַנען די קולות, ווי פון אַ משוגעים־הויז, האָבן זיך געטראָגן צו אים. דאָס וואָרטשען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין קלאַנגען, אין ווערטער. ער האָט די ווערטער נישט גע־קענט פאַרשטיין, ער האָט אָבער דייטלעך געהערט די קלאַנגען: „טשע, ווען אַקי!" די שטימען האָבן כסדר איבערגעחזרט די זעלביקע קלאַנגען, איינטאָניק, ריטמיש, גרילציק און בייסנדיק. משה האָט אין שטוינונג, אין פּחד געוואָרפן די אויגן אַרום זיך, האָט געזען די פּנימער פון די זין און שנורן, פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פעטערס פּנים, האָט געזען ווי דעם פעטערס פּנים איז געלבלעך־בלאָס; די פריערדיקע רויטקייט איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. די שטייפע וואָנצעס האָבן אויסגעזען גרוי, אָפּגעלאָזן.

„שרעק זיך נישט, משהלעז!" האָט דער פעטער געשטאַמלט. ס'איז חלילה גאָרנישט. כ'מיין פאַרשטייסט, דאָס זענען פייגל, די פייגל דאָרט, אַזוינע מינים פייגלז!"

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט ער געטייטלט צום גאָרן. „אָט דאָרט, אין יענע בוידעם־שטיבלעך, כאָוועט מיין זון, דער־אָ", האָט ער אָנגעוויזן אויפן יינגסטן זון, „ער האָדעוועט דאָרט פייגל, האָדעוועט ער, איז צע־שרייען זיי זיך אויף ווי וויסטע קולות ווען די ריחות פון עסן דערגרייכן זיי אַהין".

„פייגל גאָר", האָט משה ערשט אָפּגעאָטעמט פרייער, כאָטש עס איז אים נאָך אַלץ געווען קשה פון וואַנען פייגל האָבן אַזאַ וויסטן און דאָך מענטשלעכן קול.

„ספּעציעלע פייגל אַזעלכע!" האָט דער פעטער שוין אַביסל אַ באַרויק־טער גענומען משהן פאַרטייטשן, ווי ער וואָלט געלייענט זיינע געדאַנקען „פייגל, וואָס קענען רעדן".

ער האָט ווידער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און דערלאַנגט משהן פּיי־ער. משה האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פון טיש. די שווערע משא, וואָס איז אויף אַלע געפאַלן ווען די פייגל האָבן זיך צעוואָרטשעט, האָט ערשט אָנגעהויבן זיך אַראָפּצוגליטשן פון זייערע אַקסלען. די שנורן און פּאַקיטאַ האָבן זיך אַ הויב געטון פון זייע־רע ערטער און זיי האָבן זיך אַ נעם געטון אָפּצורייניקן דעם טיש. זיי האָבן אוועקגעטראָגן די כלים און פּאַקיטאַ האָט באַצויגן דעם טיש מיט אַ פרישן, ווייסן טישטעך. סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס האָט פאַרבעטן משהן זיך צו זעצן מיט אים אויף דער ווייכער וויג־קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט פון פּאַטיאָ ווו דער געלער שפּילפויגל איז געזעסן אין זיין שטייגל און האָט ערשט בענקענדיק געזונגען.

„בוענאָ, משהלע, ערשט דערצייל עפּעס וועגן טאַטן, וועגן דיין זיידן, מיין איד, און וועגן מיין שוועסטער, מיין איין־און־איינציק שטיקל שוועסטער!" האָט ער אַ זיפץ געטון.

„פּאַקיטאַ! כאַסע! איסאַק!" האָט ער גערופן ס'ווייב, די קינדער. „קומט אַהער וועט איר הערן, וואָס משהלע וועט דערציילן וועגן מיין טאַטן."

ער האָט געבעטן משהן ער זאָל רעדן פּאַמעלעך אַזוי, אַז די זין זאָלן אויך כאַפּן עפּעס וועגן זייער זיידן.

„איר וועט באַלד הערן וואָסער זיידן איר האָט!" האָט ער צוריק־געקראָגן זיין פריערדיקן שטעל. ער האָט די זין צום ערשטן אויף שפּאַ־ניש איבערגעגעבן, אַז דאָ גייען זיי הערן אַ גרוס פון זייער זיידן, וואָס איז אַזאַ גרויסער מאַן ווי, לאָמיר זאָגן, סאַן מאַרטין און באָליוואַר זענען געווען.

ווען אַלע זענען שוין געזעסן אַרום אים, האָט סעניאָר כאַסינטאָ זיך געווענדט צו משהן: „בוענאָ, משהלע, דערצייל, דערצייל מיט אַלע „פּאַרטי־קולאַרעס", זאָלן זיי וויסן ווער זיי זענען, די גויים מיינע!"

משה איז געזעסן און האָט אָנגעקוקט זיין פעטער. ער האָט געזען ווי דעם פעטערס אויגן צעשטראַלן זיך, צעגלאַנצן זיך, באַדעקן זיך מיט

אַזאַ מין פייכטקייט, וואָס האָט ערגעץ ווו אַ שטיקל שייכות מיטן גלאַנץ אין די אויגן פון זיין זיידן ר׳ הערש־לייזער. ער האָט געזוכט ווערטער, נישט געוווסט וואָס צו דערציילן, ווי אַזוי אָנצוהייבן.

„דער זיידע איז אַלט, לייגט צוויי פּאָר תפילין יעדן פרימאָרגן, וויקלט זיך אין טלית מיט דער שווערער, גאָלדענער עטרה, און שטייט ווי אַ ווירע, און וויינט אַריין זיין בענקשאַפט נאָך דער באָבען אין דאַווענען אַריין!״ האָט משה גערעדט ווי ער וואָלט שוין פריִער געהאַט אַלץ דער־ציילט וועגן זיידן און ערשט גיט ער בלויז צו אַ פּאָר איינצלהייטן.

„ער איז גרוי, אינגאַנצן גרוי, דער טאַטע?״ האָט סעניאָר מאַרקוסעס קול געציטערט, זיך געבראָכן.

„גרוי ווי אַ טויב און די צוויי שפּיצן פון זיין צעקעמטער באָרד זע־נען נאָך לענגער און שאַרפער געוואָרן ווי אַמאָל״. האָבן משהס אויגן אַוועקגעוואַנדערט קיין וואַרשע. ער האָט ערשט געזען דעם זיידן אין דער געהאַקטער קאַפּאָטע, ווי ער זיצט שטענדיק איבער ספרים, דער שטערן קנייטשט זיך ביי אים און אויף זיין דיקלעכער נאָז זיצן צוויי פּאָר ברילן, איינע צוגעשנורעוועט צו דער צווייטער.

„דער זיידע לערנט, זינגט מיט זיין ווייטן, אומעטיקן ניגון און פון צייט צו צייט כאַפּט ער טינט און פעדער און שרייבט עפּעס צו אויף די זייטן פון די בלעטער. שרייבט מיט זיין דראָבנעם, מיט זיין קלאָרן רש״י־כתבו!״ די בענקשאַפט האָט זיך אין משהן שטאַרק צעוויגט. ער האָט גאָרנישט באַמערקט ווי זיין פעטער האָט זיך נענטער און נענטער צו־גערוקט צו אים. ער האָט דערפילט דעם פעטערס אָטעם אויף זיין פנים. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, דערזען ווי דעם פעטערס בליק איז איינ־געגעסן אין אים. דעם פעטערס מויל איז אָפן, און ווי אַ פיש אויף דער טריקעניש אַזוי זוכט ער אָטעם.

„ער דערמאָנט אַמאָל מיין נאָמען?״ האָט דער פעטער אַ פרעג גע־טון מיט אַ מאָדנעם קול, וואָס האָט משהן אַ ברי געטון.

„לעצטנס, די לעצטע יאָרן, יאָ, צייט איך בין אויפגעוואַקסן האָט דער זיידע מיר אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז כ׳האָב אַ פעטער, ערגעץ ווייט איז ער דאָ. ער איז שוין אַוועק פון דער היים לאַנג, גאָר לאַנג!״

„אַזוי, ער דערמאָנט מיך? ער רופט מיך אָן ביים נאָמען אויך?״ האָט

אַ נייגער געברענט אין פעטערס אויגן, וואָס זענען ערשט געווען רויט־לעך־צעפלאַמט.

פון גאָרן איבער דער פאַטיאָ האָט זיך געהערט אַן איינזאַם, אַן אָפּגע־ריסן קול, וואָס האָט זיך ווי געבעטן: „טשע, ווען אַקי!״ סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוסעס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט. זיינע הענט האָבן ווידער אַ פלאַ־טער געטון. ער האָט געשטאַרט צום גאָרן, און די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעשפּיזט מיט חרפּה און ווייטיק.

„פאַקיטאָ! פאַקיטאָ!״ האָט ער זיך געבעטן ביים ווייב. „אפשר וועסטו זיי פאָרט איינשטילן דאָרט?״ ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו משהן און האָט זיך פאַר אים אַנטשולדיקט. „הערסט, משהלע, די פייגל זענען אַן אָנשיקעניש אויף מיינע יאָרן! זיי טוען מיר אָן חרפּות״. ער האָט נאָך אַ פּאָר מאָל אַ וואָרף געטון בייזע בליקן צום גאָרן און האָט אַ זאָג געטון צו די קינדער אויף שפּאַניש: „כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז אייער זיידע איז אַ גרוי־סער מאַן, הערט, משהלע דערציילט, אַז ער איז אַ שרייבער אויך. ער איז נאָך אַוודאַי גרעסער פאַר סאַן מאַרטינען, פאַר באָליוואַרן, פאַר סאַר־מיענטאָן!״

ער האָט זיך אַ קער געטון צו משהן: „אַמברע, בוענאָ, דערציילן! יאָ, ער רופט מיך ביים נאָמען זאָגסטו. ווי רופט ער מיך, ווי?״

„חזקיה, חזקיה רופט ער דעם פעטער!״

„איר הערט, דער טאַטע רופט מיך חזקיה! שוין באַלד פאַרגעסן, אַמברע, גאָר פאַרגעסן אַז כ׳הייס חזקיה. אַזוי הייס איך טאַקע אין כודיאָ!״ האָט ער זיך באַרימט פאַר די קינדער.

ווי ער וואָלט ערשט געקייט עפּעס אַ געשמאַקן ביסן אַזוי האָט ער דאָס וואָרט חזקיה נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל. משה האָט אים אָנגע־קוקט און האָט געזען ווי ס׳פּנים ביים פעטער האָט זיך מיטאַמאָל כמעט ווי פאַרענדערט. ער האָט אויסגעזען יינגער, שפּילעוודיק־קינדעריש, פאַר־בענקט, און ווי ער וואָלט זיך געפּיעשטשעט פאַר דער מאַמען, ווי ער וואָלט זיך געטוליעט צו איר, אַזוי האָט ער מיט אַ מאָדנער צאַרטקייט אין דער שטימע איבערגעזאָגט: „דער טאַטע רופט מיר חזקיה, איר הערט קינדער?״

פאַקיטאָ האָט אַרויסגעטראָגן אַ קופּערנע באַנקע געקאָכטע וואַסער. נאָך איר איז געקומען די שנור מיט אַ זילבערנער צוקער־פּושקע, מיט אַ קעסטעלע גראָזן, מיט אַ טעפּעלע אַזעלכעס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ

באַר ביי וועלכער מען האָט אָפּגעשניטן דעם עק און אַ שטיקל פון שפּיץ. אין טעפּעלע איז געזעסן אַ רערל, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מויל־שטיקל, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער פּה פון אַ שופר.

„מירן טרינקען מאַטע, משהלע! מאַטע! דאָס איז אַ טייערער געטראַנק. באַלד וועסטו עס פּאַרזוכן". האָט דער פעטער געצערטלט משהן מיט די ווערטער. ער האָט אַ נעם געטון דאָס טעפּעלע. האָט אַריינגעטון אַהין אַפּאַר גראָזן, עטלעכע שטיקלעך צוקער, עס באַגאָסן מיט הייסע וואַסער און האָט מיטן רערל אַ מיש געטון אין טעפּעלע. ווי מען ציט אַ ליולקע אַזוי האָט ער אַ צי געטון דאָס רערל צווישן זיינע פליישיקע ליפּן. ער האָט מיט גרויס הנאה געהאַלטן אין איין ציִען און האָט זיך דערוויייל געבעטן ביי משהן: „דערצייל נאָך עפּעס וועגן טאַטן, וועגן דיין מאַמען!" ער האָט אָנגעפּילט דאָס טעפּעלע מיט וואַסער, צוגעטאָן נאָך גראָזן און צוקער און עס דערלאַנגט משהן: „נעם, דו די „באָמביזשע" און פּאַרזוך אונדזער מאַטע!"

משה האָט געזען, אַז דער פעטער גיט אים דאָס זעלביקע רערל מיט וועלכן ער האָט נאָרוואָס געזויגן די מאַטע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געוואַרט, אַז עמעצער זאָל זיך כאַפּן, אַז מען האָט דאָ געמאַכט אַ טעות, אים געגעבן דאָס רערל וואָס דער פעטער האָט נאָרוואָס געהאַלטן אין מויל. אַז ער האָט געזען, אַז קיינער רירט זיך נישט פון אָרט, אַז מער קיין רערלעך זענען אויפן טיש נישטאָ, האָט ער האַסטיק אַ כאַפּ־געטון די באָמביזשע מיטן רערל, עס צוגעלייגט צו די ליפּן און ווי מען שלינגט אַראָפּ ריצין־אייל, אַזוי האָט ער אַ צי געטאָן דערפון. די צונג האָט אים אַ ברי געטון אי פון דעם הייסן וואַסער אי פון די ביטערע גרעזער, וואָס האָבן זיך געשווענקט אין וואַסער. ער האָט אַ שלונג געטון, געפילט ווי די קעל איז ביי אים אין פלאַמען און ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס רערל פון מויל.

„ביטער, גאַלי!" האָט ער זיך געררויטלט. אַלע אַרום טיש האָבן זיך צעשמייכלט.

„נישט צוגעוווינט!" האָט אים דער פעטער געטרייסט. וואַרט, אַז דו וועסט זיין אין לאַנד אַזוי לאַנג ווי איך, וועסטו גיסן אין זיך אַזויפיל מאַטע ווי מיר אַלע!" האָט אים דער פעטער פאַרזיכערט.

די באָמביזשע איז ערשט געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און ווען דער

לעצטער אַרום טיש האָט פאַרענדיקט, האָט די באַמביזשע אָנגעהויבן אַרומצוגיין נאָכאַמאָל פון האַנט צו האַנט. משה איז מיד געוואָרן צו ציילן וויפל טעפּלעך יעדערער פון די אַרומיקע האָט אויסגעטרונקען. ער איז געזעסן און האָט געדעדט דאָ מיטן פעטער, דאָ מיט דער מומע פּאַקיטאַ, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן בלויז געציילטע ווערטער. און אַפילו די פּאָר ווערטער האָט זי גערעדט מיט אַזאַ הכנעה, מיט אַזאַ שעפּטשעדיקן קול, אַז משהן האָט זיך געדאַכט, אַז עס פאַרפעלט איר אָטעם. איר יידיש איז געווען געמישט מיט אַזויפיל שפּאַנישע ווערטער, אַז משהן איז אָנגעקומען מיט קריעת ים־סוף צו פאַרשטיין, וואָס זי וויל.

דער אָוונט האָט אָנגעהויבן צוזופאַלן. דער הימל אַרום זוים פון דער פּאַטיאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרבן דאָ אין בלוילעך־גרוי, דאָ אין פּור־פּור־רויט. אַ לייכט ווינטל, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך דאָס שעפּטשען פון די וואַסערן פון לאַ־פּלאַטאַ־טייך, האָט זיך געשפּילט מיט די בלעטער אויפן בוים. דאָס שפּילפייגעלע אין דער שטייג אויף דער וואַנט פון דער פּאַטיאָ האָט זיך בענקענדיק צעזונגען און דער בוים האָט זיך אָנגעהויבן צו סודן מיט דער שטילקייט אַרום.

„כ׳דאַרף שוין גיין אין הויז אַריין!" האָט משה זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין שפּעט און ער וועט דאַרפן אין דער פינצטער אין אַ פרעמדער שטאָט זוכן דאָס עמיגראַנטן־הויז, וואָס ליגט ערגעץ ביים ברעג פון טייך לאַ־פּלאַטאַ, וואָס זעט אויס ווי אַ ים.

„וואָסער גיין, אָמברע, ווהין גייסטו גאָר!" איז דער פעטער אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך ערשט דערמאָנט, אַז ער האָט געהאַט בדעה אויסצוזידלען משהן פאַרוואָס ער האָט גאָרנישט געלאָזט וויסן ווען ער קומט אָן, פאַרוואָס ער איז געבליבן אין עמיגראַנטן־הויז, ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער אין לאַנד און וואָלט קיין לייבלעכן פעטער דאָ נישט געהאַט.

„מירן באַלד צופאָרן און ברענגען דיינע „וואַליכעס!" האָט דער פעטער געטון אַ שפּרונג־אויף. „כאַסע, וואַמאָס!" האָט ער זיך געווענדט צום עלטסטן זון.

„ ניין, פעטער, ניין! איך דאַנק אייך זייער. איך וועל אַליין, כ׳מיין כ׳וועל זיך בעסער אויסגרינען, כ׳האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז גאָרנישט,

קומען צום פעטער יאָ, אָבער!״ האָט משה געשטאַמלט. דער פעטער האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן.

„משהלע, אָמברע, וואָס רעדסטו, מיינסט כ׳וועל דערלאָזן, מיין שוועסטערס קינד! פאַקיטאָ!״ האָט ער געזוכט הילף ביי דער ווייב.

אָבער, אַז משה איז באַשטאַנען, אַז ער מוז, ער וועט בלייבן אין עמיגראַנטן־הויז ביז ער וועט פאַר זיך קריגן אַ צימער. זיך איינאָרדע־נען, זיך אויסגרינען, ערשט דעמאָלט וועט אים נישט אָרן צו קומען ווויי־נען ביים פעטער, האָט סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס פאַריתומט אים באַגלייט אַזש ביז דעם עמיגראַנטן־הויז, האָט אים איבערגעלאָזט אַ פעקעלע באַנק־נאָטן, אים געבעטן ער זאָל אַלע טאָג צוקומען און איז אַוועק אַהיים.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער אַריין אין פאַטיאָ, האָט דער־הערט דאָס גרילציקע רופן פון די פייגל אויפן גאָרן, האָט אַ קוק געטון אַהין מיט אַ פּאָר פאַרגלייזטע אויגן און האָט אַ רוף געטון אין חלל אַריין: „טאַטעו!״

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער אויף דער געבעטער קאַנאַפּע אין פאַטיאָ און ער האָט געשטאַרט אין דער נאַכט אַריין, וואָס איז ערשט געהאַנגען אַ שווערע, אַ דערדריקנדיק־שטילע.

***

כאַסינטאָ מאַרקוס איז געזעסן אויפן באַלקאָן פון זיין גאָרן־שטוב, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער פאַטיאָ. אויף אַ טיש לעבן אים זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט קעסטלעך, שמאָלע, לאַנגע הילצערנע קעסטלעך אין וועלכע עס זענען געלעגן קאָנווערטלעך פאַרזיגלטע מיט טריוואַקס. לעבן די קעסטלעך זענען געלעגן ליידיקע קאָנווערטן און שאַכטלעך מיט קרעלן, אויערינגלעך, פינגערלעך, בראַסלעטן, קייטלעך מיט צלמים, מיט בילדלעך פון יעזוסן, פון הייליקע, פון פּרעזידענטן פון אַרגענטינע, פון לעצטן פּרעזידענט איריגאָזשען.

כאַסינטאָ מאַרקוס האָט געטאַלירט, געציילט די פולע קאָנווערטן אין די קעסטלעך. ער האָט זיי אויסגעלייגט לויט די נומערן, געזען וואָסער נומער עס פעלט אין יעדעס קעסטעלע, אַ כאַפּ־געטון אַ ליידיקן קאָנווערט, אַריינגעוואָרפן אַ זאַך, אַ שטיקל פאַלשע צירונג, אויף וועלכן זיין אויג איז געפאַלן, פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט און מיט אַ טראָפּן טריוואַקס, מיט

זיין שטעמפּעלע, פאַרזיגלט דעם קאָנווערט, אָנגעשריבן דעם נומער, וואָס האָט געפעלט און האָט דעם קאָנווערט אַרײַנגעשטופּט אין קעסטעלע אין זיין רייע.

ער האָט געטון די אַרבעט געשיקט, כמעט ווי מעכאַניש.

„דער בלינדער הונט איז אַ גנבֿ!" האָט ער אַ מורמל געטון ווען ער האָט באַמערקט, אַז אין קעסטל פעלן פיראונצוואנציק נומערן אַנשטאָט די אַכצן, וואָס דער בלינדער האָט אָנגעגעבן אין חשבון אַריין. ער האָט געוואָרפן צלמים, פּאַטשערקעס, פינגערלעך, און קייטעלעך אין די קאָנווערטן אַריין און ער האָט אָנגעשטעלט לעבן זיך שטויסן אויף שטויסן קעסטעלעך, וואָס זענען גרייט געווען צו דער אַרבעט.

פון די אָפענע טירן אויףביידע זייטן פון זיין טיש האָט זיך געהערט אַ שטיל געגודעריי, אַ מין געפליסטער ווי מען וואָלט זיך דאָרט געסודעט, ווי מען וואָלט גערעדט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. באַלד האָט איין שטימע, אַ מער־דרייסטערע, מיט אַ בענקענדיקן טאָן זיך אַ בעט געטון: „טשע, ווען אַקי! טשע, ווען אַקי!"

כאַסינטאָ מאַרקוס האָט אַ דריי־געטון דעם קאָפּ צו דער טיר פון וואַנען ס'העכערע קול האָט זיך געהערט. „קע איי?" האָט ער זיך אַ פרעג געטון און זיינע בערשטלדיקע וואָנצעס האָבן זיך פאַרשפּיצט. דאָס קול האָט זיך באַלד אָפּגעהאַקט. אפילו דאָס שטילע שעפּטשען איז פאַרשטומט געוואָרן. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום.

„איינאונפערציק, צוויאונפערציק, פופציק!" האָבן זיינע ליפּן זיך מעכאַניש באַוועגט. „עס פעלט דער נומער איינאונפופציק!" האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ קאָנווערט און אַריינגעוואָרפן אין אים אַן אויסגעדאַרט יעזוסל.

„יעזוסלעך, פּאַטשערקעס, כאַסינטאָ חזקיהו!" האָבן זיינע אויגן זיך פאַרזשמורעט און זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרשנורעוועט. „ר' הערש־לייזער, כאַסינטאָ, חזקיהו!" האָט ער געשעפּטשעט צו דער פּאַטיאָ. „אַ שיינער נחת וועט עס זיין פאַרן טאַטן!" האָט ער זיך אַ ריס געטון. אויף זיינע פלאַמיקע ליפּן האָט זיך געוויקלט אַ מאָדנער שמייכל; דער שמייכל איז פאַרקראָכן צו די אויגן, איז שטיין געבליבן אין די פאַלדן ביי זיין שטערן און האָט זיך דאָרט פאַרענדערט, געוואָרן אַ מין פאַרגליווערטער געיאָמער.

„טויבן־כאַפּער!" האָט ערגעץ פון זיין מוח אַ בליץ געטון אַ וואָרט.

דאָס וואָרט האָט זיך איבערגעחזרט, האָט דערמאָנט אַ ווייטע, אַ נאָענטע שטימע, דעם טאַטנס שטימע. „טויבן־כאַפּער!" יאָ, אַזוי האָט אים דער טאַטע גערופן מיט פּיין, מיט ווייטיק דעמאָלט, דאָרט, מיט יאָרן, מיט דור־רות צוריק. „און היינט ביסטו בעסער?" האָט אַ וויסט קול אַ ברום געטון אין אים. זיינע אויגן זענען געוואָרן צוויי שפּעלטעלעך אין זיין גערונצלטן פּנים, וואָס איז געווען צעפּאַטשט פון ווינט, צעברענט פון דער זון. די קאָנווערטן זענען געבליבן ליגן אויפן טיש און כאַסינטאָ־חזקיה האָט דורך די שפּאַרעס פון די אויגן געקוקט ווייט אַוועק, איבער טייכן, איבער ימען, איבער יאָרן, צוואַנציק, דרייסיק, מער? ווער ווייס?

געגנשע אַכצן. צוויי שטובן און אַ קיך. דער טאַטע, די מאַמע, דאָס קליינע שוועסטערל. דער מאַמעס זיידן־גלעטנדיקע אויגן זענען פאַרצויגן מיט מאָדנע פּלעמלעך. דער טאַטע שפּרייזט איבערן הויז. זיין ברייטער שטערן איז צעקנייטשט. זיינע טיפע, גלאַנציקע אויגן זענען נאָך שניידנ־דיקער ווי שטענדיק; זיין באָרד מיט צוויי שאַרפע שפּיצן, זעט עפּעס אויס צעשויבערט, צעפּאַטלט. ער זוכט דאָס רויטע נאָזטיכל אין דער הינטער־שטער קעשענע פון דער געהאַקטער קאַפּאָטע. זיינע הענט ציטערן און ער שנייצט די נאָז. טרוקענע, יתומדיקע שנייצן טראָגן זיך אין לופט. ער שטעלט זיך אָפּ ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער געגנשע גאַס, ער בייסט אַ פינגער, ער דרייט זיך פּלוצלונג אויס און ווענדט זיך צו דער שטילקייט אין שטוב, צום שווייגנדיקן אַרום: „איז וואָס וועט זיין?" ער ווערט שטיל ווי די וואַנט. וואָרט נישט אויף קיין ענטפער און הייבט אָן ראַפּטום צו שפּרייזן איבערן הויז.

כאַסינטאָ־חזקיה זעט ערשט פאַר זיך דעם טאַטן, דער מאַמען. דער מאַמעס אויגן לויפן מיט פראַגעצייכנס דאָ צום טאַטן און דאָ צו אים, צו חזקיהן. איר אונטערשטע ליפּ ציטערט.

„באַרויק זיך, הערש־לייזער־לעבן, ער איז דאָך נאָך אַ קינד!" בעט זי זיך מיט אַ תחינהדיקן קול, און זי ווישט די אויגן מיט איר פאַרטעך, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי ריין ווי זי וואָלט אים ערשט נאָרוואָס אַרויסגענומען פון די פרישע וועש פון אַלמער.

„אַזוינע חרפּות, אַזוינע בושות!" האָט דער טאַטע זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן צימער. זיין קול האָט געציטערט, זיך געבראָכן. „טאַקע דערפאַר

ווייל ער איז נאָך אַ קינד, איז ווי קומט ער צו דער מויד, צו דער, צו דער — אָ!״ האָט דער טאַטע געזוכט אַ וואָרט, אים נישט געוואַגט אַרויסצוברענגען פאַר די ליפּן און לסוף אַרויסגעפּלאַצט שיר ניט מיט שוים אויף די ליפּן: „ווי קומסטו צו דער זונה, צו דער גאַסנפּרוי?!״

דעם טאַטנס ווערטער האָבן אַ שפּיז געטון, געטון אַ ברי אַזש ביזן מאַרך אין די ביינער. ער, חזקיה, האָט אַ שפּרונג געטון פון אָרט, זיך אַ שטעל געטון קעגן טאַטן, פאַרשטייפט די פויסטן, איז גרייט געווען דעם טאַטן דורס צו זיין פאַרן באַליידיקן זיין אסתרן, איר, וועמען ער האָט ליב געהאַט מיט זיינע אַלע רמ״ח אברים. זיין אסתר אַ זונה, אַ גאַסנפּרוי! ער וועט נישט דערלאָזן דער טאַטע זאָל איר אַזוי באַליידיקן, דערנידעריקן, באַוואַרפן מיט שמוץ. די פויסטן זענען ביי אים געווען געביילטע, די ציין פאַרקריצט, די ליפּן פאַרשנורעוועט. דער טאַטע איז געשטאַנען פאַר אים אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער, דער פּנים פאַרצויגן מיט אַ וואַקסענער געלקייט. אויף די ליפּן האָט געבלאָנדזשעט אַ פרעמדער שמייכל, אַ שמייכל אַזאַ, וואָס חזקיה האָט פריִער קיינמאָל נישט געהאַט געזען אויפן טאַטנס פּנים.

די מאַמע איז געשטאַנען צווישן אים און טאַטן. זי האָט זיך געבעטן דאָ ביים טאַטן, דאָ ביי אים. „קינדערלעך, קינדער טייערע, הערשעלע, חזקיה, מיין זון, ווי איז מיר, ווינד איז מיר!״ זי האָט זיי געשלעפּט פאַר די הענט, געגלעט די באַקן, בעכן טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן, וואָס האָבן זיך געבעטן, געצערטלט. זיינע פויסטן האָבן זיך צעעפנט, זיינע קני זענען לויזער געוואָרן, זיי האָבן זיך ערשט צעשאָקלט ווי בלעטער אין ווינט. דער טאַטע האָט זיך געטון אַ קער אָפּ פון אים, האָט מיט אַ ביטול אַ זאָג געטון, צום לעצטן מאָל אים אַ וואָרף געטון אין פּנים דאָס וואָרט „טויבן־כאַפּער!״ און האָט זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער.

נאָך יענעם טאָג איז אַלץ געגאַנגען מיט ראַשיקער אימפּעטיקייט. ער איז אַוועק צו אסתרן, איר געהייסן זיך גרייטן אין וועג אַריין. איר צוגעזאָגט, אַז אין אַ טאָג, צוויי וועט אַלץ זיין פאַרטיק און נאָך די זעלביקע וואָך האָט ער מיט אַ ציגיינער־מעסערל אין האַנט זיך אַריינגעכאַפּט צום טאַטן אין שלאָפצימער, האָט אָנגעהויבן צו רייסן דעם שופלאָד פון דער קאָמאָדע. מיטן מעסערל האָט ער דעם שלאָס געעפנט. האָט דערזען ווי דער טאַטע שטייט איבער אים. ער האָט שוין אין האַנט געהאַט די הונ־

דערטאונפופציק רובל. דער טאַטע האָט אים אַ נעם געטון ביי דער האַנט, האָט זי אַ דריי געטון. דער ווייטיק האָט געשניטן, די ביינער האָבן זיך געבראָכן. חזקיה האָט מיט דער אַנדערער האַנט אַ כאַפּ געטון דעם טאַטן. ס׳מעסערל איז געווען אָפּן. ס׳האָט דעם טאַטן אַ שניט געטון אין דער האַנט, וואָס איז געווען איינגעביסן אין זייגער! דער טאַטע האָט געטון אַ מאָדנעם שפּרונג. בלוט האָט אַ שפּריץ־געטון אויף דער פּאָדלאָגע און...

כאַסינטאָ־חזקיהס אַקסלען האָבן זיך אַ טרייסל געטון. ער האָט ערשט פאַר זיך געזען דעם טאַטנס פּנים. ער האָט פאַרקלאַמערט די אויגן. פּייער־טראָפּנס האָבן אַ שטראָם געטון פון זיינע אויגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין טיש. זיין רעכטע האַנט איז געפאַלן אויף אַ שאַכטעלע צלמים. ער האָט צעעפנט די אויגן, האָט אַ שליידער געטון דאָס שאַכטל צלמים צו דער ערד. איבערן באַלקאָן האָט זיך צעטראָגן אַ געקלימפּער. אין די צימערן, אויףביידע זייטן טיש, האָט זיך דערהערט אַ פליגל־געפּאָך, וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַ ווילד, צעשראָקן געוואָרקעריי: „קע איי! קע איי!“ האָט כאַסינטאָ מיט צאָרן געטון אַ ברום אַריין דאָ אין דעם צימער, דאָ אין צווייטן. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן באַלקאָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט צו דער פּאַטיאָ, צום בוים, וואָס האָט זיך געצירט אין זונשטראַלן. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די עלנבויגנס, געוואָלט ווייטער צי׳ען דעם פאָדעם פון זיינע פרי׳ערדיקע געדאַנקען, געוואָלט זען נאָכאַמאָל דעם טאַטן, וויסן וואָס איז דעמאָלט געוואָרן מיטן פאַרבלוטיקטן ציגיינער־מעסערל. די געדאַנקען האָבן זיך נישט געוואָלט פורעמען, זיך נישט געוואָלט אויסשטעלן אין אַ רייע. אָפּגעריסענע, שטיקלעך זענען זיי געפלויגן פאַר אים, פאַרבייגעשוועבט, זיך באַוויזן ווי אונטער אַ טיפן וואַסער.

בוענאָס איירעס. פרעמדע גאַסן, פרעמדע מענטשן, קיין ייִדישן פּנים זעט מען נישט. אסתר שלייכט זיך מיט אים איבער די גאַסן. זי זעט אויס מגושמדיק־גרויס קעגן אים. ווי אַ מאַמע מיט אַ זון דרייען זיי זיך אַרום. הונגער. נישטאָ וווּ צו נעכטיקן, ער אַרבעט שוין, טראָגט אַרום סיפאָנען סאָדע־וואַסער אויף די פּלייצעס; אסתר ווערט פאַרפאַלן, באַוויזט זיך, לאַכט מיט אַ מאָדנעם געלעכטער, רויכערט, פּלוידערט, ווערט ווידער פאַרפאַלן, קומט ווידער. און אָט, ווי אין וואַסער־אַריין! יאָ, וווּ האָט ער איר געטראָפן? איינמאָל אין דער „קאָנווענטיזשע“ אויף לאַוואַזשע גאַס.

איז געקומען זען לאַנדסלײט, ער האָט זי קוים דערקענט, נישט געוואָלט אַפּילו רעדן מיט איר. צוליב איר, דעם טאַטנס בלוט אויף אַ ציגײנער־מעסערל! וויפל יאָרן? ווען? און ער, כאַסינטאַ־חזקיה? האַ? פײגל, פּאָפּו־געס, קאַטערינקעס! טויבן־כאַפּער, קאַטערינקעס, פּאַפּוגעס, קאַנווערטן. אַ רײכער ייִד געוואָרן, אײגענע הײזער, זין, שנורן, אײניקלעך און זין, זין גוים, זין פרעמדע, שעמען זיך אפשר מיטן טאַטנס פּאַפּוגעס, מיט זײנע קאַטערינקעס?

כאַסינטאַ־חזקיה איז געשטאַנען ערשט ווי פאַרגליווערט. ער האָט געביסן די אונטערשטע ליפּ: „שעמען זיך מיטן טאַטן! וואָס דען, אַמברע, טשע, קלאַראָ קע סי!" האָט ער אָנגעהויבן זיך צו עסן און ער האָט נישט געפילט, נישט געוווסט, אַז ער רעדט שפּאַניש צו זיך.

„יאָ, טאַטע, אַ טויבן־כאַפּער!" האָט ער געשעפּטשעט צו די וויט־קײטן אַרום.

„ער וועט וועלן קומען צו מיר? משהלע זאָגט דאָך, אַז זײט די מאַמע איז געשטאָרבן דערמאָנט ער מײן נאָמען אָפּט, רופט מיר חזקיה, הערסט, חזקיה רופט ער מיך, חזקיה טאַקע און נישט טויבן־כאַפּער!" ער האָט זיך צעשמײכלט ווי אַ קינד. ער האָט געפילט ווי די גלידער לאָזן זיך אָפּ אין אים, ווערן לויז. ער האָט זיך אויסגעדרײט צו די צימערן אויף בײדע זײטן טיש. ער איז אַרײן אין אײן צימער. ער איז געשטאַנען בײ דער טיר. די פײגל אויף די שטאַנגען, אויף די שטעקנס האָבן צעפּאַכעט פרײדיק די פליגל, זײ האָבן זיך צעגאָדערט, עס האָט אויסגעזען ווי זײ וואָלטן געלאַכט מיט געהאַמעוועטער פרײד. זײ האָבן געקוקט אויפן באַ־לעבאָס און נישט געקענט פאַרשטײן דעם מאָדנעם בליק אין זײנע אויגן. אים האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויף זײער מאָדנעם שווײגן. „אָלע, טשי־קאָס!" האָט ער מיט אַ מאָדנעם פײף אין דער שטימע זײ אַ רוף געטון. די פּאַפּוגעס האָבן זיך אַ שטעל געטון אויף די פיס, זיך אײנגעקלאַמערט אין די שטאַנגען, אַ פּאַכע געטון די פליגל און אין אײן כאָר אַרויסגע־לאָזט אַ ווײטן, אַ פרײדיקן רוף „אָלע!" זײ זענען געבליבן שטײן שטײף; האָבן צעעפנט די צעגרײצערטע שנאָבלען און האָבן מאָדנע געוואָרקעט. זײ האָבן זיך באַוויזן מיט זײערע פלאַמעדיק־רויטע פעדערן, מיט זײערע זילבער־גרויע פעדערן, מיט זײערע לאַנגע ווײדלען. יעדע פּאַפּוגע האָט געוואָלט אויסנעמען בײם באַלעבאָס, געוואָלט ער זאָל זי אַ גלעט טון. עס

זענען געשטאַנען פּאַפּוגעס פון גאמביא, פון ציילאָן, פון בורמאַ, פּאַפּוגעס פון טענאַפעריף, פון אַלע עקן וועלט. זיי זענען געשטאַנען אין פּאָרן, אַ מאַן לעבן זיין ווייב, אַ ווייב לעבן איר מאַן. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ פּאַפּוגע מיט גרויע פעדערן, מיט אַ לאַנגן רויטן עק. זי איז געשטאַנען איינזאַם, אַליין, פאַרבענקט. אירע אויגן זענען געווען אומעטיק, פאַר־טרויערט.

„בענקסט, בענקסט נאָכן אַלטן?" האָט כאַסינטאָ איר אַ צערטל גע־טון. „קענסט זיך נישט צוקלייבן קיין אַנדערן?" האָט ער צו איר אַ שמייכל געטון. „ביסט געטרייער דיין פאַרשטאָרבענעם ווי אַ סך פון אונדזערע ווייבער!" האָט ער איר געגומען אויף די הענט, איר געטוליעט צו זיך און איר לאַנג געהאַלטן אין זיינע אָרעמס. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אי־בערן צימער. ער איז אַרויס מיט דער אַלטער פּאַפּוגע אויף דער האַנט, איז אַריין מיט איר אין אַנדערן צימער, האָט אַ זאָג געטון צו די פּאַפּוגעס „אַלע, טשיקאָס!" און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז ער אַרויס אויפן באַלקאָן. „הערסט, באָניטאַ!" האָט ער אַ דריק געטון די אַלטע פּאַ־פּוגע צו זיך. „הערסט, באָניטאַ מיאַ, מיין טאַטע, מיין טאַטע, ר' הערש־לייזער, וועט נאָך אפשר קומען אַהער, דאָ צו אונדז!"

די פּאַפּוגע האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע פאַרוויינטע אויגן. זי האָט עפּעס געשטאַמלט, זי האָט אַ צעשטראַלטע אַ גרילץ געטון מיט איר שטימע: „טשע, ווען אַקי!"

„ניין, זאָלסט נישט דערוועגן, זאָג נישט „טשע, ווען אַקי!" זאָג, לערן זיך צו זאָגן „שלום עליכם, טאַטעו!" זאָג, זאָג, „שלום עליכם, טאַטעו!" אַזוי, אַזוי, אָ, שטעל אָן דיין שנאָבל!"

די פּאַפּוגע האָט זיך געמאַטערט, האָט געדרייט דעם שנאָבל, געזוכט קלאַנגען, עפּעס אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, נישט געקענט אַרויסברענגען דעם שין און האָט אַ פאַרצווייפלטע געפלוידערט: „סלעם, טאַ־טאַ־טאַ!"

„וועסט זיך אויסלערנען, באָניטאַ מיאַ, וועסט זיך אויסלערנען!" האָט כאַסינטאָ איר געטרייסט. ער האָט דערזען ווי די טיר פון פּאַטיאָ האָט זיך צעעפנט און כואַן מאַרטינעז, כואַן על לאָקאָ, מיט די ווילדע אויגן, האָט זיך באַוויזן אין הויף.

„שוין געקומען דער ערשטער שוואַלב!״ האָט זיך כאַסינטאָן צע־קרימט דאָס פּנים. ער האָט אַריינגעלאָזט די אַלטע פּאָפּוגע אין צימער און ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו די טרעפּ.

***

ווי זיי וואָלט זיך אַלע אָפּגערערט צו קומען כמעט אין דער זעלבי־קער צייט, אַזוי האָט די פּאַטיאָ זיך אָנגעהויבן אָנצופילן יעדן פרימאָרגן מיט מאָדנע, אויסטערלישע פּאַרשוינען. דאָ האָט זיך באַוויזן אַ יונג מיט אַ פּאָר ברייטע הויזן, מיט אַ רויט געקעסטלט העמד, מיט אַ קוליע אונ־טערן אָרעם, דאָרט אַ מענטשל, ווי אַ קאַרליקל, מיט אַ פּאָר וואָנצעס, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אַזש ביי די סאַמע עקן פון זיין גאָמבע. דאָס מענטשל איז אונטערגעשפּרונגען ווי אַ פויגל און האָט דערביי עפּעס געצוויטשערט אַזוינע אומקלאָרע טענער, וואָס נאָר כאַסינטאָ האָט זיי געקענט פאַרשטיין. עס איז אויך געווען אַ בלינדער אויףביידע אויגן, וואָס איז אַרומגעגאַנ־גען צווישן אַלע מיט אַזאַ זיכערקייט אין זיין גאַנג ווי ער וואָלט געהאַט די מאַפּע פון דער פּאַטיאָ אין דער האַנט. עס האָט זיך באַוויזן אַ ברייט־ביניקער, אַ פּעסלדיקער איטאַליענער, וואָס האָט כסדר געקלאַפּערט, געמאַכט מיט די הענט, זיך געהיצט און געוויזן צום גאָרן. זיין פּנים איז געווען צעפלאַמט, די אויגן פאַרלאָפן און ווי אַן אומרו האָט ער נישט גע־קענט איינשטיין אויף קיין אָרט. מענטשן מיט צעקרימטע פּנימער, מיט צעדרייטע הענט, מיט צרעתן אויף הענט, פיס, פּנימער האָבן געדולדיק געוואַרט אויף זייער רייע.

סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם. מיט אַ ווונק מיט אַן אויג, מיט אַ מאַך מיט דער האַנט האָט ער צו זיך צוגע־רופן דאָ איינעם, דאָ אַן אַנדערן פון די פּאַרשוינען, האָט זיי דערלאַנגט יעדן אַ קוויטל מיט אַ נומער, אַ קעסטעלע קאָנווערטן, און האָט דערביי אַ זאָג געטון: „נעם די רויטע מיטן געשטרייפטן עק,״ „נעם די גרויע מיטן רויטן עק״, „נעם דער אויסטראַליער״, „דעם ציילאָנער״, „דעם גאַמביער״.

מיט די קעסטלעך אונטער די אָרעמס, מיטן קוויטל, אויף וועלכן עס איז געווען פאַרשריבן דער נומער פון דער קאַטערינקע, וואָס זיי האָבן געדאַרפט קריגן אין שפּייכלעך, זענען די פּאַרשוינען אַרויף אויפן גאָרן,

אָפּגעזוכט זייער פּאָפּוגע, אַראָפּ פון די טרעפּ און אַ זאָג־געטון: „אַסטאַ לאַ וויסטאַ, דאָן כאַסינטאָ!"

אין אַ שעה, צוויי שפּעטער, האָט די פּאַטיאָ זיך אָנגעהויבן אָפּצולייַדיקן. באַלד איז געוואָרן שטיל און שטילער אַרום. עס האָט זיך אויפן גאָרן נישט געהערט קיין פלאַטער פון קיין פליגל, קיין רוף פון די פייגל, קיין שום געגודעריי.

דעם פרימאָרגן איז סעניאָר כאַסינטאָ מאַרקוס געבליבן פרײַער ווי שטענדיק אַליין אין דער פּאַטיאָ. ער האָט געהערט ווי ס'וויב רופט אים: „עסן איבערבייסן! כאַסינטאָ, שוין צייט!" ס'וויב האָט אים אַ פּאָר מאָל גערופן. ער האָט איר נישט געענטפערט, איז אַרומגעגאַנגען אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די בלומענטעפּ אויף די ווענט, לעבן גאָלד־געלן שפּילפייגעלע אין שטייגל און איז געשטאַנען דערביי ווי אין אַ הינערפּלעט.

„סלעם אַלכעם, טאַטאַ!" האָט אַן אומעטיק קול אים געטון אַ וועק. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום גאָרן, זיך געחידושט פון וואַנען דאָס קול קומט, האָט זיך דערמאָנט, אַז די אַלטע פּאָפּוגע איז געבליבן אַליין אויבן, זיצט דאָרט איינזאַם, אַ וויסטע אַלמנה, בענקט נאָך איר מאַן און לערנט זיך אַרויסצוזאָגן „שלום עליכם, טאַטע!"

ווי לאַנג, וויפל מאָל האָט ער שוין מיט איר איינגעחזרט די דריי ווערטער? עס קומט איר, נעבעך, אָן שווער אויף דער עלטער צו לערנען אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, פרעמדע קלאַנגען. ווען זי וואָלט געווען ייִנגער וואָלט זי שנעלער אויפגעכאַפּט די ווערטער, זיי גיכער אויסגעלערנט. ערשט אויף דער עלטער מאָרדעוועט זי זיך, מסתמא גאַנצע נעכט געחזרט און ערשט, אַז זי זעט, אַז קיינער איז מיט איר נישטאָ, וויל זי אויספּרובירן אויפן קול, וואָס זי האָט אויסגעלערנט. אים האָט ערשט אָנגענומען אַ בענקשאַפט אַרויפצוגיין, נעמען באָניטאַן אויף די הענט, זי גלעטן און צערטלען און פּאַר איר אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. ער האָט געפילט ווי דאָס געמיט האָט זיך געלייגט דעם פרימאָרגן אויף זיינע אַקסלען מיט אַזאַ שווערקייט ווי בעלקעס וואָלטן אים געדריקט.

„סלאָם אַלעק, טאַטאַ, טאַטאַ, טאַטאַ!" האָט די פּאָפּוגע זיך געקרעקט מיט די ווערטער. זי האָט אַרויסגעלאָזט די ערשטע צוויי ווערטער און זי

האָט מיט אַ מאָדנער פרייד אין איר שטימע געפּלאַפּלט בלויז איין וואָרט:
„טאַטאַ, טאַטאַ, טאַטאַ, טאַטאַ!"

„ער וועט קומען צו מיר, אַ, וואָס זאָגסטו, באַניטאַ?" האָט כאַסינטאַ אַרויפגעריסן די אויגן צום גאָרן.

„קום עסן!" האָט ס'ווייב שוין מיט אַ העכערער, ברוגזער שטימע גערופן.

כאַסינטאַ האָט מיט געליימטע פיס זיך געשאַרט צו דער קיך. דער אַפּעטיט איז ביי אים געווען געשלאָגן, אין מויל האָט געאיבלט און דאָס רעכטע אויג האָט ביי אים נערוועז געציטערט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ שווייגנדיקער ביים טיש, האָט אַ ביס געטון פון דעם ברויט, אַ זופּ געטון פון טעפּל די קאַווע, געטון אַ פּאָר הוסטן און זיך אויפגעהויבן פון טיש. „עפּעס נישט מיט אַלעמען", האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַרן ווייב.

***

מיט אַ פּראַל פון דער טיר האָט זיך באַוויזן דער יונג קיטאָ, קיטאָ לאָפּעז, דער אויפזעער איבער די קאַטערינקעס, דער, וואָס האָט זיך יעדן טאָג געדאַרפט אַרויסלאָזן איבער די גאַסן און סקווערן פון בוענאָס איירעס און קאָנטראָלירן די קאַטערינשטשיקעס צי זיי שטייען אויף די פּלעצער ווו זיי דאַרפן שטיין. ער האָט אויך געדאַרפט אינמיטן טאָג, אין מיטן דער אַרבעט, צוגיין צו די קאַטערינשטשיקעס, זען צי זיי האָבן נישט קיין אייגענע, פאַלשע קאָנווערטלעך, וואָס זיי שטעקן אַריין אין די קעסט־לעך און גיבן דעם באַלעבאָס נישט אָפּ קיין חשבון פון די פּלעטן, וואָס די פאָפּוגעס ציִען אַרויס פאַר די קונים.

קיטאָ איז געווען הויך, שטייף ווי אַ זעלנער, ברייטפּלייציק און די הענט זענען ביי אים אַראָפּגעהאַנגען ביי די זייטן ווי צוויי דרענגער. די אויגן זענען ביי אים געלאָפן פלינק אין די שלעסער, זענען שוין באַלד פון פרימאָרגן געווען גלאַנציק און ער האָט גערעדט מיט אַ פולער מויל צונג.

קיטאָ האָט געקענט יעדעס פאַרוואָרפן ווינקל פון שטאָט, האָט זיך געיאָגט איבער דער שטאָט ווי אַ טייוול, אַרויף פון איין טראַמוויי אויפן צווייטן, געפלויגן מיט די אונטערערדישע באַנען און אויסגעוואָקסן אין

צען פלעצער כמעט ווי אויף אַמאָל. אָט איז ער געווען אין טשאַקאַריטאַ, באַלד אויף ריוואַדאַוויאַ און שוין האָט מען אים געזען אין באַלנעאַריאַ. די קאַטערינשטשיקעס האָבן פאַר אים געציטערט אימת־מות, געשטאַנען פאַר אים ווי פאַר אַ גענעראַל און אַז ער האָט געפאַקט עמעצן ביי אַ לינק שטיקל אַרבעט האָט יענער געוווסט, אַז די ביינער זיינע וועלן צעמאָלט ווערן אונטער קיטאָס הענט ווי ווייץ צווישן די וואַלצן פון אַ מיל.

„אָלע! דאָן כאַסינטאָ!" האָט קיטאָ באַגריסט זיין באַלעבאָס, האָט באַמערקט אַ מאָדנע געלקייט אויף זיין פנים און האָט זיך דערשראָקן. זיינע פלינקע אויגן האָבן געפינטלט מיט פראַגעצייכנס.

כאַסינטאָ האָט זיך אויסגעגלייכט, פאַרצויגן אַ שמייכל אויפן פנים און אַ זאָג־געטון „אָלע!"

„וווהין גיי איך היינט?" האָט קיטאָ געפרעגט נישט דרייסט.

כאַסינטאָ האָט אויסגעזען פאַרזונקען אין מחשבות. קיטאָן איז נישט געפעלן געוואָרן די מאָדנע שטילקייט פון זיין באַלעבאָס. ער האָט זיך געשאַרט פון איין פוס אויפן אַנדערן, געווען אומרו:יק צעשראָקן און אַ שנייץ געטון די נאָז סתם אַזוי.

„טויבן־כאַפער, קאַטערינשטשיק!" האָט כאַסינטאָ געהערט דעם טאַטנס קול איבער זיך. ער האָט זיך אַ טרייסל געטון ווי ער וואָלט געוואָלט אָפטרייבן די קלאַנגען פון טאַטנס שטימע פון זיך, האָט אַ קוק־געטון אויף קיטאָן און האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען גאַסן און געסלעך פון בוענאָס איירעס, געסלעך און סקווערן ווו עס האָבן היינטיקן טאָג געדאַרפט שטיין זיינע קאַטערינקעס, זיינע פייגל, ווו עס געפינען זיך זיינע קעסטעלעך מיט קאָנווערטן, און אין די קאָנווערטן פאַטשערקעס, צלמים, יעזוסלעך, פינגערלעך, אויערינגלעך און קייטעלעך.

די קאַטערינקעס שפילן. מענטשן שטעלן זיך אָפ, הערן זיך איין. די פאָפוגעס, איין פיסל צוגעטשעפעט מיט אַ קייטעלע צו דער קאַטערינקע, שטייען און קוקן אויפן עולם, רופן מיט זייערע קוויטשיק־גרילציקע שטימען, לאַדן איין: „טשע, ווען אַקי!" אַלע פאָפוגעס זיינע רופן מיטן זעלביקן נוסח, כמעט מיטן זעלביקן קול. די מענטשן באַצאָלן דעם קאַטערינשטשיק פאַרן פלעט, די פאָפוגע צעפאָכעט זיך גרויסהאַלטעריש, צעעפנט איר גרייצער־שנאָבל, שלעפט אַרויס אַ קאָנווערטל, גיט עס דעם קונה און

אינאָונט, פּאַרנאַכטצייט, ברענגען די קאַטערינשטשיקעס די קאַטערינקעס צוריק צו קיטאָן אין שפּייכלער אַריין און צו אים, צו דאָן כאַסינטאָ, ברענגען זיי צוריק די פּייגל, די קעסטעלעך קאַנווערטן און זיי טיילן זיך מיט אים גלייך־אויף־גלייך, וויפל קאַנווערטן עס פעלן אַזויפיל צוועלף־און־אַ־האַלב סענטאַוואָס־שטיק קריגט ער.

„וויפל אַזוינע קאַנווערטלעך האָבן שוין זיינע פּאַפּוגעס אַרויסגעצויגן? וויפל פּאַפּוגעס האָט ער שוין געהאַט?"

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, נישט געהערט וואָס קיטאָ האָט צו אים גערעדט, בלויז אים צוגעגעבן „סי, קיטאָ, סי!" ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער רחבותדיקער פּאַטיאָ, אויף די שטובן אַרום און ער האָט זיך אַ קראַץ געטון אין קאָפּ ווי ער וואָלט ערשט געוואָלט אויסחשבונען וויפל טויזנטער און טויזנטער קאָנווערטלעך זיינע פּאַפּוגעס האָבן געדאַרפט אַרויסציִען, כדי ער זאָל פאַר דעם געלט קענען קויפן דאָס הויז, אויסהאָדעווען די קינדער, זיי שיקן לערנען און נאָך האָבן, דאָ אין דער באַנק און דאָ אין יענער באַנק, גאַנצע פּאַרמעגנס מיט געלט.

„זאָלסט כאַפּן אַן אויג אויפן בלינדן, אַ ניכפה אים אין די זייטן!" האָט כאַסינטאָ אַ זאָג געטון קיטאָן אין מיטן דרינען. „זעקס נומערן האָבן נעכטן געפעלט אין זיין קעסטעלע. אַ יונג אַ גנב. אויף קאַזשאַאָ איז ער היינט!"

קיטאָס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט ערשט צום ערשטן מאָל דערהערט דעם באַלעבאָס ריידן מיט זיין געוויינטלעכער שטימע, מיט זיין אַמאָליקן טאָן.

„איז לויף אידך!" האָט ער זיך אַ ריס־געטון. „אַדיאָס, דאָן כאַסינטאָ!"

„אַדיאָס, קיטאָ!"

***

פון לאַ־פּלאַטאַ־טייך האָט זיך געטראָגן אַ פייכטקייט וואָס האָט, ווי מיט הייסע, אויסגענעצטע פּלאַכטעס איינגעוויקלט די שטאָט. דער אָטעם איז געווען שווער ווי בליי. ביי כאַסינטאָ מאַרקוס אין פּאַטיאָ איז דער טיש נאָך געווען באַשטעלט מיט ליידיקע שיסלען און שיסעלעך, מיט טעלער, לעפל, גאָפּל און מעסערס. די הענט האָבן זיך ביי קיינעם נישט געלייגט צו דער אַרבעט.

אויף דער וויג־קאַנאַפּע ביי דער וואַנט פון פּאַטיאָ איז געזעסן כאַ־סינטאַ און לעבן אים איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אין אָנלען זיין שוועסטער־קינד, משהלע. אויף שטולן און אויף דער אויסגעפלאַסטערטער פּאָדלאָ־גע זענען געלעגן און געזעסן די גאַנצע משפּחה. קיינער האָט ערשט נישט געקענט, נישט געוואָלט רעדן. מען איז פויל געווען צו באַוועגן מיט די ליפּן, מיטן מויל. די פרייד, וואָס האָט ביי אַלעמען געהאַט אויפגעטויכט מיט דער לעצטער נייעס, וואָס משהלע האָט געבראַכט, אַז דער זיידע, די מאַמע וועלן קומען קיין בוענאָס איירעס, די פרייד, וואָס האָט זיך שוין וואָכן געוויקלט אין כאַסינטאַס האַרץ, נאָך פון יענעם טאָג אָן ווען דער טאַטע האָט צום ערשטן מאָל אין דרייסיק יאָר אים געשריבן אַ בריוו און אים גערופן „ליבער זון חזקיהו!" די פרייד איז ערשט געלעגן אַ פּאַר־גליווערטע אויף אַלעמען.

גלייך פון טאָג ווען דער טאַטע האָט אים געשריבן די בריוו און אים אָנגערופן „ליבער זון חזקיה", האָט כאַסינטאַ איינגענומען אַ מוראדיקע שווייגעניש. אָט איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער פּאַטיאָ און זיין פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט אַן אומעט, ווי אַ שווערער וואָלקן, און באַלד האָבן זיך זיינע אויגן צעבלישטשעט, זיין פּנים צעשטראַלט און ער האָט אויסגעזען ווי אַ יינגל, פריש און צאַפּלדיק. פון זיינע ליפּן האָבן זיך אָבער נישט געהערט נישט קיין קלאַנג פון פרייד, נישט פון אומעט.

שטענדיק, ווען משהלע איז געקומען אין הויז אַריין אויף זיינע וויזיטן, האָט כאַסינטאַ זיך אַוועקגעזעצט מיט אים, גערעדט וועגן זיידן, און האָט די קלאַנגען אין זיך נישט געקענט איינהאַלטן. ער האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ אַזאַ, וואָס האָט אָפּגעעכאָט איבערן גאַנצן אַרום: „די פייגל", האָט איין וואָרט אַלעמאָל אַ שפּאַר געטון פון אים.

משה האָט דעם פעטער שוין מער נישט געפרעגט קיין פראַגעס וועגן די „פייגל". ער האָט שוין געוווסט צו וואָס דער פעטער האַלט אַזוינע צוויי שיינע צימערן אויפן גאָרן פאַר די דאָזיקע פייגל. ער האָט אַליין נישט איינמאָל געטראַכט, וואָס עס וועט זיין ווען דער זיידע וועט קומען. ווו וועט ער וווינען? מיט וועמען וועט ער זיין?

„זיי וועלן וווינען מיט מיר, נישט ביים זון, נאָר ביי מיר וועט דער זיידע זיין!" האָט זיך משה געטרייסט.

אַזוי האָט ער געטראַכט ווען דאָס קומען פון זיידן, פון דער מאַמען איז נאָך געווען בלויז אַ חלום, אַ האָפענונג, אָבער ערשט, ערשט, אַז דער זיידע דערוואַרט שוין די שיף־קאַרטע, גרייט זיך אין וועג אַריין, ערשט האָט משה דערפילט, אַז ער איז אַ גזלן, אַ מערדער, פירט דעם זיידן בידים צו דער שחיטה. „ווי אַזוי וועל איך קענען האַלטן דעם זיידן מיט זיך? פונוואַנען וועל איך נעמען אויף דירה־געלט, אויף עסן פאַר אַלע? מיינע פאַרדינסטן ביי טריקאָטאַזש סטייען מיר קוים אויף אַ צימערל, אויף אַ מאָלצייט אַ טאָג, און נעמען ביים פעטער? ניין, דאָס וועל איך נישט טון, איך קען עס נישט טון," האָט משה זיך געבראָכן דעם קאָפּ.

ערשט איז ער געזעסן לעבן פעטער, האָט געפילט ווי די היץ דריקט און שטיקט, ווי די געדאַנקען מאַטערן און ער האָט געהערט דעם פעטערס קרעכצן. ער האָט פאַרשטאַנען דעם פעטערס געדאַנקען און האָט נישט געוווּסט, וואָס דעם פעטער צו ענטפערן אויפן קרעכץ, וואָס איז געווען באַגלייט מיט די ווערטער: „די פייגל".

די פאַרנאַכטיקע זון האָט געבריט ווי מיט הייסע קוילן. די פייכט־קייט, וואָס האָט זיך געשפּרייט פון טייך לאַ־פּלאַטאַ, איז געוואָרן אַלץ מער שטיקנדיק. אַפילו דער שאָטן אונטערן בוים אינמיטן דער פּאַטיאָ, אַפילו אָט דער שאָטן, האָט געפלייצט מיט פאַרעדיקער היץ, און אין דער שטייג, אויף דער וואַנט צווישן די בלומענטעפּ, האָט דער זינגפויגל כסדר גע־צויגן טראָפּנס וואַסער אין זיך אַריין און דאָס זינגען איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

סעניאָר קאַסינטאָ מאַרקוס האָט אַרומגעבונדן אַ ניי, ווייס טיכל אַרום האַלדז און איידער ער האָט עס נאָך צוגעקניפּט איז עס שוין געווען אויס־געווייקט ביי די ראַנדן.

זיינע געדאַנקען, קליינע, רירעוודיקע ווי מוראַשקעס, זענען געלאָפן דאָ אַהער, דאָ אַהין, האָבן זיך געיאָגט אָן אַ סדר און האָבן זיך אין ערגעץ נישט געקענט אָפּשטעלן. ער האָט מיד אַ קוק געטון צום גאָרן, האָט די אויגן צוריק אַראָפּגעלאָזט און האָט סתם אַ זאָג געטון „אָמברע". ער האָט מיט אַ מאָדנער צאַרטקייט אַ גלעט געטון משהס האַנט, זיך איינגעקנאָ־דערט אין זיך און געשוויגן ווי אַלע אַרום אים. און ווען משה איז אַוועק צו זיך אין צימער און ווען די משפחה האָט זיך צעלייגט, ווער אויף אַ מאַטראַץ אין דער אָפענער פּאַטיאָ, ווער אויף אַ קאָלדרע און ווער אויף

אַן אויפגעלייגטער ים־שטול, האָט כאַסינטאָ זיך אַ הייב געטון פון אָרט, איז אַרויס אין גאַס און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ וויטן, אַ לאַנגן שפּאַציר.

„איז קומט ער טאַקע, אָט איידער וואָס ווען, וועט ער זיין דאָ, איז אָמברע, טשע, וואָס שווייגסטו?" האָט די פּרי׳ערדיקע פרייד זיך צוריק אָנגעהויבן צו וועקן אין אים. „און די פייגל? צו וואָס דאַרפסטו די פייגל? שוין גענוג געפויגלט, שוין צייט פּטור צו ווערן פון זיי!" האָט אַ צאַרטער קול אים געשעפּטשעט אין אויער אַריין. „איז וואָס וועסטו טון, אַז די פייגל וועלן נישט זיין, די קאָנווערטן וועלן נישט זיין, די קאַטערינקעס וועלן נישט זיין?"

אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיטאָ, קיטאָ לאָפּעז פון דער פּאַמפּאַ, רעדט אים אַריין אין אויער. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון קיטאָן, נישט געוואָלט זען דעם יונג ערשט לעבן זיך, מיט זיך, אים נישט גע־וואָלט האָבן פאַר קיין חבר ערשט ווען ער טראַכט וועגן טאַטן, וועגן ר׳ הערש־לייזערן. „וואַמאָס, קיטאָ, טראָג זיך אָפּ פון מיר!" האָט ער אויפן קול אַ זאָג געטון צו קיטאָן. „אָן פייגל וועל איך אויך לעבן, כ׳האָב ב״ה גענוג הייזער, געלט אין די בענק. און וואָס איז וועגן קריגן אַ נייע פּרנסה?" האָט אַ נייע פראַגע זיך אַ שטעל געטון פאַר אים.

כאַסינטאָ האָט פאַרגעסן די שטיקנדיקע היץ, די פלאַכטעס פייכט־קייט, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום אים. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן גיך, גיכער, געגאַנגען גאַס־איין גאַס־אויס, געשניטן דורך זייטיקע, אומ־באַקאַנטע געסלעך, אַרויסגעקומען אויף קאָריענטעס, אויף לאַוואַזשע, פאַר־בייגעשניטן בולוואַרן ווו מענטשן זענען געזעסן און געפּייכט. ער האָט אַלעמען אויסגעמיטן, נישט געזען דעם אַרום, נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרקערעוועט אַהיים, זיך געפונען ביי זיין הויז, איז אַריין אין פּאַטיאָ, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער וויג־קאַנאַפּע און ער איז אַ מידער איינגעשלאָפן.

מיטן טאָג צוגלייך איז ער שוין געווען אויפן גאָרן. די פּאָפּוגעס האָבן דערקענט זיינע טריט, האָבן זיך פריידיק צעגודערט, געוואַרט דער באַלעבאָס זאָל זיי אַריינברענגען שיסלען קרויט, מערן, זאָל זיי אַריינ־ברענגען פריש, קאַלט וואַסער, האָבן געוואַרט אויף זיין „אָלע, טשיקאַס!" ווי ער האָט זיי יעדן פרימאָרגן באַגריסט. זיי האָבן פאַר זיך געזען דעם

באַלעבאָס אַ צעקנייטשטן, אַ צעקנאָדערטן, די האָר אויפן קאָפּ, די האָר ווי אויסגעטריקנטער טאַבעק, צעפּאַטלט, די שאַרפע וואָנצעס, ווי צייג־בערשטלעך, איינגעפאַלן, נעבעכדיקע, און די אויגן רויטע, צעפּיבערטע. זייער פרייד איז פאַרשטומט געוואָרן אין זיי. זיי זענען געשטאַנען אויף די שטאַנגען און געשוויגן ווי פאַרגליווערטע. בלויז די אַלטע פּאָפּוגע, די אַלמנה, האָט פון איר איינזאַמען ווינקל עפּעס אַ מורמל געטון: „שלום, אלך, טאַטע, טאַטע!" די פייגל האָבן זיך מיט ווונדער אַ ווענד געטון צו דער אַלטער, געמיינט זי איז געווירט, און צוריק געווענדט די שטאַרנדיקע אויגן צום באַלעבאָס.

כאַסינטאָ איז געגאַנגען דאָ צו דעם צימער, דאָ צום צווייטן, זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף די פּאָפּוגעס, אַראָפּ פון די טרעפּ, געהערט ווי די פּאָפּוגעס האָבן זיך מיטאַמאָל צעגודערט, ווי זיי וואָלטן איינע דער אַנדערער געפרעגט צי זיי ווייסן, וואָס מיטן באַלעבאָס איז געשען. זייערע קולות, הונגעריקע, מאָנענדיקע קולות, האָבן זיך אָנגעהויבן צו הייבן העכער און העכער. גרילצנדיקע ווערטער האָבן זיך געטראָגן איבער דער שטילקייט פון דער פּאַטיאָ: „טשע, ווען אָקי!" האָבן זיי אַלע גערופן. כאַסינטאָן האָבן זייערע קולות ערשט געעגבערט אין האַרץ, אין אַלע זיינע אברים.

„וויפל חרפות, וויפל בלוט־פאַרצאַפּעניש האָבן די שטימעס פון די פייגל מיר שוין פאַרשאַפט ווען זיי האָבן זיך אַזוי צעגודערט ווען געסט זענען געווען?" האָט ער געטראַכט. ער האָט זיי שוין נישט איינמאָל אי־בערגעשיקט אין שפּיכלער, זיי איבערגעגעבן אין קיטאָס הענט, אין כאָרכעס הענט. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצושטאַרבן ווי די פליגן. נאָר ער, נאָר ביי אים אין הויז האָבן זיי זיך געהאַלטן, ער האָט זיי אַלעמאָל צוריק גענומען, זיי געגעבן צוריק דעם גאָרן, די פּרעכטיקע צווײ צימערן, וווּ זיי לעבן זיך ווי פּרינצן, ווי גראַפן. וואַקסן, האַלטן זיך לאַנג און עסן אים די לעבער, גליווערן זיין בלוט, און ערשט, ערשט קומט דער טאַטע, דער טאַטע קומט. איז וואָס טוט מען מיט זיי? וואָס טוט מען?

דאָס גודערן פון די פייגל האָט זיך געשטאַרקט. אַפילו די אַלטע, איר קול האָט זיך ערשט אויך געהערט אין כאָר פון די שטימעס. זי האָט גערופן: „שלום, טאַטע! שלום, טאַטע!"

„זי איז אַלט, קען קיין זאַך זיך נישט אויסלערנען!" האָט כאַסינטאַ אַ מורמל געטון.

ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ צום באַלקאָן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע, ר' הערש־לייזער שטייט דאָרט אויבן, קוקט אַראָפּ צום זון, שעפּטשעט עפּעס מיט די ליפּן און גייט אַריין אין איין צימער, אין צווייטן. די פייגל ווערן שטיל און באַלד צעטראָגט זיך דעם טאַטנס קול איבער דער פּאַטיאָ, אַן אײדל, אַ בענקענדיק־וויינענדיק קול. דאָס קול זינגט, דאָס קול שפּרייט ווייטע און דאָך נאָענטע קלאַנגען, טענער, וואָס פליסן פון ערגעץ ווייט, פון פאַרגאַנגענע טעג, פון יינגלשע טעג, ווען דער טאַטע פלעגט באַגינען זיצן און לערנען און עס האָט זיך געוואָלט איינטוליען טיף, טיפער אין קאָלדרע און הערן דעם טאַטנס ניגון שטענדיק, ביז אין דער אייביקייט אַריין. אָט די טענער, יענע געזאַנגען טראָגן זיך ערשט פון באַלקאָן, פון די צימערן ווו די פּאָפּוגעס, מיט זייער גרילציקן „טשע, ווען אַקי", זענען ערשט דאָ. אָנשטאָט די חרפות, וואָס דאָס וואָרטשען פון די פייגל פאַרשאַפט אים, טראָגט זיך ערשט דעם טאַטנס געזאַנג איבער דער פּאַטיאָ. דעם טאַטנס זינגען היילט ווי אַ באַלזאַם, פאַרוויגט לולודיק. עס קומען געסט, זיצן אין שאָטן פון בוים אין דער פּאַטיאָ, הערן זיך איין פאַרגאַפּטע אין טאַטנס געזאַנג, זייערע אויגן זענען פייכט, זיי שעפּ־טשען צו אים, צו כאַסינטאַן, דעם געוועזענעם קאַטערינשטשיק: „אַזאַ טאַ־טע, אַזאַ טאַטע, עס איז דאָך אַ צירונג, אַ קרוין אויפן קאָפּ!"

ווי אין אַ חלום האָט זיך סעניאָר כאַסינטאַ מאַרקוס געשאַרט צו די טרעפּ, זיך געצויגן צום טאַטנס זינגען, איז צוגעקומען צו די צימערן, דערזען די פייגל. דעם טאַטנס זינגען האָט זיך אָפּגעטון פון אים. דאָס גרילצן פון די פייגל האָט אים פאַרטויבט. ער האָט אויפגעציטערט, האָט אַ הייב געטון די הענט ווי צוויי גיגאַנטישע פליגל. פון זיין האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מוראדיק־ווילדער געשריי: „אַרויס! אַרויס! אַרויס!" די פּאָפּוגעס זענען פאַרציטערט געוואָרן. זיי האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער, געזוכט ערטער ווו זיך צו באַהאַלטן. כאַסינטאַ האָט אַ כאַפּ געטון אַ שטעקן, געפּאַכעט אין דער לופטן, געהאַקט איבער די פליגל געשריגן „אַרויס! אַרויס! אַרויס פון מיין הויז!" און האָט די פּאָפּוגעס אַרויס־געיאָגט פון איין צימער, פון צווייטן, זיי געטריבן פון באַלקאָן, פון די דעכער אַרום און כסדר געשריגן: „אַרויס! אַרויס! אַ סוף זאָל עס נעמען,

אַרויס!" די פּאַפּוגעס האָבן געפּאַטשט מיט די פליגל, זיך נישט געקענט אויפהייבן הויך, שנעל מיד געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזט דאָ אויף דעם דאַך, דאָ אויף יענעם, און מיט פּחד אין זייערע אויגן, מיט אַ מוראדיק וואָרקען, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן פון בוענאָס איירעס.

און ווען די קינדער, די אייניקלעך, ס'ווייב זענען אַרויס פאַרשלאָפענע פון די צימערן און געזען ווי דער טאַטע שטייט מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, מיט ווילדע אויגן, שרייט מיט וויסטע קולות און טרייבט די פּאַפּוגעס, האָבן זיי געגלאָצט די אויגן אויף אים, נישט געוווסט, וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט דערזען ס'ווייב אין פּאַטיאָ, די קינדער אַרום איר. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם שטעקן, האָט אַ קעם־געטון די האָר מיט זיינע צענומענע פינגער און האָט זיך געווענדט צום ווייב, צו די קינדער:

„לאָמיר זיך אַ נעם טון, טאַקע שוין, אויפרוימען די צימערן, זיי אויסוואַשן, אויסלופטערן, צוגרייטן פאַרן טאַטן, ער קומט דאָך די טעג!"

ער איז אַריין אין ערשטן צימער, געזען באָניטאַס, דער אַלטער פּאָפּוגעס פינצטערע, צעשראָקענע אויגן, געהערט ווי זי בעט זיך ביי אים „שלום, טאַטע, אלעך!" ער האָט זי אַראָפּגענומען פון שטאַנג, זי געטוליעט צו זיך און איר געזאָגט: „בלייב, בלייב, אַלטיטשקע. בלייב, מיר ביידע, איך און דו וועלן דעם טאַטן גריסן, דעם ערשטן שלום עליכם אָפּגעבן!"

אַ טראָפּן אמונה

דאָקטער הערי בערגער האָט שוין געהאַט געענדיקט מיט אויסצײ־כענונגען דעם מעדיצינישן קורס, האָט געקראָגן אַ שטעלע אין אַ שטאָ־טישן שפּיטאָל, האָט זיך געגרייט חתונה צו האָבן און אָנהייבן פירן אַ געזיכערט, באַלעבאַטיש לעבן מיט אַ פיינעם איינקום, מיט אַן אייגענעם קאַבינעט, מיט אַ קליענטעל, וואָס וועט וואַקסן פון יאָר צו יאָר.

דאָקטער בערגער איז געווען הויך, שוואַרץ־חנעוודיק, מיט געקרייַ־זלט־געדיכטע האָר און מיט אַ שיר נישט קינדערשן שמייכל אויף זיינע פּעטלעכע ליפּן. די חן־גריבעלעך אויף זיינע באַקן האָבן שוין נישט גע־האַט זייער יוגנטלעכע רונדקייט, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ אַראָפּגעשמייכלט פון זיין פּנים מיט צאַרטקייט און גוטמוטיקייט.

ווען דאָקטער בערגער האָט פאַרענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט האָט ער זיך באַלד אָנגעהויבן צו ספּעציאַליזירן אין פּסיכישע קראַנקייטן, אין פּסיכיאַטריע.

„דער עלטער־זיידע מיינער, ווי דער טאַטע האָט מיר שטענדיק דערציילט, האָט געהיילט זיינע חסידים, וואָס האָבן געהאַט צעבראָכענע הערצער, און איך וועל היילן די קראַנקע נשמות פון מיינע פּאַציענטן", האָט דאָקטער בערגער זיך אָפּט צוגעזאָגט און ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער וועט געוויס זיין אַזוי דערפאָלגרייך, און אפשר נאָך מער ווי זיין עלטער־זיידע איז געווען. און פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין מער דער־פאָלגרייך פאַרן עלטער־זיידן? יענער איז געווען אַ „גוטער ייד", האָט גע־קענט לערנען, אָבער וואָס האָט ער געוווסט וועגן פּסיכיאַטריע? וועגן קאָמפּליצירטן גייסטיקן, מענטשלעכן מעכאַניזם, וואָס הייסט נשמה? נו, טאַקע יאָ, ווי איז געקומען דער עלטער־זיידע פון ערגעץ אַ גרענעץ־

שטעטל, אין פוילן, ווי איז ער געקומען צו וויסן ווי אַזוי צוצוטרעטן צו די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס געפינט זיך אין אַ קרענקלעכן צושטאַנד? און חוץ דעם, צי האָט דען דער עלטער־זיידע בכלל געוווסט די שייכותן, וואָס עס זענען דאָ צווישן ווילזיין פון קערפּער און דער גאַנצקייט פון דער נשמה? דער עלטער־זיידע האָט זיכער קיינמאָל נישט געהערט אַפילו פון אַזאַ אויסדרוק ווי פּסיכאָסאָמאַטיק, איז ווי אַזוי האָט ער געקענט זײַן אַזוי דערפאָלגרייך אין היילן די ייִדן, וואָס זענען געקומען צו אים נאָך אַ רפואה, ווי ער, הערי בערגער, וועט זיכער זײַן דערפאָלגרייך מיט זײַנע פּאַציענטן?

אַזוי־אָ האָט דאָקטער בערגער, אָדער ווי זײַן פאָטער האָט אים נאָך אַלץ גערופן, הערשל, אַזוי האָט ער געטראַכט בעת ער איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל אַריין.

די דאָקטוירים אין שפּיטאָל האָבן אים געלויבט, האָבן געלויבט זײַן צוגאַנג צו פּאַציענטן, זײַן צוגעלאָזנקייט און צאַרטקייט, האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זײַנע גייסטיק־קראַנקע פּאַציענטן וועלן פאַר אים עפענען די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון זייערע הערצער, וועלן אים צולאָזן צו די ווונדן אויף זייערע נשמות. „אַז איר וועט זיך באַציִען מיט אַזאַ ליבע צו אייערע פּריוואַטע פּאַציענטן ווי איר באַציט זיך צו די שפּיטאָל־פּאַציענטן, אַז איר וועט האָבן אַזויפיל געדולד צו זיי אין אייער אייגענער פּראַקטיק, וועלן די פּאַציענטן אייך פאַרהייליקן, וועלן זיי אָנפילן אייער קאַבינעט און איר וועט ווערן באַרימט ווי... ווי נאָר אַזאַ ווי איר זענט דאַרף באַרימט ווערן!“ האָט דאָקטער בערגערן געזאָגט דער הויפּט־דאָקטער פון דער פּסיכיאַטרישער קליניק אין שפּיטאָל.

דאָקטער בערגער האָט זיך געפילט גליקלעך פון די דאָזיקע קאָמפּלימענטן. צי ער וועט זיך פירן אַזוי מיט די פּריוואַטע פּאַציענטן? סאַראַ פראַגע דאָס איז! אַוודאַי וועט ער זען שטענדיק האָבן געדולד. אַוודאַי וועט ער זײַן פרײַנטלעך און צוגעלאָזן צו זײַנע פּאַציענטן; ער וועט נאָך מיט מער ליבע און צוגעלאָזנקייט באַהאַנדלען די, וואָס וועלן קומען אין זײַן פּריוואַטן קאַבינעט אַרײַן זוכן הילף, זוכן טרייסט, זוכן אַ היילונג פאַר זייערע קראַנקע נשמות. יאָ, אין זײַן פּריוואַטן אָפיס וועט ער קענען זיך אינטימער באַקענען מיט זײַנע פּאַציענטן, וועט זיי קענען אויסהערן מיט

נאָך מער געדולד, וועט קענען זיך טיילן מיט זייערע ליידן און געפינען אַ שליסל צו זייערע דערשלאָגענע געמיטער.

אַזוי־אָ האָט דער יונגער דאָקטער בערגער געטראַכט ווען ער איז נאָך געווען אויף פּראַקטיק אין שפּיטאָל. אַזוי האָט ער געקלערט ווען ער האָט חתונה געהאַט און האָט זיך באַלד אָנגעהויבן איינצואָרדענען אַן אייגענעם קאַבינעט און אַזוי איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט באַהאַנדלען זיינע פּאַציענטן, ווען ער האָט נאָרוואָס געעפנט זיין דאָקטער־קאַבינעט.

עס זענען דערווייל דורך חדשים, פון די חדשים זענען געוואָרן יאָרן, און אָט איז דאָקטער בערגער געזעסן ביי זיין מאַסיוו־טונקעלן, שטאַרק גלאַנציקן שרייבטיש אין זיין קאַבינעט. אויפן שרייבטיש זענען געלעגן אָנגעלייגט שטויסן בריוו, שטויסן פּאַפּירן, שטויסן זשורנאַלן, וואָס מען האָט אים פון אומעטום צוגעשיקט. צו זיין רעכטער האַנט איז געשטאַנען אַ בילד פון זיין פרוי מיט אַ פּיצל קינד אין אירע אָרעמס. דאָס קינד איז געווען אַ קאָפּיע, אַ מיניאַטור־קאָפּיע פון טאַטן, פון דאָקטער בערגערן; דאָס בילד איז געווען איינגעראַמט אין אַ גאָלדענער ראַם, אַ בכבודיקע ראַם, וואָס האָט באַשיימפּערלעך דערציילט, אַז דאָקטער בערגער איז אַ דערפאָלגרייכער דאָקטער, וואָס קען זיך דערלויבן נישט נאָר אַ גאָר פייַנעם שרייבטיש, אַ באַקוועמע, ווייך־געבעטע, גוואַלדיק באַלעבאַטישע דריישטול, אַ רייך געטאַפּעצירטע קאַנאַפּע פאַר די פּאַציענטן, נאָר ער קען זיך אויך פאַרגינען צו האַלטן צוויי יונגע, אויפגערוימטע, באַרעמהאַרציקע שוועסטערס, וואָס העלפן אים אַרויס אין זיין הייל־אַרבעט, וואָס העלפן אים זיך דערגרונטעווען צו די פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך פון קראַנקע, צעוויייטיקטע הערצער.

פון פרימאָרגן ביז שפּעט אינאָוונט איז דאָקטאָר בערגער געווען פאַרנומען אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט. פון אַלע געגנטן פון דער קראַנקער ניו־יאָרק קומען צו אים פּאַציענטן, קומען, זיצן, וואַרטן, און קוקן מיט מידע אויגן, מיט פאַרלאָשענע אויגן, מיט אויגן פול מיט יאוש; זיצן אין וואַרטצימער, און וואַרטן מען זאָל זיי אַריינרופן צו דאָקטער בערגערן אין קאַבינעט אַריין; זיצן און וואַרטן, אַז דאָקטער בערגער זאָל אויסהערן דאָס געוויין פון זייערע הערצער, זאָל אויסהערן דעם געיאָמער פון זייערע צעוווּנדיקטע נשמות; זיצן און וואַרטן כדי וואָס גיכער אַריינצוקומען דאָרט אַהין, אין יענעם צימער אַריין, ווו אַלץ איז אַזוי שטיל, אַזוי אויפ־

גערוימט, אַזוי היימיש־נאָענט און ווו עס זיצט דאָקטער בערגער אויף זיין ווייך־געבעטעטער דריי־שטול און קוקט מיט זיינע צאַרטע, גוטמוטיקע אויגן, קוקט און שמייכלט, שמייכלט און צערטלט מיט זיינע רייד, מיט די קלאַנ־גען פון זיין יעדן וואָרט. איז גוט די פּאַציענטן צו זיין אַזוי מיט דאָקטער בערגערן אין זיין קאַבינעט; צו הערן ווי ער רעדט צו זיי, ווי ער טרייסט זיי, ווי ער זאָגט זיי צו, אַז אָט מאָרגן, אין אַ וואָך, אין אַ חודש, אין אַ צייט אַרום וועט ביי דעם דאָס געמיט ווערן גרינגער, ביי דעם וועלן די אויגן אָנהייבן צו זען, אַז חוץ פינצטערניש איז דאָ אויך ליכטיקייט אויף דער וועלט, און ביי דעם פּאַציענט וועט דער קאָפּ, וואָס ליגט ווי אַ שטיק בליי אויף זיינע אַקסלען, לייכטער ווערן, גרינגער ווערן.

דאַכט זיך איין פּאַציענט, אַז אָט, ער וועט אַרויסגיין פון דאָקטער בערגערס קאַבינעט און וועט מיט אַ גלייכן רוקן, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ זיך אַ לאָז טון איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, וועט שפּרייזן אַהיים און וועט פאַרגעסן, אַז מיט מינוטן צוריק איז ער געווען דערדריקט פון אַ שווערער משא; און אַ צווייטער חולה הערט זיך איין אין דאָקטאָר בער־גערס רייד, פילט ווי עס צעגייט זיך אַ געזאַנג איבער זיינע גלידער און זעט ממש ווי פּאַסמעס ליכט, גלעטנדיק ליכט, ציען זיך פון דאָקטער בערגערן צו אים. זענען אויך דאָ אַזעלכע פּאַציענטן, וואָס קומען אַריין מיט בליי אויף זייערע הערצער און גייען אַרויס פון דאָקטער בערגערס קאַבינעט מיט פּעך אויף זייערע נשמות. זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זענען אַזוי פאַרפּאַנצערט אין זייער אייגענעם יאוש, אַז דאָקטער בערגערס אַלע אָנשטרענגונגען קענען אַפילו קיין שפּאַרונקעלע נישט עפענען כדי צו קענען אַריינדרינגען, אַ בליק טון אונטער די דאָזיקע פּאַנצערס; אָבער אין גאָר אַ סך פאַלן געפינט דאָקטער בערגער ערגעץ־ווו אַ וועגעלע, אַ סטעזשקעלע, עפּעס אַ צוגאַנג צו זיינע פּאַציענטן, געפינט אַן אופן ווי אַזוי זיי צו טרייסטן, אַפילו דאָרט ווו דער פּאַציענט זעט אויס צו זיין טיף פאַרזונקען אין זיין אייגענעם יאוש.

וואַקסט אַזוי די צאָל פון דאָקטער בערגערס פּאַציענטן; דאַכט זיך זיי, אַז ער היילט זיי, אַז ער פירט זיי אַרויס פון זייער אייגענעם פינצ־טערן געפלאָנטער, פון דער געפּענטעטקייט, פון דער געשפּאַנטקייט אין וועלכער זיי געפינען זיך איידער זיי קומען צו אים אין קאַבינעט אַריין.

און דאָקטער בערגער זיצט אויף דער צווייטער זייט פון זיין מאַסיוון

שרייבטיש, זיצט און הערט, זיצט און רעדט, זיצט און פילט ווי עס לייגט זיך אַ שווערע לאַסט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, און די לאַסט ווערט שווערער פון יאָר צו יאָר. אָט קומט שוין מר. זינגער צו אים חדשים, יאָרן, יאָ יאָרן קומט ער; רייסט איבער זיין קוראַציע, מיינט אַז ער איז שוין געהיילט, און עס גייען דורך אַ פּאָר חדשים און ווידער זיצט ער ביים דאָקטער אין וואַרטצימער, זיצט ווי אַ בערגל, אַ קנויל פינצטערניש און וואַרט, אַז דאָקטער בערגער זאָל ווידער רעדן צו אים, אים ווידער טרייסטן, ווידער אַריינבלאָזן אַ נייעם גייסט אין אים, אַ גייסט פון האָפע־נונג. און דאָקטער בערגער זעט זיי, זעט די פּאַציענטן קומען צוריק, קו־מען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, און ווען ער דערזעט זיי פאַלט זיין איי־גענע נשמה אַרויס פון אים און די לאַסט אויף זיין פּלייצע ווערט שווערער.

די חן־גריבעלעך אויף דאָקטער בערגערס באַקן האָבן זיך געוואַל־דיק צעצויגן, נישטאָ מער קיין סימן פון זייער רונדקייט. טיפע ראָווע־קעס, ווי שניטן, זענען דאָ אויף זיינע באַקן. אַ מידקייט האָט זיך צעלייגט אויף זיין פּנים. זיין שטימע איז געוואָרן הייזעריקלעך־ציעוודיק. חוץ רעדן, שמועסן, איבערעדן, טרייסטן און צוזאָגן זיינע פּאַציענטן, האָט דאָקטער בערגער אָנגעהייבן אַלץ אָפטער צו נוצן הילף־מיטלען צו זיינע רייד. וואָס אָפטער אַ פּאַציענט איז געקומען צו אים נאָכאַמאָל און ווידעראַ־מאָל, אַלץ מער פאַרלוירן האָט ער זיך געפילט, אַלץ מער האָט ער אָנגעה־הייבן צו צווייפלען אין זיך, אין זיינע הייל־מיטלען. איז אָט האָט ער איין פּאַציענט געהייסן נעמען עלעקטרישע שאָק־באַהאַנדלונגען, דאָ האָט ער זיך געכאַפּט צו אינסולין־באַהאַנדלונגען און באַלד האָט ער פּרובירט היפּ־נאָז; ער האָט געזוכט און געגישטערט אין זיין אייגענעם איך; האָט זיך באַשולדיקט אין אומערלעכקייט און אומפעיקייט: „פּסיכאָסאָמאַטיק, גייסט און קערפּער; מען דאַרף אַלץ מער זען, אַז דער קערפּער זאָל זיין געזונט, וועט ממילא די נשמה זיין שטאַרק“, האָט דאָקטאָר בערגער זיך גע־ראַנגלט, האָט ער פּרובירט געפינען אַן אויסוועג פאַר זיך. ער האָט אַפילו אָנגעהייבן צו געבן רפואות זיינע פּאַציענטן, האָט זיי פאַרשריבן שלאָף־פּראָשקעס, וויטאַמינען, און וואָס מער מיטלען ער האָט גענוצט און וואָס אָפטער זיינע פּאַציענטן האָבן זיך אומגעקערט צו אים, אַלץ מער האָבן די אַמאָליקע חן־גריבעלעך אויף זיינע באַקן זיך צעצויגן, אַלץ טיפער זענען זיי געוואָרן.

„דער עלטער־זיידע האָט זיכער קיינמאָל נישט געהערט וועגן פסי־כאָסאָמאַטיק, וועגן פסיכאָאַנאַליז״, האָט דאָקטער בערגער איצט אָפּט גערעדט צו זיך אַליין. ער האָט זיך געכאַפּט ווי ער שטייט ביי אַ פּענצטער פון זיין קאַבינעט, קוקט סתם אַזוי אין ערגעץ נישט, בייסט אַ פינגער און מורמלט צו זיך אַליין: „ווי איז ער געקומען צו וויסן וועגן פסיכאָ־סאָמאַטיק, אַז ווינען האָט ער גאָר געוווינט אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל אויפן גרענעץ צווישן פוילן און דייטשלאַנד, געלעבט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, איז דאָך עס געווען פאַר פרוידן, פאַר יונגן, פאַר פּאַוולאָוון, איז ווי איז צו אים געקומען פסיכאָסאָמאַטיק?״ אַזוי האָט ער גערעדט צו זיך און ער האָט געפילט ווי עס ציטערט זיין אונטערשטע ליפּ, ווי עס קריצן זיינע ציין, ווי עס וואַלטן מייזלעך ערגעץ־ווו געגריזשעט דעם דיל.

„דער עלטער־זיידע האָט געהיילט די נשמות פון זיינע חסידים און זיי זענען געהיילט געוואָרן!״ האָט ער געהערט ווי עס שרייט אַרויס אַ קול פון אים.

„ווי אַזוי?״ האָט דאָקטער בערגער אַ פאַרצווייפלטער זיך געפרעגט. „מיט וואָסערע מיטלען? פאַרוואָס האָט ער געקענט און איך בין אַ דורכ־פאַל? איך, דאָקטער בערגער, וואָס האָבן געלערנט כמעט אַלץ, וואָס איז ביז היינט געשריבן געוואָרן וועגן קראַנקע נשמות, אַלץ, איז ווו ליגט דאָ דער סוד? ווו ? ווו? זיידע, וואָס שווייגסטו, וואָס? מיינע פּאַציענטן זע־נען אויך חסידים, זיי דאַרפן אויך געהיילט ווערן!״

דאָקטער בערגער האָט איצט אָפּט אַרומגעשפּאַנט אין זיין קאַבינעט און די ברייטע, ווייך־געבעטע דריי־שטול איז אים ענג געוואָרן, האַרט געוואָרן. ער האָט זיך פון צייט צו צייט צוגעכאַפּט צו זיין פּאָטער אין הויז אַריין און איז מיטן פּאָטער געזעסן שעהן און געשמועסט. דער פּאָ־טער איז שוין געווען אַ ייד אין די יאָרן, אָבער זיין זכרון איז געווען קלאָר ווי אַ לויטערער פרימאָרגן.

„דערציייל מיר וועגן דיין זיידן, וועגן יענעם גוטן ייד, וועגן ר׳ הערש, נאָך וועמען איך הייס!״ האָט זיך דאָקטער בערגער געבעטן ביים טאַטן. יעדע קלייניקייט וועגן יענעם זיידן האָט דאָקטער בערגערן אינ־טערעסירט.

דער טאַטע איז געזעסן מיטן זון דעם דאָקטער און ער האָט פּרו־בירט אויפזוכן אין די באַהעלטענישן פון זיין מוח, וואָס עס איז נאָך דאָרט פאַרבליבן פון יענע ווייטע טעג ווען ער פלעגט קומען אויף באַזוכן צום זיידן אין הויז אַריין, וואָסערע זכרונות עס זענען אים נאָך פאַרבליבן פון יענע ווונדער־מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיין טאַטן וועגן זיידן. ווי דורך אַ נעפּל אַזוי האָט ער איצט געזען דעם זיידן און האָט אַפילו געהערט זיין שטימע, אַ שוואַכע שטימע, וואָס האָט זיך שוין געבראָכן אין יענע ווייטע טעג. פון שטיקלעך און ברעקלעך זכרונות פון די מעשיות, וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, האָט ער איצט פאַרן זון דעם דאָקטער צוזאַמענגעשטעלט אַ בילד אַזאַ, אַ פילקאָלירדיק בילד פון יענעם זיידן, וואָס האָט געהיילט נשמות, כאָטש ער האָט פון קיין פּסיכאָסאָמאַטיק קיינמאָל נישט געהערט.

„צו מיין זיידן פלעגן קומען יידן צעבראָכענע; יידן צעקאַליעטשעטע. מען האָט אַזעלכע מענטשן דעמאָלט גערופן מרה־שחורהניקעס, מאַנקאָ־ליעס, סתם געריררטע אָדער גאָר משוגעים אַפילו", האָט דער טאַטע דער־ציילט ווי פון אַ חלום און דאָקטער בערגער איז געווען בלויז אויער.

„דער זיידע איז געזעסן, האָט אויסגעהערט די יידישע צרות; איז געזעסן און האָט מיטגעוויינט מיט זיינע קראַנקע חסידים, יאָ, מיטגעוויינט ווען עס האָט אים דאָס האַרץ שטאַרק וויי געטון אויף די פּיינען פון די, וואָס זענען געקומען זוכן אַ רפואה ביי אים. מיט זיינע אַלטע ביינער, מיטן מאַרך פון די ביינער האָט ער מיטגעליטן די ליידן פון זיינע קראַנקע און אָפט, בעת אַ ייד איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ גרויס געוויין, בעת אַ ייד איז גאָר געבליבן זיצן פאַרן זיידן, געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט און די אויגן זענען געווען פאַרזונקען אין אַ מוראדיקער עצבות, אין אַ טיפן יאוש, דעמאָלט האָט דער זיידע זיך אַ שטעל געטון אויף זיינע פיס, איז צו נאָענט צום חולה, האָט אים אַרומגענומען, אים צוגעטוליעט צו זיך און ווי אַ מאַמע נעמט איין איר קינד אַזוי האָט דער זיידע געגלעט דעם פאַריאושטן יידן, האָט אים איינגענומען, האָט אים געטרייסט, האָט אים צוגעזאָגט אַ רפואה, אַ ישועה; האָט מיט אַ קול פון אַ לייב, אין נאָמען פון קראַנקן, אין נאָמען פון זיין ווייב און קינדער, אין נאָמען פון קראַנקנס פאָטער און מוטער געפאָדערט: „רבונו של עולם, פאָטער אין הימל, העלף, שיק דיין רפואה, שוין, באַלד, טאַקע באַלד צו מרדכין בן זיסלען; צו

רבקהן בת דבורהן, צו יחיאלן בן רחלען!״ אַמאָל האָט דער זיידע געפּאָ־דערט ביים רבונו של עולם, אַמאָל האָט ער געבעטן און אַמאָל...״

דאָקטער בערגערס טאַטע האָט געגישטערט, געזוכט אין זיינע זכרו־נות און דער זון איז געזעסן, געזעסן אַלץ אָפּטער, אַלץ לענגער מיטן טאַטן און האָט מיט אַ פּאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט ווי אַזוי, מיט וואָסערע מיטלען דער עלטער־זיידע האָט געהיילט זיינע פּאַציענטן. אים איז פון טאָג צו טאָג אַלץ קלאָרער געוואָרן ווי אַזוי יענער עלטער־זיידע, יענער, וואָס האָט קיינמאָל דאָס וואָרט פּסיכאָסאָמאַטיק נישט געהערט, ווי אַזוי ער האָט געקענט זיין דערפאָלגרייך, געקענט בעסער היילן ווונדן פון נשמות ווי ער, ווי דאָקטער בערגער.

„גיי אַהיים, מיין קינד, און דער השם־יתברך וועט זיכער רחמנות האָבן אויף דיר״, האָט דער זיידע געזאָגט צו איינעם, און אַ צווייטן האָט ער געהייסן קומען אין שטוב אַריין און זאָגן יעדן טאָג צוויי, דריי אָדער פינף יום תהילים״, האָט דער טאַטע דערציילט דאָקטער בערגערן. און ער האָט אים איבערגעגעבן ווי אַזוי דער זיידע האָט געוואָרנט זיינע קראַנקע, אַז סתם זאָגן אַ יום תהילים איז גאָרנישט, נאָר מען דאַרף זאָגן אַזוי, אַז עס זאָל זיין כל עצמותיו תאמרנה! זאָגן תהילים און דערביי נישט האָבן קיין מחשבות זרות; זאָגן תהילים און דערביי מבטל היש זיין. זאָגן תהילים און אויף קיין סעקונדע נישט טראַכטן וועגן זיך נאָר אַלץ אינזינען האָבן די גרויסקייט פון גאָט, ברוך הוא, גאָטס רחמים, גאָטס גענאָד. שעהן האָט ער געהייסן אַזוי זיצן, שטיין און אַפילו ליגן און זאָגן תהילים, זאָגן תחינות; און די קראַנקע האָבן געפאָלגט; האָבן געטון ווי דער זיידע האָט געהייסן. „זאָלסט אַ וואָך צייט דאַוונען און ציילן יעדעס וואָרט פון מה טובו ביזן סוף פון עלינו״, האָט דער זיידע באַפוילן, האָט ער געבעטן. די קראַנקע זענען אַהיימגעגאַנגען, אַהיימגעפאָרן און האָבן געטון וואָס דער זיידע האָט געהייסן; זיי האָבן געגלייבט, אַז וואָס דער זיידע האָט געזאָגט וועט מקוים ווערן. זיי האָבן געגלייבט אין זיידן באמונה שלמהו!״

דאָקטער בערגער האָט געפילט ווי זיין רוקנביין ציט זיך איין, ווי זיי־נע אַקסלען ווערן איינגעשרומפּן.

„צען טעג זאָלסטו כסדר זאָגן תהילים, דריי יום תהילים אַ טאָג, און זאָלסט יעדן טאָג אויסטרינקען אַ גלאָז מילך מיט צוקער אינדערפרי, חוץ

אַלע אַנדערע שפּייזן, וואָס אַ מענטש מוז עסן!" האָט דער זיידע אַמאָל אָנגעזאָגט אַ יונגן בחורל, וואָס איז געזעסן ווי אַ שאָטן פאַרן זיידן און האָט אויסגעזען צו זיין מער אויף יענער וועלט ווי אויף דער וועלט. ער האָט אַפילו מיט קיין אויג קיין ריר נישט געטון און זיין פּנים איז געבליבן שטאַר ווי פריִער. דער זיידע איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אים, האָט אים אַרומגענומען, האָט אים געגלעט, געצערטלט און מיט זיין זיידן־צאַרטער שטימע האָט ער צום בחורל גערעדט: „גיי, זונעלע, גיי אַהיים, טו ווי כ׳הייס דיר. און אין צוויי וואָכן אַרום זאָלסטו קומען צו מיר אַליין, אָן טאַטן, אָן דער מאַמען, אַליין, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ בחורל, שוין נישט קיין קינד; איז נו, גיי־זשע!" דער זיידע האָט אים צוגעפירט צו דער טיר. דאָס בחורל האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר מאָדנע אויגן אויפן זיידן; איז אַוועק, און צוויי וואָכן שפּעטער האָט ער זיך אַ צעשטראַלטער באַוויזן ביים זיידן אין בית־דין־שטוב און האָט מיט שמייכלענדיקע אויגן געפרעגט דעם זיידן: „רבי, נאָך וואָס האָט איר מיך געוואָלט זען?" און דער זיידע האָט געענטפערט: „מיין קינד, כ׳האָב דיך געוואָלט זען כדי כ׳זאָל דיר דערמאָנען נאָכאַמאָל, אַז מיר האָבן אַ פאָטער, אַ בעל־רחמים אין הימל און מען דאַרף אים לויבן און דאַנקען פאַר אַלע חסדים וואָס ער טוט מיט אונדז!" דער זיידע האָט אַרומגעכאַפּט דאָס בחורל; האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ מיט אים און ער און דאָס בחורל האָבן צוזאַמען געזונגען: „אַ גרויסן פאָטער, אַ פאָטער פון רחמים, אַ רופא חולים האָבן מיר אין הימל!" און דער זיידע האָט געוויינט מיט טרערן פון פרייד צו זען די שטראַלנדיקע אויגן פון בחורל, וואָס איז געווען געהיילט".

אַזוי־אָ איז געזעסן דאָקטער בערגערס טאַטע און האָט דערציילט זכרונות וועגן עלטער־זיידן, וועגן דעם בעל־שם, דעם גוטן ייִדן ר׳ הערש, און דאָקטער בערגער איז געזעסן האָט געהערט און האָט באַנומען, האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דער עלטער־זיידע האָט געהיילט זיינע „פּאַציענטן".

דאָקטער בערגער איז געקומען צוריק צו זיך אין קאַבינעט, האָט געטראָפן דאָרט, האָט געזען זיינע פּאַציענטן, פּאַציענטן, וואָס קומען צו אים וואָכן, חדשים און אויך יאָרן, יאָ יאָרן קומען זיי שוין. זיי הערן אויף צו קומען אויף אַ צייט, פאַלן ווידער אַריין אין אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע, פון פאַרצווייפלונג, פון דערדריקטקייט, פון יאוש, און זיי זיצן ווידער און שטאַרן מיט אויסגעלאָשענע אויגן, מיט פייכטע אויגן; זיצן איינגעקנוילט

אין זיך און וואַרטן, אַז ער, דאָקטער בערגער, זאָל זיי אויפנעמען אין קאַבינעט. און וואָס טוט ער פֿאַר זײַנע פּאַציענטן? מיט וואָס העלפֿט ער זיי?

אָט זיצט אין דאָקטער בערגערס וואַרטצימער דער מר. גרין. מר. גרין קומט שוין אַ פּאָר יאָר צײַט, קומט זינט יענעם טאָג ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָרט, אין פּוילן, האָבן די מערדער פֿאַרגאַזט זײַנע אַלטע טאַטע־מאַמע. דער מר. גרין האָט פֿון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן צו זען בלויז אָפּגרונט אַרום זיך, בלויז חושכניש, בלויז רציחה. און אָט זענען שוין דורך יאָרן, און ווען ער הערט נאָר, אַז ייִדן האָבן ערגעצוווּ צרות, ווען ער דערוויסט זיך נאָר, אַז ייִדן זענען דאָ אָדער דאָרט אין געפֿאַר, פֿאַלט פֿון אים ס׳האַרץ אַרויס; די פֿיס הייבן זיך אָן שאָקלען אונטער אים; דער פּולס ווערט הויך און העכער און די וועלט אַרום אים דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד, גליטשט זיך אַרויס פֿון אונטער זײַנע פֿיס. איז וואָס טוט ער, דאָקטער בערגער, פֿאַר דעם מר. גרין? דער שטורעם פֿון פּחד ברויזט אין די טיפֿענישן פֿון מר. גרינס נשמה און ער, דאָקטער בערגער, קען אַפֿילו די איינבערפֿלאַכן פֿון מר. גרינס נשמה נישט דערגרייכן.

„ווי אַזוי וואָלט דער עלטער־זיידע געהיילט אַזאַ מר. גרין ווען ער וואָלט מסתמא גערופֿן ר׳ ברוך, ר׳ חיים, ר׳ נחמן, אָדער גאָר קינד מײַנס, זון מײַנער?״ האָט דאָקטער בערגער געפֿרעגט דעם חלל אַרום זיך, דעם חלל אין זיך.

לענגער ווי אַלעמאָל האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין זײַן קאַבינעט און האָט זיך געגרייט אויפֿצונעמען זײַנע פּאַציענטן.

„ווען איך וואָלט געקענט חוץ מײַנע וויסנשאַפֿטלעכע מיטלען אויך באַנוצן דעם עלטער־זיידנס הייל־מיטלען וואָלט איך מסתמא נישט געדאַרפֿט זען נאָכאַמאָל מר. גרינען ביי זיך אין קאַבינעט. ווען איך וואָלט אים געקענט אָנפֿילן מיט גלויבן, מיט בטחון, גלויבן אין מיר, גלויבן אין גאָט, בטחון אין גאָט; ווען איך וואָלט געהאַט אין זיך כאָטש אַ טראָפּן אמונה, כאָטש אַ שמץ פֿון דער ליבע, פֿון דער האַרציקייט, וואָס דער עלטער־זיידע האָט געהאַט און דערצו וואָלט איך נאָך געהאַט דעם וויסן, וואָס איך האָב, ווען איך וואָלט... ווען איך וואָלט...״ האָט דאָקטער בערגער געמורמלט, האָט זיך געפּאַסעוועט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פֿענצטער, האָט געביסן זײַן פֿינגער, דעם ווייזפֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט, און זײַנע ליפּן האָבן געשעפּטשעט, זײַנע פֿאַרטריקנטע ליפּן האָבן געמורמלט:

„וווּ נעמט מען, עלטער־זיידע, וווּ נעמט מען דיין גלויבן, דיין ליבע, דיין טיפֿע אמונה, וווּ נעמט מען? וווּ? וווּ?“.

מיט אַראָפּגעלאָזט־פֿאַרשעמטע, מיט פֿאַרלאָשן־יאושדיקע אויגן האָט דאָקטער בערגער זיך געווענדט צו דער באַרעמהאַרציקער שוועסטער, מיס גאָלד: „כ׳בין היינט נישט מיט אַלעמען, מיס גאָלד. אפשר, כ׳מיין, אַ סך פּאַציענטן, זאָגט איר, מיס גאָלד? איז וואָס טוט מען, וואָס? כ׳פֿיל זיך עפּעס אַזוי־אָ...“

מיס גאָלד האָט געשוויגן. דאָקטער בערגער האָט געשוויגן, און אין־בערן קאַבינעט איז געהאַנגען אַ געדיכטע, אַ פּעכיקע שטילקייט.

„איך פֿאַל, מײַן קינד!“

ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט יוסף בריקמאַן איצט געפּילט, אַז ער האָט צייט, גענוג צייט, אַז ער האָט זיך נישט צו וואָס צו איילן. ער איז געלעגן אין זיין ווייס בעט, געלעגן מיט אַלע רמ״ח אברים און האָט געקוקט דורך די דיקע שייבלעך פון זיינע ברילן, געקוקט און אַלץ אַרום האָט אים אויסגעזען מאָדנע פרעמד, פריש און אומבאַקאַנט. ער האָט דער־זען אויפן קרעדענץ, קעגנאיבער זיין בעט, די זילבערנע מנורה, וואָס איז געשטאַנען מאַיעסטעטיש און אין יעדן פון אירע אַכט רערלעך האָבן זון־שטראַלן זיך געמיניעט, האָבן זיך געגליטשט איבער די אויסגעגראַווירטע בלומען און פלאַנצן און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום ברייט־באַלעבאַטישן פוס, וואָס האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויפן פּאָלירטן פלאַך פון קרעדענץ.

„ווי לאַנג האָב איך שוין די מנורה?“ האָט יוסף בריקמאַן זיך געפרעגט און ער האָט אַריינגענומען די נאַקעטע גאָמבע אין זיינע קנאָכיק־אויסגע־צערטע פינגער אַריין. אים האָט זיך איצט געוואָלט האָבן אַ בכבודיקע באָרד צווישן זיינע פינגער, אַ באָרד, וואָס ער וואָלט זיכער געווען געהאַט, און ווען ער וואָלט זי געהאַט וואָלט זי אוודאי געווען אַ באָרד מיט וועלכער ער וואָלט געקענט שטאָלצירן, אַ באָרד, וואָס וואָלט אַרויסגערופן דרך־ארץ צו זיך; ער וואָלט זיכער געווען געהאַט אַזאַ באָרד ווען ער וואָלט נישט געווען געוואָרן אויסגעריסן מיטן וואָרצל פון זיין היימישער סביבה, פון יענער שטאָט, ווו זיין נאָמען, ר׳ יוסף בריקמאַן, האָט שוין דעמאָלט אַרויס־גערופן אַ ציטער איוף די ליפּן ביי אַלע, וואָס האָבן אים געקענט; און ווער האָט אים נישט געקענט דאָרט? ווער האָט אין אסטראווע נישט געוווּסט ווער יוסף בריקמאַן איז?

די מנורה לעבן זיין בעט שטאַמט נאָך פון דאָרט, פון יענעם ווייטן

נעכטן, וואָס אָט איז ער באַהאַלטן ווי הינטער אַ נעפּל און שוין טויכט ער אויף פאַר די אויגן, ווערט אַזוי נאָענט און קלאָר ווי נאָר מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

„באַלד נאָך מיין חתונה האָב איך געקויפט דעם חנוכה־לאָמפּ, דעם בענטש־לאָמפּ, די מנורה!" האָט יוסף בריקמאַן געזאָגט צו זיך אַליין און ער האָט אַרויסגעלאָזט די נאַקעטע גאָמבע פון די קנאָכיקע פינגער. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעזעצט אין בעט און האָט אַ קוק געטון אויף זיך אין שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען לעבן קרעדענץ.

„ווען כ'האָב אַ באָרד, אַ באָרד אַזאַ ווי איך וואָלט געקענט האָבן, וואָלט איך פאַרדעקט די טיפע לעכער אין די באַקן, די שפּיציק־פּאַריסע־נע גאָמבע און מיין שופר־נאָז וואָלט אויך נישט אויסגעזען אַזוי שאַרף ווי זי זעט מיר איצט אויס!" האָט ער געמורמלט צו זיך און האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין אַלע גלידער.

ווי זיין גאַנץ לעבן אַזוי האָט ער אויך איצט נישט געוואָלט אַרויס־ווייזן קיין סימן שוואַכקייט אין זיך. קיין זאַך האָט ער אַזוי נישט פיינט געהאַט ווי שוואַכקייט. „אויפן שוואַכן טרעט מען און דערנאָך האָט מען אויף אים רחמנות". האָט ער שטענדיק געטענהט און ער האָט אַזש אויפ־געציטערט ביים געדאַנק, אַז ווער עס איז קען אויף אים וועלן טרעטן, וועלן אויף אים רחמנות האָבן.

זיין גאַנץ לעבן, וואָס איז שוין באַלד געווען זאַט מיט יאָרן, האָט ער זיך געהיט ווי פאַרן טויט ער זאָל נישט אַרויסווייזן קיין סימן שוואַכ־קייט, קיין סימן געפאַלנקייט. נאָך יעדן שטאַרקן קלאַפּ, וואָס ער האָט געקראָגן, האָט ער געפילט, אַז אָט, ער ווערט אינערלעך צעבראָכן, צע־שמעטערט; זיין נשמה ווערט צעטרייסלט; ער האָט זיך אָבער באַלד געאיילט אויסצוגלייכן זיין רוקן. זאָל קיינער נישט באַמערקן, זאָל קיינעם הלילה נישט איינפאַלן צו טראַכטן, אַז ער, יוסף בריקמאַן, איז געפאַלן ביי זיך, איז געבויגן; ניין, קיין שוואַכקייטן וועט ער נישט אַרויסווייזן פאַר קיין מענטשן.

קיין שום תפילה האָט ער אין זיין לעבן נישט געזאָגט מיט אַזאַ געבעט און מיט אַזאַ שטאַרקן פחד ווי ער האָט געבעטן גאָט ביי „אל תצריכנו על ידי מתנת בשר ודם". אָנקומען צו עמעצן, בעטן ביי עמעצן

אַ טובה, ווייזן יענעם, אַז ער איז געפאַלן, דאָס איז בײַ אים געווען ערגער ווי אַלץ אין דער וועלט.

ווי אַן אומרו האָט ער זיך געטראָגן איבער שטעט און לענדער, איז געוואָרן אויסגעוואָרצלט פון איין פלאַץ און שוין האָט ער פיבערדיק גע־גראָבן, געאַקערט, פאַרזייט, זיך פאַרוואָרצלט אין אַ נײַעם אָרט. ווי גע־טריבן פון אַן אומגעזעענער מוראדיקער בײַטש אַזוי האָט ער אומעטום, אין יעדן לאַנד געוואָלט זײַן זיכער מיט זײַן מאָרגן, געוואָלט זײַן זיכער מיטן מאָרגן פאַר זײַן ווײַב און קינדער.

די אָרעמקייט, די נויט בײַ זײַן טאַטן דעם סופר אין הויז, האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטון פון זײַנע אויגן. ניין, זײַנע קינדער וועלן פון קיין אָרעמקייט נישט וויסן; זיי וועלן נישט וווינען אין אַ נידעריק, פינצ־טער הײַזל; זיי וועלן נישט פאַרזוכן דעם טעם פון יענער קנאה, וואָס האָט אַמאָל געברענט אין אים ווען ער האָט געזען אין חדר ווי קינדער ברענגען מיט אויף אָנבײַסן בייגל מיט פּוטער, פּיינקוכנס, און אַנדערע טײַערע מאכלים, וואָס האָבן די נאָזלעכער אויפגעריסן, און ער איז גע־זעסן אין אַ ווינקל און האָט פאַרשעמט געגעסן אַ שטיקל ראַזעווע ברויט מיט הערינג. ניין, דאָס וועט מער נישט געשען. האָט מען אים אַרויס־געריסן מיטן וואָרצל פון דאָרט ווו ער האָט שוין פאַר ווײַב און קינדער געהאַט צוגעגרייט אי אַ פריידיקן היינט אי אַ זיכערן מאָרגן, ווו מען האָט אים שוין פון לאַנג גערופן ר׳ יוסף בריקמאַן; האָט מען אים גע־טריבן פון לאַנד צו לאַנד, איז וואָס? וועט ער דאָ, אין אַמעריקע, זיך שאַפן אַ נאָמען; יאָ אַ נאָמען נישט אַ נאָמען, אָבער זײַן הויז וועט פון קיין נויט בײַ אים נישט וויסן. ערגעצוווּ, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, וועט ער אויך דאָ ווערן אַ ר׳ יוסף בריקמאַן און זײַן הויז וועט פירן שטאַט ווי אַמאָל.

און ר׳ יוסף בריקמאַן האָט טאַקע אויך דאָ פּרובירט אײַנשטעלן שטאַט אין הויז! פּרובירט ווײַזן אי זיך, אי דער וועלט, אַז גאָרנישט: ר׳ יוסף בריקמאַן ווערט אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן; ר׳ יוסף בריקמאַן קען זיך ברעכן ערגעצוווּ אַז קיינער זאָל נישט זען, אָבער בייגן בייגט ער זיך נישט. פאַלן פאַלט ער אַוודאי נישט! ער האָט אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז אָט, עס גיט זיך אים שוין ווידער אײַן; ער וועט דאָ אויפשטעלן אַ הויז אַזאַ ווי ער האָט געהאַט דאָרט. ער וועט נאָך צוגעבן מער פליגל

צום הויז. ער וועט אַפילו האָבן אַ הויז אַזאַ, וואָס מענטשן וועלן קומען באַוווּנדערן, אַ פרום הויז, מיט צוויי קיכן, אַ מילכיקע און אַ פליישיקע. און ער וואָלט זיכער ס'הויז געווען געהאַט; איז אָבער אַראָפּגעפאַלן אויף זיינע אַקסלען אַ פּאַרטויבנדיקער דונער, וואָס האָט אים אַזוי צעטרייסלט, אַזוי דערשלאָגן, אַז ער האָט געמיינט, אַז שוין, זיין גאַנג האָט זיך געענ־דיקט! אין דרייען געבויגן, געבויגן אַזוי, אַז מענטשן האָבן שיר נישט געקענט זען זיין דערשלאָגנקייט, זיין געפאַלנקייט; און געפאַלנקייט, דאָס איז געווען ערגער ווי דער טויט פאַר אים.

זיין פרוי, די מאַמע פון זיינע קינדער, די, וועמען ער האָט ליב גע־האַט מיטן גאַנצן באַגאַזש ליבע, וואָס ער האָט געקענט אָפּשפּאָרן פון זיינע פאַריאָגטע טעג, זי האָט זיך אויפגעהויבן, איז קראַנק געוואָרן אויף עפּעס אַ נאַרישער קרענק און אָן שום וואָרענונג, אָן אַ פּאַרוואָס און אַ פאַרוואָס, האָט זי זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיינע הענט. ווען מען האָט זי אַוועקגעפירט אין געאייל דאָרט אַהין וווּהין יוסף בריקמאַן האָט זיך קיינמאָל נישט געיאָגט אָנצוקומען, איז ער געבליבן שטיין ביי איר קבר און האָט אויסגעזען ווי אַ וויסטער יתום. ער האָט געקוקט מיט פאַר־גלייזטע אויגן ווי מען לאָזט אַראָפּ זיין ווייבס קערפּער אין קבר אַריין, האָט געהערט ווי די זין זאָגן קדיש און עפּעס האָט זיך ביי אים אין קאָפּ נישט געסטיסעוועט; דער חשבון האָט באַין אופן נישט אויסגעהאַלטן.

„ניין, אומעגלעך!” האָט ער געשעפּטשעט צו די שטילע, פרומע ביי־מער אַרום זיך. און ווען ער האָט געזען, אַז עס וואַקסט אויס פאַר זיינע אויגן אַ גאָלדן, אַ סימעטריש בערגל איבער זיין ווייב, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז די ערד אונטער זיינע פיס פאַרוואַנדלט זיך אין קנוילן וואַ־טע, אין ספּרונזשינעס, וואָס הוידען זיך אונטער זיינע פיס.

ווען און וויאַזוי עס איז געשען גדעדנקט ער אויך איצט נישט. נאָר ער האָט זיך געפילט אַ באַליידיקטער, אַ דערשלאָגענער, אַ געבויגע־נער און אָט איז ער געלעגן אויפן ליידיקן פלאַץ, אויפן שטיקל ערד, אין שכנות מיט זיין ווייבס פרישן קבר און אַזוי ליגנדיק האָט ער אויף זיך אַ נדר גענומען, אַ נדר, וואָס ער האָט ווי מיט גרייצערס אַריינגעקריצט אין זיין נשמה, אַז קיינמאָל וועט ער קיין שטיפמאַמע פאַר זיינע יתומים נישט נעמען און אַז דאָ, טאַקע אויפן אָרט וווּ ער ליגט, וועט ער, ווען זיין סוף וועט קומען, דאָ וועט ער ליגן. ער האָט דעמאָלט חשק געהאַט

שוין, טאַקע באַלד, צו בלייבן ליגן לעבן זיין ווייב, ווייל ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי ער וועט קענען אויסגלייכן זיין געבויגענעם רוקן נאָך יענעם מוראדיקן קלאַפּ, און ער האָט נישט געוואָלט לעבן אַ געבויגענער; נאָר קילע ווינטלעך האָבן זיך דערטראָגן צו אים פון די ווייטע אַרומען און האָבן אים געוועקט, האָבן אַריינגעצאַפּט אָטעם אין אים אַריין, האָבן אים געבייט ער זאָל זיך שטעלן אויף די פיס, ער זאָל גיין אַהיים, גיין צו דער פוסטקייט אינעם בעט ווו עס איז דאָ, ערשט נישט לאַנג צוריק, געלעגן די, צו וועמען ער האָט אין זיינע גרעסטע געאיילן אָפט געבענקט, שטאַרק געבענקט.

ער איז געקומען אַהיים, האָט אַריינגעיאָמערט אין די פינצטערע נעכט אַריין זיין בענקשאַפט, האָט אַריינגעוויינט אין דער פינצטערניש אַריין זיינע נישט־דערגרייכטע נאָגענישן, און אין יענע טעג האָט ער מיט די נעגל זיך איינגעביסן אין אייגענעם לייב, האָט געשטעלט קאָלירן אין פּנים, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז גלייך ווי אַ ווירע און האָט זיך נאָך מער איינגעשפּאַנט אין יאָך, אינעם יאָך פונעם שטייף זיין, קאַלט זיין, שטאַרק זיין, אינעם יאָך פון שטענדיקן געאייל, פון שטענדיקן געיעג, געיעג אָן אַן אָפּשטעל.

און עס זענען געגאַנגען יאָרן, יאָרן געשפּאַנטע, יאָרן שטייפע, יאָרן יתומים און ר׳ יוסף בריקמאַן האָט געקוקט אויף זיין אַרום און האָט מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן זיין נעכטן, וועגן זיין היינט, וועגן זיין מאָרגן. ער איז כסדר געגאַנגען; האָט מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלן, אַפילו אויף אַ מאָמענט; אָפּשטעלן קען מיינען געבויגנקייט, פאַלן; פאַלן קען מיינען שוואַכקייט, קען אַרויסרופן רחמנות און פאַר רחמנות האָט ער געציטערט.

האָט ער אין זיין געאייל נישט באַמערקט אַפילו ווען זיינע יתומים, וואָס דאָס ווייב זיינס האָט אים איבערגעלאָזט, זענען אַליין געוואָרן טאַטעס און מאַמעס פון קינדער. זיי זענען ביי אים געווען און געבליבן יתומים, וואָס ער דאַרף באַשיצן, שטענדיק באַשיצן זיי זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם. ער האָט נישט קיין צייט געהאַט צו צערטלען זיינע קינדער און ווערן געצערטלט פון זיי, און עס איז אים קיין צייט נישט געבליבן זיך צו טוליען צו זיינע אייניקלעך און ווערן געטוליעט פון זיי. און מיטאַמאָל, עפּעס אַזוי אומגעריכט, אינמיטן זיין לעצטן געאייל, דע־

מאָלט ווען אָט, ער האָט שוין באַלד געהאַט אַלץ טרוקן און קאַלט אויס־געחשבונט, האָט מען אים פּלוצלונג באַלייגט אָט־דאָ, אין דעם ווייס־ציכ־טיקן בעט, אַ בעט מיט אַזאַ ווייסקייט, וואָס בלענדט אַזש די אויגן, אַ ווייסקייט אַזאַ, וואָס ער האָט פריִער קיינמאָל נישט געזען, נישט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן.

„ווי לאַנג ליג איך שוין דאָ?" האָט ער זיך געפרעגט און ווען ער האָט דערזען זיין עלטסטע טאָכטער שרה אַריינקומען אין זיין צימער אַריין מיט אַ גלאָז קאַלט וואַסער, מיט אַ גלעזערן רערל אין גלאָז און זי רוקט צו דאָס רערל צו זיינע ליפן, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיין אייגן קינד. מיט ציטערדיקע ליפן און מיט אַ מאָדנעם, פרעמדן שמייכל אויף די ליפן האָט ער ס׳ערשטע מאָל אין יאָרן אַ זאָג געטון: „גיי שוין, גיי, מיינסט כ׳קען נישט נעמען אַליין, קען נישט טרינקען פון גלאָז, גיי שוין, קינד מיינס!"

די ווערטער „קינד מיינס", האָט ער גוזאָגט מיט אַזאַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער, צאַרטער שטימע, אַז די טאָכטער האָט זיך אַזש דער־שראָקן.

„טאַטע, טאַטע מיינער!" האָבן אירע ליפן געשעפּטשעט אַ וואָרט, צוויי ווערטער, וואָס האָבן זיך געריסן פון אירע אינגעווייד, האָבן זיך געריסן צום זעקל הויט און ביינער, וואָס האָט איר איצט ס׳ערשטע מאָל אין וועלטן מיט יאָרן, גערופן „קינד מיינס" מיט אַ שטימע פון אַ טאַטן, וואָס איילט זיך נישט אַ גאַנץ לעבן, וואָס ציטערט נישט אַרויסצוווייזן, אַז ער קען זיך בייגן אויך, דעמאָלט ווען מען דאַרף, ווען מען מוז. עס האָט איר אָנגענומען אַ חשק אַ קוש צו טון דעם טאַטנס אויסגעצערטע, צעפלאַמטע באַקן; זי האָט געצאַמט אין זיך דעם מאָדנעם פאַרלאַנג, האָט אונטערגערוקט איין האַנט אונטערן טאַטנס קאָפּ, האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און האָט צוגעטראָגן דאָס גלאָז וואַסער מיטן גלעזערנעם רערל צו זיינע ליפן.

ר׳ יוסף בריקמאַן האָט געפילט דער טאָכטערס האַנט אַרום זיין האַלדז, האָט געזען אירע פאַרגלייזטע אויגן, האָט נאָך געהערט דעם מאָד־נעם עכאָ פון די ווערטער „טאַטע, טאַטע מיינער!" און ער האָט דערפילט ווי זיין האַרץ צעגייט אין אים. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען; זיינע אויגן האָבן אומגלויבלעך געקוקט אויף זיין קינד און ווי אַ שטומע

חיה, וואָס וויל אויסדריקן דאַנקבאַרקייט, אויסערגעוויינטלעכע דאַנקבאַרקייט, אַזוי האָט ער עפּעס געמורמלט צו זיין טאָכטער. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרגאָסן מיט הייסע טראָפּנס טרערן און עס איז אים געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט ווי דעמאָלט, ווי אין יענע ווייטע טעג ווען זיין מאַמע האָט אים געצערטלט אין אירע אָרעמס נאָכדעם ווי מען האָט אים כמעט ווי אָפּגעשריגן פון טויט פון דער פאַרצערנדיקער טיפוס־היץ, וואָס האָט אים געמאַטערט טעג און נעכט.

ער האָט פאַרשטייפט זיינע אויגן, האָט זיך אַוועקגעטראָגן אין זיין ווייטן נעכטן אַריין און עס איז אים געווען איצט אַזוי גוט, אַז ער האָט ס׳ערשטע מאָל אין פופציק יאָר, אין זעכציק יאָר, אפשר גאָר אין זיבעציק יאָר געוואָלט איינבורען זיין קאָפּ אין זיין מוטערס שויס, אין זיין טאָכטערס שויס און וויינען, וויינען הויך אויפן קול, וויינען פאַר פרייד, אַז ער האָט דערלעבט נאָכאַמאָל אַזוי צו פילן, נאָכאַמאָל צו זיין קינדעריש־גליקלעך ווי ער איז געווען דעמאָלט, דאָרט ביי דער מאַמען אויפן שויס!

„זאָל זי זאָגן נאָכאַמאָל „טאַטע, טאַטע מיינער״, זאָל זי!״ האָט ער געבעטן ביי גאָט.

ער האָט געעפנט די אויגן, האָט געקוקט אויף דער טאָכטער, אויף דער מנורה לעבן זיין בעט און ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל געזען, גוט געזען אי די טאָכטער אי די מנורה, אַזוי האָט ער זיך עפּעס מאָדנע געוווּנדערט ווי אַנדערש אַלץ אַרום אים זעט איצט אויס.

„מיין קינד, טאָכטער מיינע!״ האָט ער געוואָלט נאָכאַמאָל, מיט אַלע אברים, מיטן גאַנצן האַרצן זאָגן דער טאָכטער און זיך אַ טוליע טון צו איר.

אַ ווייטע שטימע, אַ קאַלטע שטימע, אַן עכאָ פון יאָרן שטייפקייט האָט באַפעלעריש אַ זאָג געטון צו אים: „ברעכסט זיך, יוסף, גייסט אַרויסווייזן דיין שוואַכקייט פאַר דיין אייגן קינד! זי וועט זען דיין געפאַלנקייט. זי וועט דיך זען געבויגן!״ און אַ פּחד איז אים באַפאַלן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן, האָט שנעל אויסגעווישט אַ האַלב־פאַרטריקנטע טרער און האָט זיך מאָדנע, הייזעריקלעך־פרעמד צעזונגען אַ ווייטן ניגון.

ער איז איינגעשלאָפן אַ מידער און אין שלאָף האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ קינד, אַ קליין קינד און זיין טאָכטער זינגט אים אַ לולו־געזאַנג, וויגט אים איין און ער שעמט זיך נישט פאַר איר, שעמט

זיך נישט פאַר קיינעם: ער וויינט און ער לאַכט, ער צערטלט און ווערט געצערטלט און עס איז אים אַזוי גוט, אַזוי ליב אַלץ אַרום!

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און האָט געזען ווי אין אַ חלום: אָט קוקט אויף אים מיט צאַרטקייט, מיט ליבע איין זון, אַ צווייטער, אָט איז די יינגערע טאָכטער עלקע לעבן זיין בעט. זי גלעט זיין שטערן, זי ווישט זיין פּנים מיט אַ קילן האַנטעך, זי רעדט צו אים ווי אַ מאַמע צו אַ קינד. ער האָט מיט אַלע כּוחות אויפגעריסן די אויגן. ער האָט געוואָלט זען צי עס איז טאַקע אמת, צי אַלע קינדער זענען אַרום אים, צי זיי קוקן אים טאַקע אָן מיט אַזאַ צאַרטקייט, מיט אַזאַ ליבע. „פאַרוואָס קומט עס מיר? פונוואַנען האָבן זיי פאַר מיר אַזאַ ליבע?" האָט ער זיינע אויגן נישט געקענט גלייבן.

ער האָט נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון זיינע קינדער, האָט ווי אַ שוואָם אַריינגעצויגן אין זיך יעדעס צערטלענדיק וואָרט, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון זייערע ליפּן צו אים. ער האָט זיך גאָרנישט געקענט זעטיקן מיט זייערע בליקן.

„ווי איז מיר! ווו בין איך געלאָפן? פאַרוואָס האָב איך זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט אין מיין געלאַף? אָפּגעשטעלט און אויפגענומען אַפילו איין קלאַנג צערטלעכקייט!" האָט ר' יוסף בריקמאַן געפירט אַ חשבון מיט זיך. ער איז איצט געלעגן און האָט חרטה געהאַט אויף זיין גאַנץ לעבן. „ווען איך דאַרף נאָכאַמאָל אָנהייבן!" האָט ער עפּעס געמורמלט צום אַרום.

„ווילסט עפּעס, טאַטע?" האָט די יינגסטע טאָכטער, עלקע, זיך איבערגעבויגן איבער אים און האָט אַריינגעקוקט טיף אין זיינע אויגן. אירע ווערטער ווי באַלזאַמען, אירע ווערטער ווי לולו־דיקע מוזיק, האָבן אים אי געוועקט צום לעבן אי איינגעוויגט.

„לעבן, ווען איך קען אָנהייבן לעבן פון ס'ניי!" האָט ר' יוסף בריקמאַן געטראַכט. „כ'וואָלט מיין גאַנץ לעבן געוואָלט אַזוי ליגן און הערן ווי מיינע קינדער צערטלען מיך, ווי זיי שטייען אַרום מיר, ווי זייערע שטימעס גלעטן מיך! כ'וועל איצט שוין וויסן ווי צו לעבן, יאָ כ'וועל וויסן". „אוי, וועל איך לעבן פון היינט אָן און ווייטער, איר וועט שוין זען קינדערלעך מיינע!" האָט ר' יוסף בריקמאַן אַ זאָג געטון מיט אַ קלאָרער שטימע.

„אָבער עס װעלן דאָך זען אַלע, אַלע, די גאַנצע װעלט און דײנע קינדער אױך, אַז דו, יוסף בריקמאַן, אַז דו ביסט געבױגן, ביסט געפאַלן!״ האָט אַ מוראדיקע שטימע אַרײנגעשעפּטשעט אין זײנע אױערן אַרײן!

יוסף בריקמאַן האָט זיך אַ טרײסל געטון. אַ פאַרצערנדיקער פּחד האָט אים אַרומגענומען. „אַלץ יאָ, אָבער נישט בײגן זיך, נישט פאַלן!״ האָט ער זיך געבעטן. קאַלטע נאָדלען, שאַרפע שפּיזלען האָבן גאַלאָפּירט מורא־דיק איבער זײן פּנים.

„מײן זון, זון מײנער!״ האָבן איבערן הױז זיך צעטראָגן פרעמדע, יענעװעלטיקע קלאַנגען און װערטער.

זײן ייִנגערער זון, מנחם, איז אַרײן צום טאַטן אין צימער, ער האָט געזען װי דער טאַטע גיט זיך אַ הײב, בלײבט אָנגעשפּאַרט אױף די עלנ־בױגנס, שטרעקט אױס דעם קאָפּ. מנחם האָט אַ כאַפּ געטון דעם טאַטן אין די אָרעמס.

יוסף בריקמאַן האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר שפּיזלדיק־פרעגנדיקע, פאַר־װוּנדערטע אױגן; ער האָט געציטערט װי אַ בלאַט אין װינט. זײן שטימע, אַ װײטע, אַ פרעמדע, װי אין װײטיקדיקן פּחד, האָט זיך געבעטן: „מײן קינד, זון מײנער!״ ער האָט אױסגעשטרעקט זײנע דאַרע, אױסגעצערטע, פאַרשטײפטע פינגער, זײנע געלבלעך־װאָקסענע הענט. זײנע פאַרגלײזטע, אױסגעשטאַרצטע אױגן האָבן זיך געריסן פאַרױס װי זײ װאָלטן אין פּחד געבעטן: „ראַטעװע מיך, מײן קינד! זע, זע, אָט, כ׳פאַל, מײן זון!״ באַלד האָבן די אױגן אױפגעבליצט אױף אַ סעקונדע. אין מוח בײ ר׳ יוסף בריקמאַן איז פאַרבײגעלאָפן בליץ־שנעל אַן אַלט־הײמישער געדאַנק: „בײן, כ׳טאָר נישט װײזן װי שװאַך איך בין; כ׳טאָר נישט װײזן װי געפאַלן איך בין!״

די אױגן זענען געװאָרן צוריק פאַרנעפּלט. װי פון אונטער אַ ים מיט װאַסער, װי פון אונטער ברױזנדיקע װאַסער־כװאַליעס האָט ר׳ יוסף בריקמאַן געזען זײן זון; ער האָט געזען װי די װאַסער־כװאַליעס דעקן אים אײן, דעקן אים איבער. „איך פאַל, איך פאַל, מײן קינד!״ האָט ר׳ יוסף בריקמאַן זיך אײנגעקלאַמערט אין זײן זונס הענט. „איך פאַל!״ און צום לעצטן מאָל האָט יוסף בריקמאַנס אױסגעצערטער קערפּער זיך אַ הײב געטון, האָט זיך אױסגעגלײכט, האָט געװאָלט װײזן, האָט געװיזן, אַז בײן, ער, יוסף בריקמאַן, איז נאָך אַלץ נישט געפאַלן.

ז י ב ן

די שיף האָט זיך געגליטשט איבער די כוואַליעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן און עס האָט אויסגעזען ווי זי, אַ שפּרענקעלע אין רוים, איז די הערשערין איבער גאָר דער וועלט. דער ים האָט זיך אָפּט געברוגזט, האָט געשוימט מיט די ליפּן, ווי עס וואָלט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס די שיף שלייכט זיך אַזוי שפּילעוודיק איבער די רוקנס פון זיינע כוואַליעס און צעפּיצלט זיי אַזוי אַכזריותדיק־רויִק, צעשניידט און צעשמעטערט זיי, לאָזט איבער נאָך זיך אַ זילבערנע, ברייטע לענטע מיט צעמזיקטע וואַסערן און שפּאַצירט אַוועק ווייטער, קוקט זיך אַפילו נישט אום אויפן חורבן, וואָס זי האָט אָנגעמאַכט. אָפּט האָט זיך דער ים איינגעשטילט, האָט פאַרגעסן זיין צאָרן, האָט זיך באַדעקט מיט זילבערנע שיפּן, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין דער לויטערער זון, וואָס האָט אַרויסגעשמייכלט פון די אין־סופיקע הייכן. דער ים האָט שטיל געשעפּטשעט, האָט לולודיק דערציילט מעשיות פון טויזנט־און־איין־נאַכט, און האָט דערביי מיט אַלטדערפאַרענעם שכל געקוקט אויף דער שיף מיט ביטול און רחמנות, ווי ער וואָלט דערביי געזאָגט: „נישט איינע אַזאַ יחסנטע ווי דו האָב איך שוין פאַרשלונגען אין מיינע אינגעווייִדן אַריין און פון זיי איז שוין קיין זכר נישט געבליבן”.

אויף דער דעק פון ערשטן קלאַס איז געשטאַנען יעקב שטיין. ער האָט געקוקט דאָ צום ווייטן, בלוילעך־גרויען האָריזאָנט, דאָ צו די אייבערפלאַכן פון ים, וואָס האָט זיך ערגעצווו באַהעפט מיט דעם זוים פון הימל, און ים און הימל זענען געוואָרן איינס; און אָט איז זיין בליק גאָר געפאַלן אויף די קעפּ פון די פּאַסאַזשירן פון טוריסטן־קלאַס, וואָס זענען געזעסן, געלעגן, געשטאַנען; וואָס האָבן זיך צו איינציקע, צו צוויי און

דריי, אַרומגעשפּאַצירט איבער דער דעק, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן.

יעקב שטיין איז געווען אַ מענטש אין די שפּעטע פערציקער. די האָר אויף זיין קאָפּ זענען געווען שיטער, אַשיק און זיין שטערן איז געוועזן שטאַרק געראַנצלט, געקנייטשט, צעאַקערט ווי ביי אַ זקן. זיינע קליינע, קורצזיכטיקע אויגן, אויגן פּיכטע, שפּיציקע, האָבן געזוכט, געניש־טערט, האָבן געוואָלט געפינען דאָס, וואָס זיי האָבן אויף דער שיף נישט געקענט געפינען.

יעקב שטיין האָט שוין געהאַט געהייסן אין זיין בינטל יאָרן אַ סך מער נעמען ווי יתרו האָט געהאַט. אין יעדן לאַנד וווּ אים איז אויסגעקומען צו לעבן אין זיינע קרוב צו פופציק יאָר האָט זיך זיין נאָמען געביטן. פון אַמאַליקן יאַנקל איז געוואָרן יאַקאָוו מיטן אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע „אָוו"; דאָס איז געווען דעמאָלט ווען ער איז מיט יאָרן צוריק צום ערשטן מאָל געפאָרן פון זיין שטעטל קיין ארץ ישראל ווי אַ חלוץ, אַ בויער פון לאַנד. ער האָט דערנאָך געהייסן זשאַק, באַלד נאָכדעם כאַקאַבאָ, און לסוף, איצט, פאַר זיין אַרויפשטייגן אויף דער שיף, האָט מען אים גערופן דזשעק און דזשייקאָב.

צו אַלע נעמען האָט ער געהאַט אַ ווידערגעפיל: מיט יעדן נאָמען איז געווען פאַרבונדן אַ שטיק געשיכטע פון זיין לעבן, און בענקען האָט ער געבענקט זיינע אַלע לעצטע יאָרן בלויז נאָכן נאָמען יאַקאָוו מיטן אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע „אָוו". און אַזוי שנעל ווי ער איז נאָר אַרויף אויף דער שיף, אַזוי שנעל ווי די שיף האָט זיך נאָר גערירט פון אָרט, האָט יעקב שטיין אַ זאָג געטון צו זיין פרוי: „פון איצט אָן און ווייטער הייס איך יאַקאָוו, יאָ, יאַקאָוו, נישט דזשעק, נישט כאַקאַבאָ, נישט יאַנקל אָדער זשאַק, נישט יאַנקיעל אפילו, נאָר יאַקאָוו, אָט אַזוי־אָ ווי איך רעד אַרויס דאָס וואָרט!"

אין זיין שטימע איז געווען מער באַפעל ווי געבעט, מער פאָדערונג, ווי סתם פאַרלאַנג, און אפשר צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט יעקבס פרוי, מרים, געהערט אַ זיכערע אַנטשלאָסנקייט אין איר מאַנס שטימע, וואָס איז שטענדיק געווען אי נאָכגיביק, אי ביי־געווידיק, אי הכנעהדיק צו איר.

„כ׳וועל דיך רופן יעקב” האָט זי מיט אַ שמייכל פון שטוינונג אַ זאָג געטון און זי האָט אָפּגעמאָסטן איר מאַן מיט אירע פאַרזשמורעטע אויגן, אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר מאַן איז באמת אין איין אויגנבליק פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגלייכט, האָט פאַריסן דעם קאָפּ, האָט זיך אַ פּשוטן יאַנקל, עפּעס אַ דזשעק אָדער זשאַק אין אַ מין וויכטיקן יאַקאָוו, וואָס פאָרט אין זיין אייגן לאַנד אַריין. עס האָט זיך איר אויך געדאַכט, אַז יעקב, וואָס איז געווען שטענדיק מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון איר, הייב געטון און איז געוואָרן מיט צוויי קעפּ העכער פון איר.

„יאַקאָוו, אוודאי יאַקאָוו!” האָט זי געשעפּטשעט צו די וויטקייטן, וואָס האָבן זיך געשפּרייט פאַר איר און זי איז געבליבן שטיין ווי פאַר־גליווערט לעבן איר מאַן.

און יעקב שטיין האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּרייזן איבער דער רחבות־דיקער דעק פון ערשטן קלאַס; האָט זיך געדרייט אין זיין באַזונדערן „סוויט” פון צוויי צימערן מיט אַ באָדצימער, וואָס ער האָט פאַר זיך און זיין פאַמיליע אָפּגעדונגען, און אי די לײַדיקע דעק פון ערשטן קלאַס, אי זיינע צימערן האָבן אים אָנגעהויבן צו ווערן ענג, ענגער, ממש דער־שטיקט צו ווערן. און וואָס ווייטער די שיף איז אַוועק פון די ברעגן פון ניו־יאָרק און וואָס ברייטער די שטחים ים האָבן זיך געשפּרייט פאַר זיינע אויגן, אַלץ געדיכטער איז די לופט געוואָרן פאַר אים ביי זיך, צווישן די שווייגנדיק־זאַטע מענטשן אין ערשטן קלאַס און אַלץ אָפטער איז ער געבליבן שטיין ביים פאַרעגטש, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון די, וואָס זענען געפאָרן אין געדיכטער ענגשאַפט פונעם טוריסטן־קלאַס.

שעהן איז יעקב געשטאַנען אַזוי, אַראָפּגעקוקט דאָ צום ים, דאָ צו דער געדיכטער מאַסע מענטשן, און זיין יעדער אבר האָט אים געצויגן זיך אַ לאָז צו טון פון די טרעפּ, אַראָפּצוגיין און זיך פאַרמישן מיט די אַלע, וואָס זיצן דאָרט, אונטן, מיט די אַלע ייִדן, זיינע ייִדן, וואָס זיצן און זינגען בענקענדיק־פריידיק, זינגען לידער, וואָס מעקן אויס פון זיין זכרון די איבער פינף־און־צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן דאָ אין איין לאַנד און דאָ אין אַן אַנדער לאַנד; לידער וואָס וועקן אויף אין אים יעדן מינדסטן זכרון, וואָס ציט זיך אַזש אַוועק אַהין ווו ער איז מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק געווען בלויז איין יאָר, חדשים: לידער וואָס פאַרבינדן זיין היינט,

דאָ אויף דער שיף, מיטן ווייטן, גאָר ווייטן נעכטן, וואָס געפינט זיך אין יענעם לאַנד, וווהין זיין שיף פירט אים איצט.

„זאָלסט מיך רופן יאַקאָוו, מיטן אַקצענט אויפן „אָוו", הערסט מרים, יאַקאָוו הייס איך!" האָט אַ מאָדנער שמייכל געבלאַנדזשעט אויף די ליפּן ביי אים. ער האָט מיט איין האַנט געהאַלטן די קליאַמקע פון טירל, וואָס האָט אים אָפּגעשיידט פון טוריסטן־קלאַס און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אין פּאַרענטש.

פון דער אונטערשטער דעק האָבן זיך דערטראָגן צו אים קלאַנגען און ווערטער; נייע ווערטער פון אַ ניי לאַנד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די יאָרן ווען ער האָט געטוישט זיינע נעמען ווי מען טוישט אַ העמד אויפן לייב. די קלאַנגען און ווערטער האָבן מיט זייער פריידיקייט, מיט זייער זיכערן שטאָלץ געריסן דעם רוים אַרום, האָבן איינגעשטילט דאָס ברויזן פון די כוואַליעס, האָבן זיך געטראָגן פאַרויס פאַר דער שיף. „ממתולה עד הנגב, מן הים עד המדבר!" האָבן יונגע, לויטערע שטימעס געשאַלט מיט טריומף און יעקב איז געשטאַנען, האָט באַנומען די ווער־טער, האָט געהערט די קלאַנגען, און זיינע פייכטע, שפּיציקע אויגן האָבן זיך געגלייזט, האָבן געשטאַרט, האָבן זיך געוואָלט פאַרוואַנדלען אין נאָך אַ פּאָר אויערן, וואָס זאָלן אויפנעמען יעדן טאָן און אונטערטאָן, וואָס האָט געקענט פאַרלוירן גיין אין רחבותדיקן רוים אַרום אים. זיינע ליפּן האָבן געציטערט, האָבן זיך נישט געוואָלט האַלטן צוזאַמען און מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אָנגעשטעלט מאָדנע שאַרף, אָנגעשטעלט ווי ביי אַ קינד, וואָס האַלט ביים אַרויספּלאַצן אין אַ געוויין, אָבער די ליפּן האָבן זיך גאָר צעזונגען, גאָר אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער אונטערשטער דעק און יעקב האָט מיטגעזונגען די ווערטער: „בין ניקרות ובין צורים". און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו זען, וואָס ער טוט, האָט ער זיך שוין געפונען אויף די טרעפּלעך, וואָס פירן פון ערשטן צום טוריסטן־קלאַס, זיך געפונען צווישן דער חברה, וואָס איז געזעסן אָנגעזעצט איינער לעבן אַנדערן, איינער אויפן אַנדערן, געזעסן מיט צעכראַשטשעטע העמדער. מיט צעפּאַטלטע האָר, מיט כאַקי־הייזלעך, מיט צעקנאָדערטע בלוזעס, געזעסן פריי, ווי פריי עס איז דער ים און די אין־סופיקע הימלען, וואָס רינגלען אַרום די שיף. ווי אַן אומגעבעט־טענער גאַסט פון אָנהייב און ווי איינער פון דער חברה דערנאָך האָט זיך

יעקב שטיין געפילט, און איידער די זון האָט זיך נאָך געזעצט אין מערב איז יעקב שוין געווען אַ טייל פונעם קרייז, וואָס איז געזעסן און האָט כסדר געזונגען לידער פון קאַמף, לידער פון פרייד, לידער פון ליידן, לידער פון בוי פון יענעם לאַנד וווהין די שיף ציט זיך כסדר אַלץ פאָרויס, פאָרויס.

***

דער נומער זיבן, ווי אַ טייטלענדיק־קנאַכיקער פינגער, וואָס וואָרנט און דערמאָנט, איז געשטאַנען שוין פון יאָרן פאַר יעקב שטיינס אויגן און האָט אים כסדר אָנגעפילט מיט אומרו. זינט יענעם טאָג ווען ער איז מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק אַוועק פון זיין קיבוץ, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אָנגעהויבן צו בויען, איז אים דער נומער זיבן נאָכגעגאַנגען, האָט אים פאַרפאָלגט, האָט אים באַגלייט פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט.

צי ער האָט געהייסן זשאַק, כאַקאָבאָ, דזשעק אָדער יאַנקל, אין אַלע צייטן האָט ער געזען ווי דער זיבן שטייט פאַר אים און טייטלט אים אין פנים אַריין און מאָנט פון אים חשבון.

ווי אַ סיני־שטימע, אַ ווייטע, אַ פייערדיקע, אַ מוראדיקע, אַזוי האָט ער געהערט אָפט ווי דער נומער זיבן שעפטשעט אים עפּעס אין אויער אַריין און דאָס שעפטשען איז אָפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הילכיק געשאַל, וואָס האָט פאַרטויבט זיינע אויערן. און דער זיבן האָט אָפט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים, האָט ווי אַ ווייזפינגער אים גענייט ער זאָל אַ וואָרף טון אַ בליק אויף הינטער זיך, אויף די יאָרן, וואָס זענען אַוועק זינט דעמאָלט ווען ער האָט אויף זיך אַליין גענומען די שטראָף פון נומער זיבן, ער זאָל אַ וואָרף טון זיין בליק צום קיבוץ, וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע פאַרהאָרעוועטע הענט געהאָלפן אויפשטעלן ערגעצווו אין עמק.

ער, יעקב שטיין, ער, אַ זון פון אַ קליינשטעטלדיקן רב אין פוילן, איז דעמאָלט געווען אין לאַנד בלויז איין יאָר. האָט געהאַקט שטיינער, האָט געטריקנט זומפּן און האָט אין זעלביקן יאָר זוכה געווען זיך צו באַזעצן אויף אַ שטיקל ערד אין עמק, ערד, וואָס ער האָט ליב געהאַט מיט זיינע אַלע רמ״ח אברים, ערד, וואָס ער האָט אַמאָל ביים טאַטן אין הויז געוואָלט קושן און מאַכן אַ ברכה איבער דעם. ער און נאָך צען

חברים זיינע האָבן געקראָגן אַזאַ שטיק ערד, הוילע ערד, פאַרוואָרלאָזטע ערד, וואָס האָט שוין יאָרהונדערטער נישט געפילט אין זיך דעם טעם פון יצירה, אָבער ערד, וואָס האָט געבענקט נאָך באַפרוכפּערונג, וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם סוד פון געבורט.

מען האָט די ערד געדאַרפט מונטערן, וועקן, אויפוועקן פון לאַנגן, דורשטיקן, טרוקענעם קאָשמאַר־חלום, און יעקב שטיין איז געווען אומ־געדולדיק. זיין אימפּעט האָט אים געטריבן, זיין אומגעדולד האָט אים געיאָגט. אים איז שווער געווען צו וואַרטן ביז די פאַרוואָרלאָזטע ערד וועט צעעפענען איר טראַכט, וועט זיך צעבליִען מיט אויפגעוואַכטער, בתולהדיקער לייטזעליקייט, מיט בתולהדיקן חן.

דאָס שטיקל ברויט איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז, האָט אים געשטיקט ווען עס איז אין יונגן קיבוץ אַפילו קיין ביסל וואַסער אָפט נישט געווען מיט וואָס אַראָפּצושווענקען דעם ביסן ברויט. די פליגן בייגאַכט און די קאָלטע פייכטקייט פון געצעלט האָבן דעם שלאָף געטריבן פון זיינע מידע אויגן און די זון בייטאָג האָט אויסגעצערט דאָס לעצטע ביסל קליאָק פון זיינע נאַקעטע ביינער.

יעקב שטיין איז טעג און נעכט אַרומגעגאַנגען און אַ חושכדיקער וואָלקן איז געלעגן אויף זיין פּנים און יעדער שמייכל האָט זיך אָפּגעטון פון אים. ער האָט געחשבונט און גערעכנט, געטראַכט און געקלערט ביז ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז אָן אויסערלעכער הילף וועט דער קיבוץ נישט אויסהאַלטן, און ער, יעקב, וועט נישט קענען איבערטראָגן דאָס מוראדיקע וואַרטן.

„ווען מיר וואָלט דאָ געהאַט זיבן קי, קי וואָס גיבן מילך, האָלענ־דישע קי, ווען מיר וואָלטן אין אונדזער קיבוץ געהאַט די דאָזיקע קי, וואָלט אונדזער קיבוץ געקענט וואַרטן אַ יאָר, צוויי, דריי ביז די ערד וועט גוט ווערן צו אונדז און אונדז שפּייזן!" האָט ער די חברים זיינע דערציילט דעם סוד, וואָס האָט שוין חדשים גענאָגט זיין האַרץ.

„ווער וועט דיר געבן זיבן קי און נאָך האָלענדישע דערצו?" האָבן חברים געשמייכלט. „און וואָס עפּעס דווקא זיבן?" האָבן זיי געפרעגט.

יעקב האָט געוווסט דעם חשבון. ער האָט שוין פריִער געהאַט אויס־גערעכנט וויפל מילך יעדע קו קען געבן און וויפל דער קיבוץ דאַרף

האָבן, בכדי צו קענען אַליין לעבן און נאָך האָבן דערצו ריוח כדי צו קענען פאַרבעסערן זיין מצב.

„ווער עס וועט געבן ווייס איך נאָך נישט, נאָר זיבן דאַרפן מיר האָבן", האָט יעקב שטיין מיט אַ טרוקענער שטימע, מיט עקשנות אין דער שטימע געזאָגט. און אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר אַרויסגעלאָזט דעם סוד פון די ליפּן האָט ער מיט פאַנאַטישער עקשנות זיך אַ לאָז געטון איבער די ישובים, איבער אַלע שטעט פון לאַנד זוכן די זיבן קי, און אַז מען האָט זיין פאַרלאַנג נישט באַנומען, נישט נאָכגעגעבן, איז ער צוריקגעקומען אין קיבוץ, האָט געמאַכט אַ פּעקעלע פון זיינע פּאָר חפצים, האָט זיך געזעגנט מיט חברים און האָט זיי געזאָגט: „איך פאָר אַהיים, פאָר שאַפן געלט, כדי צו קויפן די זיבן קי, וואָס מיר מוזן האָבן, כדי צו קענען עקזיסטירן, קענען לעבן דאָ אויף אונדזער ערד".

און יעקב שטיין איז אַוועק צום טאַטן אין שטעטל אַריין, און געפאָרן אויף שלעפּשיפן, אויף לאַסטבאַנען, איז געגאַנגען צופוס, ביז ער איז געקומען אין שטעטל אַריין, געקומען מיט פלאַמען פייער אין די אויגן, געקומען מיט אַ נישט־דערגרייכטער בענקשאַפט, געקומען מיט אַ פעסטן באַשלוס צו שאַפן דעם נייטיקן סכום געלט און זיך באַלד אומצוקערן אין קיבוץ אַריין, אין קיבוץ, וואָס וואַרט אויף אים, אויף זיינע זיבן האָלענדישע קי, אָן וועלכע דער קיבוץ וועט זיך זיכער צעפאַלן.

ווי אַ שאָטן האָט זיך יעקב אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון זיין שטעטל. די גאַסן האָבן אים אויסגעזען פרעמד און קאַלט; די ביימער און גראָזן האָבן געקוקט אויף אים מיט געלבלעך־פאַרחלשטע אויגן און דעם טאַטנס אויסגעריבענע אַטלאַסענע קאַפּאָטע האָט אַנגעטריבן אַ פחד אויף אים.

„פון וועמען וועל איך דאָ נעמען אויף זיבן האָלענדישע קי?" האָט יעקב אין פאַרצווייפלונג זיך געפרעגט. „מאָס פון דער מיל האָט געלט, וויל ער אַפילו פון ארץ ישראל נישט וויסן און נישט הערן. די קאַגאַנס זענען רייך, האָבן זיי אָבער מיט קיין יידן נישט קיין שום שייכות, איז ווער וועט מיר געבן געלט? מיין טאַטע, וואָס עסט אַ בייגל מיט ציבעלע? טיק דער פאַרבער וואָס הוסט אַרויס פון זיך די נשמה און קען אין וואַלד נישט פאָרן, וואָס זיין הויז וועַרט פון יאָר צו יאָר פולער מיט נאָך אַ קינד.

וואָס זיין ווייב שענקט אים מיט אַ פינקטלעכקייט פון אַ זייגער, פונקט צום יאָר?״

אַזוי־אָ האָט יעקב שטיין געטראַכט, האָט אָנגעטון די נייע פּאָר הויזן, וואָס דער טאַטע האָט אים געקויפט פאַר די לעצטע פּאָר מאַרק, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרבאַהאַלטן אין אַ טיי־קעסטעלע מיט צוויי צודעקלעך, עס געהאַלטן אין זיין שופלאַד, ווו עס זענען געלעגן זיינע כתב־ידן, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן; האָט גענומען דעם טאַטנס אַ פאַר־לאַטעטע העמד און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין די גרויסע שטעט אַריין זוכן די זיבן האָלענדישע קי, וואָס זיין קיבוץ אין עמק מוז האָבן, כדי ער זאָל זיך נישט צעפאַלן.

פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף איז יעקב שטיין געגאַנגען, געפאָרן, און די זיבן קי האָבן זיך נישט אָפּגעטון פון זיינע אויגן און זיין גאַנג האָט אים דערפירט דאָרט אַהין ווו פון יאַנקיעל, יעקב, איז געוואָרן זשאַק, זשאַק סטיין. און זשאַק האָט דאָרט אין אַ ווייטן לאַנד געפונען די זיבן קי, געפונען זיבן האָלענדישע קי, וואָס האָבן זיך אָנגעהייבן צו פּרוכפּערן און מערן: און ווי פרעהס קי האָבן זיי אין זיך מיט בליק־שנעלקייט איינגעשלונגען נאָך זיבן מאָל זיבן קי; און זיי זענען נישט מאָגערער געוואָרן נאָר זיי האָבן זיך געבלאָזן, זענען געוואָרן גרויס אין צאָל און הויך אין געשטאַלט אַזוי, אַז זיי האָבן אָפּט שיר די זון פאַר־שטעלט פאַר זשאַקן. זיי האָבן זיך באַפליגלט און האָבן זיך געהויבן צו די הייכן און האָבן זשאַקן מיטגעשלעפּט מיט זיך. ווי אין חלום איז זשאַק אומגעגאַנגען, אַרום, לעבן זיינע אומצאָליקע האָלענדישע קי און ער האָט זיי געציילט, געטיילט אין זיבן; אַזוי פיל מאָל זיבן; נאָכאַמאָל זיבן און אָט האָט זיך דער זיבן אָנגעהייבן צו כופלען אויף זיבן, זיבן מאָל זיבן, און זיבן מאָל זיבן מאָל זיבן; געכופלט אַזוי לאַנג ביז זשאַקן האָט אַ שווינדל געטון פאַר די אויגן און די צאָל זיבן איז אויף אַ לאַנגער צייט אויסגעמעקט געוואָרן פון זיין זכרון. און צוזאַמען מיט דער צאָל זיבן איז אויך אויסגעמעקט געוואָרן פון זיין געדאַנק אַ פּלאַץ אַ געוויסער, אַ ניש־טיק פינטעלע ערגעצווו אויף יענער זייט ים, ווו עס איז אַמאָל געווען אַ געוויסער יעקב שטיין, אַ יאַנקל, וואָס הייסט היינט זשאַק, וואָס האָט גאָר קיין שום שייכות נישט מיטן פינטעלע און נישט מיטן מאָד־נעם נומער זיבן, וואָס איז ערגעצווו געווען פאַרבונדן מיט זיבן האָלענ־

דישע קי, וואָס האָבן געדאַרפט זיין דער צעמענט, וואָס האָט געדאַרפט צוזאַמענהאַלטן די אָנגעוואָרפענע ציגל ערגעצוווּ, דאָרט ווייט אַוועק. פאַרגעסן דעם נומער זיבן; פאַרגעסן די זיבן קי, פאַרגעסן דאָס ווייטע פינטעלע אויף דער מאַפּע.

***

זשאַק סטיין וואָלט זיכער די פאַרגעסנקייט פון פינטעלע אין עמק, פון די זיבן קי, זיבן האָלענדישע קי, געטראָגן מיט זיך ביזן סוף פון זיינע טעג ווען עס וואָלט נישט געקומען אַ דערמאָנונג אַזאַ, וואָס האָט אַ טרייסל געטון די גאַנצע וועלט און מיט דער וועלט האָט זשאַק זיך אויך אַ שליידער געטון. עפּעס איז מיטאַמאָל געשען. אַ לויטערער הימל האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעהייבן צו פאַרציִען מיט פינצטערע וואָלקנס; די וואָלקנס האָבן דערגרייכט זשאַקס הימל, האָבן דערגרייכט זשאַקס אומצאָליקע האָלענדישע קי. דער הימל האָט זיך אָנגעהייבן צו ברוגזן, איז געוואָרן ירגזונדיק, האָט זיך צעברומט און אַ וימש־חושכדיקע פינצטערניש באַ־גלייט מיט סינידיקע קולות און ברקים האָט זיך צעטראָגן אין רוים.

זשאַק האָט דערזען די שווערע פינצטערניש, האָט אַ כאַפּ געטון אַזוי פיל האָלענדישע קי וויפל ער האָט געקענט און איז מיט זיי געפלויגן איבער יבשות און ימען, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כאַקאַבאַ; איז דערנאָך ווידער געפלויגן און איז געוואָרן דזשעק און מיטאַמאָל האָט ער דערזען: עס זענען ביי אים געבליבן זיבן האָלענדישע קי; זיבן קי פון אַלע אומצאָליקע קי זיינע; זיבן קי אָן פליגל, פּשוטע האָלענדישע קי. וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זיינע אויגן און האָבן יעדע באַזונ־דער אָנגעהייבן צו טייטלען אויף אים מיט קנאָכיקע פינגער אין דער פאָרעם פון אַ זיבן.

און דזשעק האָט זיך אויפגעריסן פון זיין חוני־המעגלדיקן שלאָף און אַ פּחד איז אים באַפאַלן.

זיבן קי, זייערע זיבן קי, זיבן קי, וואָס קערן אַהין, קערן צו אַ פינטעלע ערגעצוווּ אין עמק. „ווי קום איך צו האַלטן זייערע קי?" האָט דזשעק זיך געפרעגט. און ווי פון בראשיתדיקע ווייטקייטן האָט ער גע־הערט אַ וויסטע שטימע, וואָס האָט געברומט צו אים: „גיב אָפּ, יעקב, די

זיבן קי; גיב אַפּ נישט בלויז די זיבן קי נאָר טויזנט מאָל טויזנט זיבן קי, וואָס דעם פינטעלע אין עמק קומט ביי דיר!״

ווי אַ נאַכט-וואַנדערער איז דזשעק אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון דער גרויסשטאָט. דער נומער זיבן, אַ קייט, אַן אומענדלעך-לאַנגע קייט זיבנס האָט אים אַרומגערינגלט, האָט געטייטלט מיט קנאַכיק-פייער-דיקע פינגער און האָט געמאָנט אַ חשבון פון אים.

אויף בויגנס פּאַפּיר האָט דזשעק גערעכנט, געציילט, געחשבונט: „זיבן קי, זיבן האָלענדישע קי, ווען כ׳ברענג זיי דעמאָלט אין קיבוץ; וויפל קעלבלעך, וויפל יונגע קי, וויפל אָקסן, וויפל מילך, פּוטער, קעז וואָלטן זיי געווען געגעבן?״ האָט ער געשריבן ציפערן, זיי געכופלט. זיי צוזאַמענגערעכנט. „און וויפל ייִדן, וואָס זענען אומגעקומען, וואָלטן צוליב דיינע זיבן האָלענדישע קי געווען געקענט קומען אין לאַנד אַריין? וויפל מער ייִדן וואָלטן אַוודאַי געראַטעוועט געוואָרן פון די פאַרצערנדיקע פלאַ-מען פון אומקום, ווען דיינע קי וואָלטן געווען דאָרט, אויף יענעם ווייטן פינטעלע אין עמק?״ האָבן די זיבנס מוראדיק געטייטלט אויף אים.

און ווען דער חשבון איז שוין געווען קלאָר פאַר אים, און ווען ער האָט פאַר זיך דערזען די אומגעהייער גרויסע צאָל ציפערן, האָט ער זיך מיט פיבער אַ וואָרף געטון אויפן לאַנד ווו ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דזשעק; האָט די לעצטע זיבן האָלענדישע קי אין קאָרט איינגע-שטעלט, האָט געוווּנען, האָט אומאויפהערלעך געשפּילט, געשפּילט מיט גרעסערער ריזיקע, געשפּילט מיט אַלע אברים, געשפּילט און האָט גע-וווּנען; און די צאָל זיבן איז געוואַקסן, איז געשטיגן, איז געוואָרן ווי אַ באַרג הויך, איז געוואָרן אומציילבאַר. און ווען דזשעק האָט אונטערגע-צויגן אַ באַלאַנס און האָט געזען, אַז עס שטימט, די זיבנס טרעפן אָן די צאָל פון זיין פינף-און-צוואַנציק-יאָריקן חוב — האָט ער אַ זאָג געטון צו זיך אַליין: „דזשעק, גיי אויף אין לאַנד אַריין, זוך אויס דיין פינטעלע אין עמק, גיב זיי אַפּ זייער חוב און פון היינט אָן זאָלסטו זיך רופן יאַקאָוו, מיטן אַקצענט אויפן „אָוו״.

און ווען די שיף האָט נאָר פאַרלאָזט דעם האַפן, און ווען די שיף איז נאָך געווען נישט ווייט פון דער ערד, פון לאַנד ווו יעקב האָט געהייסן דזשעק, האָט ער אַ זאָג געטון צו זיין ווייב מרים, וואָס האָט זיך גערופן

מערי: „מרים, פון היינט אָן הייס איך יאַקאָוו, יאַקאָוו הייס איך, מיטן אַקצענט אויפן „אָוו", דו הערסט?"

און איצט זיצט יאַקאָוו, זיצט אין קרייז פון די טוריסטן־פּאַסאַזשירן, זיצט און זעט ווי די שיף טראָגט זיך אַלץ שנעלער און שנעלער דאָרט אַהין ווו עס ליגט דאָס פּינטעלע אין עמק, דאָס פּינטעלע ווּעמען ער איז שולדיק אַזוי פיל מאָל זיבן מאָל זיבן האָלענדישע קי. ער זיצט און זינגט די פריידיק־נאָגנדיקע, די נאָגנדיק־פריידיקע לידער פון צער, פון צאָרן, פון אומקום, פון קאַמף, פון בוי.

יאַקאָוו שטיין פון ערשטן קלאַס זיצט און זינגט מיט מיט די פּאַסאַ־זשירן פון טוריסטן־קלאַס און פּאַר זיינע אויגן שטייט אַ פייערדיקער זיבן אין דער זיבן פרעגט: „ווּעלן זיי דיר פאַרגעבן זשאַק, כאַקאָבאָ, דזשעק, יאַקאָוו?"

און דער ים שווייגט, און די ווייטקייטן שווייגן, און דער האָריזאָנט טוליעט זיך אין אַ פּאַטשיילע באַזוימט מיט רויט־פאַרשעמטע פראַנדזן.

בלויז דער ווינט מורמלט עפּעס, מורמלט, שעפּטשעט, ווּיספּערט אומפאַרשטענדלעך.

מײַן ינגאל

1.

שוין יאָרן און יאָרן ווי יצחק איז נישט געווען ביי זיין טאַטן ר׳ העניך שניצער אין גאָרן־שטיבל אין מאה שערים, וואָס איז אין ירושלים. ווען יצחק האָט מיט יאָרן צוריק, נאָכן ענדיקן זיין לערנען אין ישיבה, אַ זאָג געטון דעם טאַטן: „איך גיי אַוועק אַרבעטן אין אַ קיבוץ אין עמק״, האָט ר׳ העניך דערפילט אַזאַ שטאָך אין ברוסט ווי מען וואָלט אים אַהין פלוצלינג אַריינגערוקט אַ פאַרזשאַווערטן שפיזל. ר׳ העניך האָט שוין מיט אַ צייט פריִער געהאַט געזען, אַז זיין זון גייט נישט אין די ריכטיקע דרכים. אים איז נישט געפעלן געוואָרן דעם זונס פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע אָוונטן, דעם זונס באַגעגענען זיך מיט אַזעלכע מאָדנע, שקצישע יונגען, וואָס טראָגן קורצע רעקלעך, גייען אַרום מיטן גאָלן קאָפּ און אַפילו ווען זיי טראָגן יאָ היטלען, זענען די היטלען ווילעריש פאַרדרייט אויף אַ זייט און קיין סימן פיאה זעט זיך נישט אַרויס פון אונטער די היטלען.

ר׳ העניך שניצער איז געקומען קיין ארץ ישראל מיטן ווייב, מיט די קינדער, ווייל ער האָט געוואָלט אַליין זיין אַ ייִד ווי עס באַדאַרף צו זיין און האָט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין ייִדן. ער איז געזעסן אויף אַ פיינער פרנסה אין זיין שטעטל אין פוילן, האָט געהאַלטן עטלעכע געזעלן, אַרבעטער, און אַליין איז ער געווען דער מייסטער, כמעט שוין נישט געטון קיין שטיקל שווערע אַרבעט מיט די אייגענע הענט. פון די קינדער זיינע האָט ער געוואָלט מאַכן לייטן; זיי זאָלן לערנען, זיי זאָלן אויס־וואַקסן אי מענטשן, אי ייִדן. די טעכטער האָט ער געשיקט אין שקאָלעס און זיין האַרץ האָט געקוואָלן, ווען זיין עלטסטע טאָכטער איז אַריינגעקו־מען אין הויז פון גימנאַזיע מיט אַ בערעט אויף איר שוואַרץ־זיידענעם

קאָפּ, מיט אַ פּאַק ביכער אונטערן אָרעם. די צוויי זין זיינע האָט ער גע־שיקט צו די בעסטע מלמדים און דערנאָך אין ישיבה אַריין. אָבער אַז ער האָט דערזען ווי זיינע טעכטער הייבן ביסלעכווייז אָן צו פאַרלירן די יידישע צורה, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט, האָט דערהערט, אַז קיין יידיש וואָרט קומט נישט אויף זייערע ליפּן, אַז זיי חברן זיך מיט יידישע גימ־נאַזיסטלעך, וואָס זענען אויס ווי גוים און מיט אמת־גויישע גימנאַזיסטן. מיט וועלכע זיי זענען געוואָרן גאַנצע שמעלקעס; אַז ער האָט זיך גע־כאַפּט, אַז אָט קען אַ טאָכטער אים אַריינברענגען אַ יאַשעק אָדער צעשעק פאַר אַן איידעם, האָט ער פאַרלוירן די רויִקייט פון זיין שלאָף. „וואָר־ווייס צו וואָס פאַר אַן אומגליק מיין שיקן די קינדער אין גימנאַזיע קען נאָך דערפירן מיין הויז!" האָט די אומרו אים געמאַטערט: „און מיט מיי־נע זין בין איך דען זיכער?" — האָט ער זיך געטון אַ ריס דאָס לייב. און טאַקע יאָ, פונוואַנען זאָל ער זיין זיכער, אַז זיין יצחק, זיין יוסף וועלן זיין דאָס, וואָס ער וויל, זיי זאָלן זיין? דערווייל זענען זיי קינדער, גייען אין חדר, אין ישיבה, פאָלגן טאַטע־מאַמע, אָבער ווען זיי וועלן אונטער־וואַקסן, אָנהייבן צו טרעפן נייע חברים, פריינט, ווי לאַנג וועלן זיי זיין דעמאָלט, וואָס זיי זענען?

ר' הענעך האָט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. באַלעבאַטישע קינדער, זין פון יידן לומדים, אַפילו דעם רבס זון אַליין, זיי אַלע גייען אין טורן־פאַריין, גייען זיך לערנען טאַנצן ביי מאָשטשיצקי דעם חזרניקס איידעם, גייען אין וואַלד שפּאַצירן און זינגען מאָדנע, פרעמדע לידער: גייען איבער די גאַסן און לאַכן פאַרשייט ווי די שקצים. אַ סך יונגעלייט, געוועזענע ישיבה־בחורים, לערנערס, האָבן זיך איבערגעקערט ווי מען קערט איבער אַ טאָפּ מיטן קאָפּ אַראָפּ. איז ווי קען ער, הענעך שניצער, זיין זיכער, אַז דאָס פייער וועט נישט פאַרכאַפּן זיינע זין אויך. זיי וועלן אויך גיין אין טורן־פאַריין און וועלן פלוידערן פויליש ווי מענדל תהילמס זונדל יוחנן, וואָס אָנשטאָט צו זיצן ביי דער גמרא, זיצט ער און גרימפּלט אויפן פידל און באַמבלט עפּעס פון אַן אָפענעם בוך מיט מאָדנע צייכנס ווי שטעקעלעך און פלעקעלעך און רעדן וויל ער נישט רעדן קיין וואָרט יידיש כאָטש ממית אים.

און ר' הענעך שניצערס נעכט האָבן זיך אָנגעהייבן אויסציִען און די טעג זענען אים געוואָרן פּעכיק.

ער איז אַזוי אומגעגאַנגען טעג און וואָכן און חדשים ביז ער האָט איינמאָל, אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט אַ זאָג געטון צו זיין ווייב: „שרה, דו שלאָפסט? הער, שרה, כ'האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז גאָרנישט, מירן זיך אויפהייבן, נעמען די קינדער און פאָרן קיין ארץ ישראל!"

פאַר שרהן וואָלט דער דאָזיקער זאָג געווען ווי אַ בעליק פון סופיט גלייך אין קאָפּ אַריין, ווען זי וואָלט שוין פריער נישט געהאַט געהערט איר מאַן רעדן וועגן פאָרן קיין ארץ ישראל. זייט הערש־בער, דער האָלץ־סוחר, איז געקומען פון ארץ ישראל און האָט זיך אָנדערציילט די וווּנדער פון לאַנד, זייט הערש־בער האָט געכאַפּט זיין משפחה און איז מיט זיי אַוועק אַהין, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרקויפט זיין הויז אויף וואַרשעווער גאַס, זינט יענעם טאָג האָט איר הענעך כסדר גערעדט וועגן ארץ ישראל: „צו וואָס דאַרף איך זיצן דאָ און זעגן און שניידן, קריצן און שניצן מלאכימלעך און געצקעס, פאַר די רשעים, פאַר די לאַנגע, שפּיציקע פּוי־לישע וואָנצעס, אַז כ'קען טון אַ נעם מיינע כלים, מיינע פאַר הענט, וואָס דינען מיר נאָך ב"ה און פאָרן אַהיים, צו אונדז אין לאַנד און דאָרט מאַכן אָרון קודשס, שויתיס, מנורות און אַנדערע כלי־קודש פאַר בתי מדרשים", האָט הענעך איינגעשמועסט מיט איר און ער האָט דערביי צוגעגעבן: „און דאָרט וועלן דאָך מיינע קינדער זיין ייִדן און כ'וועל נישט מורא האָבן, אַז מיינע טעכטער זאָלן מיך מזכה זיין מיט אַן אַנטעק פאַר אַן איידעם!"

כאָטש שרהן האָט דער ענין פאָרן אין אַזאַ וויט לאַנד נישט גע־שמעקט, כאָטש זי האָט מורא געהאַט, אַז איר הענעך זאָל צעברעכן אַזאַ שפּעדיקע פּרנסה ווי ער האָט געהאַט, פונדעסטוועגן האָט זי פון יענער נאַכט אָן אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז איר הענעך איז אפשר גערעכט; מען וואָלט טאַקע געדאַרפט עפּעס אַ קלער טון וועגן ענין פאָרן, וועגן אָפּראַ־טעווען די קינדער. און הענעך האָט מער דעם געדאַנק נישט אָפּגעלאָזט, האָט גערעדט, איינגערעדט און איבערגערעדט, אי זיך, אין זיין שרהן. ער האָט פאַרקויפט זיין הויז, פאַרקויפט דאָס געהילץ, פאַרקויפט די מעבל און האָט פאַרפּאַקט די כלים, דאָס בעטגעוואַנט, די מלבושים און איז אַוועק קיין ארץ ישראל, אַוועק קיין ירושלים, זיך באַזעצט אויף אַ בוי־דעם־שטיבל, צוויי צימערן מיט אַ קיכל, מיט אַ שטיקל באַלקאָן, מיט אַ שטעלכל אַזאַ, ווו ער האָט איינגעשטעלט זיין שניצעריי־וואַרשטאַט. און

דאָ טאַקע, אין דעם זעלביקן הויז, אויפן זעלביקן גאָרן, אין זעלביקן גרויסן, פּירקאַנטיקן הויף מיט שטיינער ברוקירט, דאָ איז ר׳ הענעך פאַרבליבן אַלע יאָרן פון זיין זיין אין לאַנד.

קיין שפּעדיקע פּרנסה האָט ר׳ הענעך דאָ נישט געהאַט, אָבער זיין טיש איז שטענדיק געווען שיין געגרייט און זיין שרה פלעגט אַרויס אין גאַס איינקויפן און האָט געקויפט מיט אַ ברייטער האַנט. ר׳ הענעך איז געוואָרן פרומער פון טאָג צו טאָג, האָט שבת געטראָגן אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע, אַ שטריימל, און זיין שרה האָט געלייענט דעם טייטש־חומש אַפילו אינדערוואָכן און דערצו האָט זי גאַנצע שעהן געזאָגט תחינות און האָט געגאָסן דערביי בעכן טרערן. די טעכטער האָבן חתונה געהאַט און די זין האָבן געלערנט אין ישיבה און ר׳ הענעך האָט געדאַנקט און געלויבט דעם בורא העולם, וואָס ער האָט אים אַריינגעגעבן אַזאַ מחשבה, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון רשעות און רשעים און זיך באַזעצן אין לאַנד פון די אָבות. ר׳ הענעך האָט זיך נישט גענומען אַפילו שטאַרק צום האַרצן, ווען זיין יינגערער זון יוסף האָט מיטאַמאָל באַשלאָסן, אַז ער וויל מער נישט לערנען אין ישיבה, וויל ווערן אַ בעל־מלאכה ווי דער טאַטע. „גוט, אַ בעל־מלאכה איז אַ בעל־מלאכה. אין ארץ ישראל קען אַ ייִד זיין אַ בעל־מלאכה און דערביי זיין אַ חשובער ייִד, איז זאָל יוסף זיין אַ בעל־מלאכה!״ — האָט ר׳ הענעך געטרייסט שרהן און האָט איר אָנגעוויזן ווי גליקלעך זי דאַרף זיין דערמיט, וואָס יוסף קען אַ בלאַט גמרא און דערצו וועט ער נאָך זיין אַ גוטער פאַרדינער אויך פאַר זיין ווייב און קינדער, וואָס ער וועט אי״ה האָבן.

יוסף איז געוואָרן אַ שניצער ווי דער טאַטע און יצחק איז געזעסן און האָט געלערנט, איז געקראָכן העכער און העכער אויפן לייטער פון לומדות און טאַטע־מאַמע האָבן זיך געגרייסט מיט אים.

אין מאה שערים האָט מען געקענט יצחקן. מאה שערים האָט אָנגעוויזן אויף יצחקן ווי אויף אַ פּערל און כאָטש דאָס קול פון תורה האָט פאַרקלונגען די שמאָלע, געדרייטע, טונקעלע גאַסן, געסלעך און הויפן פון מאה שערים, כאָטש עס זענען דאָרט געווען אַזויפיל יונגע עילוים ווי עס זענען די צאָל טויערן, וואָס טיילן אָפּ די הייזער פון מאה שערים פון די אַרומיקע הייזער, וואָס האַלטן זיך אין וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, פונדעסטוועגן האָט מען אין מאה שערים זיך צוגעהערט צו יצחקס

קול פון תורה מיט אַ באַזונדער דרך־ארץ, מיט אַ באַזונדער יראת הכבוד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מאה שערים האַלט אין דעם אָטעם, בלייבט פאַרגליווערט ווען עס צעטראָגט זיך יצחקס קול איבערן רוים פון די טונקעלע מאה שערים־גאַסן.

ר׳ הענעך האָט געפירט די מעסערלעך און מעסטעלעך און דליטעס מיט אַ זיכערער האַנט, ווען ער האָט פון דער דערבייזיקער ישיבה געהערט זיין זונס קול און שרה האָט אַריינגעווײנט ימען פרייד אין טייטש־חומש אַריין, ווען די שטימע פון איר זון האָט דערגרייכט אירע אויערן. און ווען דאָס גליק האָט שוין ביי זיי געהאַט דערגרייכט ביזן האַרץ פון הימל, ווען שרה האָט שוין באַשיימפערלעך געזען ווי איר זון ווערט רב אין אַ וועלכער עס איז קהילה, אין ירושלים צי אין אַן אַנדער שטאָט אין ארץ ישראל, פונקט דעמאָלט האָט יצחק אָנגעהויבן עפּעס מאָדנע פאַרפאַלן צו ווערן פון הויז אויף גאַנצע אָוונטן, האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין מיט עפּעס אויסטערלישע בחורימלעך און גאַנצע יונגאַטשעס, וואָס זענען צו איר זון געקומען פון יפו־גאַס, פון די גאַסן, ווו עס וווינען די חברה, וואָס גייען אין בלויזן קאָפּ, און איר יצחק האָט מיטאַמאָל געלאָזט וויסן טאַטע־מאַמע, אַז גאָרנישט: ער גייט אַוועק אין אַ קיבוץ, גייט אין עמק, גייט ווערן אַן ערד־אַרבעטער!

ר׳ הענעך שניצער האָט אַ קוק געטון אויפן זון, נישט געגלייבט זיינע ווערטער און באַשלאָסן, אַז דער בחור רעדט מסתמא פון היץ. שרה האָט זיך צעווײנט און יצחק, אַ שטיק שטאָל, איז געשטאַנען פאַר טאַטע־מאַמע, האָט גערעדט מיט אַ קאַלטקייט פון אַ גזלן: „געַנוג אומזיסטע פרעסערס, ליידיקגייערס דאָ אין לאַנד. מען דאַרף פאַרנעמען די ערד, אַקערן, זייען, פלאַנצן. מיט לערנען אַליין וועלן מיר אפשר דערגרייכן דעם הימל, אָבער די ערד וועט נישט זיין אין אונדזערע הענט!״ ער האָט באַלד צוגעגעבן מיט דער זעלביקער קאַלטקייט: „דאָ איז נישט פוילן. דאָ דאַרף מען נישט קיין באַנק־קוועטשערס, נאָר געזונטע פויערים און איך וויל זיין אַ פויער!״

ר׳ הענעך שניצער האָט אַ קוק געטון אויפן זונס אויגן ווי קאַלטע גרייצערס, און האָט באַלד ביי זיך אָפּגעמאַכט: „ס׳איז פאַרפאַלן, דער יונג האָט זיך איבערגעקערט. ס׳וועלן דאָ קיין רייד נישט העלפן!״

„אין וועלכן קיבוץ גייסטו, יצחק?״ — האָט ער מיט געמאַכטער געלאַסנקייט געפרעגט.

„אין עמק, אין אַ קיבוץ ווו מען אַרבעט, אין אַ קיבוץ ווו אַרבעט און נישט תורה איז די בעסטע סחורה!״

ביי ר׳ הענעך שניצער האָט זיך עפּעס אַ ריס געטון אין בוזעם. ער האָט געוווסט, אַז עס זענען דאָ קיבוצים אַזעלכע, וווהין פרומע לייט, ער־לעכע יונגעלייט, לערנערס גייען, גייען לערנען און אַרבעטן, קיבוצים ווו אַ ייִד בלייבט אַ ייִד, איז וואָלט זיין יצחק געגאַנגען אין אַזאַ קיבוץ אַריין, וואָלט נאָך געוועזן ווי עס איז צו דערליידן, אָבער אין זייערע קיבוצים, אין די קיבוצים פון „יענער חברה״, אַהין גאָר גייט זיין יצחק. דאָס איז שוין אַוודאַי אַן אומגליק.

„יצחק!״ — האָט ר׳ הענעך שניצער אַ רוף געטון מיט אַ פרעמד קול, — „יצחק, צו זיי גאָר, זיי זענען דאָך, כ׳מיין, ביי זיי איז דאָך ווי ביי די גויים, להבדיל, מען עסט טרפות, מען דאַוונט נישט, מען היט דאָך נישט קיין שבת, קיין יום־טוב אַפילו!״ — האָט מיט אַ וויסט קול געערדט דער צעוויטיקטער ר׳ הענעך שניצער.

„זיי זענען אַזעלכע ייִדן ווי מיר אַלע, נאָך בעסערע און נוצלעכערע ייִדן פאַרן לאַנד ווי מיר, וואָס זיצן און לערנען און עסן אויף דאָס ברויט, וואָס זיי גרייטן צו פאַר אונדז!״

אַזוי־אָ, קאַלט, געלאַסן, אַזוי־אָ האָט יצחק געביטשט טאַטע־מאַמע מיט זיינע רייד און ר׳ הענעך שניצער האָט גאָרנישט געקענט פאַרשטיין און באַנעמען פון וואַנען עס קומען צו זיין יצחקן אַזעלכע מאָדנע רייד. „דער יונג איז, ווייזט אויס, שוין לאַנג געווען אַן עפּעלע מיט אַ שיינעם פּנים, אָבער אינעווייניק איז ער געווען צעפוילט״. האָט ר׳ הענעך גע־טראַכט. אַ צאָרן איז אין אים געוואַקסן. „ער האָט אונדז גענאַרט, גענאַרט און אָפּגענאַרט״, — האָט ר׳ הענעך געשטאַמלט עפּעס ווערטער און ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין שרהן, געזען: זי שטייט געבויגן אין דרייען ווי אין ווייטיקן, געזען, אַז זי איז אַלט געוואָרן מיטאַמאָל.

„יצחק, דו ביסט חלילה גערירט, יצחק!״ — האָט ר׳ הענעך שניצער זיך איצט געבעטן. — „יצחק, וועסט חלילה טרייבן דער מאַמען אין דער ערד אַריין מיט דיינע פּלוצלינגע משוגעתן!״

און יצחק האָט זיך מיט דער פריערדיקער געלאַסנקייט גענומען פּאַקן, האָט אַרויסגענומען עטלעכע פּאָר וועש, גענומען אַ פּאָר הויזן, אַ כאַפּ געטון זיין תפילין־זעקל און איז אַרויס פון הויז, אַרויס ווי אַ פרעמ־דער, ווי עפּעס אַ געוועזענער גאַסט אין הויז.

ר׳ הענעך איז געבליבן שטיל ווי די נאַכט און שרה האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ פוס־בענקעלע, האָט זיך צעשאָקלט, האָט געגאָסן טרערן, האָט אויסגעזעזן ווי זי וואָלט זיך שוין געזעצט שבעה נאָך איר זון.

און אין מאה שערים האָט זיך פאַר שרהן אָפּגעטון דאָס גאַנצע געזאַנג. אַ טויבע וועלט איז דאָרט געוואָרן פאַר שרהן.

.2

ווי לאַנג איז שוין זינט איר יצחק איז אַוועק אין עמק? שרה האָט נישט געציילט די טעג, די יאָרן. זי איז געזעסן וואָכן, חדשים, געזעסן און האָט אַריינגעוויינט איר צער אין טייטש־חומש אַריין, אין די תחינות אַריין, וואָס זענען שוין איצט געווען געל ווי האַרבסט־בלעטער.

„אפשר וואָלטן מיר צוגעפאָרן צום זון? אפשר וואָלטן מיר דעם זון פאַרבעטן אויף פסח?״ — האָט זיך שרה געבעטן און ר׳ הענעך שניצער האָט געשוויגן ווי די נאַכט און האָט אויף יעדער פראַגע געענטפערט מיט אַ קאַלטן, אַ פרעמדן „ניין!״

און אַפילו ווען יצחק האָט דאָרט ערגעץ אין עמק חתונה געהאַט, האָט געהאַט דאָס ערשטע קינד, אַ מיידל, דאָס צווייטע קינד, אויך אַ מיידל, אַפילו דעמאָלט האָט ר׳ הענעך געשוויגן ווי די נאַכט און האָט, אויף דער ווייבס געבעט מען זאָל צופאָרן צום קינד, געענטפערט מיט אַן אייז־קאַלטן „ניין!״ נאָר דעמאָלט, ווען ר׳ הענעך האָט זיך דערוווּסט, אַז ביי זיין יצחקן איז געבוירן געוואָרן אַ זון, נאָר דעמאָלט האָט ער זיין שווייגן איבערגעריסן. ער האָט זיך געפרעגט מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן: „און געמלט האָט מען אים כאָטש?״ און אַז זיין זון יוסף, וואָס איז געווען אויפן ברית, האָט דערציילט, אַז מען האָט דאָס קינד געמלט ווי מען מלט אַלע יידישע קינדער, האָט ר׳ הענעך אַ זיפץ געטון און האָט געזאָגט: „אַ דאַנק דעם השם יתברך!״ און האָט ווידער איינגענומען אַ שווייגעניש.

יצחק איז צום טאַטן נישט געקומען, האָט נישט געוואָלט אויפרייסן דעם ווונד, נישט געוואָלט דעם טאַטן וויי־טון, דער טאַטע זאָל אים זען אַ געגאָלטן, אים זען ווי אַ פויער מיט אַ קופּערנעם פּנים אויסגעטריקנט פון דער זון, צעקאַרבט, צעאַקערט פון די ווינטן. ער האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל צוגעשיקט זיין פרוי יהודית מיט די קינדער זיי זאָלן זען דעם זיידן, זיך באַקענען מיט דער באָבען. אמת איז, אַז די באָבע האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעכאַפּט איינמאָל, צוויי מאָל צום זון אין קיבוץ אַריין, האָט אַ בליק געטון אויפן זון, אויף די אייניקלעך און איז געקומען אַהיים און האָט דעם סוד באַגראָבן אין בוזעם. אין די נעכט האָט זי אַריינגעוויינט איר צער אויפן זונס אויסזען, אויף זיין מגושמדיקן פּנים, גאָרנישט ווי קיין ייִד, אויף זיין עבודת פּרך, ווי אַ פּוילישער פויער אין פעלד, נאָר דעם מאַן האָט זי וועגן אירע וויזיטן נישט דערציילט.

אַז די שנור איז געקומען מיט די אייניקלעך אין הויז אַריין, האָט שרה זיך געמאַכט ווי זי זעט זיי דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן. און ר׳ הענעך האָט אַ קוק געטון אויף זיי, האָט זיי געקניפּט אין די בעקלעך און דאָס האַרץ האָט אים געשניטן: „אייניקלעך ווי אמתע ערלים, להבדיל. פלאַקסענע קעפּלעך, פאַריסענע נעזלעך און בלויע אויגן ווי ביי שיקסעס און שקצים!" — האָט ר׳ הענעך געשניטן פּאַסן פון זיך. אָבער אַז ער האָט דערפילט ווי עס נאָגט אים עפּעס אַ בענקשאַפט צו די קינדערלעך, וואָס זענען דאָך פאָרט זיין זונס בלוט און פלייש, האָט ער אַ כאַפּ געטון אַן אייניקל אויפן שויס, האָט דערמיט עפּעס געוואָלט אַ שמועס טון, האָט גערעדט דערצו אויף דער שפּראַך, וואָס אַלע ייִדן אין מאה שערים רעדן, ערשט דאָס קינד האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר מאָדנע אויגן, האָט אַ פּלאַפּל געטון צו אים אויף אַ שפּראַך, וואָס נישט ער און נישט זיין עלטער־זיידע האָבן ווען עס איז פאַרשטאַנען.

„ס׳רעדט דאָך נישט קיין ייִדיש וואָרט, שרה־לעבן!" — האָט ער אַ פאַרצווייפלטער זיך געווענדט צו זיין ווייב. ער האָט גערעדט ייִדיש צו די דערוואַקסענע צוויי אייניקלעך, צו די שוועסטערלעך פון דעם דאָזיקן בחורל, וואָס האָט גאָר געהייסן יגאל! ס׳געהערט יגאל? הייסט אַפילו נישט נאָך קיין זיידן, עלטער־זיידן! יגאל גאָר, אַזאַ מין מאָדנעם נאָמען האָט זיין יצחק אויסגעפונען פאַר זיין זון, און די שוועסטערלעך האָבן אויך נישט געוווּסט, מיט וואָס מען עסט אַ ייִדיש וואָרט.

„שרה־לעבן, זיי זעען אויס ווי גויִים און רעדן רעדן זיי מיר אויך מיט דעם דאָזיקן צעדרייטן, צעקרימטן לשון־קודש, וואָס קלינגט אין מײַנע אויערן ווי עפּעס אַ מין גויִש!״ — האָט ר׳ הענעך גערעדט אי מיט כעס, אי מיט רחמנות אויף זיך אַליין און אויף זײַנע אייניקלעך.

„הענעך, גאָט איז מיט דיר! די קינדער רעדן דאָך עברית, איווריט!״ — האָט שרה זיך געבעטן ביים מאַן.

„איווריט, שמיווריט״ וואָס טויג מיר זייער איווריט, אַז זיי פאַרשטייען דאָך נישט קיין יִדיש וואָרט״ — האָט ר׳ הענעך שניצערס קול אַרויסגעוויינט פון אים.

די שנור, די אייניקלעך זענען אַוועק צוריק אין עמק אַריין און ר׳ הענעך האָט דערפילט, אַז גאָרנישט, זײַן הויז איז נאָך זייער וויזיט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאָך אַ מער פינצטערן עמק הבכא ווי עס איז פריִער געווען.

„יגאל, איווריט, גוִישקע אייניקלעך, פרעמדע, פרעמדע, אַ ווייטער שבט!״ — האָט ר׳ הענעך זיך געקאַטעוועט דאָס לייב און האָט געשוויגן; געשוויגן טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. נאָר מאָדנע, אינמיטן רעכטן שווייגן פלעגט אים אָפּט אַ קלעם טון ביים האַרץ און עס האָט זיך עפּעס אַ נייער געפיל אַריינגעכאַפּט צו אים אין בוזעם: „יגאל!״ האָט ער געכאַפּט אָפּט אַ וואָרט ביי זיך אויף די ליפּן. „יגאל״, האָט ער געקייט דאָס וואָרט און עס איז געוואָרן אַלץ מער באַטעמט אויף זײַן גומען. „יגאל, יגאל, מײַן יצחקס זונדעלע יגאל, מיט פלאַקסענע האָר, מיט בלויע אויגן, יגאל!״

אַזוי־אָ האָט ר׳ הענעך איבערגעוואָרפן די ווערטער אויף זײַן צונג און ער האָט זיך געשעמט זיך אַליין צו דערציילן, אַז גאָרנישט, עס איז עפּעס פאָרט אַ מין שיין, וואָס הייסט שיין, אַ באַטעמט, חנוודיק יִדיש קינד, זײַן אייניקל, זײַן זונס אַ זון, וואָס הייסט יגאַל.

ר׳ הענעך האָט זיך אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן פון ירושלים, איז אַרויס דורך אַ זייטיקן טויער פון מאה שערים, איז געקומען דאָרט אַהין, ווו עס זענען דאָ ברייטע גאַסן, הויכע מויערן און האָט געזען אַ סך יִדישע יגאלס, אַ סך מיט בלויען אויגן, מיט פלאַקסענע האָר און אַ סך פון זיי רעדן דעם דאָזיקן „איווריט״, וואָס איז עפּעס יאָ און עפּעס נישט לשון־קודש.

„טייערע ייִדישע קינדערלעך, אַ מחיה צו קוקן אויף זיי!״ — האָט ר׳ הענעך ביי זיך אָפּגעמאַכט און די בענקשאַפט צו זיין איניקל איז זיך אין אים צעוואַקסן. אָבער וואָס מער ר׳ הענעך האָט זיך צעבענקט, און דערפילט, אַז דער יצר הרע צעלאָזט זיך אין אים, אַלץ אָפטער האָט ער זיך אויסגעזידלט. „שוין, גייסט שוין מאַכן שלום מיט דער עוולה, וואָס דיין זון, דיין יצחק, איז באַגאַנגען קעגן דיר, קעגן זיין מאַמען, וואָס דאַרט און קוואַרט פון צער!״ — האָט ער זיך געבייזערט אויף זיך. „יגאל, איווריט, דיין יצחק אַ פויער, דאַוונט מסתמא נישט אַפּילו, ווער ווייסט צי ער היט כאָטש שבת? — האָט ער זיך דערמאָנט וואָס יענע קיבוצים זענען און ער האָט די בענקשאַפט געשטיקט אין זיך, געשטיקט אַזוי לאַנג, ביז עס זענען אָנגעקומען שרעקלעכע טעג אין לאַנד, טעג פון פרייד, ווען ייִדן, אַפּילו די ייִדן פון מאה שערים, האָבן געטאַנצט פאַר פרייד אין די שמאָלע געסלעך, אין די פינצטער־געדרייטע געסלעך, טעג פון בלוט, פון קאַמף, פון פייער, פון מוראדיקע מלחמות. נאָך אײדער מען האָט זיך אַ פריי געטון, האָט מען שוין געהערט יללות, געיאָמערן, קלאָגערייען אין הייזער. קינדער, יונגע קינדער זענען געגאַנגען אין דער נאַכט אַריין. זענען אַוועק פון טאַטע־מאַמע, זענען אַוועק מיט אַ ביקס אויפן אַקסל און זענען מער נישט צוריקגעקומען. יעדער בחור, יעדעס מיידל, טאַטעס פון קליינע קינדער, אַפּילו די ישיבה־בחורים פון מאה שערים זענען אַוועק, האָבן גענומען טלית און תפילין, האָבן גענומען אַ ביקס און זענען אַוועק. און ר׳ הענעך האָט זיך דערוווּסט, אַז אויך פון עמק, אויך פון זיין זונס קיבוץ זענען אַלע אַוועק, אַוועק זיך שלאָגן, אַוועק זיך באַשיצן קעגן די טונקל־הויטיקע שכנים, וואָס ווילן יעדן ייִדן, יעדעס ייִדיש הויז, דעם קיבוץ און די ייִדן פון מאה שערים צוזאַמען דערטרינקען אין בלוט. און צווישן אַלע יונגעלייט, וואָס זענען אַוועק פון גאַנצן לאַנד פון אַלע קיבוצים, פון זיין זונס קיבוץ, איז אויך דאָ זיין איניקל, זיין בלוי־אויגיקער, פלאַקסן־האָריקער יגאל, וואָס רעדט איווריט, עברית זאָגן זיי, און פאַרשטייט נישט קיין ייִדיש וואָרט.

אַז ר׳ הענעך שניצער האָט דאָס דערהערט, איז די וועלט אַרום אים טונקל געוואָרן און די ערד אונטער זיינע פיס איז געוואָרן ווי מען וואָלט אויף איר אָנגעשאָטן חמרים פּוך.

„שרה, שרה־לעבן!״ — האָט ר׳ הענעך אָנגעהויבן עפּעס צו זאָגן

און די צונג האָט זיך צוגעקלעפּט צו זײַן גומען, כאָטש גײ רײַס זי אָפּ מיט אַ צװאַנג.

שרה האָט געזען װי איר מאַנס פּנים איז באַצױגן מיט װאַקס און זײַנע ליפּן זענען װי זאַנגען אין װינט.

„הענעכשי, הענעך, װאָס איז דיר?" — האָט זי זיך געבעטן.

„יגאַל, הערסט שרה, יגאַל, מײַן יצחקס יגאַל!" — האָט ר' הענעך אַרױסגעריסן פֿון זיך אַ פּאָר װערטער און איז פֿאַרשטומט געװאָרן. אײַ־בער זײַן גרױער באָרד האָבן זיך געקײַקלט טרערן װי אַרבעס און זײַנע ליפּן האָבן עפּעס געשטאַמלט. שרה האָט אים געגלעט, געצערטלט, אים געבעטן ער זאָל איר זאָגן, װאָס מיט יגאַלן איז. און װען זי האָט אים אַביסל באַרויִקט און ער האָט איר דערצײלט, אַז יגאַל איז אַװעק אין דער מלחמה, אַװעק זיך שלאָגן מיט די אַראַבער, האָט שרה זיך צע־שמײכלט: „גאָט צו דאַנקען, אַבי געזונט!" — האָט זי געזאָגט. — „אַלע ײִדישע קינדער זענען אַװעק, אַלע ײִדישע זין און טעכטער שלאָגן זיך מיטן אַראַבער, איז פֿאַרװאָס זאָל מײַן אײניקל נישט גײן העלפֿן זײַן לאַנד?" — האָט שרה געזאָגט, האָט געגלעט איר מאַנס אַקסלען, האָט אים געטוליעט צו זיך װי אַ קינד. „װאָס איז, מײַן אײניקל איז נישט קײן ײִדיש קינד?"

„אַלע ײִדישע זין, אַלע גײען העלפֿן זײער לאַנד, מײַן יגאַל, מײַן יצחקס זון, קען קײן ײִדיש װאָרט נישט, האָט פֿלאַקסענע האָר, בלױע אױגן, מײַן יגאַל, אװדאי, װאָס דען, ער גײט העלפֿן, גײט באַשיצן, גײט זיך שלאָגן פֿאַר מײַן, זײַן, פֿאַר אונדזער לאַנד, פֿאַר ישראל!" — האָט ר' הענעך גערעדט װי פֿון חלום. „יגאַל, מײַן יצחקס זון, הערסט שרה, מײַן יגאַל שלאָגט זיך פֿאַר מיר, פֿאַר דיר, פֿאַר אַלע ײִדן, הערסט, שרה־לעבן, יגאַל װאָס רעדט עבֿרית, קען נישט קײן ײִדיש װאָרט! מײַן אײניקל; ס'געהערט אַ מעשׂה, אַװדאַי מײַן אײניקל!" — האָט ר' הענעך גערעדט, האָט געריסן װערטער פֿון זיך אַרױס. ער האָט זיך אַ הײב געטון פֿון אָרט, איז צו צו דער שאַפֿע ספֿרים, האָט אַ כאַפּ געטון אַ סידור און האָט זיך אַװעקגעזעצט אױף אַ שטול בײַם פֿענצטער, מיט אַ קול װי זײַן װײַב זאָגט תּחינות האָט ר' הענעך אָנגעהױבן צו זאָגן תּהילים.

„למה רגשו גוים!" — האָט ר' הענעך זיך געװענדט צום ירו־שלימער לױטערן, דורכזיכטיקן, װײַטן הימל. — „יסר יסרנו, יה!" —

האָט זיך ר׳ הענעך געבעטן און האָט אַלעמאָל אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „יגאל״ און האָט דערביי געצויגן די אויגן צו הימל. — „העלף אים, פאָטער אין הימל, העלף מיין אייניקל, ער זאָל אַרויס אַ גאַנצער, אַ געזונטער פון דער מלחמה אויף אונדזערע שונאים! העלף אים, גאָטעניו, העלף מיין יגאלן, וואָס שלאָגט זיך פאַר דיין נאָמען, פאַר דיין פאָלק!״ — האָט ר׳ הענעך געווישט די שטראָמען טרערן פון זיינע אויגן. ער איז אַזוי געזעסן, האָט אַזוי געזאָגט תהילים טעג און נעכט; ער האָט פאַרגעסן זיין שניצעריי, האָט זיך אַפילו נישט אַרויסגערירט צו גיין אין בית המדרש אַריין דאַוונען. ער איז אַזוי געזעסן ביים פענצטער און האָט געבעטן גאָט, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, אַז זיין יגאל זאָל חלילה נישט געניזוקט ווערן אין דער מלחמה. ער איז אַזוי געזעסן ביז זיין שרה איז צו אים צוגעקומען, האָט זיך צוגעשלעפּט צו אים און האָט אים אַ זאָג געטון מיט אַ צעבראָכענער שטימע: „יגאל איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, ליגט אין שפּיטאָל, אין טבריה!״

„יגאל, מיין יצחקס זון, אין שפּיטאָל, אין טבריה!״ — האָט ר׳ הענעך געמורמלט. דער תהילים איז געבליבן אויף זיין שויס. ער איז געזעסן ווי פאַרגליווערט, האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויפן ירושלימער ווייטן, הויכן הימל, האָט געשוויגן ווי די נאַכט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטון פון אָרט, האָט אַ כאַפּ געטון זיין טלית און תפילין און איז אַרויס פון הויז.

„וווּהין, הענעכשי, וווּהין?״ — האָט אים שרה נאָכגעשריגן.

„צום קינד, צו מיין יגאלן!״ — האָט ר׳ הענעך געענטפערט און האָט געשפּרייזט צו איינעם פון די טויערן פון מאה שערים.

שרה איז אים נאָכגעלאָפן, האָט אים געבעטן: „מען קען איצט נישט פאָרן, עס איז אַ געפאַר, קענסט גאָר חלילה ס׳לעבן פאַרלירן!״

„כ׳וועל לויפן, וועל פליען, וועל דורכרייסן בערג!״ — האָט ר׳ הענעך זיך געיאָגט פאָרויס.

און ווען זיין זון, יצחק, איז אַריינגעקומען אין שפּיטאָל, וואָס שטייט אויפן באַרג, אין קרית שמואל, אין טבריה, אין שפּיטאָל וואָס קוקט אַראָפּ צום כנרת, האָט ער געזען ווי זיין פאָטער ר׳ הענעך שניצער שטייט איבערגעבויגן איבער יגאַלן, שטייט און גלעט זיין בלייכן שטערן, שטייט און צערטלט אים און רעדט צו אים, שעפּטשעט צו אים: „מיין קינד, מיין

איניקל, יגאל מיינער, דער השם יתברך וועט דיר העלפן, וועסט אי״ה אַרויס אַ גאַנצער. יאָ, מיין קינד, מיין יגאלי!״

יצחק האָט געזען ווי דער טאַטע גלייכט זיך אויס; גייט צו צום פענצטער, קוקט אַרויס צום הימל איבער טבריה און האָט געהערט ווי דעם טאַטנס ליפן שעפטשען: „יסר יסרנו יה ולמות לא נתנו!״ און זיינע אויגן זענען פאַרגאָסן געוואָרן.

„טאַטע!״ — האָט יצחק אַ רוף געטון.

ר׳ הענעך האָט זיך אַ קער געטון פון פענצטער, האָט דערזען זיין קינד, זיין יצחקן.

„יצחק!״ — האָבן ר׳ הענעכס ליפן אַ ציטער געטון.

איבערן שפּיטאָל איז געהאַנגען אַ פאַרטויבנדיקע שטילקייט.

אַ משפּט אין נגב

באַר שבע איז נאָך געלעגן איינגעהילט אין אַ דורותדיקן, אין אַן אַברהמדיקן, לויטערן באַגינען. די ווייס־געקאַלכטע הייזער אויף ביידע זייטן שאָסיי האָבן זיך געצירט אין ראָזלעך־גאָלדענע לאַמפּאָסן. די זון האָט מיט פאַרשלאָפן־רויטלעכע אויגן אַרויסגעקוקט פון ערגעץ ווייט אויף יענער זייט נגב. אַ הונט האָט אומעטיק געבילט און זיין בילן האָט זיך אַוועקגעקייקלט אין די ווייטקייטן אַריין און איז דאָרט צערונען געוואָרן. אַ פאַרשפּעטיקטער האָן האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע געוועקט די פאַר־שלאָפענע, זייטיקע געסלעך, האָט זיי אויפגעריסן פון זייער קילבלעך־געמיטלעכן, באַגינענדיקן דרימל. אַן אייזעלע האָט אַריינגעיאָמערט זייז עצבותדיק בענקען אין רויטלעך־גרויען אַרום און האָט אָנגעשטעלט שפּי־זיק־שאַרף, צעשראָקן־פאַרוווּנדערט זיינע לאַנגע אויערן, ווען דער טעמ־פּער עכאָ פון זיין אייגן געוויין האָט זיך אָנגעשלאָגן אין זיי. אין די היילן און לעכער פון די חורבות פון די געוועזענע ליימענע און ערדענע אַראַ־בישע הייזער, אין די זייטיקע גאַסן און שמאָלע געסלעך, אַרום די פּלויטן פון סאַברע־פלאַנצן, האָבן זיך שאָטנס, ווי צעגאָסענער בליי, געקאָרטשעט און איינגעצויגן, האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן פאַר דער אויפגייענדיקער זון, וואָס האָט איצט אָנגעהויבן צו פענדזלעווען די גאַסן מיט זילבער־פאַרבן. אַן אומעטיק־פאַרשעמטער, אַן איינזאַם־פאַרלאָזענער האָט דער העכסטער קופּאָל פון אַראַבישן מעטשעט אויסגעקוקט, אַראָפּגעקוקט צום פאַרוואָר־לאָזטן אַרום און האָט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן געזוכט כאָטש איינעם פון זיינע אַמאָליקע אומצאָליקע מתפּללים, וואָס ער איז געווויינט געווען ערשט נישט־לאַנג צוריק צו זען אויף זיין רחבותדיקן אַרום, אויף די אומענדלעכע ווייטקייטן, וואָס זענען אין זייער פולער נאַקעטקייט געלעגן ביי זיין צופוסנס.

איינגעדעקט אין אַ נעץ פון שווייגנדיקע פּאַלמעס איז געשטאַנען די מיליטערישע פּאָליציי־סטאַנציע. סודותדיק האָבן די אייזערנע גראַטעס אַרום דעם פּאַלמע־גאָרטן אַרויסגעקוקט צו די באַגינענדיקע גאַסן; און די באַשאָטנטע, שטיינערנע געביידעס צווישן פּאַלמען־געפלעכט האָבן פאַרצויגן איבער זיך אַ געוועב פון זילבער און בלייערנע אוזאָרן.

אַ שטרויען־געפלאָכטענער פאַרהאַנג איבער אַ טיר פון אַ נידעריק שטיינערן הייזל, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט ווי אַ שטיפקינד צו די מאַסיווע ווענט פון דער פּאָליציי־סטאַציע, האָט זיך שאַרשקענדיק געראָלט אויף אַרויפצו, צום דאַך צו און פון טיר האָט עוזי הדרומי, דער מיליטערישער שופט פון די בעדויִנער מחנות אין מערבדיקן נגב, אַרויסגעשטעקט זיין לענגלעכן קאָפּ מיט די צעפּאַטלטע, האַלב־געקרייזלטע שוואַרצלעך־ברוינע האָר. פון זיין קופּערנעם, יונג־אַלטן פּנים האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע, בלוי־גרויע, האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן, וואָס האָבן באַלד באַגריסט דעם לויטערן פרימאָרגן מיט אַ וואַרעם־צערטלעכן שמייכל. די אויגן האָבן זיך אַ זשמורע געטון איינמאָל און נאָכאַמאָל און שוין זענען זיי געווען פול און אָפן, און אַ גלאַנץ, ווי מען וואָלט זיי נאַרוואָס אָפּגעשייערט, האָט אַרויסגעקוקט פון זיי. זיין לענגלעכע נאָז האָט זיך געענדיקט מיט צוויי רונדיק־פאַרשפּיצטע פליגל, וואָס האָבן זיך געמיעכט מיט אַזאַ באַוועגלעכקייט ווי עס וואָלטן ערגעץ טיף, אויף יענער זייט נאָזלעכער, די לונגען געזוכט אַ טראָפּן פרישע לופט. עוזי האָט געטון אַ פּאָר שטאַרקע ציִ מיט דער נאָז, האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין פולער, שלאַנקער הייך, האָט אַ פּאָר געטון מיט דער רעכטער האַנט אין זיין באַרג צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ און האָט זיך אויף שנעל אַ קערעווע געטון צום צימער צו, צו דעם אָפענעם מיליטערישן בעט זיינעם, וואָס האָט צו אים געקוקט מיט שנייִקער ווייסקייט, האָט פון זיך אַרויסגעהויכט די וואַרעמקייט, וואָס האָט נאָך דאָרט אַרומגעשוועבט צווישן די פאַלדן פון ליילעך פון דער קאָלדרע ווו זיין האַלב־נאַקעטער קערפּער איז נאַרוואָס געלעגן.

„מיינע געסט וועלן מסתמא באַלד דאָ זיין!” האָט ער אַ שעפּטשע געטון צו די הוילע ווענט פון זיין צימער און האָט גענומען וואַשן און רייבן די קופּערנע הויט פון זיין פּנים, פון זיין געקאַרבטן האַלדז, פון זיין האַלב־נאַקעטן קערפּער. מיטן שאַרסטקן האַנטוך האָט ער זיך שנעל

און מיט התמדה געווישט און האָט אַ בליק געטון אויפן זייגער: „כ׳קען זיך נאָך ראַזירן אויך״, האָט ער באַשלאָסן נאָכדעם ווי ער האָט זיך געזען אין שפּיגל. ער האָט אָנגעהויבן איינצורייבן די באַקן מיט אַ ווייס־פּוכי־קער מידלענע און האָט דערביי אונטערגעברומט דעם ניגון פון פּאָפּולערן, ליריש־אומעטיקן מלחמה־געזאַנג „באב אל ואד״, וואָס איז אים אַזוי אַריינגעקראָכן אונטער דער הויט, אַריינגעדרונגען אין זיין נשמה, אַז צייט ער האָט דאָס ליד געהערט, האָט זיך די מעלאָדיע נאָך נישט אָפּגע־טון פון אים אויף קיין איין מינוט פון טאָג. די מעלאָדיע פאַרפאָלגט אים ממש און אַפילו ווען ער געפינט זיך ווייט אין האַרץ פון נגב, אַפילו אין די קליינע פּויזעס, וואָס ער האָט האָט ביי זיינע משפטים, צווישן איין משפט און צווייטן, זינגט ער פאַר זיך אַליין, זינגט אָן קלאַנגען די דאָזי־קע מעלאָדיע. די ווערטער פון געזאַנג האָט ער קיינמאָל נישט אויסגע־לערנט. ער קען בלויז דעם רעפראַן, אָבער אַפילו די ווערטער פון רעפ־ראַן זינגט ער נישט. ער שאַפט זיך זיינע אייגענע ווערטער, ווערטער אָן שורות, אָן גראַמען, ווערטער וואָס זענען דער ריטם פון זיינע אייגענע מחשבות, פּאַסט ער אַריין אין דער מעלאָדיע און זינגט זיי אָפט הויך אויפן קול ווען ער איז אַליין מיטן מדברדיקן נגב. מיטן נגב וואָס לאָזט זיך נישט אַריינפּאַסן נישט אין קיין מעלאָדיע און נישט אין קיין ווערטער.

„לנצח זכורנו את שמותינו״, האָט עוזי געפירט די בריטווע איבער זיינע קופּערנע באַקן און ווען די בריטווע האָט זיך געצויגן איבערן שפּי־ציקן עפּל אויף זיין אויסגעשטרעקטן האַלדז, האָט אַ קול מיט געיאָמער אַרויסגעוויינט פון אים. „בצדי הדרך מוטלים מתינו״, האָט דאָס קויל מיט דער יללה פון אַ בענקענדיקן אייזל זיך געריסן פון זיין האַלדז. ער האָט מיט דער בריטווע אַ טרייב געטון איבער אַן אינדזעלע שפּיזן־האָר אונטערן לעפּעלע פון רעכטן אויער, אַן אינדזעלע גרויס ווי אַ בראָ־דעווקע, וואָס האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון אונטערן ראַזיר־מעסער נאָר ס׳איז עס נישט געגאַנגען; ער האָט שנעל געמאַכט אַן עקספּעדיציע איבערן פּנים און ווען ער האָט געהאַלטן ביים איינלייגן די בריטווע האָט ער דערהערט ווי דער טאָרמאָז האָט זיך מיט רוגזה אָנגעלייגט אויף די רעדער פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך נאָרוואָס געלאָזט הערן אין די ווייטקייטן.

„זײ זענען דאָ!" האָט ער שנעל געווישט די רעשטלעך זײף פון זײן פּנים, האָט אַרויפגעכאַפּט אַן אונטערהעמדל, אַ כאַקענע העמד אויף זיך און איז אַרויס באַגעגענען זײנע געסט.

***

פון טאַקסי, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אַרײנגאַנג אין דער מיליטערישער פּאָליצײ־סטאַציע, זענען אַרויס יגאל, דליה פון נתניה, מרדכי און זײן יונגער זון דאַני. זײ האָבן אַלע געקענט עוזין. כאָטש זײ האָבן, מיטן אויסנאָם פון יגאלן און דליהן, אים געהאַט געזען נישט מער ווי אײנמאָל, אַ טאָג פריִער, ווען זײ האָבן אים באַגעגנט צופעליק אויף דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע אין תל אביב, פונדעסטוועגן האָבן אַלע געהאַט אַ געפיל, אַז זײ קענען שוין עוזין פון יאָרן, קענען אים שוין פון זײערע קינדער־ און יוגנט־טעג. באַלד ווי עוזי האָט דערזען אויף דער סטאַציע זײן געוועזענעם מיליטער־חבר יגאל, האָבן זײ זיך בײדע באַגריסט מיט אזא נאָענטער וואַרעמקײט ווי זײ וואָלטן געווען לײבלעכע ברידער. אי עוזי אי יגאל האָבן געהאַט אָפענע פּנימער, וואָס האָבן אַרויס־געשטראַלט אויפריכטיקע וואַרעמקײט און לויטערע ליבשאַפט. די צענט־ראַלע אויטאָבוס־סטאַציע אין תל אביב איז געווען געדיכט געפּאַקט מיט מענטשן. יעדער מענטש באַלאָדן מיט אַ וואַליזקע, מיט אַ קוישל, מיט אַ פּעקל, מיט אַן אָנגעשוואָלענער טעקע. אויפן אויטאָבוס קײן באר שבע האָט געוואַרט אַ לאַנגע רײע, אַ קײט מיט צעפּרײכטע מענטשן, פרויען, מענער, קינדער, זעלנער און זעלנערקעס. די אויטאָבוסן, ווי מעכטיקע מוראשקעס, האָבן זיך געראָיעט איבער דער ברײט און לענג פון דער סטאַציע. אָט זענען זײ צוגעפאָרן צו אַ רײע געדולדיק־וואַרטנדיקע פּאַ־סאַזשירן, האָבן צעעפנט זײערע מײלער און האָבן ווי שוואָמען אַרײנגע־זויגן אין זיך אַ גאַנצע קײט מענטשן, האָבן אַ קרעכץ געטון, געטון אַ קריץ מיט די צײנער און האָבן זיך ווי שלײענס געדרײט צווישן די צעמענטענע, אָפּגעצאַמטע סטעזשקעס און וועגלעך און שוין האָבן זײ זיך אַוועקגעטראָגן: דער אויטאָבוס איז גליל, דער אין עמק, דער קײן חיפה און דער קײן ירושלים. באַלד האָט זיך אויפן לײדיקן פּלאַץ פון דער פריִערדיקער שורה מענטשן פאָרמירט אַ נײע רײע, איז געוואָרן לענגער און עס האָט אויסגעזען ווי דורך אַ כישוף וואָלטן די מענטשן, וואָס זענען

נאָרוואָס אַוועק, צוריקגעקומען אויף זייערע ערטער ווידער צו שטיין און וואַרטן, אַז אַ נייער אויטאָבוס זאָל זיי איינשלינגען, פאַרצערן.

די רייע, וואָס האָט געוואַרט אויפן אויטאָבוס קיין באר שבע, איז געווען די לענגסטע, איז געשטאַנען אַ שטיק צייט, האָט אָנגעהויבן צו ווערן אומגעדולדיק.

יגאַלס פּנים האָט געשמייכלט צום אַרום. מרדכי האָט געפילט אַ בלייערנע שווערקייט אין די פיס; דליה פון נתניה און דער יונגער דאני האָבן געשטיפּט מיט די אויגן, מיט די קונציק־געמאַכטע פאַלדן אויף זייערע גלאַטע שטערנס.

„יגאלי!" האָבן זיי געהערט אַ שטימע רופן. אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן דערזען דעם קופּערנעם, דעם אָפן־וואַרעמען פּנים פון מיליטערמאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער הינטערשטער זייט פון דער אָפּגעצאַמטער רייע מענטשן.

„עוזי!" האָט יגאל אויסגעשטרעקט בײדע הענט צום מיליטערמאַן. ביידע האָבן זיך אַרומגענומען, האָבן געהאַלטן די הענט איינגעשלאָסן איינע אין דער אַנדערער.

„זייט באַקאַנט. דאָס איז קצין עוזי הדרומי און דאָס זענען מרדכי און זיין זון דאני, געסט פון אַמעריקע און דאָס איז... הא, איר קענט זיך דאָך, דליה פון נתניה!" האָט יגאל מיט אַ צעשטראַלטן פּנים פאָרגעשטעלט די וואָס האָבן מיט אים געוואַרט אויפן אויטאָבוס קיין באר שבע.

עוזיס וואַרעם־גלעטנדיקע הענט האָבן זיך איינגעגעסן אין די הענט פון די, וועמען יגאל האָט אים פאָרגעשטעלט. זיינע ליכטיקע, בלוי־גרויע אויגן האָבן געבליצט מיט נאָענטער פריינטשאַפט.

„וווהין פאָרט איר אַלע?"

„קיין נגבה!"

„אויף לאַנג?"

„אויף איבער נאַכט!"

„און וואָס טוט איר מאָרגן?"

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, האָבן נישט באַנומען די פראַגע.

„מיר רעכענען צוצופאָרן קיין באר שבע", האָט דליה פון נתניה אַ ווייז־געטון אירע צוויי רייען מיניענדיק־בלענדנדיקע ציין און אירע סאַמעט־שוואַרצע, טיף־קוואַליקע אויגן האָבן שטיפעריש געקוקט אויף עוזין.

„אויב איר האָט גאָרנישט קיין באַשטימטע זאַכן וואָס צו טון מאָרגן, קומט גאַנץ פרי קיין באר שבע וועט איר זיין מײַנע געסט און כ׳וועל אײַך מיטנעמען ווייט אין נגב אַרײַן, וועט איר זען ווי אַזוי אַ ישראל־שופט באַגייט זיך מיט די בעדוינער־פאַרברעכערס!“

„ווייט אין נגב!“ האָט דער יונגער דאני שוין „צעביעגעט“ זײַן פאַנטאַזיע; זײַן פּנים האָט זיך צעצונדן מיט נײַגער און זײַנע קײַלעכדיק־שוואַרצע אויגן, אויגן ווי זיי וואָלטן געמאַכט געוואָרן ביים זעלביקן פאַכמייסטער, וואָס האָט געפורעמט דליהס אויגן, האָבן דאָ געבליצט אויף מרדכין, דאָ אויף יגאלן, באַלד אויף עוזין און אָט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף דליהס עליון־פּנים, וואָס האָט נאָך אַלץ שטיפעריש־קלוג געשמייכלט.

„ווער וועט זײַן דער שופט פון די בעדוינער?“ האָט דליה נישט געקענט צוימען דעם געטאַמעוועטן נײַגער.

„איך, טאַקע איך אַליין!“ האָט עוזי אַ זאָג געטון.

מרדכי האָט אָפּגעמאָסטן עוזין פון קאָפּ ביז די פּיס. אים האָט איצט אויסגעזען אומגלויבלעך, אַז דער דאָזיקער עוזי מיט דער ווייך־גלעטנדיקער, מיט דער לולודיקער שטימע זאָל קענען זײַן אַ שופט, קענען זײַן אַ ריכטער און באַשטראָפער פון יענע פאַרווילדטע, וואַנדערנדיקע בעדוינער־שבטים, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבערן נגב.

„אַלזאָ, איר נעמט אָן מײַן אײַנלאַדונג?“ האָט עוזי זיך געווענדט צו יגאלן, צו דליהן, צו מרדכין און זײַן זון.

דער אויטאָבוס קיין באר שבע איז אָנגעקומען. די רייע האָט זיך גערירט פון אָרט. עוזי איז אַרײַן דער ערשטער אין אויטאָבוס, האָט פאַרנומען פּלעצער פאַר זײַנע מיטפאָרערס. נאָך איידער זיי האָבן זיך אײַנגעזעצט האָט עוזי אַ זאָג געטון: „איך נעם אָן, אַז מאָרגן גאַנץ פרי זענט איר מײַנע געסט אין באר שבע!“

„וויפל אַזייגער זאָלן מיר זײַן ביי אײַך?“ האָט יגאל געפרעגט.

„קומט אַרום זיבן, פריִער איז בעסער!“

דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט פון אָרט; האָט זיך אַרויסגעשלענגלט פון צווישן די וועגן אויף דער צענטראַלער אויטאָבוס־סטאַציע. אַ קנאָכיק־דאַרער, אַ נידעריקער ייִד מיט אַ שפּיציק ציגן־בערדל, מיט דינע פּאות, לאַנגע ווי שנורעוואַדלעס איז נאָכגעלאָפן נאָכן אויטאָבוס, האָט אַרײַנ־

געשריגן דורך די אָפענע פענצטער, האָט אויסגעזונגען מיט אַ ווייט, פרעמד קול: „בייגעלעך, בייגעלעך, אייזן! בייגעלעך, בייגעלעך, ניילאָן!" מענטשן האָבן אים אַרויסדערלאַנגט קופּערנע פּרוטות, ניקלנע מטבעות, האָבן אַ כאַפּ געטון די בייגעלעך און דער אויטאָבוס האָט אָנגעהויבן צו גיין שנעלער, האָט זיך אַ קערעווע געטון קונציק אין אַ זייטיקער גאַס אַריין, האָט אָנגעהויבן צו שניידן וועג, שלינגען הייזער, גאַסן און שוין איז ער געווען אויסער דער שטאָט, האָט זיך געטראָגן ווי אַ געיאָגטער איבער די שוואַרצע, אַספאַלטן־גלאַנציקע שאָסייען, וואָס פירן קיין נגבה, פירן קיין באר שבע.

מרדכי איז געזעסן ביי אַן אָפענעם פענצטער, האָט מיט צעעפנטע אויגן געקוקט אויף דער גרינער רחבות פונעם פלאַכן און באַרגיקן אַרום און האָט זיך צוגעהערט צו דער גלעטנדיק־מעלאָדישער שטימע פון שופט עוזי הדרומי און האָט דערביי געטראַכט: „קען דער־אָ עוזי טאַקע זיין אַ שופט? איז דער גאַנצער ענין, זיין פאָרן דאָ אויף די וועגן קיין נגבה, קיין באר שבע, זיין זיצן לעבן דעם מאָדנעם ישראל־שופט, וואָס דאַרף מאָרגן משפטן די בעדויִנער־שבטים פון נגב, זענען דאָס טאַקע ווירק־לעכקייטן אָדער עס זענען בלויז אַזעלכע אויסטערלישע חלומות, וואָס אָט, אָט חלומט ער זיי און באַלד וועט ווער אַ רוק טון אַ שטול אין הויז, דער טעלעפאָן וועט זיך צעקלינגען און ער וועט זיך אויפרייסן פון שלאָף און דער דאָזיקער מאָדנער חלום וועט זיין ווי זייפן־בלאָזן אין ווינט!"

גרינע פעלדער, זאַפטיקע, טראַגנדיקע, זענען געלאָפן, געפלויגן פאַר די אויגן און דאָ און דאָרט איז דער אויטאָבוס פאַרבייגעלאָפן אַן אַראַ־בישן דאָרף, וואָס איז געלעגן אין חורבות, האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַן אומגעלומפּערטער באַרג בלאָטע פאַרמישט מיט געטריקנטע שטרוי; סאָב־רעס מיט שפּיזלען, גראָבע בלעטער ווי גרינע פלעצל האָבן זיך געפלאָנ־טערט איינער אין אַנדערן, זענען געווען באַדעקט מיט שיכטן שטויב ווי דין־געמאָלענע מעל.

מרדכי האָט נישט געוווּסט וווּ און ווי אַזוי דער וועג איז דורכ־געלאָפן.

„מיר גייען דאָ אַראָפּ!" האָט זיין זון, דאני, אים אַ וועק געטון.

„זעען מיר זיך מאָרגן גאַנץ פרי!" האָט עוזי הדרומי דערלאַנגט מרדכין אַ ווייכע, אַ וואַרעמע האַנט.

„מאָרגן, געוויס מאָרגן!״ האָט מרדכי גערעדט ווי פון שלאָף.

עוזי איז אַוועק מיטן אויטאָבוס קיין באר שבע; די איבעריקע זענען געגאַנגען פון הויפּטשאָסיי, געגאַנגען מיטן זאַמדיקן וועג, מיטן וועג וואָס פירט פאַרביי דער לעגענדאַרער פּאָליציי־סטאַציע לעבן נגבה, די משטרה, וואָס שטייט ווי אַ זיפּל דורכגעלעכערט, און יעדעס לאָך אין דער משטרה דערציילט אַ באַזונדער מעשהלע פון אַ יונג ייִדיש לעבן, וואָס איז ווי אַ פרילינג־פלאַנץ אָפּגעהאַקט געוואָרן אין אַנהייב בליִען.

***

אָט־דאָס איז געשען ערשט נעכטן און איצט, ווען עוזי האָט געהערט ווי אַ מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ קרעכץ בײַם אַרײַנגאַנג צו דעם „ממשול צבאי״, האָט ער געוווּסט, אַז דאָס זענען געקומען צו אים די געסט, וואָס ער האָט נעכטן אײַנגעלאַדן, די געסט, וואָס זענען איבערנאַכט געבליבן אין דער טויזנט־און־איין־נאַכטיקער נגבה.

עוזי האָט נאָך געקנעפּלט דאָס כאַקענע העמד אויף זיך ווען ער איז אַרויס אויפנעמען די געסט. ער האָט יעדן פון זײַנע געסט געדריקט די האַנט, האָט זיי פאַרבעטן צו זיך אין צימער, געהייסן וואַרטן ביז ער וועט מאַכן טיי. ער האָט געשיקט פאַרדעקט זײַן בעט און האָט אָנגעוויזן אויף שטולן צום זיצן. מרדכי האָט די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים, האָט אַלץ געוואָלט דערגיין ווי אַזוי דער דאָזיקער עוזי מיט די צוויי קינדער־ריש־שפּילעוודיקע, גוטמוטיקע אויגן, מיטן ברייטן שמייכל אויפן קופּער־נעם פּנים, ווי אַזוי ער וועט קענען פּלוצלונג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שופט, וואָס וועט דאַרפן רעדן האַרבע רייד, וועט דאַרפן שטראָפן און באַשטראָפן די בעדוי:נער־פאַרברעכער פון ווייטן נגב; „אַפילו די לאַנגע, דינע, נאַקעטע פיס, אַפילו די פיס זײַנע פּאַסן עפּעס נישט פאַר קיין שופט״, האָט מרדכי געטראַכט.

עוזי האָט זיך דערוויַל געפּאָרעט אַרום גלעזער טיי ווי רויטער ווײַן. זײַן סגן, אַ געהילף־ריכטער, אַ טונקל־הויטיקער, ברייטפּלייציקער מצרי־שער ייִד, מיט וואָנצעלעך ווי צוגעטשעפּעטע צו זײַן אייבערשטער ליפּ, מיט אַ קײַלעכדיק־לאַכנדיקן פּנים, האָט עוזין צוגעהאָלפן דערלאַנגען טיי.

אין גאַס האָט זיך געהערט אַ הילכיק סקריפּען פון אַ מאָטאָר און אַ טרומייטער האָט אַ שאַל געטון.

„דער דזשיפּ איז דאָ!" האָט עוזי געלאָזט וויסן זײַנע געסט.

עוזי און זײַן סגן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מיליטערישע בעט־רעטן, וואָס זיי האָבן ביז איצט געטראָגן. זיי האָבן אַ נעם געטון אַ פּעקל פּילקאָליריקע פּאַטשיילעכלעך, פּאַטשיילעכלעך מיט פראַנדזן, אויסגעהאַפּ־טענע, אויסגענייטע און זיי האָבן פלינק געטון אַ פלעכט אויס טורבאַנען אַרום זייערע קעפּ. זיי האָבן אויך אָנגעטון טורבאַנען אויף די קעפּ פון יגאַלן, פון דאַניך; מרדכי איז געבליבן אין זײַן שטרויענעם פּאַנאַמאַ־הוט און דליה פון נתניה האָט פּאַרוואָרפן אויף אירע טונקל־ברוינע האָר אַ קאָליר־רײַך טיכל, עס פּאַרנומען פון הינטן און באַלד איז זי פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרינצעסין־ציגאַנקע. לעבן איר איז געשטאַנען דער יונ־גער דאַני און זײַן שוואַרצער, געקרייזלטער קאָפּ, זײַנע שוואַרץ־זײַדענע, גרויסע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון טורבאַן אַרויס. ער האָט איצט אויסגעזען ווי אַ פּרינץ פון דעם הויז פון דוד המלך, פון דעם הויז פון קעניג שלמה.

„פּאַרן מירו!" האָט עוזי אַ רוף געטון און מרדכי האָט דערהערט עפּעס אַ נײַעם קלאַנג, אַ פרישן, אַן אויסטערלישן טאָן, וואָס איז נאַרוואָס אַרויסגעקומען פון עוזיס ליפּן. ער האָט אַ קוק געטון אויף עוזין און האָט דערזען, אַז דער זעלביקער עוזי איז בכלל עפּעס אַנדערש געוואָרן איצט. ער האָט אויסגעזען מיטאַמאָל העכער, מוסקולירטער, שטאַרקער און זײַנע אויגן זענען געוואָרן שאַרפער, שפּיזיקער, שטרענגער אַפילו. דער טורבאַן אַרום זײַן קאָפּ האָט אַקצענטוירט זײַן הויכן, מענלעך־שטאַרקן שטערן; זײַן נאָז איז געוואָרן מער פּראָמינענט און אַ שטיקל, אַ טייל פון זײַן שמייכל, וואָס האָט איצט זיך געשפּילט אויף זײַן פּנים, איז פּאַר־שווּנדן געוואָרן.

„ער הייבט אָן מגולגל צו ווערן פון עוזי הדרומי דעם קינדעריש־צאַרטן אין עוזין דעם שופט פון נגבֿ!" האָט מרדכי אַ זאָג געטון צו זיך אַליין. ער האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט עוזין און האָט באַלד חרטה געהאַט אויף זײַן נײַעם געדאַנק: „אַפילו איצט איז ער נאָך אַלץ צו צערטלעך־האַרציק ער זאָל קענען ווען עס איז איבערגײן און ווערן אַ שופט, אַ שטרענגער ריכטער פון בעדווינער־שבטים אין וויסטן נגבֿ", האָט מרדכי באַשלאָסן.

דער מיליטערישער דזשיפּ האָט געסאָפּעט שווער. צוויי הילצערנע

בענק זענען געשטאַנען גרייט אויף זיין הינטערשטן טייל, דליה פון נתניה האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן שאָפער; אויף אַ העכער קעסטל, ביי דער זייט פון דליהן איז געזעסן עוזי; די געסט זענען געזעסן אויף די בענק, מיט זיי דער סגן, דער געהילף־ריכטער מיטן קיילעכדיק־שמייכלענדיקן פנים, און אויפן דיל פון דזשיפ, מיט די פיס אונטער זיך, זענען געזעסן דריי אַראַבער, וואָס זענען מיטגעפאָרן זיך משפטן מיט זייערע בעדוי־נער־ברידער.

דער דזשיפ האָט זיך צעהוסט, האָט אַ רעווע געטון און האָט זיך גערירט פון אָרט.

***

אומענדלעך, ווייט, פלאַך און גרוי ציט זיך דער נגב הינטער באר שבע. די זון הערשט אומגעשטערט איבער די גרויע פלאַכן; ביי די האָרי־זאָנטן באַגעגענען זיך הימל און ערד און מען ווייסט נישט ווו עס ענדיקט זיך ערד און ווו דער הימל הייבט זיך אָן. די שטילקייט אין נגב איז פאַרטויבנדיק און היימלאָזע ווינטלעך איילן זיך און לויפן אויף זייערע באָרוועסע פיס און קענען קיין אָפּרו נישט געפינען אויף די פאַריתומטע גרעזלעך, וואָס שטייען פאַרחלשט און לעכצן נאָך אַ טראָפּן וואַסער.

דער דזשיפ, ווי אַ פאַנטאַסטיש־יענעוועלטיקע באַשעפעניש, האָט צעמאַלן אונטער זיינע גרייצערדיקע רעדער, בערגלעך און גרודעס זאַמד, וואָס האָבן זיך ווי עס איז געהאַלטן צוזאַמען דער ווינט זאָל זיי נישט צעטרייבן. די רעדער האָבן געשלונגען שטיקער מדבר; דער מאָטאָר האָט דורכגעשפּיזלט די נגבדיקע שטילקייט און זיין רעווען האָט זיך אומהיימ־לעך געטראָגן איבער די איין־סופיקע פלאַכן, זיך געטראָגן ערגעץ ווייט, ווייט אַוועק, ביז דאָרט ווו ערד און הימל קומען זיך צוזאַמען.

די הייזער, גאַסן און געסלעך, די פלאַנצן און ביימער פון באר שבע זענען שוין לאַנג אָפּגעמעקט געוואָרן פון האָריזאָנט הינטערן דזשיפ. פון ווייטן, אויף ביידע זייטן פון דזשיפ האָבן אויף די גרויע פלאַכן זיך גע־הויבן גייזערס זאמד, זיך געהויבן צו די הייכן, זיך געדרייט ווי גרייצערס, זיך פאַרמירט דאָ אין גלייכע, אויפגעשטעלטע זיילן, זיילן אַזעלכע ווי די זיילן פון אַ גיגאַנטיש משונהדיקן פּאַלאַץ, און דאָ זענען זיי גאָר פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין מעכטיקע, האַלב־דורכזיכטיקע לייעקעס, שפּיציק־

שמאָל ביי דער ערד און ברייט, קיילעכדיק, אָפּן, ווי אַ רונדיק מויל, אין דער הויך, און אָט זענען זיי גאָר געוואָרן זאַמדיקע ווולקאַנען, וואָס האָבן זיך געהויבן הויך און העכער, זיך געשאָקלט ווי לולבים, זיך געבויגן צו דער זייט, צו דער אַנדערער זייט, זיך געשפּרייט, זיך געקאָרטשעט און זענען צוגעפאַלן צו דער גרוי־פאַרטריקנטער ערד. שטויב איז געגאַנגען צו שטויב!

פון הינטערן דזשיפּ האָבן די רעדער געשפּיגן מיט וואָלקנס זאַמד. די וואָלקנס זאַמד ווי „עמוד הענן׳ס" פאַר די ייִדן אַמאָל אין מדבר, האָבן פאַרשטעלט דעם נגב פון הינטערן דזשיפּ. האָבן געשאַפן אַ וואַנט צווישן די מענטשן אויפן דזשיפּ און דעם פּלאַץ, דאָס אָרט ווו זיי זענען נאָרוואָס דורכגעפאָרן.

איבער לעכער, ווי אויסגעגריזשעט מיט בייזע, ווילדע ציין, איבער בערגלעך, ווי אָנגעביילטע פויסטן, האָט דער דזשיפּ זיך געיאָגט אַלץ פאָרויס, צום האָריזאָנט צו, און די אַראַבער אין דזשיפּ, שווייגנדיק־מדבר־דיקע ווי דער נגב, האָבן זיך געטרייסלט אויף דער פּאָדלאָגע פון דזשיפּ. זייערע טורבאַנען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אונטער די געפלאָכטענע, שוואַרצע בייגל אַרום זייערע קעפּ, האָבן זיך געוואָרפן אויף זייערע נאַקנס, אַקסלען האָבן זיך געבלאָזן ווי פּענכערס, וואָס אָט, אָט גייען זיי פּלאַצן. פון צייט־צו־צייט האָט איינער, אַ צווייטער פון די אַראַבער אויפגעהויבן די אויגן צום מדבר, אַ בליק געוואָרפן אויף דליהס פּלייצע אויף איר קאָפּטיכל, וואָס האָט זיך געהוידעט אין ווינט און אַ מאָדנער בליץ האָט אַ בליאַסק געטון אין זייערע פאַרחלומטע, פאַרשלאָסענע אויגן.

מרדכי איז געזעסן אויף איינער פון די האַרטע בענק, האָט זיך מיט ביידע הענט צוגעהאַלטן דאָ צו דער באַנק, דאָ צום ווענטל פון דזשיפּ און זיין בליק איז געווען צוגענאָגלט צו דער אומענדלעכער ווייטקייט, וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר אים. אַ פּחד, אַן אימה און אַן אומעט איז אים באַפאַלן. ער האָט געקוקט אויפן דזשיפּ, וואָס האָט געריסן ערד אונטער זיך, האָט געקוקט אויף זיין זון, האָט געקוקט אויף עוזין, וואָס איז געזעסן גלייך ווי אַ ווירע און האָט פון מינוט צו מינוט אָנגעהויבן אַלץ מער צו באַציִען אויף זיין פּנים דעם ערנסט און די שטרענגקייט פון אַ שופט, האָט געקוקט אויף זיך אַליין און האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דער מענטש איז נישטיק, קליין, נידעריק ווי אַ ווערעמל אין פאַרגלייך מיטן זאַמדיקן

ים, וואָס ליגט אויסגעגאָסן פאַר און הינטערן דזשיפּ. ער האָט אויך באַמערקט די פלעמלעך אין די אויגן פון די אַראַבער, פלעמלעך, וואָס האָבן זיך געצונדן ווען זיי האָבן געקוקט אויף דליהן, וואָס איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו זיי.

„וווהין פאָרן מיר? ווו ווילן מיר, ווו ווען מיר אָנקומען?" האָט מרדכי זיך אַ פרעג געטון.

פון ווייטן, ווי פון הינטער אַ באַרג, כאָטש קיין באַרג איז אין ערגעץ נישט געווען, האָבן זיך באַוויזן דאָ און דאָרט פינטעלעך, טונקעלע פינטעלעך, שוואַרצע, באַוועגלעכע פינטעלעך, וואָס זענען געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. ווי די פינטעלעך וואָלטן געקראָכן אויף פלאַכע טרעפלעך אַזוי האָבן זיי זיך געהויבן העכער און העכער איבערן האָריזאָנט און וואָס שנעלער דער דזשיפּ איז געלאָפן צו זיי, אַלץ גרעסער זענען די פינטעלעך געוואָרן. מיט ברייט־צעעפנטע אויגן האָט מרדכי געגנישטערט דעם אַרום און האָט דערזען גלייך פאָרויס פאַרן דזשיפּ ווי עס שאָטנט זיך אַ נידעריק הייזל און איבערן הייזל פלאַטערט עפּעס אין ווינט. דער דזשיפּ איז געוואָרן אויפגעלייגטער, פריידיקער, האָט אָנגעהויבן אונטערצוטענצלען, האָט זיך געריסן אימפּעטיקער צום שטיבל צו. די פינטעלעך פון אַלע זייטן פון האָריזאָנט האָבן זיך אויך געצויגן צום שטיבל צו, דאָרט אַהין ווו דער דזשיפּ איז געפאָרן. די פינטעלעך זענען שוין איצט געוואָרן פאַרוואַנדלט אין פלעקן אויפן זאַמד, אין געשטאַלטן וואָס הוידען זיך אַנטקעגן האָריזאָנט, און באַלד האָט מרדכי דערזען, אַז פון די פינטעלעך זענען געוואָרן אויסגעצערטע קעמלען מיט לאַנגע העלדזער, וואָס ציִען זיך צום הימל, מיט שטעקלדיקע פיס, וואָס נורען זיך אין זאַמד און אויף די קעמלען זיצן שווייגנדיק־מדברדיקע אַראַבער און שאָקלען זיך מיט די קעמלען. און אָט איז גאָר אָנגעריטן אַן אַראַבער אויף אַ פלינק־שוימעדיקן, גלאַנציקן פערד און דאָ און דאָרט שפּרייזט אַן אייזעלע; אויף זיין געזעס זיצט אַן אַראַבער; די פיס פון אַראַבער הענגען נאָך ווי געליימטע, רירן אַזש אָן דאָס זאַמד פון נגב און זיי טרייסלען זיך און שאָקלען זיך ווי זיי וואָלטן געווען צוגעסטריגעוועטע; און פון אַלע זייטן פאָרן אַלע, פונקט ווי דער דזשיפּ, צום שטיבל, וואָס איז שוין איצט באַדעקט מיט לויטער זילבער און איבערן שטיבל פלאַטערט אַ פאָן, און די פאָן איז ווייס, איז בלוי, און אַ מגן־דוד שיינט אַראָפּ פון איר און שמייכלט צום נגב.

דער דזשיפּ האָט געטון אַ פּאָר פּריידיקע נאָסן, האָט זיך עפּעס מאָד־נע צעכאָכאָטשעט, האָט זיך צעהירזשעט ווי אַ יונג זשרעבעקל און איז געבליבן שטיין פאַר דעם ווייס־געקאַלכטן, שטיינערנעם הויז, וואָס האָט מיט אויסגעשלאָפענע אויגן געקוקט צום אומענדלעכן אַרום.

אַרום הויז, ביי דער שאָטנדיקער זייט פון הויז, זענען אַראַבער גע־זעסן מיט פיס אונטער זיך, מיט די הענט פאַרלייגט, מיט אַ קופּערנער שווייגעניש אויף זייערע פּנימער.

ווי דער דזשיפּ וואָלט זיי אויפגעריסן פון זייער נגבדיקן דרימל אַזוי האָבן זיי זיך אַלע אַ שטעל געטון אויף די פיס.

עוזי הדרומי האָט דער ערשטער אַ שפּרונג געטון פון דזשיפּ אַרויס. די הויט אויף זיין פּנים איז איצט געווען שטייף. דער שטערן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער זיין טורבאַן, איז געווען הויך, אָנגעצויגן; די בלוי־גרויע אויגן שפּיזיק, שאַרף, אַלץ אַרומנעמענדיק, די גאָמבע שטאַרק, אָנגעשפּיצט, פּאַרויסיק.

אַלע זענען אַראָפּ פון דזשיפּ. מרדכי איז געווען בלויז אויגן; דליה פון נתניה האָט געגאַפט; דאני האָט גאַלאָפּירט מיט זיינע שוואַרץ־זיידענע אויגן. יגאל איז געשטאַנען פאַרגליווערט. די אַראַבער לעבן הויז, אַרום דזשיפּ, זענען געשטאַנען הכנעהדיק, געבויגן, האָבן געשמייכלט מיט שור־רות ציין ווי לויטערער פּוך. פון הויז איז אַרויסגעקומען אַ ניעדריקער אַראַבער, זיינע קינבאַקן קנאָכיק, זיינע אויג — נאָדלען, זיין שוואַרץ בערדל — אַ שנורל אַרום די באַקן און מעסערדיק־שאַרף ביי דער גאָמבע, זיין טור־באַן אויסגעוויקלט קונציק און דער שוואַרצער מאַנטל אויף זיינע ברייטע אַקסלען, באַזוימט מיט אַ גאָלדענער עטרה. פון אונטערן מאַנטל האָט אַרויסגעקוקט אַ טוניק ווי ביי אַ טשערקעס און די טוניק איז געווען פאַרנומען אין פאַלדן; אַ ברייטער פּאַס איז באַזעצט מיט אַ שנאָל, מיט גלאַנציקע, מעטאַלענע קנעפּ און קעפּלעך פון טשוועקלעך, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אוזאָרן; די טוניק האָט אין זיך קעשענעס און קלע־נערע קעשענקעלעך און פון די קעשענעס קוקן אַרויס דאָ אַ שרייב־פּע־דער, דאָרט פּאַפּיר, דאָ אַ פּאַקעט דאָקומענטן, און אָט זיצט אַ הענטל פון אַ רעוואָלווער, וואָס איז אַריינגעשטעקט מיטן נאָז אַראָפּ אין אַ שייטל אַריין. אַרום גאַרטל הענגען נאָך בייטעלעך מיט פוליעס און ביי דער רעכטער האַנט הענגט ביים פּאַס אַ בלאַנקענדיקער שטילעט, אַ מין קליין־

געדרייטער סימיטאַר, וואָס זיצט אין אַ זילבערן שייטל, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט פאַרשיידענע צייכענונגען.

„סאַלאַם!“ האָט ער באַגריסט דעם שופט, באַגריסט די געסט. זיין נאָז, ווי ביי אַן אָדלער, האָט זיך אָנגעשפּיזט, זיין שאַרפע גאָמבע, באַדעקט מיטן שפּיציקן בערדל, האָט זיך געצויגן אויף פאָרויס, זיינע בלאַנקענדיקע ציין האָבן געשמייכלט. ער האָט שנעל אַ שפּאַציר געטון מיט זיינע פלינקע אויגן איבער די פנימער פון די געסט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דליהן. זיינע אויגן זענען געוואָרן נאָדלען און די שפּיצן פון די נאָדלען האָבן אָנגעהויבן צו בליצן.

„קיף האַלעק!“ האָט ער זיך ספּעציעל פאַרנייגט פאַר דליהן, האָט זיך געבויגן ביז די קני און האָט דערביי געפּרעסט אַ האַנט צום האַרץ.

„אילהאַם דלילה!“ האָט דליה פאַרמיטן די אויגן פון צעפּלאָמטן אַראַבישן שייך, וואָס איז געשטאַנען פאַר איר. איר פּנים האָט זיך גערויטלט. אירע אויגן האָבן געפינקלט. זי האָט זיך פאַרקוקט אויפן מדבר, אויף די ווייטע האָריזאָנטן ווו הימל און ערד בלענדן זיך.

עוזי האָט דערזען די פייערלעך אין שייכס אויגן, האָט דערזען ווי זיין קופּערנער פּנים ווערט צעהיצט, דערהערט אַ ציטער אין שייכס שטימע.

„לאָמיר אַריינגיין, יוסוף איבן כאַמיד!“ האָט עוזי זיך געווענדט צום שייך.

יוסוף איבן כאַמיד האָט זיך אויפגעריסן פון זיין פאַרכישופטקייט, האָט אַ קוק געטון אויף עוזין, אויף די געסט אַרום, האָט זיך פאַרלוירן. פאַרשעמט: „כ׳גיי, אָט גיי איך, אדוני!“ האָט ער געזאָגט מיט הכנעה. ער האָט שנעל אַ וואָרף געטון די אויגן צו דליהן. זי איז נאָך געשטאַנען, האָט געקוקט אויפן אַרום, האָט זיך נישט געוואָלט אָנטרעפן מיטן שייכס אויגן.

די זון האָט געשטראָמט מיט ימען ליכט, מיט אוצרות זילבער, מיט פלאַכטעס היץ. אין רוים זענען געהאָנגען דינע, דורכזיכטיקע טיולן; אַרום דער שטיינערנער געביידע, מיטן וויס־בלויען פענדעלע איבערן דאַך, זענען געשטאַנען אייזעלעך, אייניקע געפּענטעטע ביי די הינטערשטע פיס, אַנדערע פרייע; אייניקע מיט קליינע טעפּיכער, מיט זאָטעלעך אויף זייערע רוקנס, אַנדערע נאַקעטע; דאָ און דאָרט האָט זיך אַרומגעדרייט אַ

פאַרטראַכט פערד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט געזוכט אַ גרעזעלע, עס באַשמעקט, אַ לעק געטון און איז אין יאוש ווייטער געגאַנגען, גע־גאַנגען זוכן עפּעס בעסערס. אָפּגעזונדערט פון אַלע, ווי אין אַ וועלט פאַר זיך, זענען געזעסן דאָ אַ גרוי־ווייסער קעמל און דאָרט אַ קעמל מיט אַ טונקל־גרויער פעל. זיי האָבן געהאַלטן די שטעקלדיקע פיל פאַר־לייגט אונטער זיך. זייערע לאַנגע העלדזער האָבן זיך געצויגן צום הימל; זייערע קעפּ האָבן זיך געשטרעקט צו די הייכן; זייערע אַלטע גאָמבעס האָבן געציטערט און די ליפּן האָבן זיך באַוועגט ווי אין אַ לחשדיקער תפילה. פון צייט צו צייט האָבן זיי אַ קיי געטון די ליידיקייט אין זייערע מיילער און זענען געבליבן זיצן שטיל, פאַרחלומט, פאַרטראַכט. אין זייערע אויגן איז געלעגן דורותדיקע חכמה און אויף זייערע פּנימער, אַן הבל־הבלימדיקע גלייכגילטיקייט צו אַלץ און אַלעמען אַרום זיי.

אַראַבער מיט ווייס־ברודיקע טורבאַנען אַרום זייערע קעפּ, מיט גע־פלאָכטענע, שוואַרצע רינגען אַרום די טורבאַנען, זענען איצט געזעסן האַרט ביי די ווענט, אין שאָטן פון די ווענט.

עוזי הדרומי, נאָך אים זיין סגן סעדיה חלף און נאָך זיי די געסט זענען אַריין אין דער שטיינערנער געביידע. דער שייך איז זיי נאָכגע־גאַנגען, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט איז דער לעצטער געגאַנגען דער יונגער, בלאָנדער שאָפער פון דזשיפּ, יהודה מירון.

עוזי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין צענטער פון לאַנגן, שמאָלן טיש, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט פון גרויסן צימער, וואָס האָט געהאַט בלויז איין קליין פענצטערל אין אייבערשטן טייל פון דער וואַנט. אויף זיין רעכטער זייט האָט זיך געזעצט זיין סגן סעדיה, לעבן אים דער שאָ־פער יהודה. זיין רעוואָלווער האָט יהודה אַוועקגעלייגט פאַר זיך אויפן טיש. עוזי האָט פאַרבעטן מרדכין, ער זאָל זיך זעצן אויף זיין לינקער זייט. דליה האָט זיך געזעצט לעבן מרדכין און דאַני און יגאל האָבן זיך געזעצט ביי דער זייט פון טיש.

שייך יוסוף איבן כאמיד האָט גענומען אַ שטול, האָט זי צוגערוקט נאָענט צום טיש; איז געבליבן זיצן אַנטקעגנאיבער דליהן. זיינע ליפּן האָבן געגלאַנצט ווי ער וואָלט זיי נאַרוואָס געהאַט באַדעקט מיט פעטס. ער האָט די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט פון דליהן. דליה איז געזעסן און איר פּנים האָט איצט אויסגעזען מער צעפלאַמט ווי פריער, ווען זי איז גע־

שטאַנען אונטער דער ברענענדיקער זון. זי האָט געקוקט דאָ צו עוזין, דאָ צו מרדכין. מרדכי האָט געזען ווי דער שייך לאָזט נישט אַראָפּ דעם בליק פון דליהן, האָט געזען ווי דליה מיידט אויס דעם שייכס אויגן. מרדכין איז איצט מיטאַמאָל באַפאַלן אַ מאָדנער פּחד. ער האָט באַמערקט ווי שייך יוסוף שפּילט זיך מיטן שייטל פון זיין קינדזשאַל; נעמט אַרויס דאָס געדרייטע, חלפדיקע מעסער פון שייטל, דאָס מעסער טוט אַ בליאַסק ווי דעם שייכס אויגן און אָט שטעקט דער שייך דעם חלף צוריק אַריין אין שייטל.

די טיר פון צימער האָט זיך געעפנט. דריי באַוואָפנטע אַראַבער זענען אַריינגעקומען. זיי האָבן געטראָגן ביקסן אויף די אַקסלען, רעוואָלווערן ביי די גאַרטלען, קורצע שווערדלעך און בייטלען קוילן אויף זייערע פּאַסן. זיי האָבן זיך היימיש באַגריסט מיט עוזין, מיטן שייך יוסוף. עוזי האָט מיט זיי גערעדט מיט אַ קול ווי די נאָזלעכער וואָלטן אים געווען פאַר־פאַקט. זיי האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, געשמייכלט מיט שורות בלאַנ־קענדיקע ציין. צוויי זענען אַרויס, עוזי האָט אַ נעם געטון אַ פּאַק פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן פאַר אים; האָט געבלעטערט די דאָקומענטן. באַלד האָט די טיר זיך ווידער געעפנט. איינער פון די באַוואָפנטע אַראַבער האָט אַריינגעפירט אַ בעדוינער. ער איז געבליבן שטיין הכנעהדיק ביי דער טיר.

„דיין נאָמען?" האָט עוזי געפרעגט.

מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט וויסן פון וואַנען די קלאַנגען קומען, וועמענס קול ער הערט. ער האָט געזען, געהערט, אַז עוזי רעדט, עוזי הדרומי, אָט דער מיט וועמען ער האָט זיך ערשט נעכטן געטראָפן אין תל אביב, דער מיט וועמען ער איז נאַרוואָס געקומען פון באר שבע. דאַכט זיך דער זעלביקער עוזי און דאָך, ניין, נישט דער זעלביקער, אַן אַנדערער עוזי זיצט פאַר אים. זיין פּנים איז טונקעלער, זיינע אויגן טיפער, זיין שטערן — מער צעקאַרבט, העכער, שטייפער, און זיין קול איז עפּעס אַ פרעמדס, אַ וויטס, אַ מדברדיק קול.

„חסן אבו אהמעד!" האָט דער אַראַבער געענטפערט מיט אַ שטיל, געלאַסן קול.

עוזי האָט אַ זוך געטון צווישן די דאָקומענטן. זיין סגן סעדיה האָט דערוויל געלייענט פון אַ בייגעלע פּאַפּיר די קלאַגע קעגן באַשולדיקטן חסן:

„פיר ציגן, פיר ציגן האָסטו אַרויסגעפירט, אַוועקגעפירט צו זיי דאָרט!" האָט עוזי איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס סעדיה האָט געליי־ענט. „האָסט פאַרבראָכן קעגן די געזעצן פון מדינת ישראל!" האָט עוזיס שטימע, פרעמד און ווייט און קאַלט זיך געהויבן. דער בעדווינער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט געשוויגן ווי די וואַנט.

„דיין שטראָף איז פאַרן ערשטן פאַרברעכן פינף־און־צוואַנציק ליי־רות!" האָט עוזיס שטימע געשניטן די שטילקייט.

אַ ציטער איז דורך דעם בעדווינערס פנים, זיינע אויגן האָבן אַ בליץ געטון.

„איך בין...״! האָט דער אַראַבער אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען.

„האָסקאָט, זיין שטיל!" האָט עוזיס קול אַ בייטש געטון די לופט.

דער בעדווינער האָט אָנגעהויבן צו זוכן זיין פּאַס, זוכן זיין בייטל, וואָס העגנגט נאָך נאָכן פּאַס. ער האָט צעעפנט דעם בייטל, האָט מיט ציטערנ־דיקע הענט געציילט די פונטן, האָט זיי אַוועקגעלייגט פאַר עוזין.

עוזי האָט אויסגעשריבן פאַר אים אַ קבלה, האָט דערלאַנגט די קבלה דעם בעדווינער.

„איך האָב געוואָלט...!" האָט חסן ווידער עפּעס אָנגעהויבן רעדן; זיין פנים איז איצט געווען באַדעקט מיט אַ וואָלקן. עוזי האָט בליץ־שנעל אַ קוק געטון אויף אים.

„האָסקאָט, זיי שטיל, אַגגעדו! גיי אַרויס!" האָט ער באַפוילן. חסן האָט פאַרביסן די ליפּן, האָט זיך געשאַרט צו דער טיר, איז אַרויס פון צימער.

איינער נאָכן אַנדערן זענען אַריינגעקומען די בעדווינער, וואָס זענען ביז אַהער געזעסן שטילע ווי די קעמלען אין נגב, און האָבן זיך געשטעלט פאַרן שופט עוזי הדרומי. איינער האָט געטראָגן אַ ברייטן שמייכל אויפן פנים, איינער איז געווען פינצטער ווי די נאַכט; איינער איז געשטאַנען גלייך ווי אַ ווירע; אַ צווייטער איז געווען געבויגן ווי אַ פולע זאַנג אין פעלד.

זיי האָבן אויסגעהערט די באַשולדיקונגען קעגן זיי; האָבן געהערט די שטראָף, וואָס דער שופט פון מדינת ישראל, עוזי הדרומי, האָט זיי אַרויסגעגעבן און זיי האָבן, ווער מיט אַ פּראָטעסט אין דער שטימע, ווער מיט הכנעה, ווער מיט פרייד און ווער מיט אָפענער דאַנקבאַרקייט, באַ־

צאָלט די שטראָפן און זיי האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן אַרויסגעשאַרט ווי שאָטנס.

עוזי האָט צו יעדן גערעדט מיט אַן אַנדער קול, מיט אַנדערע טענער, דאָ האָט זיין שטימע געקלונגען באַפעלעריש־שטאַרק, באַלד איז זי גע־וואָרן מילד־שטראָפעריש און שוין איז זי געווען גלעטנדיק־טאַטעדיק.

און אָט זענען פאַר אים געשטאַנען צוויי יונגע בעדוי:נער, זייערע פּנימער האָבן געשמייכלט, זייערע אויגן געפינקלט.

„קיף האלעק, מאכמוד, קיף האלעק, אבדול!" האָט עוזי זיי באַגריסט. שייך יוסף איז אויפגעשטאַנען, האָט זיי אַרומגענומען; איז באַלד צוריק געווען אויף זיין פּלאַץ. האָט ווידער אָנגעשטעלט זיינע שפּיזלען־אויגן אויף דליהן. דליה איז איצט געווען פאַרנומען, האָט געוואָרפן איר בליק דאָ אויף עוזין, דאָ אויף די צוויי יונגע בעדוי:נער און באַלד האָט זי גע־שמייכלט צום יונגן דאני, וואָס איז געזעסן, האָט אויסגעזען ווי אין אַ טראַנס, האָט אַלץ געוואָלט זען, באַנעמען, פאַרשטיין.

די צוויי יונגע בעדוי:נער האָבן געטראָגן ריינע, ווייסע טורבאַנען, לאַנגע, שוואַרצע מאַנטלען און פון אונטער די מאַנטלען האָבן אַרויסגע־קוקט די כאַקענע קליידער פון דער אַרמיי פון מדינת ישראל.

„וואָס איז מיט דיר, מאכמוד, און מיט דיר, אבדול?" האָט עוזי געשמייכלט מיט זיין באַר־שבעדיקן שמייכל צו די צוויי בעדוי:נער.

„שולדיק, אַדוני, שולדיק, קצין עוזי!" האָט געזאָגט מאַכמוד און אַבדול האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

סעדיה האָט געלייענט פון אַ בייגעלע פּאַפּיר: „מאכמוד און אבדול! געוועזענע זעלנער אין דער אַרמיי פון מדינת ישראל,ביידע וועטעראַנען, האָבן אין דער נאַכט פון... געקויפט ביי סעיד מאנאן, צוויי שטיקער סחורה, וואָס דער דאָזיקער סעיד מאנאן האָט אַדורכגעפירט דורך דער מצרישער גרענעץ קיין ישראל אָן אַ דערלויבעניש".

„איר האָט געוווסט, אַז די סחורה איז אַ געשמוגלטע?" האָט עוזי געפרעגט.

„געוווסט, אַדוני!" האָט מאכמוד אַ קלאַפּ געטון מיט די פיס ווי אַ זעלנער ביים סאַלוטירן און אבדול האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„אַ געוועזענער זעלנער פון צבא הגנה לישראל האָט געמעגט וויסן,

אַז עס איז אַ פאַרברעכן קעגן גענזעץ פון לאַנד!" האָט עוזי אָנגעשטעלט די אויגן, מילדע אויגן, שטראָפנדיקע אויגן אויף מאכמודן, אויף אבדולן.

„נישט ריכטיק געהאַנדלט, אַדוני!" האָט מאכמוד געשמייכלט מיט אַלע ציין.

„מיר בעטן סליחה, אדוני!" האָט אבדול געשטאַמלט.

„גיט מיר אייערע דאָקומענטן!" האָט עוזי מיט אַ שטאַרקער שטימע איצט געזאָגט.

אבדול און מאכמוד האָבן אַרויסגענומען פון זייערע בייטלען די דאָקומענטן, קליינע, טאָוולנע ביכעלעך, הימל־בלוי אין קאָליר; אויף די ביכעלעך זייערע פאָטאָגראַפיעס, זייערע נעמען, זייערע אַרמיי־אָפטיילונגען, און זייערע אויסצייכענונגען, אַריינגעשריבן מיט אַ געדיכטן, העברעיִשן כתב.

הינטער די פענצטער האָבן די אייזלען אַריינגעיאָמערט זייער אומעט אין וויסטן נגב אַריין. זייערע יללות האָבן געפליקט, געריסן די אַרומיקע שטילקייט.

עוזי האָט געלייענט, זיך צעשמייכלט. האָט עפּעס אַ זאָג געטון צו זיין סגן סעדיה. סעדיה האָט געשריבן, געשריבן אויף העברעיִש, אויף אַראַביש, האָט אָוועקגעלייגט די ביכעלעך אין אַ זייט, האָט עוזין געגעבן די פאַרשריבענע פּאַפּירלעך.

„אָט, איר וועט זיך דערוויל באַנוצן מיט די דאָזיקע דאָקומענטן. דאָס איז אַ „רשיון זמני צבאי" אַ דערלויבעניש אַזאַ, וואָס איר וועט האַלטן ביז איר וועט צוריקקריגן אייערע דאָקומענטן".

„נכון, אין אָרדענונג!" האָט מאכמוד געטון אַ זאָג און זיין פּנים האָט געשמייכלט.

„בסדר!", האָט אבדול צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ביידע האָבן אַ קלאַפּ געטון מיט די פיס.

„שלום!" האָבן זיי געזאָגט, שוין זייענדיק ביי דער טיר.

„שלום!" האָט זיי עוזי געווונטשן.

די דריי אַראַבער, וואָס זענען מיטגעקומען פון באר שבע, מיט זיי אַ גאַנצע גרופּע בעדויִנער, זענען אַריינגעקומען איינער נאָכן אַנדערן אין דעם הויז פון משפט. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט אַנט־

קעגן דעם שופט עוזי. זיי זענען געשטאַנען ווי זעלנער. סגן סעדיה האָט געלייענט זייערע נעמען: „אבדאלא מאזוק", „האזאר אבולאבא"...

מרדכי האָט אָנגעקוקט די אַראַבער; זיינע אויגן זענען געלאָפן פון איין פּנים צום צווייטן, דאָ איז געשטאַנען איינער אַ נידעריקער, ברייט־ביינִיקער אַראַבער מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן כסדר געפינטלט, איין אויג אַ קליינס, ווי אַ שאַרף שפּיזל, און דאָס צווייטע אַ גרויס, אַן אויג ווי אַ פלוים, וואָס קוקט דאָ אין איין אָרט, דאָ אין אַ צווייטן. דער פּנים איז צעשניטן, צעקאַרבט, ווי מעסערס וואָלטן נאָרוואָס דורכגעפאָרן דורך דער הויט. לעבן אים איז געשטאַנען אַ הויכער אַראַבער מיט אַ בכבודיק בערדל, מיט אַ מילדן שמייכל אויפן פּנים, מיט גלעטנדיקע אויגן. אין מרדכיס קאָפּ האָבן זיך אָנגעהויבן צו מישן בלעטער חומש, בלעטער שופטים. ער האָט איצט פּאַר זיך נישט געזען קיין אַראַבער, קיין בעדוּי־נער פון וויסטן נגב. דאָס הויז פון משפּט איז ווי דורך אַ כישוף פאַר־וואַנדלט געוואָרן דאָ אין אַ באַרג, דאָ אין אַ טאָל, און אָט איז עס גאָר געוואָרן אַ געדיכטער בוים, אַ טויער פון אַן אַמאָליקער שטאָט. און עוזי? עוזי איז מער נישט געווען דער עוזי הדרומי, דער שופט פון די בעדוּי־נער, דער שופט פון דער הייַנטיקער מדינת ישראל. עוזי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יפתח, אין אַ שמשון, אין אַ גדעון, און די וואָס שטייען פאַר אים, די אין די לאַנגע, שוואַרצע מאַנטלען, אין די טורבאַנען זענען ייִדן, ייִדן פון שבט בנימין, פון די שבטים דן, יהודה, אפרים. זיי זענען געקו־מען צו גדעונען, געקומען זיך באַקלאָגן איינער אויפן אַנדערן, געקומען דערציילן, אַז די מדיינים, די פּלישתּים זענען זיי באַפאַלן, האָבן צוגע־רויבט ביי זיי זייער האָב און גוטס, האָבן פאַרברענט זייערע פעלדער. דער אַראַבער מיטן בכבודיקן גרוילעך־שוואַרצן בערדל, מיט די גלעטנדי־קע אויגן, מיטן שמייכל אויפן פּנים איז עפּעס אַן עלטסטער, אַ זקן, וואָס רעדט אין נאָמען פון זיין גרויס הויזגעזינט, אין נאָמען פון אַ צאָל משפּ־חות איבער וועלכע ער איז דער הערשער, אַ מילדער ייִדישער הערשער. זיי זענען אַלע דאָ געקומען צו גדעונען, געקומען בעטן ער זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי, פאַרטרייבן דעם שונא. עוזי־גדעון זיצט און הערט זייערע רייד; ביי זיין זייט זיצט דבורה, די יונגע דבורה, זי וואָס וועט שפּעטער זיין דבורה די נביאה, זי, וואָס וועט שפּעטער זיין דער שופט פון אַ סך ייִדישע שבטים. זי וועט רופן ברקן, אים באַפעלן ער זאָל גיין מיט איר, פירן

די ייִדישע קעמפּערס, פירן זיי קעגן סיסראן און זיינע חיילות. דערווייל זיצט זי דאָ, זיצט לעבן גדעונען, הערט זיך צו ווי אַזוי ער משפּט דאָס פֿאָלק, ווי אַזוי ער נעמט זיך דאָ אָן פֿאַרן פֿאָלק. זי וועט אַלץ איינזאַפּן אין זיך ווי אַ שוואָם און שפּעטער וועט זי נוצן אירע דערפאַרונגען, נוצן די תורה, וואָס זי לערנט איצט, כדי צו קענען זיין אַ שופט פון צדק, פון יושר. דבורהס ליכטיקע, טיפע אויגן קוקן אויף גדעונען, קוקן אויפן פֿאָלק, און דער גייסט פון קאַמף שטייגט אין איר, איר פּנים איז צע־פלאַמט, איר יונגער שטערן קאַרבט זיך, אָט פֿאַרמירט זי אירע פויסטן, זי ביילט זיי. עוזי־גדעון, דליה־דבורה, ייִדן פון אַזויפיל שבטים שטייען דאָ פאַר אים! און ווער איז דער אַלטער מיט דער שפּיציק־גרויער באָרד? ווער איז ער עס מיטן ברייטן, ליכטיקן שטערן, וואָס קוקט אַרויס פון אונטערן טורבאַן? אפשר איז ער גאָר שמואל און לעבן אים שטייט דער בראָנדזענער יונגערמאַן, וואָס בייגט זיך אַזש איבער פון זיין אויסער־געוויינטלעכער הייך? זע, ער האָט אַזאַ באַשיידענעם, אַזאַ איינגעהאַלטע־נעם שמייכל און ער רעדט אַזוי אומדרייסט צו שמואלן, בעט עפּעס, פרעגט עפּעס? דאָס איז אַוודאַי שאול, דער יונגער פּאַסטעך שאול, ער איז געקו־מען פרעגן... אָבער ווי קומען זיי אַלע אַהער? גדעון, יפתח, שמשון, דבורה, שאול, שמואל? ווי קענען זיי זיין דאָ צוזאַמען? זיי האָבן דאָך געלעבט, דאַכט זיך, אין אַזעלכע פאַרשיידענע יאָרן, איינער פריִער, איינער שפּעטער! וואָס טוען זיי דאָ?

מרדכי האָט דערזען לעבן זיך אויפן טיש גלעזער רויט־ברוינע טיי ווי שטאַרקער וויין. „טרינקט, טרינקט אַ גלאָז טיי!" האָט עוזי הדרומי מרדכין אַ וועק געטון.

מרדכי האָט זיך אויפגעריסן פון חלום, האָט דערזען לעבן זיך עוזין, דליהן, האָט דערזען יגאלן, דאנין; זיי האָבן געטרונקען טיי. די אַראַבער זענען מער אין הויז נישט געווען. אַנטקעגן דליהן איז געזעסן דער שייך יוסף איבן כאמיד; זיין פּנים איז געווען אין פלאַמען, זיינע פלינקע אויגן זענען געשטאַנען ווי צוגענאָגלט. זיי האָבן זיך איינגעגעסן אין דליהס פּנים. דליה האָט געטרונקען טיי, האָט גערעדט צו עוזין, צו דאנין, צו יגאלן. עוזי האָט פון צייט צו צייט אַ בליק געטון אויפן שייך און האָט דערביי געשמייכלט. ער האָט געטון אַ פּאָר שטאַרקע זופּן פון זיין גלאָז טיי, האָט געהייסן זיך דערלאַנגען נאָך אַ גלאָז טיי און האָט עפּעס אַ זאָג

געטון צום שייך. דער שייך האָט זיך אַ טרייסל געטון, האָט געלאָזט זיינע אויגן זיך צעגאַלאָפּירן, האָט זיך פאַרשעמט, האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט און איז אַוועק פון טיש.

„מירן צופאָרן אויף אַ באַזוך צו מיינע „אונטערטאַנען", וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער ברייט און לענג פון מיין טייל נגבי!" האָט עוזי זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אויסגעגלייכט דעם טורבאַן אויפן קאָפּ און האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

דליה איז אַרויס די ערשטע, עוזי נאָך איר און באַלד נאָך עוזין איז געגאַנגען שייך יוסף איבן כאמיד.

די אומענדלעך גרוי־ברוינלעכע שטחים פון נגב האָבן זיך געבריט אין דער פייערדיקער מיטיק־זון. די קעמלען אַרום הויז האָבן געצויגן זייערע העלדזער צום הימל, האָבן געקייט די פּוסטקייט אין זייערע מיי־לער און אויף זייערע אונטערשטע ליפּן איז געלעגן אַ סטאָאיש־קלוגער שמייכל. די אייזעלעך זענען געשטאַנען און האָבן געזשמורעט מיט די אויגן; האָבן אַריינגעיאָמערט זייער בענקשאַפט אין די אומענדלעכע ווייט־קייטן אַריין. דאָ און דאָרט האָט אַן אייזעלע זיך שטאַרק פאַרהוסט, האָט אָנגעהויבן שטיל צו סיקען, צו מרוקען, צו קלאָגן; האָט זיך באַלד שטאַר־קער, שנעלער און העכער צעשריגן ווי אין שטאַרקע ווייטיקן, האָט אָן אָטעם, סטאַקאַטאָדיק געוואָרטשעט, געפּייפט שנעל און ברוגזדיק און אָט איז עס געוואָרן שטילער, געלאַסענער און מיטאַמאָל האָט זיך דאָס סיקען אָפּגעהאַקט ווי מען וואָלט אַריינגעפּאַקט פּלוצלונג אַ קאָרעק צום אייזעלע אין האַלדז אַריין. איין אייזעלע איז שטיל געוואָרן און דער עכאָ פון זיין יאָמערלעך פּייפן האָט זיך נאָך געטראָגן אין דער לופטן. איידער דער עכאָ האָט זיך אַוועקגעטראָגן האָט שוין אַ צווייט אייזעלע צעלעכערט די שטילקייט און האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַלעמען. די קעמלען האָבן געקייט זייער אומעט און האָבן געשוויגן; די פערד האָבן זיך אַרומגע־שפּאַצירט מיט די קעפּ געבויגן צו דער זאַמדיקער ערד און האָבן גע־זוכט אַ געלבלעך אויסגעצערט גרעזל, וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט ווי דורך נסים פאַראַנקערט אין דער זאַמדיקער ערד.

ווען מרדכי איז אַרויס פון דער שטיינערנער געביידע, ווי אַ פאַנ־טאַסטישע שטיינערנע פעסטונג אין מדבר, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ גרופּע באַוואָפנטע בעדויִנער. אויף זייערע אַקסלען זענען געהאָנגען

ביקסן: ביי זייערע זייטן זענען געווען צוגעטשעפּעט רעוואָלווערן צו די ברייטע פּאַסן, באַזעצטע מיט קוילן. טייל פון זיי האָבן געטראָגן שווערדן, קינדזשאַלן און האַלב־קיילעכדיקע סימיטאַרן ווי קאָסעס. צווישן זיי איז געשטאַנען עוזי און לעבן עוזין דליה. עוזי האָט ברייט, גוט־ברודעריש־היימיש געשמייכלט צו די באַוואָפנטע בעדוויִנער, האָט גערעדט צו זיי, זיך געוויצלט. דליהס פּנים האָט געלויכטן, אירע אויגן האָבן געפינקלט; אַנטקעגן איר איז געשטאַנען דער שייך יוסף איבן כּאַמיד. ער האָט זיך געפּלייסט פאַר עוזין, פאַר דליהן; האָט עפּעס גערעדט צו עוזין, זיך געבעטן ביי אים; האָט כּסדר אָנגעוויזן אויף דליהן, אָנגעוויזן אויף עוזיס געסט.

„אַ שעפּס! אַ שעפּס!" האָט מרדכי זיך געכאַפּט, וואָס דער שייך חזרט כּסדר איבער אין זיין געבעט. ער טייטלט אויף דליהן מיט אַ ציטערנדי־קער האַנט און זאָגט איבער כּסדר איין וואָרט „כּבש". עוזי שמייכלט און זאָגט: „ניין, ניין, מיר קענען נישט!"

מרדכין איז באַפאַלן אַ פּחד. אַזויפיל באַוואָפנטע בעדוויִנער; אַזוי וויים אַוועק פון אַ שטאָט, פון ייִדן. אַזאַ מוראדיקע פּוסטקייט ארום און דאָ שטייט דער שייך, שטייען זיינע באַוואָפנטע מענטשן און ער ציטערט, און ער איז אין פלאַמען, לאָזט נישט אַראָפּ דאָס אויג פון דליהן, פאַר־צערט איר מיטן פייער פון זיינע אויגן, בעט זיך דערווייל עפּעס; עוזי זאָגט אים אָפּ, איז וואָס וועט זיין, אַז אָט, יוסף איבן כּאַמיד צעצינדט זיך שטאַרקער, פאַרלירט זיין שמייכל, פאַרלירט די מאַכט איבערן פייער אין זיך, גיט אַ באַפעל זיינע מענטשן: „נעמט אייער געווער, נעמט אייערע שווערדן, אייערע קינדזשאַלן און מאַכט אַ סוף צו די פרעמדע, צו די אַריינדרינגער אין מלכות פון אונדזער מדבר און דערביי האָט אינזינען, קיין פינגער זאָל נישט פאַלן אויף דער־אָ, אויף דער וועמען איכ׳ל מאַכן פאַר דער מלכה פון מיין וויסט לאַנד, פאַר מיין מלכה פונעם מדבר!"

מרדכיס הויט פון פּנים, פון קערפּער האָט זיך געגרונצלט. ער האָט אַ קוק געטון אויף דליהן. דאָס טיכל אויף איר קאָפּ איז געווען ווי אַ קרוין, וואָס שפּילט זיך מיטן ווינטל פון נגב. איר פּנים, אַ בליִענדיקע בלום אין הארץ פון מדבר, אַ בלום וואָס רייצט, וואָס פאַרבלענדט, פאַר־כישופט, אַ בלום אַ דופטיקע, וואָס שפּרייט אירע ריחות אויף די וויִט־קייטן פון אומענדלעכן נגב! צו וואָס, פאַרוואָס, ווי אַזוי איז אַזאַ פּרעכ־

טיקע בלום געקומען אַהער, פֿאַרטראָגן געוואָרן דאָ אין דער וועלט פֿון זאַמד און ברענענדיקן הימל?״

און מרדכין האָט זיך געדאַכט; אָט, אָט שטייט פֿאַר אים דינה, דינה, יעקבס איינציקע טאָכטער! דינה איז אין שכם, אַלע אַרום זענען די איינוווינער פֿון שכם, און אָט, וועלן די רשעים פֿון שכם אַ כאַפּ טון, טון אַ ריס אַוועק דינהן, וועלן זי צונעמען און ווײ, ווו איז איצט שמעון, ווו איז דינהס ברודער, וואָס זאָל קומען, קומען זי אַרויסרײסן פֿון די הענט פֿון די איינוווינער פֿון שכם!״

„מירן פֿאָרן; אַרויף אויפֿן דזשיפּ!״ האָט אַ שטימע אַ רוף געטון מרדכין.

מיט פּחד אין האַרצן, מיט געלײמטע פֿיס איז מרדכי אַרויף אויפֿן דזשיפּ. דער דזשיפּ האָט אַ ברום געטון, האָט אויפֿגעטרייסלט די שטילקייט. די קעמלען האָבן אַ מידן קוק געטון אויף דעם פֿרעמדן באַשעפֿעניש, וואָס האָט זיך אַרייַנגעריסן צווישן זיי. די אייזעלעך האָבן אָנגעשטעלט די אויערן און האָבן זיך צעיאָמערט. דער דזשיפּ האָט אַ הייב געטון אַ וואָלקן שטויב, און מרדכי האָט געזען ווי שייך יוסף איבן כאַמיד און זײנע באַוואָפֿנטע בעדויִנער זענען געבליבן שטיין אויף יענער זייט וואָלקן שטויב, געבליבן שטיין ווי הינטער אַ נעפּלדיקער וואַנט.

דער דזשיפּ האָט געשניטן שטיקער זאַמד, האָט געריסן פּלאַכטעס נגבֿ הינטער זיך, האָט געקריצט מיט די ציין, האָט געבלאָזן פֿון זיך און האָט געאײַלט טיפֿער און טיפֿער אין נגבֿ אַרײַן.

מרדכי האָט געקוקט אויף דער מוראדיקער פּוסטקייט אַרום אים. ער האָט געזען ווי דער שייך מיט זיין גרופּע באַוואָפֿנטע בעדויִנער ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ ווייטן שאָטן, אין אַ פּינטעלע אויפֿן האָריזאָנט, ווערט צערונען. די שרעק אין מרדכיס האַרץ איז געשטיגן אין אים וואָס ווייטער דער דזשיפּ איז אַוועק אין נגבֿ אַרײַן. ווייטער, ווייטער, אַלץ ווייטער איז דער דזשיפּ געפֿלויגן ווי אויף פֿליגל. מרדכי האָט נישט געפֿילט ווי ער וואַרפֿט זיך, טרייסלט זיך באַרג־אַרויף באַרג־אַראָפּ איבער גרודעס זאַמד. ווי אין אַ נעפּל האָט ער געזען, ווי אין אַ חלום, ווי עס לויפֿן פֿאַרביי פֿאַרן דזשיפּ מחנות ווילדע ציגן, לויפֿן און ווערן צעיאָגט איבערן נגבֿ, האָט אַפֿילו נישט באַמערקט ווען דער דזשיפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן לאַנגע, שמאָלע בעדויִנער געצעלטן, געצעלטן פֿון לאַכעס, פֿון זעק,

פון שטרוי, ווו עס זיצן בעדויִנער מיט די פיס אונטער זיך, זיצן און שווייגן אין מדבר אַריין; לעבן זיי, ביי די געצעלטן זיצן קעמלען, קעמלען ווי מענטשן, שטייען אייזלען, וויינען אייזלען מיט אַ מאָדנעם געפּייף! ער האָט נישט געהערט אַפילו ווי עוזי רעדט, שמועסט עפּעס מיט זיינע בעדויִנער, פרעגט זיי אויס, באַפעלט זיי עפּעס און באַלד טראָגט זיך דער דזשיפּ ווייטער, ווייטער אין נגב אַריין.

„צוריק, צוריק אַהיים, צוריק קיין באר שבע!" האָט איין געדאַנק, איין פאַרלאַנג געמאַטערט מרדכין. ברענגען דליהן, ברענגען דינהן צוריק אין הויז פון אירע אָבות! האָט מרדכי זיך געבעטן ביים וויסטן נגב. „צוריקפאָרן!" האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט און ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווו, ווי אַזוי, ווען דער דזשיפּ האָט זיך ערגעץ־ווו פאַרקערעוועט, איז געפאָרן צוריק, צוריק צו דעם הויז פון משפט, צוריק אויפן וועג קיין באר שבע.

וויסטעניש האָט נישט קיין ריכטונג, קיין וועג, קיין שטעג. זאַמד און הימל, הימל און זאַמד און ווייטער האָריזאָנט, איז ווי אַזוי קען מען וויסן וווהין דער דזשיפּ פאָרט? און מרדכי איז געזעסן, האָט געקוקט צו די ווייטקייטן, האָט געזען הימל, געזען זאַמד, געזען האָריזאָנט און געזען ווייטע זיילן שטויב, זאַמד, גייזערס פון זאַמד ווי עמוד עננס, וואָס הייבן זיך און פאַלן באַלד איין. אויף די פּלאַכן אַרום און הינטער אים שוועבן געדיכטע כוואַליעס שטויב, וואָס טראָגן זיך ערגעצווו אַוועק, און מיטאַמאָל, ווי פון ערגעץ נישט אַרויס האָט מרדכי פאַר זיך ווידער דערזען דאָס הויז, דאָס ווייסע, שטיינערנע הויז מיטן וועיס־בלויען פאָן איבער דעם הויז, דאָס הויז אין מדבר, און ביי דעם הויז שטייען זיי, שטייען די באַוואָפנטע בעדויִנער, שטייט יוסף איבן כאַמיד, שטייט זיין אייזעלע, פינטלט מיט די אויגן און שווייגט ווי דער מדבר.

„זיי וואַרטן אויף אונדז, זיי ווילן אַוועקרויבן דליהן, דינהן פון אונדז!", האָט מרדכיס האַרץ זיך אָפּגעשטעלט.

דער סגן סעדיה איז אַראָפּ פון דזשיפּ, איז אַריין אין הויז. אַלע זענען געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער. שייך יוסף איבן כאַמיד איז צוגעקומען צום דזשיפּ; איז געשטאַנען הכנעהדיק, האָט גערעדט מיט געבעט, האָט גערעדט מיט פאַרטרוקנטע ליפּן. האָט געוויזן אויף דליהן, האָט איבערגעחזרט די ווערטער „כבש", האָט אָנגעוויזן אויף אַ שעפּס,

וואָס איז געלעגן געבונדן אין דער שאָטנדיקער זייט פון דער וואַנט. „ער וויל שחטן דעם שעפּס, וואָס זיי האָבן אַהער געבראַכט, און מאַכן אַ מאָל־צייט פאַר אונדז, אַ מאָלצייט לכבוד דיר, דליהו!" האָט עוזי זיך צע־שמייכלט. זיין פּנים האָט זיך געררויטלט. ער האָט אויסגעזען קינדעריש, פאַרשעמט. „דער שייך איז גערירט געוואָרן, ווערט פאַרברענט", האָט עוזי צוגעגעבן.

יוסף איבן כאַמיד האָט זיך געווענדט צו דליהן, האָט תּפילהדיק געריידט צו איר. דליהס אויגן האָבן געלאַכט.

שייך איבן כאמיד האָט זיך איצט צוגעקוקט נענטער צו דליהן: „בלייב דאָ, זיי מיין גאַסט! אָט, כ'וועל אָפּבראָטן דעם שעפּס, מירן עסן צוזאַמען!"

עוזי האָט אַ קוק געטון אויפן הימל, געזען דער מערבדיקער האָרי־זאָנט הייבט אָן צו פלאַמען. ביז באר שבע איז נאָך ווייט; דער נגב פאַר־ציט אַ סודותדיקן שלייער און דער שייך איז אין פלאַמען.

„סעדיהו!" האָט עוזי אַ רוף געטון צו דעם הויז.

סעדיה איז אַרויסגעקומען פון הויז, האָט געטראָגן אַ פאָרטפעל אונטערן אָרעם.

„מירן פאָרן!" האָט עוזי אַ זאָג געטון קאַלט און טרוקן און באַפע־לעריש שטאַרק. דער דזשיפּ האָט אַ קרעכץ געטון, האָט זיך צערעוועט. שייך יוסף איבן כאַמיד האָט זיך אָנגעצונדן, האָט אָנגעהויבן צו רעדן שנעל, געשווינד; האָט געבעטן מיט די אויגן, מיט די הענט, מיטן גאַנצן קערפּער! דער דזשיפּ האָט אויסגעזען זיך צו ישובן, יאָ פאָרן, נישט פאָרן, וואַרטן, זיך אָפּשטעלן, מרדכיס האַרץ האָט געצאַפּלט אין אים. ער האָט געביסן די נעגל פון זיינע פינגער. די באַוואָפנטע אַראַבער זענען געשטאַנען שטיל ווי די שאָטנס. דער דזשיפּ האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט. שייך יוסף איבן כאַמיד האָט זיך אַ וואַקל געטון, האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צום דזשיפּ, האָט זיך באַלד אויסגעקערעוועט צו דער זייט ווו דער געבונדענער שעפּס איז געלעגן. מרדכי האָט געזען ווי יוסף איבן כאַמיד גיט שנעל אַ צי אַרויס די שווערד פון שייטל ביי זיין זייט. די שווערד האָט אַ בליץ געטון אין דער לופטן. אין מרדכין איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן. יוסופס שווערד האָט זיך אַ הויב געטון איבערן געבונדענעם שעפּס, האָט זיך מיט רוגזה אַראָפּגעלאָזט איבערן

קאָפּ פון שעפּס; אַ שטראָם בלוט האָט אַ שפּריץ־געטון און איבערן נגב האָט זיך צעטראָגן אַ פאַרטויבנדיק־כאָרכלענדיקער „מעע!"

דער דזשיפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סעקונדע, צוויי; עוזי האָט אַ קוק געטון אויף הינטער זיך, האָט געזען שייך יוסוף איבן כאַמידס צעצונדענעם פּנים, געזען זיין פאַרבלוטיקטע שווערד.

„לאָמיר פאָרן!" האָט עוזי אַ זאָג געטון.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מרדכין, האָט זיך געווענדט צו דליהן, האָט גערעדט צו אַלע אַרום אים: „ווי, ווען ער וואָלט געווען אונדזער שופט, אונדזער ריכטער!"

עוזי איז אַנטשוויגן געוואָרן. פון די פּוסטקייטן אַרום אין־סופיקן נגב האָט זיך געטראָגן אַ מוראדיקער עכאָ פון לעצטן „מעע" פון געשאָכטענעם שעפּס.

דער דזשיפּ האָט געאיילט, איז געפלויגן, האָט געריסן שטיקער מדבר און זיי געוואָרפן הינטער זיך. מעכטיקע וואָלקנס שטויב האָבן זיך געשפּרייט הינטערן דזשיפּ. אַ היימלאָזער ווינט האָט זיך געטראָגן צו די אומענדלעכע ווייטקייטן. דער האָריזאָנט האָט זיך אָנגעצונדן און אויפן דזשיפּ זענען אַלע געזעסן און האָבן געשוויגן, געשוויגן ווי דער נגב, געשוויגן ווי דער מדבר אַרום.

ווייט, ווייט, אויף יענער זייט האָריזאָנט האָבן טייטלענדיקע פינגער, ווי ווייטע שאָטנס זיך געהויבן צום הימל. ערגעץ־ווו, דאָרט, דאָרט, אויף יענער זייט האָריזאָנט איז געלעגן די אוראַלטע שטאָט באר שבע און זי האָט געוואַרט, אַז דער דזשיפּ זאָל אָנקומען אַהין, קומען און ברענגען צוריק אירע קינדער, וואָס זי האָט אַוועקגעשיקט פאַרטיילן גערעכטיקייט אין די וויסטע שטחים פון נגב, וואָס רינגלען איר אַרום, רינגלען איר אַרום שוין פון יאָרן, טויזנטער, טויזנטער יאָרן.

אויף רש״י־גאַס

עס איז געווען אַ טאָג אין אויגוסט. דער אויטאָבוס, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון ירושלים איז שוין געשטאַנען אַ ליידיקער. דורך דער שאָטקע פון זיין מאָטאָר האָבן זיך דורכגעזיפּלט כוואַליעס פּאַרע ווי פון אָנגעגליטע שטיינער ווען מען גיסט אויף זיי וואַסער. די פּאַסאַזשירן פון אויטאָבוס זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין געדיכטן געזעמל מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט יעדן ווינקל פון דער צענטראַלער סטאַציע אין תל אביב.

מרדכי פעלד איז געשטאַנען מיט זיין טעקע אונטערן אָרעם און האָט געפּאָרשט דעם רעשיקן אַרום. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הייך און פאַרוואָרפן זיינע קורצזיכטיקע אויגן איבערן געדרענג פון דער פילקאָליריקער מענטשן־מאַסע. דער גומען איז ביי אים געווען טרוקן און פאַר זיינע אויגן האָבן נאָך געשוועבט די לאַנדשאַפטן, וואָס ער האָט נאָרוואָס געזען אויפן וועג פון ירושלים קיין תל אביב. דער קאָפּ האָט זיך געהוידעט אויף זיינע אַקסלען און זיינע ביינער האָבן זיך געבעטן כאָטש אַ פּאָר מינוט רו. מרדכי פעלד האָט אַ טרייב געטון די מידקייט פון זיך און ווי יעדן טאָג פון זיין זיין אין לאַנד האָט ער אויך איצט זיך באַפוילן צו שפּאַנען פאָרויס, נישט פאַרלירן קיין צייט, גייען, קומען, זען, הערן, באַנעמען.

— היינט מוז איך זען דעם עלטער־פעטער, מוז זען דעם זיידנס ברודער; כ׳קען מער נישט אָפּלייגן! — האָט מרדכי אויפן קול זיך אַ זאָג געטון. ער האָט אַרויסגענומען דאָס אַדרעסן־ביכל, האָט עס אַ בלעטער געטון און געלייענט: נתן פעלד, רחוב רשי, נומער...

— ווי ווייט איז רשי גאַס פון דאַנען? — האָט מרדכי אָפּגעשטעלט דעם ערשטן פאַרבייגייער, וואָס האָט זיך אַ שלייך געטון זיגזאַגיש פאַר אים.

— רשי גאַס? — האָט יענער איבערגעפרעגט. — איר קענט פאָרן מיט אויטאָבוס און איר קענט אויך זיך דורכשפּאַצירן, אָט גלייך אַרונ־טער, דערנאָך לינקס, דערנאָך רעכטס און דאָרט וועט איר זיך פרעגן, — האָט דער פאַרבייגייער מרדכין געענטפערט אין געאייל, האָט אַ זאָג געטון „שלום" און זיך אַריינגעגרייצערט אין דער געדיכטעניש אַרום.

מרדכי האָט אָנגעהויבן צו שפּאַצירן. אַ פּאָר טריט אַוועק פון דער צענטראַלער סטאַנציע זענען די גאַסן געוואָרן געראַמער. מרדכי האָט פאַרוקט זיין שטרויענעם הוט. אַ שפּילעוודיק ווינטעלע האָט פאַרבלאָנד־זשעט אונטער זיין הוט און האָט דאָרט געקילט מרדכיס צעפּיבערטן שאַרבן. דער הימל איז געווען ווייט און טיף און לויטער. די פּריוואַטע הייזער אין די גאַסן זענען געווען באַזוימט מיט געדיכטע געוועבן פון פלאַנצן אוןביימער. די לאַדנס פון די הייזער זענען געווען פאַרקלאַמערט און האָבן סודותדיק אַרויסגעקוקט צו די פאַרבייגייערס. די בלעטער אויף די ביימער האָבן זיך געטוליעט צו די שאָטנס, די גרעזער האָבן זיך גע־קאָרטשעט, האָבן געלעכצט נאָך אַ אַ טראָפּן טוי; אין אַ בלומען־בייט זע־נען די בלומען געשטאַנען פערחלשטע, און פון ערגעצוווּ האָט זיך דער־טראָגן צו מרדכיס אויערן אַ בענקענדיק־נאָגנדיקער געזאַנג, אַ ניגון אַזאַ וואָס האָט אים דערמאָנט אין לאַנג־פאַרגאַנגענע טעג, אין טעג, וואָס זענען אויף שטענדיק אָפּגעמעקט געוואָרן פונעם פנים פון דער ערד.

— וואַרשע, ניו־יאָרק, תל אביב! — האָבן מרדכיס ליפּן עפּעס גע־שעפּטשעט, און נאָך האָבן זיינע ליפּן געמורמלט: „וואַרשע, נישטאָ! ניו־יאָרק, ווייט אַוועק, יידן, נישט יידן, אַפילו יידן, ווער ווייס ווער עס איז דאָרט אַ ייד? שווער, גאָר שווער צו דערקענען אַ ייד; און אָט, תל אביב; דעם ערשטן מענטש אָפּגעשטעלט, געפרעגט ווו איז רשי גאַס, און, אַוודאַי איז ער געווען אַ ייד, האָט געענטפערט ווי אַ ייד, אַלע יידן. תל אביב!"

ווי אויף אייזערנע בריקן איז מרדכי געגאַנגען איצט איבער די גאַסן, האָט שפּאַצירט מיט זיכערע טריט און ביי יעדער גאַס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ לייען געטון דעם נאָמען פון גאַס און געפילט,

אַז אָט, ער גייט, מרדכי פעלד פון ניו־יאָרק, גייט און בלעטערט ייִדישע געשיכטע, גייט, און פון איין בלאָק ביזן אַנדערן לויפן פאַר זיינע אויגן דורך צענדליקער, הונדערטער יאָרן גלות־געשיכטע. ער מוז גיין פּאַמע־לעכער, ציילן די טריט; אַזויפיל לייענען, אַזויפיל געשעענישן פאַרביי־לויפן, אין געציילטע מינוטן בלעטערן אַזאַ שלל מיט פּאַסירונגען! אַחד־העם גאַס! רמבם גאַס, סעדיה גאון גאַס, שדרות רוטשילד! חובבי ציון, און אָט ר׳ יהודה הלוי גאַס! גוואַלד, ווי קען ער עס לייענען אַזוי שנעל און פאַרוואָס זענען די בלעטער געשיכטע אַזוי צעוואָרפן! אָט איז ער אין אַכטן יאָרהונדערט, דאָ אין פעז, באַלד אין סורא, שוין אין דייטשלאַנד און מיטאַמאָל איז ער אין שפּאַניע גאָר, אין אַראַבישער שפּאַניע און פון דאָרט טוט ער זיך אַ וואָרף איבער אַזש קיין פוילן, קיין וואַרשע... וואָס איז מער נישטאָ!

— רשי גאַס? ווו איז רחוב רשי? — האָט מרדכי זיך אַ וועק געטון, און האָט אויפגעהערט צו בלעטערן דאָס משונהדיקע געשיכטע־בוך.

— צום עלטער־פעטער נתן פעלד! — האָט זיך מרדכי דערמאָנט וווהין ער גייט.

אַרום אים און לעבן אים האָבן געשפּרייזט מענטשן, ייִדן, אַלע ייִדן. מענער אין קורצע כאַקענע הויזן, מיט צעשפּיליעטע העמדער, מענער אין לאַנגע, געפּרעסטע הויזן, מיט שוואַרצע ברילן אויף די אויגן, פרויען אין פאַרבנרייכע קליידער, אין באַלאָווע שיך, לאַטשן, סאַנדאַלן, זיידענע זאָקן, באָרוועסע פיס. אַלע האָבן אויסגעזען יום־טובדיק, אַלע בראַנדזן־צעפּרייכ־טע, אַלע אין געאייל, ווי זיי וואָלטן זיך געיאָגט צו אַ פּאַראַד, צו אַ פייער־לעכער דעמאָנסטראַציע.

ביי אַ וואַנט, לעבן אַ גרויסן קליידער־געשעפט, איז געזעסן אַ תימנ־נער ייִד; די פּאות, צוויי דינע שטריקעלעך, דאָס פּנים, ווי פון אַ פויגל. אין האַנט האָט ער געהאַלטן בייטעלעך און מיט אַ קול, ווי ער וואָלט געצוויטשערט, האָט ער גערופן: „מלבושים זענען טייער, ווי גאָלד! היט אייערע מלבושים. קויפט קאַמפער־פּילקעלעך, קאַמפער־פּילקעלעך!"

מרדכי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן תימנער ייִד. ער האָט געשטאַרט אויף דער אָרעמקייט, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון ייִדס פּנים, פון זיינע קליידער. ער האָט געקוקט אויף די בייטעלעך סחורה, וואָס דער ייִד פאַרקויפט און דורך זיין מוח זענען געלאָפן ווערטער: „וואַרשע, ניו־יאָרק,

תל אביב! ווי אַנדערש, ווי מאָדנע אַנדערש די שטעט זענען עס: וואַרשע, בישטאַ, ניו־יאָרק ווייט, איצט פרעמד, און אָט תל אביב און אַ ייִד פון תימן, וואָס הייסט היטן די מלבושים, פאַרקויפט קאַמפער־פילקעלעך!״

מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער שטייט צו לאַנג לעבן דעם ייִדן, שטערט אים מסתמא אין געשעפט. „צום פעטער, צום עלטער־פעטער נתן!״ — האָט ער זיך אַ טרייב געטון.

— אָט, גייט רעכטס, דערנאָך איין גאַס לינקס, און איר זייט אויף רשי גאַס! האָט אים איינער מיט אַ געדיכטער גאַליציאַניש־ייִדישער אויס־שפּראַך אַ זאָג געטון און האָט זיך אַוועקגעטראָגן ווי אַן אָפּגעבריטער.

מרדכי האָט געציילט די טריט. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען ווי דער עלטער־פעטער נתן האָט אויסגעזען אַמאָל, מיט דרייסיק, מיט פינף־און־דרייסיק יאָר צוריק. ער האָט זיך אויך געפּרוווט אויסמאָלן ווי דער דאָזיקער נתן זעט היינט אויס.

— שוין אַ ייִד אַ זקן, גייט מסתמא געבויגן אין דרייען! — האָט מרדכי געטראַכט און ער האָט פאַר זיך באַלד דערזען דעם אַמאָליקן נתן. אַ הויכער ייִד געווען. געקענט אַ סך לערנען, אָבער שטענדיק געווען אַ לאַ־יוצלח. און דער זיידע, נתנס לייבלעכער ברודער, האָט געהאַט חרפּות פון אים, פון דעם דאָזיקן לאַ־יוצלחדיקן ברודער נתן; שטענדיק געווען און געבליבן אַ ייִנגל, אַפילו ווען ער איז שוין געווען אַ ייִד ביי די זעכציק. אַלע געשעפטן, וואָס דער זיידע האָט אים געעפנט האָט ער שנעל פאַר־לוירן. קיין מלמד האָט ער נישט געוואָלט זיין. האָט ליב געהאַט צו האַקן, זעגן, מאַכן לאַמטערנעלעך מיט קאָלירטע פּאַפּירן צו באַפּוצן דאָס אַמשע־נאָווער שטיבל, מאַכן שויתיס, מיט לייבן, מיט לוחות און מנורות; אויס־מייסטרעווען חנוכה־לאָמפּן און בשמים־ביקסלעך. און אויף דער עלטער איז ער גאָר געוואָרן אַ סטאָליער. דער זיידע האָט זיך געשעמט מיטן ברודער, האָט אים געגעבן געלט ער זאָל זיך אַרויסציִען אין אַן אַנדער שטאָט, און ער, נתן, האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. געווען אַ שאַרפער חסיד, נאָר האָט ליב געהאַט אַ פעפערדיקן וויץ אַפילו אויפן חשבון פון רבין און פאַר יעדן חסיד האָט ער געהאַט אַ צונאָמען, וואָס האָט זיך שטענדיק צוגעקלעפּט צום מענטשן, און אַלע אין שטיבל האָבן דעם צונאָמען שוין גענוצט ביז יענעמס סוף פון די טעג.

דער זיידע איז געשטאַנען אויבן אָן אין שטיבל און נתן זיין ברודער

איז געשטאַנען בײַ דער טיר. אַזוי אַ גאַנץ יאָר. נאָר אַז עס איז געקומען אַ יום־טוב, אַ שמחהלע, דעם אַלטן רביס יאָרצײַט, דעמאָלט האָט מען דעם זיידן נישט אָנגעזען. נתן האָט געקערט װעלטן, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַשמדי, געטאַנצט װי אַ בער, געקרײעט װי אַ האָן און דאָס פעסל ביר אין שטיבל איז געװען אין זײַן רשות. מיט גראַמען װי אַ בדחן האָט ער אויפגערופן די חסידים זײ זאָלן מאַכן לחיים און ער אַלײן האָט מיט־געטרונקען מיט יעדן. דעם לעצטן האָט ער אויפגערופן דעם ברודער. „פאַר אַ חסיד אַ גביר, ר׳ יצחק בר׳ יונה, איז געבליבן אין פעסל אַ כוסה אַ קלײנע״, — האָט ער דעם ברודער אויפגערופן מיטן ניגון פון אַקדמות, און דער זײדע איז הכנעהדיק צוגעגאַנגען, גענומען די האַלבע גלאָז ביר און אַ פאַרשעמטער אויסגעטרונקען. דער זײדע האָט אויסגעזען קלײן, דערשלאָגן, װי ער װאָלט געװען דער קבצן און זײַן ברודער נתן װאָלט אים געגעבן צדקה בפרהסיה. אַזוי האָט זיך נתן שטענדיק געפירט און װען ער איז געװאָרן אַ סטאָליער, זיך אַרויפגעאַרבעט, שוין געהאַט פײַן פרנסה פון סטאָלערײַ, האָט ער זיך אין אַ שײנעם טאָג אַ כאַפּ געטון, אַז ער מוז זײַן אין ארץ ישראל. ער האָט אין אַ פּאָר טעג אײַנגעפּאַקט זײַן װאַרשטאַט, גענומען אַביסל כלים מיט זיך, און מיטן װײַב אַװעק קײן ארץ ישראל. דער זײדע האָט אויף אים געזאָגט: „...אַ הפקר יונג, אַ הול־טײַ, אַן אויסװורף!״ און זײַן נאָמען מער נישט געװאָלט דערמאָנען. און געװען איז שוין דעמאָלט דער עלטער־פעטער אַ ייִד אַ זעכציקער.

— טאָ װי אַלט איז דער עלטער־פעטער הײַנט? — האָט מרדכי זיך אַ פרעג געטון? און ער האָט דערזען, אַז ער שטײט אויף רשי גאַס. מיט אַ ציטערנדיק האַרץ איז מרדכי צוגעקומען צו דעם הויף װאָס ער האָט געזוכט. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ נידעריקן פּלויט און אויפן טירל פון פּלויט איז געװען אָנגעשריבן דער נומער פון הויז.

מרדכי האָט אויפגעעפנט דאָס טירל, איז אַרײַן אין אַ זאַמדיקן הויף און אײדער ער האָט געמאַכט אַ טריט האָט ער דערהערט עפּעס אַ יאָמער־דיקע שטימע, און באַלד האָבן זיך צו אים דערטראָגן קלאַנגען און װער־טער, װאָס האָבן זיך געשפּרײט אין רוים: גאָט האָט אומגעבראַכט אָן רחמנות /אַלע װוינונגען פון יעקב/ צעשטערט אין זײַן צאָרן/ די פעס־טונגען פון זײַן טאָכטער יהודה.

אַ פאַרציטערטער איז מרדכי געבליבן שטײן, געשטאַנען װי פאַר־

גליווערט און מיטאַמאָל איז אים די שטימע נאָענט געוואָרן. ער האָט דערקענט דאָס קול.

— ס׳איז דער עלטער־פעטער נתן, — האָט מרדכי אַ שפּאַן געטון פאָרויס.

ער האָט דערזען אַ פירקאַנטיקן הויף. אין מיטן הויף אַ נידעריקער געדיכט באַוואַקסענער בוים. אונטערן בוים זיצט אויף אַ פּוס־בענקעלע אַ ייד אַ זקן. די באָרד אַשיק־גרוי און צעפּאַטלט; אויפן שפּיץ פון אַ פליישיק־לאַנגער נאָז זיצן צוויי פּאָר ברילן. אַ טלית־קטן, אַ לאַנגער, אַ ברייטער שפּרייט זיך פון אַקסל צו אַקסל און איז אַרומגענומען מיט אַ ברייטן פּאַס אַרום די לענדן. די ציצית פון טלית־קטן באַמבלען זיך איבער דער ערד. אַ פּאָר ווייסע זאָקן זענען איינגעגראָבן אין זאַמד פון הויף. דער זקן זיצט איבער אַ ספר, שאָקלט זיך הין און צוריק ווי אַן אומרו און די שטימע יאָמערט אַרויס פון זיך אַזעלכע פרעמד־אייגענע ווערטער, וועלכע דערמאָנען אין אַ נעכטן, וואָס איז מער נישטאָ. לעבן אים זיצט אַ זקנה. אירע ליפּן באַוועגן זיך געשווינד. אַ גרויסער ספר, פאַרדעקט אירע קני און די בלעטער זענען ווי טאַבעק.

— שלום עליכם, פעטער נתן! — האָט מרדכיס שטימע זיך געבראָכן.

דער זקן האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ, אַ צי געטון די ברילן העכער אויפן ביישטידל פון נאָז, אַ קוק געטון מיט אַ פּאָר פאַרלאָשענע אויגן און מיטן זעלביקן יאָמערדיקן ניגון, ווי ער האָט נאָרוואָס געלייענט, האָט ער אַ פרעג געטון: ווער ביסטו, יונגערמאַן?

מרדכי האָט פאַר זיך דערזען דעם זיידן, דערזען דעם עלטער־פעטער ווי ער האָט אויסגעזען מיט דרייסיק יאָר צוריק. אַרבעסן האָבן זיך אים געשטעלט אין האַלדז.

— כ׳בין מרדכי, יוספס זון, ר׳ יצחק, אייער ברודערס אייניקל!

נתנס הענט האָבן אַ פלאַטער געטון. דער ספר האָט אַ פאַל געטון צו דער ערד. ער האָט אים פלינק אויפגעהויבן, אַ קוש געטון זיין רוקן, די טאָוולען און די בלעטער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעשטעלט די אויגן, וואָס האָבן איצט געבליאַסקעט מיט מאָדנע פייערלעך און האָט מיט אַ פאַרשפּיצטן קול אַ פרעג געטון: „מיין ברודערס אייניקל! יוספס זון, מרדכי פון אַמעריקע?״ — און דאָס קול האָט זיך ביי אים איבער־

געבראָכן. ער איז געשטאַנען אַזוי אַ סעקונדע, אַ מינוט, אַ שעה, אַן אײביקײט.

— שלום עליכם אײך, פעטער! — האָט מרדכי געשטרעקט דעם פעטער די האַנט.

נתנס רעכטע האַנט האָט זיך געטון אַ הײב און זיך שנעל אַראָפּ־געלאָזט. זײנע ליפּן האָבן געציטערט.

— מײן יצחקס אײניקל, פון אַמעריקע געקומען, און אָט, װײ איז מיר, כ׳קען אים אַפילו קײן שלום־עליכם נישט געבן!

אַ טיפער װײטיק האָט זיך צעלײגט אויף זײן צעאַקערטן שטערן: טרערן װי שרויטן האָבן געציטערט אין די װינקלען פון זײנע אויגן.

— פאַרװאָס, פעטער, פאַרװאָס טאָרט איר מיר נישט געבן קײן שלום־עליכם? כ׳בין אַ ייִד, אַ גוטער ייִד, געקומען זען אונדזער לאַנד. געפאָרן טויזנטער מײלן, מיט די אײגענע אויגן אַ קוק צו טון אויף אונד־זער הײמלאַנד, ישראל! — האָט מרדכי גערעדט צום פעטער.

— אַ ייִד, װאָס דען, מײן יצחקס אײניקל דאַרף מיר װײזן זײן פּאַס־פּאָרט, אַז ער איז אַ ייִד, װײ איז מיר, אַ ייִד, ס׳הײסט אַ ייִד, מרדכי, אַ קלײניקײט, מרדכי מײן יוספס אַ זון, ס׳געהערט אַ מעשה, נאָר, קינדעלע מײנס, כ׳זע אַז דו האָסט פאַרגעסן, װײסט נישט, אַז הײנט איז תשעה באָב!

מרדכי האָט אָפּגעמאָסטן דעם עלטער־פעטער פון קאָפּ ביז די פיס. באַטראַכט זײן צעפּאַטלטע באָרד, די זאָקן אויף זײנע פיס, זיך דערמאָנט די יאָמערדיקע װערטער װאָס ער האָט געהערט נאָך אײדער ער איז אַרײנגעקומען אין הויף אַרײן, אײדער ער האָט געזען דעם עלטער־פעטער. אַלץ איז פאַר אים קלאָר געװאָרן מיטאַמאָל.

— יאָ פעטער, טאַקע פאַרגעסן, תשעה באָב, פאַרגעסן װי אין טויט!

— זעסט, מײן קינד, זעסט װי אײער אַמעריקע פרעמדט אָפּ אַ ייִדן פון ייִדישקײט! כ׳האָב חלילה קײן טענות נישט צו דיר, נאָר אַזוי איז עס, ס׳איז אַמעריקע, מען פאַרגעסט דאָרט!

— כ׳בין דאָך אָבער אין ישראל, אין תל אביב און אָט, כ׳האָב שפּאַצירט איבער די גאַסן, געזען ייִדן אָנגעטון יום־טובדיק, נישט גע־פילט אַפילו, אַז הײנט איז תשעה באָב!

— זיי דאָ ווילן אויך פֿאַרגעסן דעם חורבן ירושלים! זיי נייטן זיך צו פֿאַרגעסן. אונדזער דור איז אויך זינדיק, זינדיק ווי עס איז געווען אַמאָל דער דור פֿון חורבן! — האָט אַ ווייטיקדיק קול אַרויסגערעדט פֿון עלטער־פֿעטער.

— זינדיק, זאָגט איר פֿעטער, אָבער, זעט, אָט קום איך פֿון ירוש־לים. די שטאָט איז ליכטיק, צעבליט, אַ הייליקע רויִקייט ליגט אויף אירע גאַסן און איר לופֿט איז אָנגעפּילט מיטן שפּילעוודיקן געלעכטער פֿון יידישע קינדערלעך. איז ווי קענען זיי קלאָגן אויפֿן אַמאָליקן חורבן, אַז פּאַר זייערע אויגן שפּרייטן זיך די גאַסן, די הייזער, די אַלייען און פּאַרקן, וואָס זענען זיך צעוואַקסן איבער די אַמאָליקע חורבות? מיין האַרץ האָט דאָך אָנגעקוואָלן מיט פֿרייד און שטאָלץ ווען כ׳האָב געזען, אַז אונדזער אייביקע שטאָט ירושלים איז צוריק לעבעדיק געוואָרן, און מיר, צעזייטע און צעשפּרייטע קינדער פֿון יידישן פֿאָלק, פֿילן ווידער אָן אירע גאַסן!

דער עלטער־פֿעטער האָט געשמייכלט אין זיין גרויער באָרד אַריין.

— איי, קינד מיינס, קינדעלע, גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. ס׳איז טאַקע אַ נחת און אַ פֿרייד צו הערן ווי מיין יצחקס אָן אייניקל פֿון גוייִשן אַמעריקע רעדט מיט אַזאַ, נו, ווי זאָל איך עס רופֿן, מיט אַזאַ אהבת־ישראל, נאַר, קינד מיינס, כ׳מיין פֿאַרשטייסט...

דער פֿעטער האָט געזוכט ווערטער, געקנייטשט דעם צעפּאַלדעוועטן שטערן:

— אַ ווערטעלע עפּעס ירושלים, אָט־דאָס הייסט ביי דיר ירושלים?! ביי זיי דאָ, ביי אונדזערע, הייסט דאָס אויך ירושלים, אָבער ביי אונדז, כ׳מיין ביי אַזעלכע יידן ווי איך, ווי דיין זיידע יצחק ע״ה איז געווען, ביי אונדז וועט זיך נישט ענדיקן דער חורבן ירושלים, אָ, ביז...

— ביז דער בית־המקדש וועט נישט זיין צוריק אויפֿגעבויט! — האָט מרדכי פֿעלד צוגעהאָלפֿן דעם פֿעטער.

— נו, יאָ, קינד מיינס, אוודאי, וואָס דען? די שכינה האָט שטענדיק גערוט אין קדשי־קדשים פֿון בית־המקדש, און כל־זמן דער בית־המקדש שטייט נישט צוריק דאָרט ווו דוד המלך האָט אים געוואָלט בויען, און שלמה המלך האָט אים געבויט; כל־זמן דער קדשי־קדשים וועט נישט זיין אין בית־המקדש וועט די שכינה זיין אין גלות, און ס׳קען קיין פֿרייד ביי אונדז נישט זיין כל־זמן די שכינה איז אין גלות, הערסט, קינד מיינס,

הערסט וואָס דײַנער אַ נאַרישער פּעטער זאָגט דיר, — האָט זיך דער על־טער־פּעטער ווי געבעטן בײַ מרדכין.

— כ׳פאַרשטײ איך, פּעטער, אַוודאַי פאַרשטײ איך, אָבער...

— נישטאָ קיין אָבער, מײַן קינד, מיר זענען צוויי וועלטן, יאָ, צוויי וועלטן. נאָר וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען? — האָט דער פּעטער פּלוצלינג פאַרצויגן זײַן צעפּאַטלטע באָרד צום הימל — כ׳דאַנק דיר. פאָטער אין הימל, וואָס כ׳האָב דערלעבט צו זען כאָטש איינעם, כאָטש איין קינד, מײַן יצחקס אַן אייניקל, איינעם פון דער גאַנצער משפחה, וואָס די מערדערס האָבן פאַרטיליקט, און דער איינער, מײַן מרדכי, איז אַ ייִד! אַ ייִד, פאָטער אין הימל. געווען אַזויפיל יאָרן אין אַמעריקע, אַזויפיל יאָרן, און אָט, מײַן יצחקס אייניקל, מרדכי, איז אַ טײַערער ייִד. כ׳דאַנק דיר, גאָטעניו!

דער עלטער־פּעטער האָט מיט אַ פישטשענדיקער שטימע, ווי אַ קינד, גערעדט צום הימל, צו די צווייגן, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם הימל.

די זקנה, וואָס איז פריִער געזעסן לעבן עלטער־פּעטער, איז די גאַנצע צײַט געבליבן אומבאַוועגלעך אויף איר אָרט. נתן האָט זיך מיט־אַמאָל געטון אַ קערעווע צו איר:

— רייזע, וואָס זיצסטו, רייזע? זע נאָר, הער נאָר, דאָס איז דאָך מײַן יצחקס אייניקל, פון אַמעריקע געקומען, אַ טײַערער ייִד פון אַמע־ריקע, רייזע, און דו שווײַגסט?...

ער האָט שנעל אַ פּיר געטון מיט אַ ציטערנדיקער, קנאָכיקער האַנט איבערן צעקאָרבטן שטערן, פאַרזשמורעט די אויגן ווי ער וואָלט עפּעס געטראַכט וועגן אַ האַרבן ענין, האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט און איז אַרײַן אין הויז.

— זעצט זיך צו! — האָט די זקנה מרדכין אָנגעוויזן אַן אָרט אויף אַ באַנק אונטערן בוים. — דאָס בין איך, רייזע, זײַן צווייטע ווײַב, דאָ חתונה געהאַט! איר צעקנייטשטע גאָמבע האָט אַרויסגעשטאָמלט די פּאָר ווערטער, און מרדכי האָט ערשט איצט איינגעזען פאַרוואָס די אַלטע איז אים געווען פרעמד, פאַרוואָס ער האָט איר נישט געקענט.

מיט אַ פלעשל ווײַן אין האַנט און מיט צוויי כוסות איז דער עלטער־פּעטער אַרויסגעקומען פון הויז. זײַן באָרד איז געווען צעקעמט, אויף די פּיס האָט ער איצט געטראָגן שיך. די ציצית פון זײַן ברייטן טלית־

קטן האָבן זיך געבאַמבלט ביי זיינע זייטן. ער האָט אויסגעזען הויך און שטייף און אַ קינדערשע פרייד איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. מרדכי האָט פֿאַר זיך איצט געזען דעם עלטער־פעטער נתן, ווי ער האָט אים געקענט מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, ווי ער פלעגט אים זען שמחת־תורה אין אַמשענאָווער שטיבל, בעת ער האָט געטאַנצט מיט דער תורה, בעת ער האָט דערלאַנגט חסידים די גלעזלעך משקה. אַ פאַרוווּנדערטער, אַ דערשטוינטער האָט מרדכי געקוקט אויף דעם פלעשל ווייַן ביים פעטער אין איין האַנט, און אויף די גלעזלעך, אין דער צווייטער האַנט.

מיט אַ ייִנגלשער געשיקטקייט האָט נתן אָוועקגעשטעלט דאָס פלעשל ווייַן, די גלעזלעך, אויפן פוס־בענקעלע, ווו ער איז פריִער געזעסן, האָט זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אַ זאָג־געטון:

— די זון פאַרגייט שוין באַלד אין מערב. גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ טייערן גאַסט, איז גאָרנישט, מרדכישי, כ׳בין זיך מתיר!

ער האָט אויסגעצויגן זיין רעכטע האַנט, האָט אַ כאַפּ געטון מרדכיס האַנט אין זיינער און געטון אַ פלאַץ אַרויס מיט אַ פריידיקן שלום־עליכם: „שלום־עליכם דיר, מיין יצחקס אייניקל, שלום־עליכם, מרדכישי, שלום...!“.

נתן האָט פאַרוואָרפן זיין קאָפּ אויף מרדכיס אַקסלען, זיך געקלאַמערט אין מרדכיס קערפּער, און מרדכי האָט דערפילט פלאַמען אַרום זיך. באַלד האָט ער אָפּגעלאָזט מרדכין, אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך ווייַן, אַוועקגעשטעלט זיך אונטערן בוים און מיט אַ מאָדנע פרעמדן, ווייטן, נאָגנדיקן קול האָט ער אָנגעהויבן: ברוך אתה... שהחיינו...! דאָס גלעזל ווייַן האָט געציטערט ביי זיינע ליפּן. — לחיים! מרדכי! לחיים! — האָט דער עלטער־פעטער מיט פאַרגלייזטע אויגן געזאָגט. — לחיים! — האָט מרדכי גע־ענטפערט, און די געדיכטע צווייגן איבער מרדכיס קאָפּ האָבן סודות־דיק־פריידיק נאָכגעשעפּטשעט: לחיים!

און דער אומענדלעך טיפער און ווייטער הימל איבער תל אביב האָט מיט זיין בלויער דורכזיכטיקייט צוגעשמייכלט: לחיים, נתן, לחיים, מרדכי!

אין דער רײ

די פעלדער אַרום האָבן זיך געצירט אין פרישן גרין און דער שאָסײ האָט אויסגעזען אויסגעצוואָגן רײן. אַ לויטערער, אײן־סופיקער הימל האָט זיך געהנדלט צו דער זון, וואָס איז מאַיעסטעטיש אַרומגעשווומען אין רוים. אויף די נאַקעטע ביימער, וואָס האָבן ערשט נאָרוואָס זיך אָנגעהויבן צו פוצן מיט יונגע קנאָספּן, האָבן זיך פייגל געהוידעט און זיי האָבן שפּילעוודיק אויסגעזונגען אַ לויב צום אָנקומענדיקן פרימאָרגן.

אויפן באַזילבערטן שאָסײ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שפּיציקע שאָבער, האָבן זיך געצויגן אַ רײע געשטאַלטן, געשטאַלטן געבויגענע, איינגעקנוילטע, איינגעדרייטע אין זיך. אינמיטן דער רײע איז געגאַנגען ר׳ מענדל בראָקער, ר׳ מענדל עלקעס, ווי מען האָט אים אין שטעטל גערופן. ער איז געגאַנגען אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ. זיינע אַקסלען האָבן זיך געהויבן איבער אַלע מיטגייערס אין דער רײע. זיין שפּיציק־געלבלעכע באָרד איז געגאַנגען פּאָרויס פאַר אים, ווי זי וואָלט זיך געיאָגט אָנצוקומען וואָס שנעלער אַהין ווו זי דאַרף קומען. זיינע אויגן, ווי נישט היגע, האָבן געשטאַרט אין די ווייטקייטן אַריין און זיינע גרעבלעכע ליפּן האָבן פון צייט צו צייט עפּעס געשעפּטשעט צו זיך אַליין.

אַ יונג פרילינג־ווינטל, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט אַ שטיף טון, האָט זיך געשפּילט מיט זיין באָרד, האָט אַ הייב געטון די באָרד־שפּיצן, האָט זיי אַ וויג געטון אין דער לופטן און זיי באַלד אַראָפּגעלאָזט אויף ר׳ מענדלס ברוסטקאַסטן.

„געגאַנגען זאָל ווערן, שווינען!״ האָט אַ פּוילע שטימע באַפוילן מיט נישט־אויסגעשלאָפענער אומגעדולד.

ווי קיינער וואָלט דעם קול נישט געהערט אַזוי האָבן די געשטאַלטן זיך ווידער געצויגן אויפן באַזילבערטן שאָסײ.

„שנעלער געגאַנגען, שווינען־קעפּ!״ — האָט די שטימע זיך דערנענטערט צו ר׳ מענדל בראָקער, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם קאָפּ געהויבן, פּאַריסן.

„דו, דו, פאַרדומטער קערל!" — האָט די שטימע געשטורעמט ערשט מיט רוגזה.

ר' מענדל האָט דערפילט ווי אַ פלאַם־פייער האָט זיך אַ צינד געטון צווישן די אונטערשטע ריפּן אויף זיין לינקער זייט פלייצע. ער האָט אויף אַ סעקונדע אַ קערעווע געטון דעם קאָפּ צו דער זייט פון וואַנען ס'ווייסטע קול איז געקומען און ער האָט מיט ביטול פלינק אָפּגעווענדט דעם בליק פון דאָרט.

„ווי אַזוי, פאָטער אין הימל, האָסטו געקענט אַריינגעבן אַזויפיל רשעות אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט?" — האָט ער אַ שעפּטשע געטון און האָט דערביי פאַריסן די אויגן צו די הייכן. ער האָט ערשט נישט געהערט די קלאַנגען פון דער שטימע, וואָס האָט אים באַגלייט מיט אַ ווייסטן ירגזון. אַפילו דעם ווייטיק אין דער זייט האָט ער ערשט נישט געפילט מער. ווי פריִער איז ער ערשט געגאַנגען מיט זיין געהויבענעם קאָפּ.

ר' מענדל בראָקער האָט נישט געפילט קיין מידקייט אין די גלידער און דער הונגער האָט נישט גענאָגט זיין מאָגן. שוין פון יאָרן איז ער געוווינט געוועזן צו הונגערן און די זוילן פון זיינע פיס האָבן שטענדיק געטראָטן אויף דורכגעריבענע, צעלעכערטע פּאָדעשוועס. אים האָט אויך נישט געאַרט וווהין מען פירט אים, וואָס מען וועט מיט אים טון ווען מען וועט אים ברענגען אַהין. אים האָט נאַר פאַדראָסן, ס'האָט אים גע־ווייטיקט פאַרוואָס די שאָטנס אַרום אים, פאַרוואָס די יידן אין דער רייע גייען מיט אַזעלכע אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט געבויגענע רוקנס, מיט אַזויפיל פּחד און הכנעה אין די אויגן, פאַרוואָס זיי ציטערן און פלאַ־טערן פאַר דער שטימע פון היצעל אין געשטאַלט פון אַ בן־אָדם, וואָס טרייבט און יאָגט זיי. ס'האָט אים אויך ווי געטון ווען ער האָט זיך דער־מאָנט ווי בעטלעריש־גיריק יעדער פון די יידן איז דער רייע האָבן דעם באַגינען געכאַפּט, געריסן די קרישקעס ברויט, וואָס מען האָט זיי צו־געוואָרפן, ווי צו הינט, כדי זיי זאָלן קענען ווייטער טראָגן זייערע קער־פּערס צום ערגעץ וווהין מען טרייבט זיי. ווען ער האָט זיי געזען כאַפּן די זשאַרקעס ברויט, ווען ער האָט געזען ווי זיי שלינגען די ביסנס ברויט מיט פולע מיילער שפּייעכץ, האָט ער זיך פאַרשעמט, פאַרשעמט פאַר זיי, פאַר זיינע ברידער, פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

„גאָט אין הימל, פאָטער טייערער!" — האָט ער פאַרקלאַמערט די

אויגן, „וואָס האָסטו געמאַכט פון דײנע אויסדערווײלטע קינדער? וואָס לאָזסטו זײ זיך אַזוי דערנידעריקן פאַר די ווילדע חיות בצורת אדם?״ — האָט ער זיך געפרעגט. ער האָט די אויגן צוגענאָגלט צו די הייכן ווי ער וואָלט זײ שוין קײנמאָל מער נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן צו דער ערד. נײן, ער האָט נישט געוואָלט זען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

ער האָט זיך ערשט דערמאָנט, אַז הײנט איז שוין דער דריטער טאָג ווי ער האָט אויף זיך נישט געהאַט קײן טלית, קײן תפילין. ווי ס׳לײב וואָלט אים געביסן, ווי ס׳וואָלטן געווען וווּנדן אויף זײן קערפּער אַזוי האָט ער זיך ערשט אַ קאָרטשע געטון פאַר ווײטיק. אַ בענקשאַפט צום טלית, צו די תפילין האָט אים אַ ריס געטון ווי מיט שאַרפע קאַמען.

„זאָג מיר טאַטע אין הימל, זאָג מיר, איך בעט דיר, וואָסער טעם האָט אַזאַ מין פּירעכץ?״ — האָט ער זיך אַ פרעג געטון בײ דער אײנסופיקײט פון הימל. „נעמסט און גיסט אונדז איבער אין די הענט פון אַזעלכע רשעים, וואָס לאָזן אַפילו קײן שטיקל טלית־קטן נישט טראָגן אויפן לײב, איז ווי אַזוי, טאַטע טײערער, ווי אַזוי קען אַ ייִד לעבן אויף דער וועלט אָן אַ סימן ייִדישקײט אַרום זיך, אויף זיך?״ — האָט אַ מוראדיקע פאַרצווייפלונג זיך געטראָגן פון זײן שטימע.

די זון האָט ערשט געגאָסן פון זיך ימען ליכט, שטראָמען גלעטנדיקע שטראַלן, און די לופט איז געווען דורכזיכטיק, לויטער, ווײט און קלאָר. ר׳ מענדל בראָקער האָט אַלײן נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי ער האָט אויף זיך צעשפּיליעט די געהאַקטע קאַפּאָטע. ער האָט דערפילט ווי דאָס פרילינג־ווינטל קילט זײן צעפיבערטן קערפּער, ער האָט אַראָפּגעלאָזט אויף זיך די אויגן און ער האָט געזען ווי זײנע צוויי פּאָלעס באַמבלען זיך בײ זײנע זײטן און דאָס העמד איז בײ אים צעשפּיליעט, צעעפנט בײם האַלדז. ער האָט זיך געכאַפּט, ווי ער וואָלט זיך נאַרוואָס דערוווּסט דערפון, אַז צווישן זײנע אָפענע פּאָלעס איז טאַקע מיט אַן אמת נישטאָ זײן לאַנגער טלית־קטן, וואָס איז שטענדיק געווען ווי אַ מחיצה צווישן אים און דעם גאָלן דרויסן. ער האָט זיך ערשט דערפילט באמת נאַקעט, אָדםנאַקעט אונטערן אויסשפּרײט פון הימל. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זײן נאַקעטקײט; האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן אַרום זיך אין זײן פּלוצלינגדיקער פאַרלוירנקײט. ער האָט ערשט דערזען ווי עס שלעפּן זיך אַרום אים אײנגעקאָרטשעטע, אײנגעגאָרבעטע, געבויגענע ייִדן מיט פאַר־

לאָשענע אויגן, מיט ביוורעס שוויס אויף זייערע צעקנייטשטע שטערנס. ער האָט געזען ווי זייערע קאַפּאָטעס זענען ביי זיי צעשפּיליעט ווי ביי אים אַליין און אַלע, אַלע זענען נאַקעט, אָדם־נאַקעט ווי ער איז. קיין איין ייִד, קיינער אין דער רייע, קיינער ווי ווייט זיין אויג האָט געקענט זען, טראָגט נישט אויף זיך קיין שטיקל טלית־קטן, וואָס זאָל זיין לייב פאַרדעקן.

זיין פּנים האָט זיך צעפלאַמט; די אויגן האָבן אים געבריט, די ליפּן האָבן זיך צעטרייסלט און ער האָט אַוועקגעריסן די אויגן פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין דער רייע לעבן אים. ניין, ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף דער חרפּה אַרום זיך; ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס מוראדיקע בילד אַרום אים; ער האָט געפילט ווי דאָס בלוט אין זיינע אָדערן הייבט אָן גאַלאָפּירן שנעלער און שנעלער.

„כ׳האָב צו דיר קיין טענות נישט געהאַט, רבונו של עולם, אַז דו האָסט מיר אַ גאַנץ לעבן געלאָזט הונגערן" — האָט ר׳ מענדל בראָקער אין זיין כעס זיך געווענדט צו הימל. „כ׳האָב אַפילו קיין פאַריבל אויף דיר נישט געהאַט ווען דו האָסט צוגעזען ווי מיין ווייב און מיינע קינדער זענען אַרומגעגאַנגען באָרוועס, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. כ׳האָב אויך נישט גע־וואָגט צו פרעגן ביי דיר, פאָטער אין הימל, פאַרוואָס דו האָסט גענומען און האָסט איינס ביי איינס פאַרשניטן די יונגע לעבנס פון מיינע קינדערלעך, וואָס דו האָסט ווי פרילינג־פלאַנצן אַרויסגעריסן, אַרויסגעפליקט פון מיין גאָרטן. אמת, ס׳האָט מיר וויי געטון, ווײי געטון ביז בלוט, אָבער טאַטע אין הימל, כ׳האָב געשוויגן, ווייל כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מסתמא קומט מיר אַזאַ האַרבע שטראָף. כ׳בין געווען זיכער, אַז דו ביסט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט" — אַזוי האָט ר׳ מענדל בראָקער געטענהט צו די הייכקייטן איבער אים, אַזוי האָט ער געשעפּטשעט צום רוים אַרום אים. זיין שטימע איז נאָך געווען מילד און שטיל און געצאַמט, אָבער מיטאַמאָל האָט זיין קול זיך אַ הייב געטון הויך און העכער און זיין שטימע האָט זיך צעטראָגן איבער די קעפּ פון די, וואָס האָבן מאַרשירט לעבן אים: „אָבער ערשט, היינט, ווען דו נעמסט און לאָזסט אַ גאַנצע עדה ייִדן, דיינע קינדער, אָן טלית און תפילין, אַפילו אָן אַ טלית־קטן אויפן לייב, ערשט, גאָט איז הימל, ערשט קען איך שוין דיינע דרכים נישט באַנעמען און פאַרשטיין! ניין!" — האָט ער זיך צעשריגן. „ניין און ניין! איך קען נישט און וויל נישט פאַרשטיין מער דיינע דרכים!"

ר׳ מענדל בראָקער האָט נישט געפילט ווי עס פאַלן טעמפּע קלעפּ אויף זיינע פּלייצעס, אויף די אַקסלען, אויף זיין קאָפּ. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז עס האָט אים ווער אַ ריס געטון דאָס היטל מיטן קאַפּל פון קאָפּ אַראָפּ. ער האָט שנעל פאַרלייגט ביידע הענט אויפן גאָלן קאָפּ.

„נאָך אין גאָלן קאָפּ אויך וווילסטו מיך לאָזן?" — האָט ער מיט בייז־קייט אַ וווּנד געטון די אויגן צו די הייכן. „דאָס זעסטו, ווּעסטו ביי מיר שוין נישט פועלן; אויף דעם וועל איך באין־אופן נישט איינגיין!" — ער האָט זיך מיט אימפּעט אַ בייג געטון צו דער ערד, געזוכט, אַ כאַפּ געטון דאָס היטל, דעם קאַפּל און האָט זיי אָנגעטון אויפן קאָפּ. דער האָגל קלעפּ, וואָס איז געפאַלן אויף זיינע הענט, וואָס האָבן געקלאַמערט דעם קאַפּל צום קאָפּ, האָט די הענט פון קאָפּ נישט געקענט פאַרטרייבן. ער האָט אַפילו נישט געוווּסט, אַז עס ציִען זיך וואַרעמע ראָוועקלעך בלוט פון זיין שטערן איבער די באַקן און זיי פאַרקלייבן זיך אין זיין באָרד אַריין. „כ׳וועל אינגאַנצן נאַקעט, אַפילו אָן אַ היטל, נישט בלייבן!" — האָט ער מיט עקשנות געביסן די ליפּן. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַ מאָדנע שוואַכקייט אין די גלידער. דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן זיך צו הוידען אויף זיינע אַקסלען; די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן צו דער ערד; די פיס אונטער אים האָבן זיך צעוואַקלט און פון מינוט צו מינוט האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט נידעריקער, קלענער, איינגעקאָרטשעטער, אַזוי קליין און געבויגן ווי אַלע ייִדן, וואָס גייען אין דער רייע לעבן און אַרום אים.

ר׳ מענדל האָט זיך דערמאָנט ווי הכנעהדיק־געפאַלן די ייִדן אַרום אים זעען אויס. ניין, ער וועט נישט זיין אַזוי ווי אַלע אַרום אים. ער וועט זיך נישט בייגן, נישט קאָרטשען, ניין! האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט. ער האָט מיט אַלע כוחות אַ צעעפן געטון די אויגן, און מאָדנע, דאָס ערשטע מאָל זייט ער גייט אין דער רייע האָט ער ערשט דערזען אַרום אים אמת ייִדישע פּנימער, פּנימער, וואָס ער האָט גאָר פריִער נישט באַמערקט. ער האָט געזען פּנימער מיט ייִדישע אויגן, מיט פאַרלאָשענע אויגן, מיט יאוש־דיקע אויגן, מיט פאַרגלייזטע אויגן. ער האָט דערזען אויגן, וואָס קוקן אויף אים מיט וועלטן מיט ליבע, מיט רחמנות, מיט מיטגעפיל; אויגן, וואָס גלעטן און צערטלען, האַלדזן און ווילן טרייסטן, ר׳ מענדל בראָקער האָט לאַנג געקוקט אויף די אויגן אַרום אים און ער האָט דערפילט ווי אַ טיפע בושה, אַ חרפּה, אַ בייסיקע חרפּה שלינגט אים איין. „פאַרוואָס האָב

איך זיי, מיינע ברידער, היינט אינדערפרי אַזוי באַליידיקט אין מיין געדאַנק? פאַרוואָס האָב איך געקוקט אויף זיי מיט אַזויפיל ביטול? מיט אַזויפיל פאַריבל?" — האָט ער זיך געפרעגט.

די פיס אונטער אים האָבן זיך צעציטערט ווי לולבים. אַ קאַלטער שווייס האָט זיך געמישט מיט די ראָוועקלעך בלוט אויף זיין פּנים. ר' מענדל בראָקער האָט ערשט געהאַט אַ געפיל, אַז ער מוז צוגיין און בעטן מחילה ביי יעדן ייִדן אין דער רייע פאַר דער זינד, וואָס ער איז קעגן אים באַגאַנגען. ער וואָלט געוואָלט זיך אויסציִען אַזוי אויפן זילבערנעם שאָסיי און ליגן און קוקן אויף די אויגן פון יעדן ייִד, וואָס וועט פאַרבייגיין פאַר אים אין דער רייע. ליגן און קוקן לאַנג, גאָר לאַנג, אַן אייביקייט.

זיין קאָפּ האָט זיך אַ שטאַרקן הוידע געטון אויף די אַקסלען. ער האָט דערזען ווי דער שאָסיי האָט אָנגעהויבן צו שווימען שנעל און שנעלער אונטער זיינע פיס. ביסלעכווייז האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד. ווי אַ גרויסער, אַ מעכטיקער קאַפּל איבער די קעפּ פון אַלע ייִדן האָט דער הימל ערשט אויסגעזען. אונטערן קאַפּל זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע ייִדן, וואָס האָבן מאַרשירט אין דער רייע. זיי האָבן ערשט מער נישט מאַרשירט. זיי זענען געשטאַנען אין אַ קרייז אַרום אים. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט זייערע פייכטע, שיינענדיקע אויגן, אויגן פול מיט רחמים, מיט ליבע, מיט מיטגעפיל. ווי זיי זענען געשטאַנען אַזוי האָבן זייערע קערפּערס זיך באַצויגן מיט טליתים, וואָס זענען געווען געוועבט פון לויטער בלויע פעדים און אַ של־ראש און אַ של־יד האָבן באַצירט זייערע אָרעמס און קעפּ. און ר' מענדל בראָקערס האַרץ האָט זיך קינדעריש־פריידיק צעשטיפט. ער האָט ברייטער צעעפנט די אויגן. זיינע ליפּן זענען געוואָרן באַצויגן מיט אַ שמייכל: „גיי זיי אַ חכם און פאַרשטיי גאָטס דרכים!" — האָט ער אַ שעפּטשע געטון. „צווישן אַזוינע ייִדן, פאָטער אין הימל, איז דאָך אַ מחיה אי צו לעבן אי צו שטאַרבן, חלילה" — האָט ער צוגעגעבן.

דער שמייכל איז געבליבן פאַרגליווערט אויף ר' מענדל בראָקערס ליפּן און די וואַרעמע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, און אַ פרילינגווינטל האָבן זיך געשפּילט און האָבן געצערטלט זיין שפּיציקע, געלבלעךגרויע באָרד.

אַן אורח

ביי פענעקל דעם טרעגער אין שטוב איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילער אומעט, וואָס איז אַזש פאַרקראַכן ביזן מיטן פון די ווענט, ביז דעם פּאַס גרוילעך־בלויער פייכטקייט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן פון די דילן אַרויף. פעסל, פענעקלס ווייב, האָט דעם אומעט איינגעזאַפּט אין זיך. זי האָט אים ערגעץ ווו פאַרשטופּט אין אירע אינגעווייידן און זי האָט אי מיט איר פּנים, אי מיט אירע שווער־באַברעמטע אויגן פּרובירט שמייכלען כדי איר מאַן נישט אָנצושטעקן מיטן געוויין אין איר. זי האָט שוין ערשט געוווסט כמעט אויף זיכער, אַז איר טראַכט איז פאַרשלאָסן, אַז זי וועט שוין איר יאָסלען קיינמאָל נישט באַשענקען מיט קיין קדיש און אַפילו מיט קיין טאָכטער אויך נישט. זי האָט געקוקט אויף די פייכטע „ווילגאָטשנע" ווענט און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו די ווענט וויינען צו איר אַראָפּ אין איר צער און ווייטיק.

כדי צו קענען אָנהאַלטן אַפילו דעם געמאַכטן שמייכל אויף איר פּנים האָט זי די אויגן געלאָזט פאַרלויפן איבערן פּאַס פייכטקייט, איבער דער גרוילעך־בלויער לענטע, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום די ווענט. דאָרט האָבן אירע אויגן געפונען אַ שטיקל טרייסט אין די אויסגעהאַפטענע בילדער פון עקידת־יצחק, משה ואהרן, און אין בילד פון ווילנער גאון מיטן טלית אויף די אַקסלען און די תפילין אויפן קאָפּ און אויף דער האַנט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יצחקן, וואָס ליגט אויף דער עקידה מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און זי האָט בליץ־שנעל אַ טראַכט געטון: „ניין, כ'וואָלט מיין קינדעלע זיכער נישט געקענט אַפילו דערפירן ביזן עקידה־פּלאַץ, ווייל ס'האַרץ וואָלט אין מיר פאַר פחד געפּלאַצט". פון דער עקידה זענען פעסלס אויגן אַוועק צום קיד־ווינקל ווו זיי האָבן

אָנגעטראָפֿן די בלאַנקנדיקע קופּערנע פּיש־פּאַן, די באַק־פּאַנען, די פּענד־לעך פֿון אַנדערע געקעכצן, דעם מעשענעם מערזשל און שטויסל און די פֿינקלדיקע לייכטערס אויף דער כּלים־שאַפֿקע. כאָטש פּעסל האָט שוין לאַנג נישט געהאַט גענוצט אירע שבת־יום־טובֿדיקע כּלים, פֿונדעסטוועגן האָבן זיי ביי איר נאָך געבלאַנקט מיט אַזעלכע רעגנבויגנדיקע קאָלירן ווי זי וואָלט זיי אָט ערשט נאָרוואָס געהאַט געפּוצט, געסקראָבעט, געריבן און געשייערט. די כּלים אויף די ווענט האָבן איר שטענדיק דערמאָנט, אַז עס זענען ביי איר, ביים קופּערשמיד אין הינטער־שטיבל, אַמאָל גע־ווען פֿריידיקע טעג אויך, טעג ווען דער גלאַנץ פֿון די פּענדלעך האָט צו איר געווונקען און האָט איר צוגעזאָגט אַ מאָרגן אַזאַ, ווען ביי איר אין הויז וועלן זיך אַרומקאָלאַטשען ביי די פֿיס אַ פּאָר קלענערע און גרעסע־רע פּענעקלעך, וואָס וועלן אויסוואַקסן נישט קיין טרעגערס, חלילה, נאָר גמרא־קעפּלעך, ישיבֿה־בחורים און אפֿשר אַמאָל רבנים, דיינים, שוחטים אָדער אַפֿילו חזנים ביי ייִדן.

איר יאָסל איז ווי שטענדיק, ווי אַמאָל אין די גוטע צייטן אַוועק מיטן טאָג צוגלייך פֿון הויז. ער האָט ווי תּמיד אָפּגעזאָגט זיינע פּאָר קאַ־פּיטלעך תּהילים, האָט אָפּגעדאַוונט און אָנשטאָט צו עסן דעם ברייטן, דעם נגידישן איבערבייס פֿון אַ שטיקל הערינג מיט אַ ציבעלע און אַ שיסעלע גריץ, האָט ער די טעג בלויז איבערגעביסן אויף אַ שיסעלע געדיכטע, שוואַרצע אַרבעס. אָבער אַפֿילו מיט דעם איבערבייס איז ער אַ גאַנצן טאָג געווען אַוועק איבער די גאַסן פֿון שטאָט זוכן אַ פּאָר פּעניג פּרנסה.

אַרום נאָך מנחה־צייט האָט זיך פּענעקל באַוויזן אין הויז. ווען פּעסל וואָלט זיך נישט געשעמט וואָלט זי איר מאַן אַנטקעגנגעגאַנגען מיט ברייט־צעעפֿנטע אָרעמס. זי וואָלט אים איינגעקלאַמערט אין זיי און זי וואָלט אים געהאַלטן אַזוי צוגעדריקט צו זיך ביז דאָס געוויין אין איר וואָלט זיך אויסגעוועפּט, ביז די בענקשאַפֿט אין איר וואָלט צעגאַנגען געוואָרן, נאָר פּעסל האָט עס נישט געטון ווייל עס האָט אַ חרפּה זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ גראָבע, אייזערנע וואַנט צווישן איר און איר יאָסלען און האָט איר נישט געלאָזט אויסציִען די אָרעמס צו אים.

„סט'עפּעס עסן?” האָט זי מיט אַ צעפּלאָמטן פּנים אים אַ פֿרעג געטון. און כאָטש אי יאָסל אי זי האָבן געוווסט פֿון וואָס דער עפּעס באַשטייט,

פונדעסטוועגן האָט יאָסל אַ טראַכט געטון, ווי אין די גוטע צייטן, וואָס ער זאָל בעטן פעסלען זי זאָל אים דערלאַנגען און געזאָגט האָט ער לסוף: „גיב אַ שטיקל ברויט מיט גריץ, פעסעלע!" אויף אַן אויסגעשפּרייטן, ווייסן, אויסגעהאָפטענעם האַנטעך האָט פעסל אַוועקגעלייגט אַ פּענעצל ברויט, וואָס איז געווען געוויינטלעך ביי איר יאָסלען צו צערייצן דעם אַפּעטיט, אַ פּאָר פּיצלעך ציבעלע, אַביסעלע זאַלץ און פאָר אַן אויס־נאָם האָט זי אים היינט אַוועקגעשטעלט אַ שפּאָרע שיסל קאַרטאָפלעס מיט גריץ. יאָסל איז געזעסן און האָט געגעסן און ער האָט געפילט ווי דער טעם פון דער גריץ צעגייט אַזש ביזן מאַרך פון זיינע ביינער. זיין פעסלס גריץ איז שטענדיק געווען מעדני מלך, נאָר דאָסמאָל איז די גריץ געווען אַ סך טעמעדיקער ווי יאָסל האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער יין המשומר אין גן־עדן דאַרף זיין. און כאָטש ער איז בטבע געווען אַ שווייגער, פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך דאָסמאָל נישט געקענט איינהאַלטן, ער האָט זיך געמוזט טיילן מיט זיין פעסלען מיט דעם תענוג, וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון אים: „פעסעניו, צו אַזאַ מין וואַזשנעם מאַלצייט, כ'מיין, ווען מ'ר וואָלטן דעם שבועות געהאַט אַזאַ סעודה, איז וואָלט מען זיכער געקענט נעמען אַן אורח אויף יום־טוב!"

מיט גלאַנציקע אויגן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָט פעסל אַ קוק געטון אויף איר מאַן און זי האָט געפילט ווי אַ ווייטיקדיקער רחמנות צעפּיצלט איר דאָס האַרץ. זי האָט געוווּסט, אַז איר יאָסל ווערט פאַר־צערט פון אַ פּיינלעכער בענקשאַפט, וואָס צעדריקט זיין געמיט. זי האָט געוווּסט, אַז ווען איר יאָסל פאַרבענקט זיך שטאַרק נאָך אַ פּיצל אייגן קינד און קיין קינד איז נישטאָ, איז האָט ער ליב כאָטש צו ברענגען עפּעס אַן אורח אויף שבת און יום־טוב, אַן אורח, וואָס זאָל די בענק־שאַפט פאַרטרייבן. זי האָט איר יאָסלען שטענדיק צוגעגעבן מוט, אים געבעטן ער זאָל ברענגען אַן אורח צו יעדער שבתדיקער סעודה, אָבער צייט אַלצדינג, די גאַנצע פּרנסה האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט נישט זי און נישט יאָסל דערמאָנט קיין וואָרט וועגן קיין אורח. שוין חדשים זענען דורך צייט יענעם שבת ווען דער לעצטער אורח איז געזעסן ביי זייער טיש. אי זי אי יאָסל האָבן געהאַט גענוג שפיכת דמים יענעם שבת ווען זיי האָבן פאַרן אורח נישט נאָר נישט געהאַט קיין פלייש און פיש נאָר אַפילו קיין ווייסע חלה אויף קיין המוציא אויך נישט... דער אורח איז

געוועזן אַ ייִד אַ שווייגער ווי איר יאָסל איז, אָבער דערפאַר האָט ער אַזויפיל געמוקעט און געבוקעט, געקרימט זיך און געברומט מיט פאַריבל, אַז זיי, אי זי אי יאָסל, האָבן דעמאָלט געפילט, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ אין זייערע ברוסט־קאַסטנס פאַר בושה, פאַר ווייטיק.

צייט יענעם שבת האָט יאָסל דאָס וואָרט אורח נישט דערמאָנט. ניין, ער וועט נישט נעמען, ער טאָר נישט נעמען קיין אורח ביז וואַנען ער וועט וויסן, אַז עס איז דאָ אי ווייַן, אי חלה, אי פיש און פלייש גענוג אָנצוזעטיקן אַפילו אַזעלכן, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך אַרומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג. ווי ס׳ליגט אַ טויט־קראַנקער אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און וואַרט אויפן אָנקומען פון טאָג אַזוי האָט יאָסל, אַזוי האָט פּע־נעקל דער טרעגער געוואַרט אויפן טאָג ווען זיינע פּלייצעס וועלן זיך ווידער אַ ברעך טון אונטער אַ משא אַזאַ, וואָס וועט ברענגען גענוג פּרנסה צו קענען צוגרייטן אין הויז אַזאַ שבתדיקע אָדער יום־טובדיקע סעודה צו וועלכער ער זאָל מיט פרייד קענען נעמען אַן אורח.

מיט אַן אורח אַרום טיש האָט פּענעקל געפילט ווי ער דערהייבט זיך פון זיין פּעסלדיקער נידעריקייט ביז צו די וואָלקנדיקע הייכן. זיין שמאָלער באַוואַקסענער שטערן איז געוואָרן ברייט, רונדיק, באַלעבאַטיש פּאַרטראַכט. און בעת דער אורח איז געשטאַנען און האָט באַוווּנדערט די בלאַנקנדיקע קופּערנע פאַנען, די פינקלדיקע מעשענע לייכטערס און מערזשלען, דעם שיין־געגרייטן טיש און אַזוי שנעל ווי דער אורח האָט זיך נאָר אַוועקגעזעצט קעגנ׳בער אים ביים שבת־יום־טובדיקן טיש האָט פּענעקל דער טרעגער גלייך דערפילט ווי ער וואַקסט אויס פון זיין פּעסלדיקער נידעריקייט צו די הייכקייטן פון די שטאַמען פון די סאָסנע־ביימער אין וואַלד אַרום שטאָט; ער האָט אין אַלע זיינע ביינער געפילט די פרייד פון וואַקסן, פון שטייגן, פון ווערן מיטאַמאָל אַ חשובער, אַ גע־הויבענער שטאָט־באַלעבאָס, וואָס דאַרף אין בית־המדרש האָבן אַ „שטאָט״ אויבנאָן לעבן משה וואַסער־מאַכער; לעבן נחמן בראָמבערגן, לעבן איצל מאַרגנשטערן אַזש. אים האָט זיך געדאַכט, ער האָט ממש געפילט ווי זיינע ברייטע, פלאַכע, טרעגערישע פּלייצעס האָבן זיך איבערגעפורעמט, זיינע קלעצלדיקע פינגער זענען לאַנג און איידל געוואָרן; ער האָט קלאָר און דייטלעך געזען ווי ער ווערט אַזוי שלאַנק און הויך און ווי ר׳ נח דאַזאָר, וואָס דוכנט אין אמשענאָווער שטיבל אויבנאָן אין דער זעלביקער צייט

ווען ער, פֿענעקל, דוכנט אין אַלטן בית־המדרש, ווו מען זעט אים קוים אַרויס.

פֿענעקל דער טרעגער האָט שטענדיק מקנא געווען ר׳ נח דאָזאָר, ר׳ נחן, וואָס האָט ווינטער־צייט, בעת ער האָט אָנגעטון די קאַראַקולעַנע טשופּע מיטן שאָפּענעם פוטער, אויסגעזען ווי עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישער ריז, ווי אַ ייִד אַזאַ, וואָס דאַרף קומען אַזש פֿון יענער זייט סמבטיון. פֿע־נעקלס פֿענצטער פֿון שטוב האָט אַרויסגעקוקט צו ר׳ נח דאָזאָרס הויף ווו עס פֿלעגט ערשט דאָ נישט־לאַנג צוריק ראַיען מיט פֿורן און וועגענער, מיט תבואה, מיט האָבער, מיט היי, מיט הינער, מיט קאַטשקעס אויסגע־פּאַשעטע און מיט גענדז געשטאָפּטע; און כאָטש ביי ר׳ נחן אויפֿן הויף איז די לעצטע צייטן געווען אַזוי שטיל, אַזוי אומעטיק, אַזוי ליידיק ווי עס איז אומעטיק געווען יאָסלען אויפֿן האַרץ, פֿונדעסטוועגן האָט אויך היינט, ווי שטענדיק, יאָסל נאָך אַלץ געטראַכט בעתן זיצן ביים טיש מיט איינעם פֿון די לעצטע אורחים זיינע, אַז ער וואַקסט, ער הייבט זיך, ער ווערט שיר נישט אַזוי גרויס ווי ר׳ נח דאָזאָר און אַז ער וועט אי״ה דעם קומענדיקן יום־כפור קענען שטיין טאַקע אין אמשענאָוער שטיבל אויף מזרח, נאָענט לעבן ר׳ נחן, און ער וועט זיך נישט שעמען אַרויסצו־שטעקן פֿון אונטערן טלית אַרויס זיינע פֿינגער, וואָס וועלן מער נישט זיין קלעצלדיק, אַזוי שוואַרץ באַהויטיקט, אַזוי צעפּלאַצט, נאָר עס וועלן אַרויסשטעקן פֿאָרן לאַנגע, איידעלע, פּוכקע פֿינגער מיט דורכזיכטיק־אָוואַל־פֿאַרשערטע, ריינע נעגל, וואָס מען שניידט אַרום אויף יעדן ערב שבת.

נאָך חשובער, נאָך געהויבענער איז פֿענעקל ביי זיך געוואָרן ווען עס האָט זיך געמאַכט ביי אים אַן אורח, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ידיעה אין די קליינע אותיהלעך. אמת, ס׳פּנים האָט אים געפּלאַמט פֿאַר חרפּה ווען אַן אורח האָט זיך אַריינגעלאָזט ביים טיש אין שמועסן אַזעלכע וועגן סתרי תורה, אַ שטיקל זוהר, וועגן עפּעס אַ האַרבן ענין אין הלכה, אָבער אַפֿילו דעמאָלט האָט יאָסל געפֿילט ווי די נשמה אין אים קוועלט אָן פֿאַר נחת, ווי עס צאַפּלט זיך זיין האַרץ פֿאַר פֿרייד, ווי זיינע אויגן צעבלישטשען זיך צו זען אַזאַ וואַזשנעם בן־תורה ביי זיין טיש. און ווי אַ מאַמע בענקט נאָך איר קינד אַזוי האָט פֿענעקל געבענקט נאָך אַ יום־טוב, אַ שבת, ווען עס וועט אַזאַ אורח באַשיינען, באַצירן זיין טיש. אָבער וואָס

האָט ער געקענט טון, אַז שוין חדשים און חדשים האָבן זײַנע אַקסלען נישט געטראָגן אויף זיך קיין זאַק מעל פון קאַגאַנס מיל אַרויס, אַז זײַנע פּלייצעס האָבן נישט אַראָפּגעלאָדן קיין קאַסטן צוקער פון רענקאַלס לאַנגן, צווײַ־דראָנגיקן וואָגן, אַז זײַנע שטריק האָבן נישט אַרומגענומען קיין פּאַס נאַפּט פאַר נחום שטימסקע אין שפּײַכלער אַרײַן, אַז זײַנע הענט האָבן נישט אַראָפּגעטראָגן קיין קאָש גאַמעלקעס קאַלך צו דער משוגענער פייגל אין קראָם, אַז עס האָט אים ר׳ נח דאָזאָר נישט מיטגענומען צו דער באַן אויסצולאָדן פראַכט־וואַגאָנעס מיט היי, האָבער, בעבלעך און קאַשע? ווי אַזוי האָט ער געקענט נעמען אַן אורח אויף שבת, אַז זײַנע צוויי בערן־פּיס האָבן שוין חדשים נישט באַטראָטן מענדל זונדלס הויף און זיי האָבן מיט זיך אַהין נישט געשלעפּט קיין שטאַבע אײַזן, קיין קאַסטן טשוועקעס, קיין ראָד דראָט, קיין בויגנס בלעך?

איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען מיט דער פּלייצע, וואָס איז אויף זײַן לײַב לײדיקערהייט געווען שווערער ווי ער וואָלט אויף איר געטראָגן צוויי פינף־פּודיקע זעקלעך פיר־נוליקע מעל; איז ער אַרומגעקראָכן מיט די גראָבע קאָנאָפּליע־שטריק אַרום זײַנע לענדן און ער האָט געפילט ווי די שטריק ציִען אים אַראָפּ מיט זייער פּוסטקייט אַזש ביז דער ערד; האָט ער זיך אַזוי אַרומגעשלעפּט און ער האָט אָנגעהויבן נאָך מער צו שווייגן ווי שטענדיק. האָט ער זיך אַזוי אַרומגעשלײַכט פון גאַס צו גאַס, פון קראָם צו קראָם און ער האָט געפילט ווי ער ווערט נאָך מער פּעסל־דיק, נאָך מער אנטאלעקלדיק־נידעריק ווי ער איז אַלעמאָל געווען, ער האָט שוין גאָר מורא געהאַט צו חלומען אַפילו, אַז עס וועט נאָך ווען עס איז זײַן טיש באַשײַנט ווערן מיט אַן אורח ווי אַמאָל, ווייל ווו, ווען וועט זײַן שפּײַז געוווג ביים טיש צו קענען פאַרבעטן אַן אורח? און אָט האָט גאָר זײַן פּעסל זיך געטון אַ „צעקאָך“ מיטאַמאָל; און אָט האָט זי אים אין אַ מיטן וואָכיקן טאָג דערלאַנגט אַזאַ מין מאכל, אַז עס צעגייט זיך אַזש אין זײַנע אברים, איז פאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט אַ טראַכט טון, אַז צו אַזאַ מאָלצייט קען מען אַפילו שבת צוגעבן אַ גלעזל ווײַן אויף קידוש און עס וועט זײַן גוט געוווג, אַז אַן אורח זאָל דעם טיש באַשיי־נען און באַצירן?

יאָסל האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן פּעסלען זײַן געדאַנק, אָבער אַז די פרייד פון דער האָפענונג האָט אַ שפּאַר געטון אין אים, האָט ער זיך

מער נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט אַ זאָג געטון צו זיין פּעסלען מיט אַ נישט־דרייסטער שטימע: „פּעסעניו, צו אַזאַ מין וואָזשנעם מאָל־צייט, איז וואָלט מען דאָך געקענט נעמען אַן אורח!" און אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר דעם געדאַנק אַרויסגעזאָגט האָט ער אַזוי שטאַרק חרטה געהאַט, אַז ער האָט זיך אַזש געוואָלט די צונג אָפּבייסן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז אויב זיין פּעסעלע וואָלט געהאַט געגוג שפּייז צו קענען צו־גרייטן געגוג פאַר אַ סעודה פאַר אַן אורח וואָלט זי נישט געוואַרט ער זאָל איר דערמאָנען. זי וואָלט אים ווי אַמאָל אַ זאָג געטון: „יאָסעלע, זאָלסט למען השם ברענגען אַן אורח אויף שבת, אויף יום־טוב". און אַז זי זאָגט נישט דאַרף ער איר נישט פאַרצאַפּן דאָס בלוט אומזיסט. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, וואָסער טעות ער האָט געמאַכט; ער האָט עפּעס גע־שטאַמלט און האָט זיך פאַרענטפערט: „כ'האָב געמיינט פּעסעלע, אַז דאָס עסן איז אַזויפיל מיט טעם, אַז אַפילו דעם בעסטן אורח וואָלט איך זיך נישט געשעמט צו ברענגען, ווען מיר וואָלטן געהאַט גענוג עסן פאַר אים".

אַ דערשלאָגענער איז פּענעקל געבליבן זיצן ביים טישל. דער ביסן אין מויל איז אים געבליבן שטעקן, קאַלטע אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן און ער האָט פון זיך געריסן שטיקער ווען ער האָט דערזען ווי ביי זיין פּעסעלען אין די ווינקלען פון די אויגן בלישטשען צוויי מאָדנע ליכטע־לעך און לעשן זיך נישט.

אָבער כאָטש די חרטה האָט אים געעגבערט, האָט דאָך דער געדאַנק, דער חלום, ווידעראַמאָל צו האָבן אַן אורח ביים טיש כאָטש אויף איין טאָג שבועות, זיך נישט אָפּגעטאָן פון אים אויף קיין מינוט. ווי ער וואָלט אויפגעריסן אַ וווּנד אין זיך, ווי ס'וואָלט די בענקשאַפט אים פאַרשיכורט אַזוי איז פּענעקל דער טרעגער אַרומגעגאַנגען און ער האָט געפילט, אַז ס'וועט די בענקשאַפט אים דערדריקן אויב ער וועט ביי זיין טיש נישט האָבן קיין אורח, וואָס זאָל אים אַ הייב טון אַביסל, וואָס זאָל פאַרשמעלצן זיינע וואָכעדיקע טעג.

און דאָנערשטיק בין מנחה ומעריב איז יאָסל, איז פּענעקל דער טרעגער געשטאַנען ביי דער טיר פון אַלטן בית־המדרש און ער האָט געהערט די מתיקותדיקע משלים און מעשיות, די טיפע חכמות פון דער תורה, וואָס דער בעל־דרשן ר' איטשע־מאיר לאָמזשער האָט מיט זינגענ־

דיק־דביקהדיקער לייכטקייט געדרשנט. פּענעקל איז געשטאַנען ביים בײ־שטידל פון דער טיר. ער האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטער זיך און ער האָט אַריינגעזויגן אין זיך יעדעס וואָרט, יעדן קלאַנג, יעדן פאַרטראַכטן צוזונג פון ר׳ איטשע מאירס דרשה. ווי אַ דורשטיקער אין מדבר האָט פּענעקל געזופּט פון לויטערן קוואַל פון רייד, וואָס זענען געפלאָסן פון ר׳ איטשע־מאירס געשליפענעם מויל און ווי אַ פאַרשיכורטער איז ער געשטאַנען און האָט געקוואָלן מיט אַן אינערלעכער פרייד, וואָס האָט צעטאַנצט אַלע ביינער אין אים.

ער האָט אַפילו נישט געוווּסט ווען ר׳ איטשע־מאיר לאָמזשער האָט געענדיקט זיין דרשה. ער האָט אויך נישט געהערט ווי עס האָבן ייִדן אויף אַ שטענדער לעבן דער טיר געוואָרפן פעניגס אין דער קערה, וואָס איז געשטאַנען פאַר ר׳ איטשע־מאירן, נאָר ווען ער האָט די אויגן גע־עפנט האָט ער דערזען ווי עס זיצט ר׳ איטשע־מאיר אַ פאַריתומטער אויף דער באַנק לעבן לאַנגן אויוון און לעבן אים שטייען יצחק שטימאַק דער גבאי און ר׳ נתן־זעליג דער שמש פון אַלטן בית־המדרש.

פּענעקלס אויערן האָבן זיך מיטאַמאָל ווי דורך אַ כישוף צעעפנט און ער האָט דערהערט דעם גבאי יצחק שטימאַקס אָפּגעהאַקט־בייזלעכע ווערטער: „נאָך צייט ביז שבת — — איז. וווּוועט מען נאָך זוכזוכן!“ ער האָט אויך אויפגעכאַפּט ר׳ נתן־זעליג דעם שמשס צערטלענדיק־וויינענדי־קע זאַצן פון טרייסט: „ ר׳ איטשע־מאיר, גאָט וועט העלפן. ביז שבת וועלן מיר נאָך אי״ה געפינען אַ ייִדן, וואָס וועט קענען אויסהאַלטן אַן אורח בסבר פנים יפות“.

פּענעקלס האַרץ איז שטיין געבליבן. זיינע אויגן האָבן אַרויסגע־שטאַרצט פון פנים. עס האָבן זיינע ליפן זיך צעפלאַטערט: „גאָט אין הימל; אפשר איז מיר באַשערט דאָס גליק!“ האָט ער אַ שעפּטשע געטון אַזש צו די לייבן איבערן אָרון קודש. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, ווו ער האָט גענומען אַזויפיל מוט אין זיך: ווו ער האָט גענומען אַזאַ גלויבן אין זיך. אויף זיינע שווערע פיס האָט ער זיך אַ וואַקל געטון צום אויוון, צו דער באַנק ווו ר׳ איטשע־מאיר איז געזעסן.

„ר׳ נתן־זעליג, ר׳ יצחק, ר׳ איטשעניו; אפשר קען איך האָבן דעם זכות, דעם כבוד איר זאָלט הייליקן מיין טיש; כ׳וועל אָנגרייטן פון...!“

פּענעקלס שטימע האָט געפּלאַצט אין אים, זיינע הענט האָבן זיך

צעטרייסלט ווי בלעטער איןווינט; זיינע אויגן האָבן זיך איבערגעגאָסן און כליפּענדיק ווי אַ פּיצל קינד האָט ער מיט תחינהדיקער געפּאַלנקייט געבעטן: „פון כל טוב — פיש און פלייש און ווײַן". ער האָט מער נישט געקענט אַרויסקריגן קיין זאַץ פון זיך. ווי אַ געשלאָגענער הונט איז ער געשטאַנען איבער ר׳ איטשע־מאירן און האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

און ווען עס איז פרייטיק־צונאַכטס געווען געגרייט דער טיש ביי פּענעקלען אין הויז מיט אַ קאַראַפינקע ווײַן פון פּלטיאל ווײַן־מאַכערס בעסטע וויינען, און עס איז געשטאַנען אויפן טיש אַ פּאַלומעסיק געפילטע פיש, וואָס איטשע פישער האָט אויף פּענעקלס נאמנות אויסגעבאָרגט, און ווען עס זענען געלעגן אונטערן אויסגעהאַפטענעם שבת־טישטעכל די צוויי געפלאָכטענע שבת־חלות, וואָס לייבעלע בעקער האָט געגעבן אויף פּעסלס פאַרמשכונטע אויערינגלעך, און ווען ר׳ איטשע־מאיר לאָמזשער, ר׳ איטשע־מאיר דרשן איז געשטאַנען מיטן כוס ווײַן אין האַנט און האָט אָנגעהויבן מיט זיין זיסן ניגון „ויכלו השמים והארץ" האָט פּענעקל אַ קוק־געטון אויף זיין פּעסעלען, אויף די פינקלדיקע פּאַנען אויף די ווענט, אויף די מעשענע לייכטערס און ער האָט געפילט, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער שוין קיינמאָל מער נישט הייסן פּענעקל דער טרעגער נאָר ער וועט אויף אייביק, אויף זיין גאַנץ לעבן הייסן ר׳ יוסף־יצחק בר׳ משה־נתן הכהן? מיט זיינע רמ"ח אברים האָט ער מיטגעזונגען דעם קידוש מיט ר׳ איטשע־מאירן און ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ער וואַקסט, ווערט הויך, העכער, ווערט אַזוי הויך ווי זיין שכן, ווי ר׳ נח דאָזאָר, ר׳ נח פיינטוך, וואָס שטייט שטענדיק אויף דער מזרח־וואַנט אין אמשענאָ־ווער שטיבל.

משכנות

אַזוי שנעל ווי יצחק פּאָדראַטשיק האָט זיך אַרומגעזוען, אַז ער האָט שוין אַ „שטאָט" אויבנאָן אויף דער מזרח־וואַנט אין בית־המדרש, אַז ער קען זיך איינהאַנדלען נישט נאָר אַ מפטיר אין אַ יום־טוב־טאָג נאָר אַפילו אַ שישי אויך, אַז מען רופט אים שוין אין דער גאַנצער שטאָט ר' יצחק און מען טראָגט אים ברייט אַנטקעגן אַ גוט־מאָרגן און אַ גאָט־העלף; אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די אַלע כיבודים וואַרעמען אים אַזוי ווי אַ פּאָר הענט פון אַ שטיפמאַמע, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַז עס איז שוין צייט אַ טראַכט צו טון וועגן עפּעס אַן אמתן תכלית. ער האָט שוין ערשט געוווּסט אויף זיכער, אַז זיין בלייך־פּנימדיקע, זיין שטענדיק־קראַנקע ווייב חנה וועט אים קיין יורש נישט געבן פּאַר זיין אָנגעזאַמלט האָב־און־גוטס, אַז די הייזער, פּעלדער, סעדער און שטיקער וואַלד וועלן בלייבן ווער וויים פּאַר וועמען, איז פאַרוואָס זאָלן ייִדן, וואָס פּראַצעווען, מאָרדעווען זיך מיט ביטערן שוויים פּאַרן פּיצל ברויט, פּאַר־וואָס זאָלן זיי נישט קיין הנאה האָבן אָט שוין, טאַקע באַלד פון די עשירותן, וואָס צעשפּאַרן אַזש די קופּערטן ביי אים אין הויז? פאַרוואָס זאָלן ייִדן מיט שטובן פול מיט קינדערלעך נישט קענען אַריינקומען צו אים כאַפּן אַ גמילת־חסד, אַ הלוואה, אָדער סתם קריגן עפּעס אַ שטיקל „זאַלאָגע" אויף אַ געשעפט מיט וואָס זיך צו ראַטעווען פון אונטער־גאַנג?

דאָס שטיין אויבנאָן לעבן די „העכט" פון דער מזרח־וואַנט אין בית־המדרש האָט ביי אים שוין לאַנג געהאַט פּאַרלוירן דעם אַמאָליקן גלאַנץ און עס האָט זיך אים פּלוצלונג פּאַרבענקט זיך אַריינצוכאַפּן צווישן זיינע אַמאָליקע חברים, די שניידערס און שוסטערס, וואָס שטייען נאָך ביי דער טיר און זיי פּאַרייסן די אויגן אַהין ווו ער געפינט זיך.

„ווען זיי וואָלטן געוווסט ווי קאַלט מיר איז צווישן די גדולים אויף מיין „שטאָט" וואָלטן זיי מיך נישט מקנא געווען", האָט ער צו זיך גע־טענהט און ער האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ אָפטער אַראָפּצולאָזן פון זיין באַרג־אַרויף צום טאָל פון בית־המדרש, צו דער טיר און אַרום ברייטן קאַכלאָוון אויוון, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ מחיצה צווישן אים און זיינע געוועזענע חברים.

ער האָט געקוקט אויף ברוך פליג, אויף סענדער שניידער, אויף יאַנקל בעל־עגלה און עס האָט אים דאָס האַרץ געשניטן צו זען ווי דער דלות שרייט אַראָפּ פון זיי. ווי ער וואָלט זיי גאָר די גאַנצע יאָרן פון זיין שטייגן באַרג־אַרויף קיינמאָל נישט באַמערקט, אַזוי האָט ער ערשט גע־קוקט אויף זייערע צעקנייטשטע, פאַרהאַרטעוועטע פנימער, ווי שטיקער אַלטע לעדער.

„וואָסער אויסרייסעניש איז אויף מיר אַלע יאָרן געווען, וואָס איך האָב זיי נישט אונטערגעשטעלט קיין פּלייצע?" האָט ער זיך צעבייזערט אויף זיין בלינדקייט. ער איז אַ האַלב־פאַרשעמטער געשטאַנען לעבן יאַנקל בעל־עגלה און האָט אים סודותדיק געפרעגט: „זאָג מיר יאַנקל, כ'זע אויף דיין פּנים, אַז דיין פּרנסה גייט נישט אַזוי גלאַטיק, ווי אויף אַ גוטן שליטן־וועג. איז אפשר קען איך דיר מיט עפּעס העלפן?"

יאַנקל האָט אויסגעגלאָצט אויף ר' יצחקן אַ פּאָר מאָדנע פרעגנדיקע אויגן און ער האָט שיר נישט חושד געווען זיין געוועזענעם חבר, אַז ער איז עפּעס געווירט; אָבער אַז ר' יצחק האָט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגעחזרט די פראַגע און ער האָט ממש מיט גלעטנדיקע ווערטער פאַרזיכערט יאַנקלען, אַז ער איז גרייט אים צו העלפן מיט אַ פיינער הלוואה כדי ער זאָל זיך קענען שטעלן אויף די פיס, ערשט דעמאָלט האָט זיך יאַנקלס פאַרגליווערט האַרץ צעשמאָלצן און ער האָט מיט ציטער־דיקע ליפּן אַרויסגעשטאַמלט: „ר' יצחקשי, ווען איך קען מיר קויפן אַ ניי בריטשקעלע, כ'מיין אַ געשפּאַנדל, וואָלט מיין הויז געוואָרן אַ ליכטי־קער פּאַלאַץ!"

יאַנקל בעל־עגלה האָט אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר טרערן ווי אַרבעסן און ער האָט איינגענומען אַ שטיינערנע שטומעניש און וויפל ר' יצחק האָט אים נישט געפּאַמפּעט און וויפל ער האָט אים נישט געבעטן, האָבן זיינע ליפּן נישט געוואָלט אַרויסזאָגן די סומע וואָס ער וויל לייען.

שבת-צונאַכט איז יאַנקל שוין געזעסן ביי ר׳ יצחקן, ביי זיין אַמאָ־ליקן חבר יצחק שניידער אין הויז; ער איז געזעסן און די פיס האָבן זיך ביי אים געטרייסלט אונטערן לאַנגן, ווייס־געדעקטן טיש. אויפן טיש האָבן שימערירט גלעזער טיי, ווי גוטער ווייך, און זילבערנע לעפעלעך זענען מאַיעסטעטיש געלעגן אָנגעשפּאַרט אין די אמת־פּאָרצעלייענע טעלערלעך.

„כ׳גלויב, אַז דאָס געלט וועט זיין גענוג אי אויף אַ בריטשקע אי אויף אַ פערד!" האָט ר׳ יצחק פּאָדראַטשיק אַריינגעפּאַקט אַ „זשמעניע" באַנקנאָטן אין יאַנקלס פּיבערדיקע הענט.

אַ צאָן אין אַ צאָן האָט ביי יאַנקלען געקנאַקט אין מויל. ער האָט געפילט ווי דאָס לייב אויף אים רונצלט זיך און כאָטש נעם האַק און בראָק, די צונג ביי אים אין מויל האָט זיך נישט געוואָלט איבערדרייען; ער האָט צעשפּיליעט די קאַפּאָטע, צעעפנט דאָס העמד און ווי ער וואָלט אין זיין גאָרגל געזוכט רייד, אַזוי איז ער מיט די טרייסלענדיקע פינגער געפאָרן איבערן האַלדז. ר׳ יצחק האָט געזען יאַנקלס צעצונדענעם פּנים און עס האָט אים ס׳האַרץ געשניטן אויף זיין אַמאָליקן חבר יאַנקל, וואָס איז אין די בחורשע יאָרן זייערע געווען אַ גאַנצער צעלייגער, אַ יונג מיט אַ פּיסק ווי אויף שרויפן, וואָס האָט פאַרן טייוול קיין מורא נישט געהאַט, און דאָ שטייט ער פאַר אים ווי פאַר אַ מלכות און טרייסלט זיך ווי אַ לולב.

„נוץ דאָס געלט געזונטערהייט און השם יתברך זאָל דיר מצליח זיין!" האָט ר׳ יצחק מיט אַ שטיקעניש אין האַלדז געשאָקלט יאַנקלס פרייע האַנט.

„ר׳ יצחק, אָט, דאָס אַלץ וואָס איך פאַרמאָג; איז גיב איך עס אייך פאַר אַ משכן".

„אַ שוואַרצער חלום צו מיינע שונאימס קעפּ!" האָט ר׳ יצחק מיט אַ געמאַכטן בייזער זיך צעשריגן. ער האָט געהערט ווי זיין האַרץ זעצט אין זיין ברוסט־קאַסטן ווי מיט האַמערס און ער האָט געפילט ווי עס הייבן זיך אָן צו פאַרגיסן זיינע אויגן. ער האָט אַ פּאָר מאָל עפּעס אַראָפּגעשלונ־גען און האָט מיטן זעלבן געמאַכטן כעס געטענהט: „ערשטנס וויל איך נישט דו זאָלסט מיך ר׳ יצחקן און צווייטנס, צווייטנס זאָלן דיינע ליפּן נישט דערמאָנען דאָס וואָרט משכן. אויף משכנות קענסטו דאָך קריגן ביי טעוועלע פּראָצענטניק אויך!"

ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס צירונג און האָט עס שנעל אַריינגעפּאַקט אין יאַנקלס ווייס בייטעלע. „נאַ, נעם די צירונג און הער זיך איין, יאַנקל; כ׳וויל זאָלסט זיך פירן מיט מיר ווי מיט אַ חבר פון אַמאָליקע יאָרן! נעם, זעץ זיך צו און לאָמיר איצט טרינקען אַ גלעזל טיי״.

יאַנקל האָט געהאַלטן דאָס בייטעלע אין האַנט און האָט זיך געבעטן: „יצחקשי, יצחק לעבן, נעמט, נעם כאָטש די אויערינגלעך, דאָס חופּה וקדושין־פינגערל, ס׳שנירל פּערל, אפשר, כ׳וועל נישט קענען קויפן גאָר־נישט אויב איר, דו, כ׳מיין כ׳וועל אייך, כ׳וועל איבערלאָזן כאָטש עפּעס אַ פּיצל משכן!״

און אַז ר׳ יצחק האָט איינגעזען, אַז ס׳וועט זיין אָפּזאָגן זיך פון נעמען אַ משכן יאַנקלען נישט געבן קיין רו, אַז זיינע פאַרזיכערונגען, אַז ער געטרויעט יאַנקלען אָן אַ משכן האָבן נישט געהאָלפן, האָט ער באַשלאָסן אויסצוקלייבן עפּעס, דאָס מינדסטע פון די צירונג און עס האַלטן פאַר אַ משכן אויף דער סומע געלט, וואָס ער האָט זיין חבר גע־געבן. ער האָט אַרויסגענומען אַן אַלט זייגערל מיט אַ געלבלעך קייטעלע; דאָס זייגערל איז געווען אָן ווייזערס און אָן אַ ציפערבלאַט. ער האָט דאָס זייגערל איינגעוויקלט אין אַ ביסעלע קאַנאַפּליעס, וואָס ער האָט אַרויס־גענומען פון זיין אתרוג־פושקעלע און יאַנקלען אין די אויגן האָט ער עס אַריינגעשטופּט טיף, טיף אין קופערט ווו עס זענען געלעגן וועקסלען, היפּאָטעקן, ווערט־פּאַפּירן און שווערע באַנקנאָטן.

ערשט ווען דער משכן איז געווען באַהאַלטן און דער קופערט איז געווען פאַרשלאָסן האָט יאַנקל זיך צוגעזעצט צום טיש און ביידע חברים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַן עקסקורסיע אין זייער פריידיקן אַמאָל, ווען חברה פלעגט זיך שבת־צו־נאַכטס צוזאַמענקומען צו נחום קופּקע אין שענקל אַריין און מען האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרום אַ געבראָטן גענדזל און אַן אנטאלעקל ביר און מען האָט געזשליאָקעט דאָס ביר און מען האָט „געסראָקט״ אָקע ביזן גרויען טאָג אַריין.

„דעמאָלט, יאַנקל, איז געווען אַ לעבן; עס האָט זיך געלוינט צו האָרעווען און פראַצעווען אַ גאַנצע וואָך אַבי מען האָט זיך דערוואַרט אי אויפן שבת אי אויפן שבת־צו־נאַכטס. אָבער היינט, זאָלסט מיר מוחל זיין פאַר אַזאַ מין סאָרט לעבן!״ האָט ר׳ יצחק מיט אַ טיפן זיפץ באַגלייט זיין חבר יאַנקל צו דער טיר.

**
*

ווי אַ וואַלד־פייער האָט זיך איבער דער שטאָט פאַרשפּרייט די ניַיעס, אַז ר׳ יצחק פּאָדראַטשיק האָט צעעפנט זיינע „שאַך־קאַמערן״ און ער גיט געלט יעדן אָרעמאַן, וואָס ברענגט אים אַפילו דעם קלענסטן משכן. אַלע שבת־צו־נאַכטס, באַלד נאָך הבדלה האָבן זיך דערשלאָגענע יידן מיט פאַרשעמטע פּנימער, מיט פּעקעלעך אונטער די אָרעמס, באַוויזן ביי ר׳ יצחק פּאָדראַטשיק אין הויז. ווי פאַרזינדיקטע קינדער זענען זיי געשטאַנען פאַרן הויכן, ברייטפּלייציקן ר׳ יצחק און זיי האָבן מיט צעבראָכענע געמיטער אויסגעגאָסן ס׳ביטער האַרץ פאַר אים. זיין ברייט־צעקעמטע באָרד, וואָס האָט זיך געקערעוועט רעכטס־צו, האָט אויסגעזען ביַיזלעך־פאָרשעריש, אָבער זיינע קליינע, קינדעריש־צאַפּלענדיקע אויגן האָבן גע־גלעט און פאַרזיכערט. „כ׳וויל נישט קיין משכנות!״ האָט זיך ר׳ יצחק געבעטן, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט די בקשות. זיינע ברייטע פּלייצעס זענען איינגעשרומפּן געוואָרן און זיין הויכער שטערן האָט זיך געקאַרבט פון אויסהערן אַזויפיל יידישע צרות. ניין, ער האָט נישט גע־וואָלט קיין משכנות. אָבער ס׳האָט אים נישט געהאָלפן קיין שום טענות, קיין שום אָפּזאָגן זיך. ס׳האָבן יידן איבערגעלאָזט אויפן טיש, ווער אַ פינגערל, ווער אַ פּאָר אויערינגלעך, ווער אַ פּאָר זילבערנע לייכטערס, וואָס מען האָט אים פאַרזיכערט, אַז מען נוצט בלויז אויף יום־טוב „און ביז יום־טוב וועט נאָך דער אייבערשטער העלפן און מען וועט אויסלייזן״, און ווער אַ בשמים־ביקסל אָדער אַ חנוכה־לאָמפּ.

עס איז געקומען פּלטיאל וויין־מאַכער בעטן אַ צושטייער אויף דער טאָכטערס חתונה און מאיר ליכטנשטיין איז געקומען באָרגן אויף אַן אָפּעראַציע, וואָס ער דאַרף דורכמאַכן. ביי דעם איז אַ פערד אַוועקגעפאַלן און ביי אַן אַנדערן איז דאָס קינד פאַרביי און מען מוז לויפן דערמיט קיין וואַרשע. און אָט האָט זיך באַוויזן טיק פון פאַרבן־געשעפט.

טיק איז געווען אַ ייד אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַ בערדל, וואָס האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט געזעסן אויף זיין פּנים בלויז אויף דערווייל, אַ צופעליק בערדל, וואָס גרייט זיך אַ ליאַדע מינוט צו פאַרלאָזן טיקס פּנים. טיק איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען און האָט געהוסט; זיין הוסט איז געווען אַן איידעלער, אַ צירלעך־מאַנירלעכער, שיר נישט אַ גבירישער הוסט,

כאָטש טיק איז אַזוי געווען ווייט פון זיין אַ גביר ווי ווייט זיין בערדל איז געווען פון זיין פּנים. טיקס נאָמען איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרב, מיט בענזין, מיט טערפּענטין און מיט ריחות פון פרישן קיט. ווו טיק איז געגאַנגען האָבן זיך נאָך אים נאָכגעשלעפּט זיין הוסט און די ריחות פון זיין פאַרבן־געשעפט.

אַז טיק איז אַריינגעקומען צו ר׳ יצחקן אין סאַלע האָט איבערן רוים זיך געטון אַ צעטראָג אַ כוואַליע ריחות פון פאַרבן־געשעפט און עס האָט זיך געהערט זיין כסדרדיק איידל, גביריש הוסטל.

נאָכדעם ווי טיק האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים האָט ער געטון אַ פּאָר ספּעציעלע הוסטן; ער האָט עפּעס אַריינגעשפּיגן אין ווייסן נאָזטיכעלע און ער האָט מיט כמעט תחינהדיקע רייד געבעטן ר׳ יצחקן: „כ׳שפּיי אויס די לונגען, ר׳ יצחק. אַ פּאָר חדשים אין די וועלדער קענען מיר נאָך אפשר אָפּראַטעווען. איז, איר פאַרשטייט, ר׳ יצחק, מען זאָגט, ס׳איז שוין ידוע, אַז איר זייט, כ׳מיין, נו, איר פאַרשטייט דאָך, אַ משכּן; האָב איך, איז אפשר, ווי זאָגט איר ר׳ יצחק?״

און עפּעס ווי אַ בייז האָט זיך אַ שטעל געטון ביי טיקן אין האַלדז און ער האָט זיך אַזוי פונאַנדערגעהוסט, אַז עס האָט זיך ר׳ יצחקן גע־דאַכט, אַז טיק וועט נאָך די לונגען אויסשפּייען ביי אים אין הויז. פלאַם־פייערדיק רויט איז טיק געוואָרן און די באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן ביי אים און ווען ר׳ יצחקס דינסטמיידל איז אַריינגעלאָפן מיט אַ גלאָז וואַסער איז שוין טיק געזעסן און האָט געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז. ר׳ יצחק איז גע־שטאַנען איבער אים און האָט געפאָכעט מיט אַ טיכעלע. ערשט ווען טיק האָט צוריק אָנגעהויבן צו הוסטן אויף זיין נאָרמאַלן, נגידישן שטייגער האָט ר׳ יצחק אים אַ פרעג געטון: „וויפל דאַרפט איר, טיק?״

און טיק האָט אַרויסגעשטאַמלט: „אַ צוויי, דריי הונדערט. וויפל איר קענט געטרויען אויף די־אַ משכּנות!״

ר׳ יצחק האָט זיך שוין נישט געשפּאַרט וועגן די משכּנות. ער האָט צוגענומען, וואָס טיק האָט אים געגעבן און ער האָט עס פאַרשטעקט אין זיין קופערט און טיק איז אַוועק אַהיים אונטער דער באַגלייטונג פון די ריחות פון זיין פאַרבן־געשעפט און זיין גביריש הוסטעלע, וואָס איז ערשט געווען נאָך איידעלער־נגידישער ווי שטענדיק.

און ביי ר׳ יצחקן אין די קופערטס איז אַלץ פולער און פולער גע־

וואָרן מיט משכנות, מיט וועקסעלעך, מיט היפּאָטעקן און אַפילו מיט היתר־רית׳קעלעך, וואָס ייִדן האָבן געבראַכט, כּדי זיי זאָלן כאָטש אַמאָל קענען אַריינוואַרפן אַ פּאָר גראָשן פּראָצענט אויף ר׳ יצחקס געלטער, וואָס זיי האָבן גענוצט. און כאָטש דאָס געלט פּראָצענט, וואָס מען האָט בגוואַלד איבערגעלאָזט ביי אים אויפן ווייס־געדעקטן טיש האָט ער באַלד אַוועקגעשענקט אויף ר׳ מאיר בעל הנס און אויף הכנסת כלה, פונדעסט־וועגן האָט ער די היתר־רית׳קעלעך באַהאַלטן צוזאַמען מיט די פּקדונות און משכנות און ער האָט געזען ווי עס וואַקסן ביי אים חמרים, בערגער משכנות און פּאַפּירלעך, אויף וועלכע ער האָט געקוקט אי מיט חשד אי מיט פּחד.

אָבער די פרייד פון געבן האָט זיך אין אים צעשפּילט מיט פרי־לינגדיקע פאַרבן און וואָס מער מענטשן עס זענען צו אים געקומען נאָך הלוואות אַלץ אָפענער איז זיין האַנט געוואָרן.

ר׳ יצחק האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז אים ווערט שווער צו גע־דענקען וועלכע משכנות עס געהערן צו וועמען און וויפל געלט ער האָט אויסגעבאָרגט אויף יעדן משכן. ער האָט דערפאַר איינגעפירט פאַר זיך אַ מין בוך, אַ פּנקס אַזאַ ווו ער האָט פאַרצייכנט זיינע „נייע געשעפטן", ווי ער האָט מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן גערופן זיין אויסבאָרגן געלט צו אָרעמעלייט. ער האָט אויף יעדער שורה פון בוך אָנגעשריבן מיט זיג־זאַגישע אותיות:

„נתתי לר׳ הערשל בלימעס ק״ן זלאָטעס, לקחתי אַ פּאָר זילבערנע לייכטערס".

„נתתי לר׳ אידל גנב כ״ה זלאָטעס, לקחתי אַ חנוכה־לעמפּל".

„נתתי לאלמנה פייגל לנדן אַ מאה, לקחתי אַ שנירל פּערל".

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, נאָכן דערליידיקן זיינע וואָכעדיקע גע־שעפטן, נאָכן אָפּרעכענען זיך פאַר די קאָרנס און ווייצן, היי און האָבער, שינעלן און מונדירן, האָט ער זיך מיט אַ באַזונדערער פלייס גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט זיינער. ער איז געזעסן אַ צעשטראָלטער איבערן פּנקס און ער האָט געמעקט און פאַרצייכנט און דערביי האָט ער אינזינען געהאַט איבערצוקוקן לעבן וועמענס נאָמען ס׳איז פאַרשריבן עפּעס אַ חפץ, וואָס דאַרף גענוצט ווערן אין אַ ייִדיש הויז לכבוד אַ יום־טוב, וואָס דאַרף באַלד קומען.

„ווייסט חנהשי, אַז מיר האָבן שוין באַלד חנוכה און נחמן פאַרבערס חנוכה־לאָמפּ ליגט גאָר ביי אונדז אין קופערט?" האָט ער זיך געווענדט צו זיין ווייב, וואָס איז פון יאָר צו יאָר אַלץ שוויַיגנדיקער און אַלץ בלאַ־סער געוואָרן. ער האָט באַלד צוגעגעבן: „נחמן שעמט זיך, נעבעך, צו ווייזן פאַר מיר דאָס פּנים, ווער ער אַוודאַי נישט קומען בעטן דעם חנוכה־לאָמפּ".

„איז טראָג אים אַליין אָפּ דעם חנוכה־לאָמפּ!" האָט חנה געבראָכן איר שווייגן און זי האָט זיך ווי אַ פייגעלע צעפּישטשעט.

ר' יצחק האָט אַזוי־אַ איבערגעקוקט די ליסטע פאַר יעדן יום־טוב און ווו נאָר ער האָט געפונען אַזאַ משכן פאַרשריבן אין זיין פּנקס איז ער באַלד צו צו איינעם פון זיינע קופערטן. ער האָט דאָרט געלייגט און איבערגעלייגט די משכנות און ער האָט אַרויסגענומען די אַלע, וואָס ער האָט באַשלאָסן אָפּצוטראָגן צו זייערע אייגנטימער. ער האָט גענומען אַ פּעקעלע אונטערן אָרעם און האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די הייזער.

אַ פאַרצאַפּלטער איז נחמן פאַרבער געוואָרן ווען ער האָט דערזען ביי זיך אין הויז ר' יצחקן. ער האָט געמיינט, אַז ר' יצחק איז געקומען מאָנען דעם חוב. שוין לאַנג איז געוועזן אַריבער דער טערמין ווען דער חוב האָט געדאַרפט ווערן באַצאָלט. ער האָט געזען ווי ר' יצחק צעוויקלט דעם חנוכה־לאָמפּ און שטעלט אים אַוועק אויפן טיש.

„כ'ווייס, ר' יצחק, אַז דער טערמין איז שוין דורך!" האָט ער גע־שטאַמלט, „אָבער".

„וואָסער טערמין? וואָסער אָבער?" האָט ר' יצחק אים איבערגעריסן די רייד, „ס'גייט דאָך חנוכה; דאַרף אַ ייִד האָבן אַ חנוכה־לאָמפּ, איז נוצט אים געזונטערהייט!" און ר' יצחק האָט זיך אַ קערעווע געטון צו דער טיר.

נחמן איז אים נאָכגעלאָפן, האָט געבעטן, אַז ר' יצחק זאָל מיטנעמען דעם משכן. ער האָט פאַרזיכערט ר' יצחקן, אַז מען קען בענטשן ליכט אַפילו מיט ליכטעלעך אָנגעשמאָלצן אויף אַ ברעטל, אָבער ר' יצחק האָט מיט געאיילטע טריט שוין געשפּרייזט צו נאָך און נאָך אַ הויז וווהין ער האָט געדאַרפט אָפּטראָגן חנוכה־לאָמפּן, וואָס זענען כמעט אַ יאָר געלעגן פאַרמשכנט ביי אים.

אָבער וויפל משכנות ר' יצחק האָט אָפּגעטראָגן צו זייערע פריִערדי־קע באַלעבאַטים אַלץ מער זענען די קופערטס ביי אים געוואַקסן, אַלץ

גרעסערע בערג זאַכן, חפצים, מלבושים, צירונג און אַפילו בעטגעוואַנטן האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי אים.

„זיי ווילן מיך פאַרפלייצן מיט משכנות!“ האָט ר׳ יצחק זיך פאַר־קלאָגט פאַר זיין שוויגנדיקער ווייב חנה, וואָס איז שוין ערשט כמעט גאַנצע טעג געלעגן אין בעט און זי האָט אונטערגעהוסט מיט אַזאַ טאָן ווי זי וואָלט געזאָגט עפּעס אַ תחינה. אַ פאַרבלאָנדזשעטער שמייכל האָט זיך געשפּרייט אַרום אירע פאַרמעטענע ליפּן און זי האָט אַ שעפּטשע געטון: „צו וואָס זאַמלסטו אַזויפיל משכנות?“

ר׳ יצחקן האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט אין איר שטימע עפּעס אַ מין פאַרוואורף, אַן אויסרייד, פאַרוואָס ער פאַרנעמט זיך מיט פאַרשרייבן חובות, משכנות אין דער צייט ווען זי, זיין ווייב, זיין חנה, וועמען ער האָט אַמאָל אַזוי ליב געהאַט, צאַנקט און גייט אויס פון טאָג צו טאָג. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר און ער איז ערשט געוואָרן זיכער, אַז איר שמייכל איז מער ווי בלויז אַ פאַרוואורף. ער איז געוואָרן זיכער, אַז ער זעט אַן אָפענעם חשד אויף איר שמייכלענדיקן פּנים. אים איז בליץ־שנעל דורכגעלאָפן אַ נייער, אַ פרישער, אַ גאָר פרעמדער געדאַנק דורכן מוח: „אפשר איז חנה מיך חושד, אַז כ׳פאַרנעם זיך מיט די־אָ משכנות כדי זיך צו פאַרשפּילן די צייט, כדי נישט צו זען ווי זי גייט אויס!“ נאָך אַ געדאַנק, אַ מוראדיקער געדאַנק, האָט זיך געטון אַ רייס אַריין אין זיין בוזעם. ער האָט זיך געשעמט, ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו פאַרמו־לירן דעם דאָזיקן, צווייטן געדאַנק, אָבער אים צו־להכעיס האָט דער גע־דאַנק זיך געטון אַ שטעל אַוועק פאַר אים אין זיין גאַנצער הייך און גרייס, מיט זיין גאַנצער חוצפּהדיקייט. „חנה איז דיך חושד, מסתמא, אַז דו גרייטסט שוין צו אַ פאַרמעגן פאַר „יענער“, פאַר דער וואָס וועט אינגיכן פאַרנעמען חנהס פּלאַץ אין דיין הויז!“

און וואָס מער און וואָס לענגער ר׳ יצחק האָט געפאָרשט זיין חנהס אויגן, דעם פאַרבלאָנדזשעטן שמייכל אויף איר פּנים, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז יאָ, דאָס איז עס טאַקע: „חנה רעדט מיט אַ מין ווייטיק און פאַרדראָס, וואָס כ׳האָב כמעט קיינמאָל פריִער אויף איר נישט באַ־מערקט!“ אַזוי האָט ער באַשלאָסן און ער האָט זיך דערפילט מאָדנע אומ־היימלעך לעבן זיינע ביכער ווו די משכנות זענען פאַרשריבן. ער איז געזעסן, האָט געקוקט אויף די נעמען, אויף די משכנות און זיינע אויגן

האָבן זיך אַלעמאָל, פאַרגנבעט צו חנהס בעט. ער האָט געזען ווי אַט, אַט גייט זי אויס און אין זיין שטוב וועט בלייבן אַ שטיק אומעטיקע פאַר־יתומטע לײדיקייט.

„וואָס וועל איך טאַקע טון אַליין אין די אַלע צימערן?״ האָט ער געהערט ווי אַ נייער געדאַנק שעפּטשעט אים אין אויער אַריין אַ סוד. „איז הייסט עס קלער איך שוין וועגן אַ צווייטער פרוי אין דער צייט ווען מיין חנהלע ליגט דאָ לעבן מיר און אָטעמט אויס אירע לעצטע טעג פון לעבן!״ האָט ער זיך אַ ריס געטון אַ שטיק האָרץ און ער האָט באַלד צוגעגעבן: „איז זי, זענען דאָך אירע אויגן גערעכט. גרייט איך דאָך טאַקע אַ פאַרמעגן, חנהס פאַרמעגן פאַר אַ וועלכער עס איז יידענע דאָרט, וואָס וועט באַלד פאַרנעמען איר פּלאַץ!״

מיט אַ רויט־צעפלאַמטן פּנים, אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרזינדיקטער האָט ר׳ יצחק פאַרמאַכט די ביכער זיינע. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן צימער. ער האָט געביסן די נעגל פון די פינגער, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן חנהס בעט און ער האָט אַ גלעט געטון איר וואַקסן פּנים און ער האָט שעפּטשענדיק־צערטלעך איר געבעטן זי זאָל אים פאַר־געבן פאַרוואָס ער פאַרנעמט זיך מיט די משכנות: „מיר פעלט דען געלט, האָב־און־גוטס אָן די משכנות?״ האָט ער זיך געבעטן ביי חנהן. „ווייסט דאָך, קינד, אַז צייט כ׳האָב אָנגעהויבן צו געבן הלוואות האָט גאָט אונדז צוגעשיקט אַזויפיל פּרנסה מער ווי פריִער, אַז נישט נאָר סטייעט אויף באָרגן געלט נאָר ס׳בלייבט נאָך איבער גענוג אויף אַנדערע זאַכן אויך!״

חנהס פּנים איז געבליבן אַזוי געל־וואַקסיק ווי פריִער; זי איז גע־לעגן און האָט געשטאַרט צום סופיט און אירע אויגן האָבן זיך קוים באַוועגט.

ר׳ יצחק האָט ערשט אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן זיינע ביכער, זיינע משכנות. ער האָט געזען ווי זיין חנה ווערט שוואַכער פון טאָג צו טאָג. ער האָט זיך ערשט אַרומגעדרייט איבערן הויז פאַריתומט, איינזאַם. ער האָט געשפּרייזט, געביסן די נעגל פון די פינגער און גערעדט צו זיך אַליין, צו זיין ווייבס וואַקסן, געלן פּנים: „משכנות גאָר, כ׳האָב דען גע־וואָלט משכנות? מען האָט דאָך מיט גוואַלד אָנגעשטופּט מיינע קופערטן מיט משכנות״. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָענט לעבן זיין חנהס בעט און האָט איר אָנגעהויבן צוצוזאָגן: „הערסט, חנהלע, כ׳גיב דיר מיין

וואָרט, אַז מער קיין משכנות...״ ער האָט דערזען ווי חנהס אויגן שטייען האַלב־אָפן, פאַרגליווערטע אין אירע אויגן־לעכער. „הערסט, קינד!!!״ האָט ער איר געריסן. „קיין משכנות נעם איך מער נישט! חנהלע!״ אָבער אי־בער חנהס בעט איז שוין געהאַנגען אַ גוסטדיקע שטילקייט...

***

באַלד נאָך שבעה, נאָך איידער ר׳ יצחק פּאָדראַטשיק, ר׳ יצחק אַלמן, ווי מען האָט אים שוין אין שטאָט גערופן, באַלד ווי ער האָט צוריק אָנ־געטון די שטיוול אויף די פיס, האָט זיך צו אים אין הויז אַריינגעשטעלט ר׳ אַנשל שדכן.

מיט זיין עליפּאַגן סאָקל, מיט זיינע שיך מיט ברייטע גומעס ביי די זייטן, מיט זיין ים־שטאָק מיטן זילבערנעם קאָפּ, איז ער שטיין גע־בליבן ביי ר׳ יצחקס טיר און ער האָט זיך צעלייגט מיט אַ גוואַלדיק נגידישן „גוטן אָוונט״, וואָס האָט אַזש אָפּגעעכאָט איבער אַלע ליידיקע צימערן.

„וואָס וועט איר זאָגן גוטס?״ האָט יצחק פּאָדראַטשיק געפרעגט.

ר׳ אַנשל האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך אַריינגעלאָזט אין מדרשים, אין פסוקים און אותות ומופתים צו באַווייזן ר׳ יצחקן, אַז על פּי דין טאָר אַ ייִד נישט בלייבן אַליין, בכן איז ער געקומען מיט אַ שליחות אַזש פון ר׳ מענדל קאַלינעס, אַז אויב ער וויל זיין טאָכטער, אַ בתולה, אַ יפיפיה און אַ באַלעבאָסטע דערצו, קען מען גלייך, באַלד נאָך שלושים שרייבן תנאים.

ר׳ יצחק האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו ר׳ אַנשל שדכנס רייד, האָט פאַרזשמורעט אַן אויג און האָט געקנייטשט דעם שטערן. ווען ר׳ אַנשל האָט געענדיקט רעדן האָט ר׳ יצחק מיט אַ טרוקענער שטימע אים אַ פרעג געטון: „טאַקע, ר׳ מענדל קאַלינעס אַליין האָט אייך געשיקט כ׳זאָל נעמען זיין בתולה פאַר אַ ווייב? אַזוי?״ ער איז געבליבן שטיל. ער האָט זיך פאַרטראַכט און האָט באַלד צוגעגעבן: „וואָס אַזוינס האָט ר׳ מענדל קאַלינעס געזען אין מיר? וואָסער יחוס, וואָסערע לומדות, וואָס, וואָס? פאַרוואָס וויל ער זיך עס משדך זיין מיט מיר, מיט יצחק שניי־דערוק?!״ האָט ער אַזש געשריגן.

„כ׳מיין, ר׳ יצחקשי, וואָס הייסט, אַ ייִד ווי איר, אַ בכבודיקער באַ־

לעבאָס, אַ ייִד מיט אַ ברייט האַרץ, מיט נאָך אַ ברייטערער האַנט, כ׳מיין עפּעס, אַ ייִד אַ נגיד!"

„אַ נגיד, אַ גביר, אַן עושר, אָט, דאָס טאַקע, דערפאַר וויל ר׳ מענדל זיך משדך זיין מיט מיר; און זיין בתולה וויל מיך אויך פאַר אַ מאַן?" האָט ער זיך פלוצלונג אַ פרעג געטון.

„סטייטש, וואָס דען, ווי קען דען אַנדערש זיין?" האָט ר׳ אַנשל שדכן פּרובירט באַרויִקן ר׳ יצחקן.

„טאַקע, זי אויך; אַ בתולה, אַ בריה, אַ יפיפיה, מיט אַלע מעלות און זי האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין מיר, אין יצחק חייט, יצחק שניי־דערוק! נו, גוט, גייט געזונטערהייט, ר׳ אַנשל, גייט און זאָגט זיי זיי זאָלן וואַרטן ביז אי"ה נאָך שלושים!"

ער האָט אַרויסבאַגלייט ר׳ אַנשל שדכן פון הויז אַרויס און ער האָט מיט אימפּעט אָנגעהויבן צו שפּרייזן הין און קריק.

„צו וואָס דאַרפסטו אַזויפיל משכנות?" האָט ער געהערט זיין חנהס פּישטשענדיקע שטימע.

ווי אַ יתום האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן הויז. ער האָט פאַר זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ער האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט לעבן זיין חנהס ליידיקן בעט. ער איז דאָרט אָפּגעשטאַנען שעהן אין שטילשווייגן. און איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט ער זיך האַסטיק אַ ריס געטון פון אָרט און האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די הייזער פון שטאָט, איבער די הייזער וווּ עס האָבן געוווינט אַלע די, וואָס האָבן געהאַט ביי אים משכנות און וועקסלען און היפּאָטעקן. ער האָט געבעטן אַלע, וואָס זענען אים שולדיק געלט, אַז זיי זאָלן אומבאַדינגט קומען צו אים אין הויז.

און שבת־צו־נאַכטס, ווען אַלע זענען געזעסן אַרום זיין ווייס־געדעקטן טיש, אָדער זענען געשטאַנען אַרום די ווענט פון זיין סאַלע, האָט ר׳ יצחק אין דער שווערער שטילקייט פון הויז זיך אויפגעשטעלט; האָט געטון אַ פאָר הוסטן און האָט זיך געווענדט צום עולם אַרום:

„מיין חנה ע"ה, זאָל זי רוען אין ליכטיקן גן־עדן, איז געווען אַן אישה צנועה". ער האָט געטון נאָך אַפּאָר שווערע הוסטן און ער האָט געהערט ווי טיק פון פאַרבן־געשעפט, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער אים, האָט אים באַגלייט מיט אַ פּאָר איידל־נגידישע, קליינע הוסטעלעך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און ער האָט פאַרגעזעצט:

„איידער גאָט ברוך הוא האָט איר אַוועקגענומען פון מיר האָט זי מיר בשם צוואה אָנגעזאָגט, אַז אַזוי ווי זי שטאַרבט אָן אַ קדיש בכן פאַר־לאַנגט זי פון מיר, אַז כ׳זאָל פאַר איר נשמה וועגן אַוועקשענקען אַלע חובות, וואָס ייִדן אין שטאָט זענען מיר שולדיק״.

ר׳ יצחק האָט געטון אַ פאָר שנייצן אין זיין רויטער פאַטשיילע אַריין און ער האָט פאַר איין וועג געטון אַ וויש זיינע רויטע אויגן.

„איך האָב איר אויף איר טויטן בעט געגעבן מיין הן שלי, אַז כ׳וועל אויספירן איר פאַרלאַנג״, האָט ער מיט אַ צעבראָכן קול געראַדט.

דער עולם אין סאַלע האָט זיך צעפליסטערט. ביי אַ סך האָבן די פּנימער זיך געראַוויטלט. טיק האָט זיך גאָר שטאַרק צעהוסט און ר׳ יצחק האָט פאַרענדיקט זיין געדאַנק: „בכן האָב איך אייך היינט צוזאַמענגערופן איר זאָלט יעדערער אָפּנעמען זיין משכן, זיין וועקסל אָדער זיין היפּאָ־טעק און זאָל מיין חנהלען זיין גרינג דערפאַר די ערד״.

גלייך ווי ער האָט אָפּגערעדט האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו די קופערטן, האָט זיי צעפּראַלט; האָט אַרויסגענומען די ביכער און האָט פאַרגעלייענט די נעמען פון די וואָס זענען אים שולדיק געווען געלט און וואָס זיי האָבן ביי אים. ער האָט אָנגעהויבן אויפן טיש בערג מיט פאַרמשכונטע זאַכן און ער האָט זיי אָנגעהויבן אויסצוטיילן צו אַלע אַרום אים. ווען די קופערטס זענען שוין געשטאַנען ליידיק האָט ער אַרויסגע־נומען אַ פאָר אָנגעפּאַקטע קאָנווערטן און האָט אויפן טיש צעלייגט פאַר־שיידענע פאַפּירן מיט רויטע וואַקס־שטעמפּלען, מיט זיג־זאַגישע אונ־טערשריפטן און אויך פאַפּירעלעך געשריבן מיט ייִדישע אותיות, היתר־ריתּ׳קעלעך, וואָס ייִדן האָבן אים איבערגעוואַלד אַריינגעשטופּט.

ר׳ יצחק האָט ערשט אָנגעטון אויפן שפּיץ נאָז אַ פּאָר ברילן מיט גראָבע שייבלעך און ער האָט געלייענט די נעמען פון די, וואָס זענען געווען אונטערגעחתמעט אונטער די פאַפּירן. ער האָט נישט פאַרגעלייענט די סומען געלט, וואָס זיי זענען אים געווען שולדיק. באַלד ווי ער האָט איבערגעלייענט דעם נאָמען, האָט ער דאָס פאַפּירל צעריסן און ער האָט זיך געווענדט צו דעם וועמענס נאָמען ער האָט פאַרגעלייענט: ר׳ יוסף־בער, איר זענט מיר מער גאָרנישט שולדיק״. „ר׳ חיים ביילעס, אייער חוב איז אָפּגעווישט״.

אַזוי האָט ער געריסן די פּאַפּירן און האָט יעדן איינעם אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער איז פריי פון זיין חוב. און ווען ער האָט צעריסן טיקס פון פאַרבן־געשעפט גרויסן וועקסל האָט טיק זיך אַזוי פאַרכלינעט, אַז זיין פּנים איז געוואָרן פלאַם־פייער און מען האָט געדאַרפט לויפן דריי מאָל אים ברענגען גלעזער וואַסער.

ר׳ יצחק האָט צונויפגעשאַרט אין אַ בערגל אַלע שטיקלעך פּאַפּיר און ער האָט געהייסן דער דינסט אָפּרייניקן דעם טיש.

„שטעל טיי פאַר אַלע געסט, נעכע!" האָט ער באַפוילן דער דינסט.

אַלע אין הויז זענען געבליבן דערשטוינטע. אין דער שטילקייט האָט זיך בלויז געהערט טיקס שווער אָטעמען און זיינער אַן איידל־נגידישער הוסט, וואָס איז שוין ערשט געווען געטאַמעוועט.

די דינסט האָט אָנגעהויבן אַריינצוטראָגן בלאַנקענדיקע גלעזער און זי האָט זיי צעשטעלט אויף פאָרצעלייענע טעלערלעך. די שטילקייט אין הויז איז געווען אומדערטרעגלעך. דער גרויסער שטיי־שפּיגל איז נאָך געווען פאַרהאַנגען מיט אַ ווייסן ליילעך, כאָטש ס׳איז שוין געווען נאָך שבעה. די בילדער זענען געהאַנגען איבערגעקערטע מיטן פּנים צום וואַנט און פון דער עטאַזשערקע האָבן אַראָפּגעשיינט חנהס זילבערנע לייכטער. וואָס האָבן אויסגעזען ווי נגידישע יתומים.

סענדער שניידער און ברוך פליג האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און זיי האָבן פאַרשעמט זיך עפּעס געסודעט. באַלד האָט סענדער שניידער געטון אַ מין מאָדנעם זיפץ און האָט זיך באַגלייט מיט אַ גע־דיכטן נאָס און האָט אַרויסגעשטאַמלט: „ר׳ יצחקשי, מיר האָבן אָט ערשט אָפּגעמאַכט, אַז חברה תהילים וועט אַ גאַנץ יאָר זאָגן תהילים נאָך אייער כשרער ווייבס נשמה!" איידער ער האָט נאָך געענדיקט האָט אים שוין ברוך פליג אונטערגעכאַפּט: „און מיר ווילן לאָזן אויסהעפטן אַ נייעם פּרוכת אויפן אָרון קודש אין איר הייליקן נאָמען!"

ר׳ יצחקס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

„אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק אייך!" האָט ער געשטאַמלט. ער האָט געהאַלטן די רויטע פאַטשיילע אין האַנט און ער האָט אַלעמאָל אַ וויש געטון זיינע רויטע צעפלאַמטע אויגן. און ווען נעכע האָט אָנגעגאָסן ברוינלעך־רויטע טיי, ווי גוטער וויין, אין די שימערירנדיקע גלעזער אַריין האָט ר׳ יצחק געבראָכן די שטילקייט, וואָס האָט ווידער געהערשט אין

הויז און ער האָט אַ שבועה אויף זיך גענומען: „פאַר אייך אין די אויגן, איר זענט מיינע עדות, אַז איך זאָג צו אין נאָמען פון מיין ווייב ע״ה צו לאָזן שרייבן אַ ספר־תורה אויף איר נאָמען; איבערצובויען די ווייבער־שול פון אַלטן בית־המדרש; געבן אַ טויזנטער אויף הכנסת כלה און אַ טויזנטער אויפן לינת הצדק״.

ער האָט אַ שנייץ געטון אין דער רויטער פאַטשיילע אַריין און ער האָט געזאָגט: „ערשט, יידן, לאָמיר טרינקען טיי!״

ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען האָט ר׳ יצחק לאַנג אַרומגעשפּרייזט איבערן הויז. די אומעטיקייט, די ליידיקייט אין הויז האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אים. „וואָס נאָך, וואָס ווילסטו כ׳זאָל ערשט טון, חנהלע?״ האָט ער זיך געווענדט צו דער פּוסטקייט אַרום. „כ׳האָב שוין באַלד מיין פאַרמעגן צעטיילט, ערשט נשמה מיינע, ביסטו מיך שוין נישט חושד?״ האָט ער געשעפּטשעט צום ליידיקן בעט ווו זיין חנה איז דאָ, ערשט נישט לאַנג צוריק געלעגן.

ער האָט זיך אויסגעטון און ער האָט געפילט אַ מאָדנע מידקייט אין די ביינער. ער האָט אָפּגעלייענט קריאת־שמע און ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט. ס׳איז אים שווער געווען די בעטגעוואַנט אויף זיך און ער האָט זיך שעהן אָפּגעוואָרפן אויף זיין געלעגער, וואָס האָט אים אויסגעזען שטיינערדיק האַרט.

ער האָט זיך גלייך אויף צו מאָרגנס גענומען צו דער אַרבעט פון דורכפירן זיינע באַשלוסן. ער איז אַוועק צו ר׳ אַברהם סופר און האָט באַשטעלט אַ ספר־תורה מיט גאָלדענע רימונים, מיט אַ העלפאַנט־ביינערנעם טייטל, מיט גלעקלעך, מיט עטלעכע פּאָר מענטעלעך אויף אינדערוואָכן און אויף ימים־טובים. ער האָט אויך אָפּגעטראָגן די צוגעזאָגטע סומעס אין לינת הצדק, צו הכנסת כלה און ער האָט זיך באַדונגען אויף איבערצובויען די ווייבער־שול פון אַלטן בית־המדרש און פאַר איין וועג האָט ער אויך באַשטעלט מען זאָל שוין דעם גאַנצן בית־המדרש איבערפאַרבן. לסוף האָט ער געהייסן מאַכן אַ נייעם שויתי און ער האָט לעבן שויתי געהייסן אַוועקשטעלן אַ נייע זילבערנע מנורה און אויפן פוס פון דער מנורה האָט ער געהייסן אויסקריצן אַ הזכרה נאָך זיין ווייב חנה־פריידע בת מירע־רייזע.

און ווען אַלע זיינע צוזאָגן זענען אויסגעפירט געוואָרן, און ווען די

מולערס און סטאָלערס און פאַרבערס האָבן זיך געשטעלט אַרבעטן אין אַלטן בית־המדרש, און ווען ר׳ אַברהם סופר איז שוין געזעסן איבערגע־בויגן איבער די שניי־ווייסע יריעות און האָט געכתיבהט מיט זיינע געגנדזענע פעדערן, דעמאָלט, טאַקע באַלד נאָך שלושים האָט זיך ר׳ אַנשל שדכן ווידער באַוויזן אויף דער שוועל פון ר׳ יצחקס הויז.

„זעצט זיך, זעצט זיך צו״, האָט ר׳ יצחק פאַרבעטן ר׳ אַנשלען דעם שדכן.

„ס׳הערט זיך עפּעס גוטס?״ האָט ר׳ אַנשל געפרעגט לשם אַריינ־פיר; ער האָט באַלד אָנגעהויבן מיט זיין זיס־שמייכלענדיקער שטימע: „עפּעס ווילדע שמועות טראָגן זיך אַרום איבער דער שטאָט!״

„וואָסערע שמועות?״ האָט ר׳ יצחק געפרעגט.

„איר צעטרענצלט אייער ביסל פּראַצע, שמועסט מען!״

„אַבי מיין פּראַצע, איז האָב איך דאָך אַ רעכט אויף דעם״.

„ווער רעדט וועגן רעכט? כ׳מיין עפּעס״. האָט זיך ר׳ אַנשל גע־קנייטשט.

„וואָס מיינט איר עפּעס, אַ שטייגער?״

„כ׳מיין, אַ ייִד אַן אַלמן, וואָס שטייט אין שידוכים, איז...״

„איז וואָס? וועט נישט סטייען אויף חתונה הוצאות?״

„חתונה הוצאות? ווער רעדט וועגן אַזוינע נאַרישקייטן?״

„וואָס זשע דען?״ האָט ר׳ יצחק געפרעגט תמעוואַטע.

„ר׳ מענדל קאַלינעס טאָכטער, אַזאַ מין כלה, עפּעס אַ קליינינקייט, פאַר איר, ר׳ יצחק, דאַרף מען האָבן מער ווי אויף חתונה הוצאות! כ׳מיין עפּעס!״

ר׳ יצחקס פּנים האָט זיך צעצונדן. זיינע אויגן האָבן זיך צעגאַלאָ־פּירט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן הויז. ער האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט לעבן ר׳ אַנשל שדכן.

„דאָס איז עס טאַקע, ר׳ אַנשל!״ האָט ער מיט אַ געטאָמעוועטער שטימע גערעדט. „אין דעם גייט עס טאַקע. כ׳וויל איר זאָלט שוין גיין צו ר׳ מענדל קאַלינעס און צו זיין בתולה און זאָגט זיי אין מיין נאָמען: „יצחק חייט, יצחק שניידערוק איז געבליבן אַ ייִד אַן אַלמן, וואָס פאַר־מאָגט ערשט בלויז אָט דאָס שטיקל הויז מיטן סאָד הינטערן הויז. חוץ דעם איז פון זיין ווייב, חנה ע״הס פאַרמעגן, איר הערט, פון זיין ווייב

חנהס פאַרמעגן גאָרנישט פאַרבליבן!״ האָט ער אַזש געשריגן, „איז אויב אים פאַסט זיך משדך צו זיין מיט דעם אָ יצחק שניידער קען מען שרייבן תנאים, אויב אָבער ער זוכט עשירות, הייזער, היפּאָטעקן, בערג מיט משכנות, איז זאָל ער זוכן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער ערגעץ אַנדערש ווו!״

„איר רעדט דאָך גאָר ווי אַ כ׳ווייס־אַליין־נישט־וואָס!״ האָט ר׳ אַנשל אַ צערודערטער געמורמלט.

„אַזוי ווי מען הייסט אייך, אַזוי זאָלט איר טון!״ האָט ר׳ יצחק באַפוילן. ער האָט צוגעפּירט ר׳ אַנשל שדכן צו דער טיר און ער האָט אים איבערגעזאָגט: „אַזוי ווי מען הייסט אייך, איר הערט, אָט־אַזוי זאָלט איר זאָגן אין מיין נאָמען!״

ער האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער ר׳ אַנשל שדכן. ער איז צוגעצוגעגאַנגען צו דעם ליידיקן בעט וווּ זיין ווייב חנה איז ערשט נישט לאַנג צוריק געלעגן און ער האָט זיך געווענדט צו דער פּוסטקייט אין בעט: „נו, חנהלע; נו, וועסטו מיך שוין נישט אָנקוקן מיט אַזוינע אומעטיקע אויגן פול מיט חשד?״

ער האָט זיך שנעל אויסגעטון. מיט אַ יינגלשער לייכטקייט האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אין בעט אַריין און איידער זיינע ליפּן האָבן פאַרענדיקט די לעצטע ווערטער פון קריאת שמע: „לעולם כלו כבודו״ איז ער גרינג אַנטשלאָפן געוואָרן.

אַן אייגענער מזומן

כאָטש עס איז שוין געווען פיר און צוואנציק יאָר נאָך מענדל בראָ־
קערס חתונה, און נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיין ווייב צירל האָט אים
יעדן יאָר, כמעט צום יאָר, געבוירן דאָ אַ ייִנגל און דאָ אַ מיידל, פונ־
דעסטוועגן האָט מענדל בראָקער נאָך נישט געהאַט דערלעבט דעם נחת
צו זען, אַז זיינס אַ קינד זאָל בר־מצווה ווערן און ער, מענדל זאָל מיט
זיינע אויערן הערן ווי זיין קינד ווערט אויפגערופן צו דער תורה, זאָל
מיט זיינע אויגן זען ווי זיין זון דערנענטערט זיך צו דער אָפענער תורה
און מאַכט איבער איר אַ ברכה. מיט קיין זאַך האָט מענדל בראָקער נישט
אַזוי מקנא געווען די חסידים פון אמשענאָווער שטיבל ווי מיט דער פרייד
פון זען זייערע זין שטיין ביי דער אָפענער תורה און מאַכן אַ ברכה איבער
איר. ער האָט זיך נישט איינמאָל געכאַפּט, אַז עס שטייען ביי אים טרערן
פון קנאה אין די אויגן בעת ער האָט געזען ווי עס ווערט אויפגערופן אַ
נייער ייִד, אַ בר־מצווה־בחור, ווערט אויפגערופן צו דער תורה און ווערט
דערמיט אַריינגענומען אין דער עדה פון ייִדן. די קנאה אין אים איז נאָך
שטאַרקער געוואָרן ווען ער האָט געוווּסט, אַז דער בר־מצווה־בחור איז
שוין דער צווייטער זון ביים טאַטן, דער צווייטער זון, וואָס ווערט אַ פו־
לער ייִד און אָט וועט דער טאַטע קומען אַהיים, זיך זעצן צום טיש, אָפּעסן
און בענטשן מיט אַן אייגענעם מזומן.

מענדל בראָקער האָט אַזש די אויגן פאַרזשמורעט ווען ער האָט
געטראַכט וועגן תענוג פון בענטשן מיט אַן אייגענעם מזומן. אים האָט
נישט געאַרט ווי אַזוי דער טיש וועט אויסזען, וואָס עס וועט זיך אויף
די טעלערס געפינען, צי ס׳וועט זיין איבער וואָס זיך צו וואַשן און פאַר־
וואָס צו בענטשן. ער האָט נאָר געזען, ווי ער זיצט מיט צוויי זין, צוויי

ייִדן, זיינע קינדער, וואָס שאָקלען זיך ריטמיש צוזאַמען מיט אים און אַלע דריי, ער און זיינע אייגענע צוויי ייִדן, צוויי ייִדן וואָס ער גיט אַ צושטייער צום ייִדישן פאָלק, זיי אַלע בענטשן אין מזומן.

„אַן אייגענער מזומן", האָט ער געקייט די ווערטער ווי עפּעס אַ גוטן מאכל און ער האָט געהאַט אַ געפיל דערביי, אַז עס צעגייען זיך זאַפטן איבער זיינע אַלע גלידער.

„דער וואָס איבער אונדז וועט נאָך העלפן!" האָט מענדל בראָקער געטריבן פון זיך די קנאה, און ווי שטענדיק האָבן די ווערטער „דער וואָס איבער אונדז" אים באַלד געטון אַזאַ מין גלעט, אַזוי ווי מאַמע־הענט וואָלטן אים געצערטלט און די קנאה האָט זיך אָפּגעטון פון אים, איז אויסגעמעקט געוואָרן פון זיין זכרון.

מענדל בראָקערס פליישיק־גראָבלעכע נאָז, זיינע פולע ליפּן און זיינע גרויסע, שמייכלענדיקע אויגן האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן זייער שטענדיקן שלום מיט דער וועלט און דער קאָפּ אויף זיינע ברייטע אַקסלען האָט זיך אויסגעגלייכט און עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוזינגען פון אים דעם רבינס אַ נייער ניגון, וואָס ער האָט נאָרוואָס געבראַכט פון רבינס הויף.

אין אַמשענאָווער שטיבל איז מענדל בראָקער געשטאַנען אויבנאָן, באַלד לעבן עמוד און כאָטש זיין ייִדענע קאַפּאָטע איז שוין לאַנג געווען געל ווי טאַבעק און זי איז געהאנגען אין צויטן אַרום אים, פונדעסטוועגן האָבן נישט געהאָלפן קיין געבעטן, קיין טענות, קיין שום רייד; מענדל האָט די קאַפּאָטע נישט געוואָלט פאַרבייטן אַפילו אויף דער בעסטער סאַטעלאַנענער געהאַקטער קאַפּאָטע, וואָס די חסידים פון שטיבל האָבן פאַר אים געוואָלט באַשטעלן ביי נחמן שניידער.

„דער וואָס איבער אונדז וויל אַזוי, דאַרף מענדל אַזוי גיין אָנגעטון!" האָט מענדל בראָקער אָפּגעוועגדט אַלע טענות פון די, וואָס האָבן אים געוואָלט איינרעדן, אַז עס איז אַ חרפּה ער זאָל שבת און יום־טוב גיין אין אַזאַ הילוך אין מיטן גאַס.

ניין, מענדל בראָקער האָט פון מענטשלעכער גאַב נישט געוואָלט הנאה האָבן. ער האָט פון באַלד נאָך דער חתונה אָן איינגעזען, אַז דער רבונו של עולם האָט עפּעס צו אים, אַז ער וויל, אַז מענדל מיט זיין הויזגעזינד זאָלן אָפּקומען אויף דער וועלט פאַר עפּעס אַ זינד, אַ זינד וואָס

ער, מענדל בראָקער, קען נישט באַנעמען, קען נישט פאַרשטיין, אָבער מסתמא איז עס עפּעס אַ שווערע זינד. איז אויב אָפּקומען, אויב זיין גע־שטראָפט, איז ער, מענדל, גרייט צו טראָגן אויף זיינע פּלייצעס די פולע משא פון דער שטראָף, ער וויל נישט מען זאָל אים אַרויסהעלפן!

און אָנגעהויבן צו טראָגן די שטראָף אויף זיך פאַר דער פאַרבאָר־גענער זינד האָט מענדל בראָקער באַלד נאָכדעם ווי ער האָט חתונה גע־האַט מיט זיין צירלען.

צירל איז געווען יונג, שיין ווי די זון, און די אויגן האָבן ביי איר געגלאַנצט ווי צוויי איידלשטיינער און געשוויגן האָט זי ווי אַ טויב. מענדל בראָקער האָט איר ליב געהאַט ווי מען האָט ליב אַ צאַרט קינד. זי האָט צניעותדיק־שווייגנדיק געבוירן אַ קינד, אַ ליכטיק ייִנגעלע, און זי האָט צניעותדיק־שווייגנדיק געזען ווי ס'קינד איז פאַרשניטן געוואָרן נאָך איידער זי האָט צום יאָר געבוירן דאָס צווייטע קינד. זי האָט דעם קריעה־ריס געטראָגן אין איר אויסגעהאָפטענער בלוזקע און זי האָט די בלוזקע נישט אויסגעטון ביז זי האָט ווידער געדאַרפט אָנטון אַ נייע בלוז־קע כדי מען זאָל דאָרט ווידער מאַכן אַ קריעה־ריס ווען דאָס צווייטע קינד איז געשטאָרבן.

אירע אויגן האָבן פאַרלוירן דעם גלאַנץ פון איידלשטיינער, האָבן זיי דערפאַר געקראָגן אין זיך אַזאַ מין פייכטע טיפקייט ווי די טיפקייט פון אַ ברונעם. און מענדל בראָקער האָט געקוקט אויף איר, געזען אירע אויגן, געהערט איר צניעותדיק שווייגן און האָט איר געטרייסט: „דער וואָס איבער אונדז וועט העלפן!"

און צירל האָט געזאַמלט בלוזקעס מיט קריעה־ריסן, זיי געזאַמלט מיט שטילשווייגנדיקער צניעות, זיי אַוועקגעלייגט אין קופערט און צום יאָרצייט פון יעדעס קינד האָט זי אַרויסגענומען די בלוזקע אויף וועלכער עס האָבן זיך נאָך אָנגעזען די פינגערלעך פון קינד, וואָס האָט זיך גע־שפּילט מיט דער מאַמעס ברוסט בעת עס האָט געזויגן. זי האָט געקוקט אויפן קריעה־ריס מיט אירע טיף־פייכטע אויגן און האָט צניעותדיק אַריינגעשוויגן אין טיפן ריס אַריין.

און אַזוי זענען דורך יאָרן. צירלס טאַטע, ר' הערש קרעמער, איז געשטאָרבן, האָט איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן זיין איינציקער טאָכ־טער צירל, האָט איבערגעלאָזט הייזער און אַ רייכע קראָם, און צירל האָט

געזען ווי עס גליטשן זיך אַרויס די הייזער פון אירע הענט מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי עס מערן זיך די בלוזקעס מיט די קריעה־ריסן ביי איר אין קופּערט. און זי האָט געזען ווי די פּאַליצעס אין קראָם ווערן ליידיק, קוקן אויף איר מיט שטילע, צניעותדיקע אויגן ווי אירע, און זי האָט געהערט ווי איר מאַן מענדל זאָגט איר: „דער וואָס איבער אונדז וועט העלפן!״ און זי האָט צניעותדיק געשוויגן.

מענדל בראָקער איז נאָך יעדער שבעה געפאָרן צום רבין, איז דאָרט געבליבן ביז איבער שלושים און איז געקומען אַהיים, האָט אַ קוק געטון אויף די פּאַליצעס אין קראָם, האָט אַ קוק געטון אויף צירלס טיף־פּייכטע אויגן, אויגן טיף ווי אַ ברונעם, און האָט אונטערגעברומט דעם רבינס נייעם ניגון און האָט צירלען געטרייסט: „דער וואָס איבער אונדז וועט העלפן!״

די זיידענע קאַפּאָטע, וואָס איז אַמאָל געווען שוואַרץ ווי די נאַכט, האָט אָנגעהויבן צו קריגן געלבלעכע פלעקן אויף זיך, האָט אָנגעהויבן צו גלאַנצן ווי צירלס אויגן, האָט אָנגעהויבן זיך צו פּעדעמען ביי די עלנ־בויגנס, אַרום קאָלנער, לעבן די קעשענעס און מענדל בראָקער איז פריי־טיק־צו־נאַכטס געבליבן אין שטיבל לענגער ווי אַלע חסידים. און אין די וואָכן־טעג האָט ער געדאַוונט ביחידות, געבליבן זיצן ביים לאַנגן טיש, געקוקט אין אַ ספר, געמורמלט דעם רבינס אַ נייעם ניגון און האָט גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי הונגער אויף דער וועלט.

און אין קראָם זענען די פּאַליצעס געוואָרן אַלץ ליידיקער און צירל איז געווען פאַרנומען דאָ מיט אַ שבעה, דאָ מיט אַ יאָרצייט און אָט איז אונטערגעקומען אַ נייער קינפעט.

מענדל בראָקער האָט געמוזט אַכט, צען טעג זיצן אין קראָם ביים טאָמבאַנק, האַלטן אַ ספר אין האַנט און ענטפערן אַ קונה: „ס׳איז נישטאָ״. ווייל זעלטן ווען איז געווען וואָס אַ קונה צו פאַרקויפן ביי מענדל בראָקער אויף די פּאַליצעס פון קראָם.

איז ער געזעסן אַזוי, מענדל בראָקער, געזעסן אין קראָם, געוואַרט צירל זאָל אַרויס פון קינפעט, איבערנעמען דאָס געשעפט און אים באַ־פרייען פון שווערן יאָך פון פרנסה, וואָס איז אים אַזוי אָפט מבטל תורה, און בעתן זיצן אין קראָם, און בעתן אונטערברומען דעם רבינס אַ נייעם

ניגון האָט פון צייט צו צייט צו מענדל בראָקער אין בוזעם זיך פאַרגנבעט אָט יענע קנאה, פון וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל אינגאַנצן נישט גע־קענט באַפרייען:

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נתן־עליע האָט דעם שבת געפירט זיין דריטן זון צו דער תורה, אַז ברוך האַלץ־סוחר האָט שוין דעם צווייטן זון אַריינגעפירט אין דער עדה פון יידן. אַז זיין חבר ניסקע שוחט האָט שוין אויך דערלעבט כאָטש איין זון, זיין בן זקונימל, צו פירן צו דער תורה! און די קנאה האָט אַ ברען געטון אין אים, האָט זיך צעפלאַקערט און האָט אים שיר נישט אָנגעצונדן פון קאָפּ ביז פיס.

מענדל בראָקער האָט זיך צעזונגען הויך און העכער: האָט פּרובירט טרייבן פון זיך דעם דאָזיקן זינדיקן געדאַנק, האָט אַ פּאָר מאָל אַ זאָג געטון „דער וואָס איבער אונדז וועט העלפן“, אָבער ער האָט פון זיך דאָס געפיל פון קנאה נישט געקענט פאַרטרייבן. ער האָט פאַרקלאָמערט די אויגן, געוואָלט יאָגן פון זיך יעדן געדאַנק, בלייבן זיצן אַזוי, סתם זיצן, נישט לערנען, נישט טראַכטן; נאָר אַזוי ווי ער האָט נאָר פאַרמאַכט די אויגן, האָט ער דערזען ווי עס גייען אים פאַרביי אין אַ רייע זיינע קינדער; איינס נאָכן אַנדערן, זיי גייען, דאָ אַ יינגעלע, דאָ אַ מיידעלע; זיי גייען, ווערן גרעסער, וואַקסן אויס, שטייען שוין פאַר אים גאַנצע מענטשן און צווישן זיי זענען דאָ פיר, פינף אָדער גאָר זעקס יינגלעך, ניין, בחורים־לעך, גאַנצע יידן שוין! נישט נאָר אַן אייגענעם מזומן, נאָר מער ווי אַ האַלבן מנין אייגענע יידן האָט ער דאָך שוין באַלד געקענט האָבן, און אָט, זע, זיי הייבן זיך אויף און פאַרשווינדן גאָר און לאָזן אים אַליין.

ער האָט געעפנט די אויגן, געזוכט אַרום זיך, געזען די ליידיקע פּאַליצעס און האָט זיך דערשראָקן פאַר דער ליידיקייט אַרום.

און איינמאָל ווען צירלען האָבן פּלוצלונג אָנגעכאַפּט ווייען און מען האָט געשיקט נאָך דער לאַנגער נעשען די הייבאַם מיט דער געדיכט־באַוואַקסענער בראָדעווקע אויף איר רעכטער באַק, אין יענעם בייטאָג איז מענדל בראָקער געזעסן ביים טאָמבאַנק, איז געזעסן און דער שטערן האָט זיך ביי אים געקנייטשט. אַ שווערער אומעט איז געלעגן אויף אים.

„פּאָטער אין הימל!“ האָבן זיך פון מענדלס פאַרבאַרגנסטע ווינקלען אַרויסגעריסן אַ פּאָר בעטנדיקע ווערטער. זיין לייב איז אים געראַנצלט

געוואָרן און אַ שווייס ווי אַ ריבאייזן האָט באַדעקט זיין פּנים. ער האָט מיט דער רויטער פאַטשיילע אַ וויש געטון דעם שווייס, האָט זיך געטון אַ שטעל אויף און האָט אויף זיך אַ געשריי געטון: „דער וואָס איבער אונדז וועט העלפן!" און פון הויז האָט ער געהערט ווי נעשע די הייבאַם שאַרט זיך צו אים אויף אירע אַלטע שווערע, פיס, שטעלט אַריין איר לאַנגע, רויטע נאָז און זאָגט אים אָן „מזל-טוב, אַ בן זכר!"

„מזל-טוב!" האָט מענדל בראָקערס שטימע אַרויסגעוויינט פון אים. ער איז אַריין צו דער ווייב צירל; ער איז באַלד אַרויסגעקומען, האָט געטון אַ פּאָר שנייצן אין רויטן נאָזטיכל אַריין, האָט אויסגעווישט די ווינקלען פון די אויגן, האָט גענומען אַ בייטל, געכאַפּט אַ בלייפעדער, אים באַנעצט מיט דער צונג און האָט אָנגעהויבן צו שרייבן נעמען.

די נעמען פון טאַטעס און זיידעס האָט מענדל בראָקער געהאַט אויס־גענוצט אויף די קינדער, וואָס זענען שוין געוועזן אויפן עולם האמת. ער האָט זיך דערפאַר ערשט אַוועקגעלאָזט אין דער געשיכטע פון זיינע אור־זיידעס. ער האָט אָנגעהויבן פון זיך אַליין, האָט אָנגעשריבן מנחם־מענדל בן הרב הגאון ר' יעקב־דוד, בן הרב הגאון והמפורסם ר' יהושוע יוסף — און ער האָט אַזוי געצויגן זיין יחוס ביזן קאָזשעניצער ז"ל, ער האָט זיך דאָ דערמאָנט, אַז זיין פאָטער ז"ל פלעגט זיך אונטערשרייבן מיטן גאַנצן שלשלת היוחסין, טאָקע ביזן קאָזשעניצער, אָבער פאַרענדיקט האָט ער שטענדיק זיין יחוס מיט די ווערטער „עד ר' יוחנן הסנדלר", איז פאַר־וואָס זאָל ער טאַקע נישט אַ נאָמען געבן זיין קינד נאָכן אמתן אור־זיידן זיינעם, נאָך ר' יוחנן הסנדלר? און מענדל בראָקער איז אַ פריידיקער אויפגעשטאַנען פון טאַמבאַנק און האָט אָנגעהויבן האַסטיק צו שפּרייזן אי־בער דער קראָם און ער האָט כסדר געקייט דעם נאָמען ר' יוחנן הסנדלר מיט אַזאַ געשמאַק, ווי ער וואָלט נאָרוואָס עפּעס איבערגעכאַפּט נאָך אַ לאַנגן תענית, און טאַקע גלייך ווי דער נאָמען איז אים אַריין אין אַלע אברים האָט ער זיך צעזונגען מיטן רבינס נייעסטן ניגון און האָט אַרויסגעזאָגט: „דער וואָס איבער אונדז וועט העלפן!" און געפילט האָט ער דערביי, אַז דאָסמאָל וועט דער פאָטער אין הימל שוין רחמנות האָבן און וועט אים לאָזן האַלטן דעם פקדון, וועט נישט איבעררייסן די שלשלת, וואָס ציט זיך פון אים דורך זיין פאָטער ז"ל, דורך זיינע זיידעס ביזן קאָזשעניצער און פון דאָרט אַזש ביז ר' יוחנן הסנדלר. און אַז מענדל בראָקער האָט אַ

קוק געטון איצט אויף די פּאַליצעס, געזען: זיי זענען שוין טאַקע לײדיק, איז דער גלויבן אין אים געוואַקסן און דער גלויבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זיכערקייט און די זיכערקייט האָט מענדלען אַזוי פאַרשיכורט, אַז אַט באַלד איז ער גרייט געווען זיך אַוועקצולאָזן אין אַ רקידהלע. ער איז אַ בעלן געווען צו פאַרמאַכן די קראָם, לויפן אין שטיבל און דאָרט אַ טאַנץ טון מיט די ליידיקע בענק. נאָר דאָ האָט נעשע די הייבאַם אַריינ־געשטעקט די לאַנגע, רויטע נאָז און האָט אַ זאָג געטון: „איך גיי, און איר, ר' מענדל, כאַפּט זיך אַלעמאָל אַריין, גיט דער קינפּעטאָרין אַ גלאָז טיי, אַביסעלע וויין, עפּעס אַ קיי; זי איז נעבעך שוואַך!״

און מענדל בראָקער איז געבליבן אין קראָם, האָט געטאַנצט מיט זיינע אייגענע ביינער און האָט דערביי צוגעברומט מיטן רבינס נייסטן ניגון: „עד ר' יוחנן הסנדלר!״

**
*

און יוחנן איז געוואַקסן, און צירל האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף אים. און צום קופּערט איז זי נישט צוגעגאַנגען און קיין בלוזקע האָט זי אויף זיך נישט געביטן.

זי איז געזעסן אין קראָם, האָט פאַרקויפט אַ פּעקל מאַכאָרקע, אַ גלאָז קוואַס, אַ שטיקל הערינג און יוחנן איז געלעגן צוגעטוליעט צו איר ברוסט; האָט זיך געשאַרט אויפן דיל; האָט אָנגעהויבן אַרומצוקריכן אַרום די ווענט; לויפן אויף די פּאָר שטיגן פון קראָם צו דער גאַס, פון גאַס צו דער קראָם; האָט אָנגעהויבן צו קוקן מיט דער מאַמעס טיף־פייכטע אויגן, האָט אָנגעהויבן אויסצוזען ווי דער טאַטע און אַט איז ער שוין געווען אַ בלייך־שווייגנדיקער חדר־יינגל, אַן אויסגעצערט בחורל.

צירל האָט געשוויגן ווי די נאַכט און אַ פּחד האָט זיך צעלייגט אויף איר מיט אַזאַ שווערקייט, אַז זי האָט געפילט, אַז אירע גלידער ברעכן זיך אונטער דער משא. יוחננס שטערן איז געוואָרן ברייטער און העכער און יונגע קאַרבן האָבן זיך באַוויזן איבערן ביישטידל פון נאָז. זיין בלייכ־קייט האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין פּנים און זיינע אויגן זענען געוואָרן טי־פער און פייכטער ווי דער מאַמעס, דערפאַר האָבן זיי אָבער צוגעקראָגן דעם טאַטנס שטענדיקן שמייכל.

חסידים אין אמשענאָווער שטיבל האָבן מיט זאָרג זיך געסודעט וועגן יוחננס בלייכקייט און יצחק דאָזאָר האָט פאַרגעשלאָגן מען זאָל זען פאַר־זאָרגן מענדל בראָקער מיט עפּעס אַ נייער פּרנסה, מיט אַ שטיקל ברויט ער זאָל קענען דעם „עלוי" געבן אַ גלאָז מילך, אַ שטיקל עוף, ער זאָל קענען פאַרטרייבן די מוראדיקע בלייכקייט פון זיין זון יוחננס פּנים. דער גבאי פון שטיבל, ר' בונים, האָט שוין געהאַט בדעה צו רופן אַן אַסיפה פון די רייכערע חסידים מען זאָל זיך צוזאַמענלייגן אויף אַ „זאַ־לאָגע", איינקויפן פרישע סחורות און באַלייגן מיט זיי די פּאָליצעס פון מענדל בראָקערס קראָם, אָבער איידער וואָס־ווען האָט דער סוד דער־גרייכט מענדלען און מענדל האָט זיך אַן אָנגעצונדן־פאַרשעמטער אָפּגע־בעטן ביים גבאי: „ר' בונים, ווי גאָט איז אייך ליב, איר זאָלט נישט דער־וועגן!" האָט ער זיך געבעטן: „מענדל בראָקער איז קיינמאָל חלילה נישט אָנגעקומען צו קיין צדקה און היינט, גאָט־צו־דאַנקען, וועט ער עס אַוודאַי נישט טון!" האָט שוין אַ געוויסער באַליידיקטער שטאָלץ אַרויסגערעדט פון אים. און צוגעגעבן האָט ער: „כ'האָב בטחון, אַז דער וואָס איבער אונדז האָט מיר געשאָנקען אַזאַ קינד, וועט ער מיר שענקען מיט וואָס אים צו שפּייזן אויך!" און כאָטש ר' בונים גבאי האָט נאָך פּרובירט באַ־ווייזן מענדלען, אַז דאָ גייט נישט חלילה אין קיין קצבה אָדער צדקה נאָר וועגן אַן הלוואה, פונדעסטוועגן איז מענדל בראָקער באַשטאַנען אויף זיינס: „דער וואָס איבער אונדז וועט העלפן!"

און אָט האָט ר' מענדל מיטאַמאָל דערזען, ער האָט דערפילט אין יעדן גליד פון זיין קערפּער, אַז ס'רוקט זיך אונטער זיין זונס דרייצנטער יאָר, אַז זיין יוחנן, וואָס הייסט נאָך זיין אור־זיידן ר' יוחנן הסנדלר, אַז זיין קינד גייט שוין ווערן בר־מצווה. ער האָט מורא געהאַט צו אָפּט און צו אָפן צו טראַכטן וועגן דער פרייד, וואָס דערוואַרט אים דאָס יאָר. ער האָט אַפילו מורא געהאַט אָנצוקוקן צירלס פייכטע, טיפע אויגן, נישט געוואָלט זי זאָל זען, אַז ער געדענקט, נישט געוואָלט זי זאָל זען אי דעם פּחד אי די פרייד, וואָס ליגן צעגאָסן אויף זיינע אויגן. נאָר אַז דער טאָג פון דער בר־מצווה האָט זיך דערנעענטערט, אַז מענדל בראָקער האָט גע־זען, אַז אָט, שוין, דער זומער הייבט אָן איינצושרינקען, די אָוונטן הייבן אָן צו בלאָזן מיט אלול־ווינטלעך און דער הייזעריקער קוטשער קלאַפּט שוין אָן אין די פינצטערע באַגינענס אין די לאָדנס, קלאַפּט מיט זיין סענ־

קעוואַטן שטעקן און רופט מיט זיין הייזעריקער קברים־שטימע צו סלי־
חות, ערשט דעמאָלט האָט מענדל בראָקער אמתדיק אַ טראַכט געטון:
„וואָס טוט מען?"

ער האָט געהאַפט, אַז דער וואָס איבער אונדז וועט איבערן זומער
צושיקן פרנסה, אַז זיין צירל וועט עפּעס אַרויסשלעפּן פון פלעשער קוואַס,
פון פרישע אויבסטן, פון שטיקלעך הערינג און וועט עפּעס אָפּשפּאָרן
אויף דער בר־מצווה. נישט קיין רייכע בר־מצווה, אָבער אַ לייטישע, אַזאַ
ווי עס פּאַסט זיך פאַר זיין קינד, פאַר זיין יוחנן, וואָס הייסט נאָך זיין אור־
זיידן ר׳ יוחנן הסנדלר, אָבער מער ווי אויף אַ פּשוט, אויסגעהאַפטן תפילין־
זעקעלע האָט צירל נישט אָפּגעשפּאָרט און מענדל איז אַרומגעגאַנגען אי־
בערן הויז, האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן אַמשעגאָווער שטיבל און ס׳ערש־
טע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געפילט ווי אַ שווערע זאָרג צעלייגט זיך
אויף זיינע אַקסלען.

„מענדל", האָט צירל איבערגעריסן איר שווייגן. זי האָט פאַרשטאַ־
נען איר מאַנס אומעט. „מענדל, דאַנקען גאָט וואָס מיר האָבן דערלעבט
דערצו, וויל נישט צופילי!" האָט זי זיך געבעטן ביי איר מאַן און די
פייערלעך פון פּחד האָבן זיך שטאַרקער צעגליט אין אירע אויגן.

„בראָנפן און לעקעך וועט אויך זיין. גענוג פאַר מיר, מענדל קרוין!"
האָט זי זיך געבעטן ביי איר מאַן, „און אויף דעם האָב איך אָפּגעשפּאָרט".

און שבת, ערב יום־כיפור, ווען יוחננס בר־מצווה איז אויסגעפאַלן,
איז אין אַמשענאָווער שטיבל געווען פאַרזאַמלט דער גאַנצער עולם און
עס זענען אַפילו צו גאַסט געקומען אי דעם רבינס זין אי דעם רבינס
איידעמס. און ווען מענדל בראָקער איז מיט זיין בר־מצווה־בחור אין
שטיבל אַריין, זענען זיינע אויגן פאַרבלענדט געוואָרן פון די ווייס־געדעק־
טע טישן, פון די בערג שפּייזן, פון די קאַרפּינקעס און פלאַשן ווין, פון
די בראָנפנס, וואָס זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט אויף די טישן. און
מענדל בראָקער האָט דערזען די געסט אַרום, האָט געהערט ווי מען
ווינטשט אים מזל־טוב, האָט געהאַלטן וואַרעמע הענט אין זיינער און
האָט זיי געדריקט, אָבער ווען דער זון איז געוואָרן אויפגערופן צו דער
תורה, ווען זיין יוחנן האָט געזאָגט זיין פּשטל, ווען און ווי אַזוי עולם האָט
געגאַפט, דאָס האָבן מענדלס אויגן נישט געזען און זיינע אויערן האָבן

נישט געהערט. ער האָט נאָר געזען ווי ער זיצט ביי אַ טיש אויבנאָן און לעבן אים זיצט זיין יוחנן אַ בלייכער, די אויגן זענען ביי אים פייכט און טיף און זיין שטערן איז שטאַרק גערונצלט, גערונצלט ווי ביי אַלע ייִדן אַרום אים, און זיין יוחנן בענטשט, בענטשט מיט אַלע ייִדן צוזאַמען, שאָקלט זיך פרום און איז שוין איינער פון דער עדה, איינער פון פאָלק ישראל.

מענדל בראָקערס האַרץ האָט זיך צעטאַנצט אין אים; ער האָט אָנגעגאָסן אַ כוסה, האָט געווונטשן דעם זון מזל־טוב, אָנגעגאָסן נאָך איינע און ווידער געווונטשן מזל־טוב, אַזוי אַ דריטע און אַ פערטע. און אַט האָט אַ היץ אַ שפּאַר געטון אין זיינע גלידער. עס איז אים ענג געוואָרן ביים טיש; ער איז אַרויס אין מיטן שטיבל, האָט געטאַנצט דאָ אויפן דיל, דאָ אויף די בענק, האָט געטאַנצט און געזונגען דעם רבינס נייסטן ניגון, די קאַפּאָטע איז ביי אים געווען צעשפּיליעט, דער טלית־קטן איז געפלויגן אין דער לופטן און מענדל בראָקער האָט אַזוי לאַנג געטאַנצט און געזונגען ביז ער איז אָן אָטעם געבליבן ליגן אויף די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט פון אַמשענאָווער שטיבל צום הינטערשטן הויף צו, און ווען ער איז אַזוי געלעגן, און ווען ער האָט שוין באַלד קיין כוח נישט געהאַט צו זינגען אַפילו, האָט ער איבער זיך דערזען ר׳ שמחהן, דעם רבינס עלטסטן זון, מיט דער צעשפּאָלטן־פּאַרקאַטשעטער ליפּ, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי שאַרפע לאָפּעטע־ציין; און ר׳ שמחה האָט צו אים גערעדט, אים איבערגעגעבן אין נאָמען פון טאַטן, אין נאָמען פון רבין, אַז איצט, בעתן זונס בר־מצווה, איצט ערב יום־כיפור, קען ער זיך ווינטשן איין וווּנטש, קען ער אויסבעטן איין בקשה ביים רבונו של עולם און די בקשה וועט אי״ה מקוים ווערן.

מענדל בראָקער האָט געהערט ר׳ שמחהס רייד, האָט פאַרשטאַנען וואָס עס שטייט אים ערשט פאָר; ער האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען, האָט אָנגעקוקט ר׳ שמחהן, האָט געהערט ווי דער גבאי ר׳ בונים זאָגט אים אונטער, רעדט: „מענדל, בעט פרנסה, בעט פרנסה פאַר דיין זון, פאַר דיין צדקנית צירלי!״ אויף מענדלס פנים האָט זיך צעלייגט אַ שמייכל פון ביטול אויפן גבאיס רייד; ער האָט זיך אויפגעזעצט, האָט אויפגעהערט צו זינגען, האָט צעעפנט ברייט די שמייכלענדיקע אויגן און אַ ניכטערגעלאַסענער האָט ער אויסגערופן: „איין וווּנטש, שמחהשי? זאָג דעם טאַטן,

אַז מענדל בראָקער בעט, אַז זיין יוחנן זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם הייליקן נאָמען וואָס ער טראָגט; ער זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען פון זיין אור־זיידן ר׳ יוחנן הסנדלר, הערסט, שמחהשי, אָט דאָס איז איצט מיין איינציקער געבעט, דער איינציקער!״

„פרנסה, מענדל, פרנסה בעט!״ האָבן יידן געשריגן, האָבן חסידים זיך געבעטן ביי אים, אָבער מענדל בראָקער איז שוין געשטאַנען אויף אַ טיש, האָט געפּאָכעט מיט די פּאָלעס ווי מיט פליגלען און האָט מיטן רבינס נייסטן ניגון געזונגען: „דער וואָס איבער אונדז וועט געבן פרנסה! פרנסה וועט ער געבן, אָבער יידן, אמתע יידן דאַרפן מיר אַליין זיין, אַליין! אויף צו זיין יידן דאַרפן מיר זיך אַליין העלפן! דאַרפן מיר האָרעווען!״

צווײ חברים

אַרום מאַרק זענען געשטאַנען פּאַרחלומט־אײנגעבױגענע, נידעריקע הײזער באַדעקט מיט גאָלד־געלן שטרױ און מיט שינדלען באַוואָקסענע מיט אַ גרינלעכן מאָך. אין אַ ווינקל פֿון מאַרק איז געשטאַנען די תּיפלה. זי איז געווען געבױט פֿון מאַסיווע שטײנער, פֿון גאַנצע פֿעלדזן. צווישן די הײזלעך אַרום מאַרק האָט די תּיפלה אויסגעזען ווי אַ ריזיקער שטײנערנער באַרג, וואָס הײבט זיך שטאָלץ צו די הײכן. דער טורעם פֿון דער תּיפלה האָט אויסגעזען ווי אַ דראָענדיקער, טײטלענדיקער פֿינגער, וואָס גרײכט אַזש ביז די הימלען.

אויף דער אַנדערער זײט מאַרק, אַנטקעגן דער תּיפלה, איז געשטאַנען דער בית־המדרש. ווי די הײזלעך אַרום מאַרק — אַזוי אָרעם און שוואַך, אַזוי נעבעכדיק שטיל איז דער בית־המדרש געווען. פֿון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען ייִדן פֿאַרזאָרגטע, געבױגענע, מידע געגאַנגען צום און פֿון בית־המדרש אין אַ כּסדרדיקן שטראָם. דער בית־המדרש האָט שטיל געקוקט אויף דער תּיפלה און האָט אויפֿגעציטערט יעדעס מאָל ווען די גלאָקן האָבן זיך דאָרטן הילכיק צעקלונגען. די הענגלאָמפּן, די ספרים־פּאָליצעס, דאָס גאָלד־געהאָפֿטן פּרוכתל אויפֿן אָרון־קודש האָבן זיך אַזש געטרײסלט ווען די גלאָקן פֿון דער תּיפלה האָבן זיך צעהוידעט אין זײער טורעם.

פּעטער און יאַן, צווײ חברים נאָך פֿון די קינדער־יאָרן, האָבן געאַרבעט אין די צווײ פֿאַרשײדענע געבעט־הײזער. פּעטער איז געווען דער גלאָקן־קלינגער אין תּיפלה, יאַן איז געווען דער אַרויסהעלפֿער פֿון אַלטן שמש פֿון שול. פּעטער איז שטאָלץ געזעסן אין גלאָקן־טורעם און געצויגן די שטריק פֿון די גלאָקן; יאַן האָט געטראָגן וואַסער אָנצופֿילן דעם קו־

פערנעם האַנטפּאַס, געהאַקט האָלץ און אויסגעלאָשן די לאָמפּן אין שול פרייטיק־צו־נאַכט. אין אָנהייב, ווען פּעטער האָט נאָרוואָס געהאַט געקראָגן די שטעלע אין תּיפלה, האָט ער זיך געגרייסט איבער יאַנען. עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען אָנצוהאַלטן זיין אַמאָליקע חברשאַפט מיט איינעם אַזאַ, וואָס דינט אין אַ שול ביי די „אומגלויביקע". אַז ער האָט געזען יאַנען זונטיק שטיין פאַרבאַהאַלטן אין אַ ווינקל פון תּיפלה און שעפּטשען עפּעס אַ געבעט, האָט ער זיך אַוועקגעדרייט אין אַ זייט און זיך געמאַכט, אַז ער זעט אים גאָרנישט. יאַנען האָט עס געקרענקט. „וואָס הייבט ער זיך אַזוי קעגן מיר?" ער האָט שוין אייניקע מאָל געוואָלט לויפן צו מאָטלען דעם שמש און אים זאָגן: „מאָטל, כ׳קען מער דאָ נישט אַרבעטן, ווייל..." יאַן האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס ער קען מער נישט אַרבעטן אין שול. איז ער געבליבן אין שול אַ יאָר נאָך אַ יאָר און שוין געהאַט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז פּעטער וועט זיך נאָך אַמאָל חברן מיט אים.

אַ שטיק צייט איז אַזוי פאַרבייגעגאַנגען. יאַן האָט געבענקט נאָך פּעטערן און פּעטערן האָט עס אין דער שטיל געצויגן צו יאַנען. דערווייל האָט יאַן ליב געקראָגן די שול, די ייִדן, מאָטלען דעם שמש און די אַר־בעט אין שול. און פּעטער האָט אין דער זעלביקער צייט אָנגעהויבן ביי זיך אַליין צו פאַרלירן זיין חשיבות. דאָס קלינגען מיט די גלאָקן איז ביי אים געוואָרן אַ מעכאַנישע אַרבעט. אָפּט, זיצנדיק אין גלאָקן־טורעם, האָט זיין בליק אַוועקגעוואַנדערט צום בית־המדרש און ער האָט דאָרט מיט שטאַרנדיקע אויגן געזוכט יאַנען. ווען האָט ער געהאַט אויף דער זינ־דיקער וועלט חוץ זיין חבר יאַן? און פאַרוואָס איז ער ברוגז מיט אים? אַ מענטש מוז דאָך עסן! אַזוי האָט פּעטער אַלץ אָפטער אָנגעהויבן צו טראַכטן אין רעכטן מיטן פון זיין הייליקער אַרבעט, ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין בית־המדרש אַריין זוכן זיין חבר, מיט אים שלום מאַכן.

פאַרשעמטע זענען ביידע חברים געשטאַנען, ווען זיי האָבן זיך באַ־געגנט. פּעטער האָט מיט געציילטע ווערטער זיך געווענדט צו יאַנען: „נו יאַן, טאַקע יאָ, ס׳איז דאָך איין גאָט דאָ אין הימל, דאָס גלויבן דאָך „דיינע" אויך, איז פאַרוואָס דאַרף איך ברוגז זיין וואָס דו דינסט זיי?"

מיט אַ ציטערדיקער שטימע האָט יאַן געענטפערט: „נישט זינדיקן זאָל איך קעגן דער דריי־אייניקייט, טייערע הערצער האָבן זיי „מיינע"

מיין איך. אַ סך פון זיי האָבן דאָך אײדעלערע נשמות, ווי היילקע ווענן וועלכע מען לייענט אין די ביכער. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס זייערע טאַטעס האָבן אַמאָל...״ ער האָט נישט געקענט פאַרענדיקן דעם זאַץ, ווייל אַ שטראָם טרערן האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז.

די פריינטשאַפט צווישן פעטערן און יאַנען איז שטאַרקער געוואָרן ווי ווען עס איז פריִער. עס האָט פעטער געטראַכט וועגן יאַנען ביים קלינגען מיט די גלאָקן און יאַן האָט געטראַכט וועגן פעטערן ביים אָנפילן די האַנטפאַס אָדער ביים קערן דעם בית־המדרש. אין יעדן אָוונט, ווי נאָר די זון איז פאַרגאַנגען, איז פעטער געקומען צו יאַנען, געוואַרט ער זאָל פאַרטיק ווערן מיט זיין אַרבעט כדי זיי זאָלן קענען זיך אַוועקזעצן רויכערן אַ ליולקע און שמועסן וועגן די אַמאָליקע צייטן.

פעטער האָט, זיצנדיק הינטער דער וואַנט פון שול, מיטן פנים צום טייך, גערעדט וועגן דעם, אַז היינטיקע צייטן זענען די תיפלה־טירן גאַנצע טעג פאַרמאַכט: אַפילו די גלחים זענען שוין אויך נישט אַזוי פרום ווי עס זענען געווען די אַמאָליקע. יאַן האָט זיין חבר פעטערן אַלץ צוגעגעבן; ער האָט אים נישט געוואָלט ווייטון און אים דערציילט, אַז „זיינע״ קומען נאָך היינט אויך עטלעכע מאָל אין טאָג דאַנקען און לויבן גאָט. ער האָט בלויז מיט אַ קרעכץ צוגעגעבן: „נישטאָ שוין די אַמאָליקע גלויביקע!״

דער זילבערנער טייך, וואָס איז שטיל געפלאָסן אין טאָל, האָט זיך באַצויגן מיט אַ בלייענעם מאַנטל. די ביימער האָבן געוואָרפן לאַנגע שאָטנס איבערן וואַסער. אַ שיפל האָט זיך רויִק געגליטשט איבערן טייך. אַ פויגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער הייך, אַ פּיק געטון מיטן שנאָבל און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ קייט מיט רינגען. פון די פענצטער פון בית־המדרש האָבן זיך געטראָגן בעטנדיקע, בענקנדיקע טענער. פעטער איז געזעסן לעבן יאַנען און זיך צוגעהערט צו די פרעמדע, נאָגנדיקע קלאַנגען. ער האָט געצויגן בערגלעך שמעק־טאַבאַק אין די נאָזלעכער אַריין אָנשטאָט רויכערן זיין ליולקע. ער איז געווען פאַרטראָגן אין געדאַנקען, וואָס ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן. אין שטילשווייגן זענעןביידע חברים געזעסן איינגעהילט, ביז פעטער איז אויפגעשטאַנען, אַ קרעכץ געטון און איז אַוועק צו זיך אַהיים.

אויף זײַן האַרטן געלעגער האָט ער נישט געקענט אײַנשלאָפֿן. „ווי קומט ער, אַ גוטער קריסט, צו וועלן הערן די טענער פֿון יענע, זײַן חברס ייִדן?" ער האָט זיך אָנגעהויבן אַליין צו זידלען: „אַ דינער פֿון דער תּיפֿלה ביסטו... ווען טו נאָך פֿאַרלירן אי די וועלט אי יענע וועלט!" אָבער אויף מאָרגן איז ער ווידער אַוועק צו יאַנען און אים געצויגן פֿאַר אַן אַרבל: „ס'איז אַ פֿײַן שטיקל פּלאַץ צו זיצן דאָרטן הינטער דער וואַנט און קוקן אויפֿן טײַך!"

מיט פֿאַרגעניגן האָט יאַן צוגעגעבן: „אַוודאי אַ גוטער פּלאַץ, גלײַך לעבן טײַך". און אַזוי זענען זיי בײדע יעדן אָוונט געזעסן הינטער דער וואַנט און אײַנגעזאַפּט אין זיך די טענער פֿון לערנען, וואָס האָבן דער־גרייכט זייערע אויערן פֿון די פֿענצטער פֿון בית־המדרש.

פּעטערן איז צום ליבסטן געווען דאָס געזאַנג, דאָס ציטערדיקע, האַלב־וויינענדיקע לערנען פֿון יונגן רב פֿון שטעטל, ר' דוד, ביי וועמען אין הויז יאַן האָט אָפֿט געטון אַביסל אַרבעט חוץ זײַן שול־אַרבעט. אָפֿט האָט פּעטער געוואָלט פֿרעגן ווער עס זינגט עס דאָרט אַזוי אומעטיק, אַזוי זיס־וויינענדיק, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז דורך זײַן פֿראַגע וועט נאָך יאַן דערגיין דעם סוד, וואָס דריקט זײַן, פּעטערס, האַרץ. עס איז אָבער געקומען אַ צײַט ווען פּעטער האָט שוין מער זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן: ער האָט געמוזט זען דעם מענטשן וואָס צענעמט אַזוי זײַן נשמה מיטן מאָדנעם זינגען. האָט פּעטער געפֿונען אַ תּירוץ, געזאָגט יאַנען אַז ער גייט אַ קוק טון דורכן פֿענצטער אויפֿן שול־זייגער ווי שפּעט עס איז. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, זיך אָנגעכאַפּט אין אַ לייסטל און אַרויפֿגעקראָכן צום פֿענצטער. מיט די אויגן איז ער בליץ־שנעל געלאָפֿן איבער דער שול און דערזען דעם רב. פּעטער איז געבליבן צוגענאָגלט צו זײַן אָרט.

ביי אַ שטענדער, איין פֿוס אָנגעשפּאַרט אין אַ באַנק און מיטן אַנדערן אויף דער ערד, איז געשטאַנען ר' דוד איבער אַ גרויסן מאָדנעם בוך און זיך ווי אַן אומרו געוויגט הין און צוריק. זײַן בלייכער פּנים איז געווען אײַנגעראַמט אין אַ געלבלעכער, שפּיציקער באָרד; געקרייזלטע, לאַנגע פּאות ביי די זייטן פֿון דער באָרד האָבן זיך מיטגעשאָקלט. פֿון צווישן דער באָרד און די וואָנצעס האָבן זיך אַרויסגעזען צוויי דינע ליפּן, וואָס האָבן זיך לייכט באַוועגט.

נישט איינמאָל האָט פּעטער געזען דעם יונגן רב גיין אין גאַס אין זיין לאַנגער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, מיטן שטריימל אויפן קאָפּ, מיטן גאַרטל און מיט די האַלבע לאַטשן און ווייסע זאָקן. אַ שמייכל פון חוזק פלעגט זיך צעלייגן אויף פּעטערס פּנים ווען ער האָט געזען אָט דעם מאָדנעם מענטשל, דעם „ראַבין", וואָס טראָגט אַ פוטערנעם היטל אַפילו ווען עס איז וואַרעם. ערשט, שטייענדיק ביים פענצטער, האָט פּעטער פאַר זיך געזען אַן אַנדערן ראַבין, גאָרנישט ענלעך צו דעם פון גאַס. דער גרויסער קאָפּ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ קליינעם קאַפּל, די באָרד און פאות, וואָס זענען געווען באַלויכטן מיט אַ ליכט פון שטענדער, די טענער און קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן מיט פּיין פון זיין האַלדז, די טונ־קעלע שאָטנס אויף די ווענט, וואָס האָבן זיך מיטגעשאָקלט מיטן רב — דאָס אַלץ האָט אויף פּעטערן אָנגעוואָרפן אַ פּחד. ער איז געשטאַנען אויפן לייסטל, געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און אָנגעהויבן צו ציטערן. „הייליקע מאַריע!" — האָט ער אַ מורמל געטון. אין שרעק האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און זיך איבערגעצלמט.

„וואָס איז מיט דיר געשען?" האָט יאַן אַ צעשראָקענער געפרעגט. פּעטער האָט שווער געאָטעמט. ער האָט געהאַלטן די הענט צונויפגעלייגט ווי אין אַ געבעט, איז געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס און מיט ציטערדיקע ליפּן קוים אַרויסגעשטאַמלט: „יעזוס איז דאָרט!"

„וואָס פּלוידערסטו, פּעטער?" האָט יאַן, אַליין אַ צעשראָקענער, גע־פרעגט. פּעטער האָט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז געהאַלטן אויסגע־שטרעקט די האַנט צום בית־המדרש און געמורמלט: „יעזוס, דער היילי־קער מאַן!"

יאַן האָט אַרומגענומען פּעטערן און אים געטוליעט צו זיך, ווי אַ מאַמע נעמט איין אַ וויינענדיק קינד. ביסלעכווייז האָט זיך פּעטער באַ־רויקט, און יאַנען איבערגעגעבן וואָס ער האָט אין שול געזען: „איך וויל אַ קוק טון אויפן זייגער — ערשט איך דערזע פאַר זיך ווי עס שטייט ביי אַ שטענדער, באַשיינט מיט אַ זילבערנער קרוין, דער הייליקער יעזוס און וויינט אויפן קול. קיין ווונד איז אויף אים נישטאָ, נאָר זיין פּנים לויכט ווי זיבן זונען".

שטיל זענען אַ ווײַלע געזעסן ביידע חברים און געאָטעמט שווער. פון בית־המדרש האָט זיך ווידער דערהערט דעם רבס וויינענדיקע שטי־

מע. פעטער האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבן צו ציטערן און מיט האַלבע ווערטער צו שטאַמלען: „אָט, יאַן, הער, ער ווינט! יעזוס ווינט!" יאַן האָט זיך הילכיק צעלאַכט: „שוטה, דאָס זינגט דאָך מיין „ראַבין". אַלע טאָג „מאַליעט" ער זיך אַזוי". יאַן האָט אַ כאַפּ געטון פעטערן ביים אַקסל און אים געצויגן צום פענצטער: „אָט, זע, פעטער, ס'איז דאָך מיין ראַבין".

פעטער איז געשטאַנען פאַרשטיינערט אויפן לייסטל פון פענצטער, זיך געריבן די אויגן מיט איין האַנט און געשעפּטשעט: „טאַקע דיין ראַ־ בין, יאַן, נאָר כ'שווער, ווי אַ צווילינג איז ער ענלעך צו מיין יעזוס, וואָס הענגט איבערן אַלטאַר ביי מיר אין תיפלה אויפן גרויסן קרייץ: ווי מיין יעזוס וואָלט זיך אָפּגעריסן פון די נעגל און אַהער געקומען!"

לענגער ווי פאַר יענעם אָוונט איז פעטער געזעסן יעדער מאָל, וואָס ער איז געקומען צו יאַנען. עס האָט אים געצויגן צו הערן דעם רבס שטימע. ער האָט אים געוואָלט זען פון דער נאָענט, רעדן צו אים. ער האָט זיך אָפּט צוגעכאַפּט צו יאַנען בייטאָג און אים געהאָלפן צעהאַקן אַביסל האָלץ און אַריינטראָגן צום רב אין הויז אַריין, אפשר וועט ער אים קענען זען און רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט אים. ווי אַ גנב האָט ער זיך אָפּט פאַרבייגעשלייכט פאַרביי דעם רבס בית־דין־שטוב און געוואָרפן זייטיקע בליקן אויפן רב. ווען ער פלעגט דעם רב דערזען אין ווייסן געבלימלטן שלאַפראָק אין בית־דין־שטוב, וואָס איז געווען באַדעקט מיט פאָליצעס ביכער אַרום די ווענט, איז אים אַ פּחד באַפאַלן, אַ בענק־ שאַפט האָט אים כסדר גענאָגט ביים האַרצן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרומערטער און האָט געטראָגן אַ סוד אין זיך. עס האָבן נישט געהאָלפן יאַנס רייד. „ניין, נישט קיין פּראָסטער ראַבין איז דאָס" — האָט פעטער ביי זיך אָפּגעמאַכט: „אויב נישט יעזוס איז אַוודאי יעזוסעס אַ ברודער!" טאָג און נאַכט האָט אים דער געדאַנק געמאַטערט. מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ זענען געווען באַצויגן זיינע אויגן; זיינע באַקן האָבן שטענדיק געפלאַמט.

* * *

אין אַ לויטערן פרימאָרגן האָט יאַן פלוצלונג דערהערט ווי די קירכע־גלאָקן האָבן זיך שטאַרק צעקלונגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַריסן די אויגן צום טורעם און פאַרווונדערט געקוקט ווי עס הוידען זיך די גלאָקן מיט אימפּעט. ער האָט דערקענט אינעם געקלאַנג, אַז דאָס

קלינגט נישט פּעטערס האַנט, וואָס איז די לעצטע צייט נאָך שוואַכער געוואָרן ווי שטענדיק. „אַ נייער, אַ יונגער אָרעם ציט די שטריק פון די גלאָקן״ — האָט יאַן גלייך ביי זיך באַשלאָסן. עס האָט אים שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן ס׳האַרץ: „עפּעס איז מיט אים געשען!״ יאַן האָט איבערגעלאָזט די אַרבעט און איז אַוועק אין געאייל צו זיין פּעטערן.

ווען ער איז צוגעקומען צו זיין חברס הייזל, האָט פּעטערס הונט זיך וויינענדיק צעבילט. ער איז געשפּרונגען אויף יאַנען און אים געשלעפּט אין הויז אַריין. יאַן האָט אויפגעמאַכט די טיר און דערזען ווי פּעטער ליגט אַ צעפלאַמטער, אַ פאַרטראָגענער.

פּעטער האָט דערקענט יאַנען. מיט אַ פאַרטריקנטער צונג האָט ער פּרובירט אָפּצונעצן זיינע פאַרברענטע ליפּן און מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער האָט ער געשושקעט צו יאַנען: „כ׳גיי שטאַרבן, יאַן, יאָ שטאַרבן. נאָר דו קענסט מיך ראַטעווען כ׳זאָל אויף יענער וועלט...״

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און דער אַלטער גלח סטאַרזשינסקי צוזאַמען מיטן שטאָט־דאָקטער זענען אַריינגעקומען. „ווי גייט עס, פּעטער?״ האָט דער דאָקטער אַ פרעג געטון. נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אַראָפּגעצויגן דאָס פעלצל מיט וועלכן פּעטער איז געווען צוגעדעקט. דער דאָקטער האָט באַטראַכט פּעטערן און זיך אויסגעדרייט צום גלח און אַ דריי געטון מיטן קאָפּ. אין הויז איז געווען שטיל. אין גלחס גוטמוטיקע אויגן האָבן אַ בלישטש געטון אַ פּאָר זילבערנע טרערן. ער האָט געטון אַ פּאָר שפּרייזן איבערן צימער, זיך אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן, אַ ווונק געטון צום דאָקטער, אים אָפּגערופן אין אַ זייט און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. דער דאָקטער איז אַרויס פון צימער. דער גלח סטאַרזשינסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן פּעטערן, אים געגלעט און עפּעס געשעפּטשעט שטיל.

יאַן איז געשטאַנען ווי אַ סטרונע אין אַ ווינקל פון צימער און געהאַלטן דאָס היטל אין האַנט. ער האָט זיך צוגעהערט צום כאָרכלען פון זיין חבר. באַלד האָט ער געהערט ווי עס דערנענטערט זיך צום הויז אַ גלאָק־געקלאַנג. אַ מוראדיק היימיש זינגען האָט זיך געמישט מיטן קלינגען פונעם גלאָק. דער גלח האָט זיך אויפגעהויבן און געהייסן יאַנען אַרויסגיין.

ווען יאַן איז שפּעטער צוריק אַריינגעקומען צו פּעטערן, איז דאָס צימער געווען אָנגעפּילט מיט אַ שטאַרקן ריח פון וויירעך, חלב און אייל. פּעטער האָט אַ קוק געטון צו דער טיר און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגע־צונדן מיט אַ פייערל: „יאַן, טייערער יאַן, קום אַהער!" — האָט ער גערופן.

יאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט. פּעטער האָט געשעפּטשעט: „דיין הייליקער ראַבין, ער וועט דיר טון אַ טובה. אָן זיין ברכה קען איך נישט שטאַרבן. כ'קען נישט, יאַן!" יאַן איז געזעסן און געשטאַרט אויף זיין חבר. פּעטער האָט שווער אָפּגעאָטעמט. ער האָט אָנגעכאַפּט יאַנס האַנט און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן: „די טויערן פון יענער וועלט וועלן זיין פאַר מיר פאַרשלאָסן אויב ער בענטשט מיך נישט".

יאַנס ליפּן האָבן געציטערט. „פּעטער, אַ ראַבין איז ער דאָך, אַ ידישער ראַבין און דו ביסט דאָך אַ פרומער קריסט. ווי קומט ער צו דיר, דו האָסט זיך דאָך מתוודה געווען, פּעטער, גאָט איז מיט דיר!". יאַן האָט זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעצלמט.

„אַ הייליקער, אַ געטלעכער מענטש איז דיין ראַבין, יאַן; ברענג אים, פאַל צו זיינע פיס, בעט פאַר מיר!"

פּעטער האָט זיך צעוויינט מיט אַ געוויין פון אַ גוסס. יאַן האָט רחמנות געהאַט אויף זיין חבר. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך גע־לאָזט צו דער טיר. אויפן וועג צום רב, איז אים איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק: ער וועט דעם רב פאַרנאַרן צו פּעטערן אין הויז אַריין.

יאַן איז אַריינגעפאַלן צום רב אין הויז. „ראַביז", האָט ער אַרויס־געשטאַמלט. „מיין חבר פּעטער האַלט ביים שטאַרבן. ער האָט מיר אויפן טויטן־בעט געזאָגט, אַז ער האָט אַ סוד, אַ וויכטיקן סוד דיר צו דערציילן. קום שנעל, איידער זיינע ליפּן ווערן פאַרזיגלט פון טויט אויף שטענדיק!"

דער יונגער רב איז געוואָרן בלאַס. באַלד האָט זיך זיין פּנים באַ־דעקט מיט אַ פלאַמיקער רויטקייט. אַ מינוט איז ער געשטאַנען און געקלערט און באַלד האָט ער אַ זאָג געטון: „לאָמיר גיין, יאַן!"

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל. ביי פּעטערן אין הייזל זענען שוואַרצע שאָטנס געקראָכן פון די ווינקלען און זיך צעלייגט אויף דער ערד. יאַן איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און נערוועז געדרייט דאָס היטל אין האַנט. דער רב איז צוגעגאַנגען נאָענט צו פּעטערס בעט. פּעטער האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט זיך געריבן זיינע אויגן. אַ פריד האָט

זיך צעשפרייט אויף זיין פנים. ער האָט פּרובירט זיך אויפצוזעצן און איז באַלד צוריקגעפאַלן. ער האָט געשעפּטשעט: „הייליקער, בענטש מיך, גיב מיר דיין ברכה פאַר מיין טויט; ראַבין, בענטש מיך, אַ זינדיקן!״

דער יונגער רב איז געשטאַנען לעבן בעט און נישט געגלייבט זיינע אויערן. אַ דערשטוינטער האָט ער געקוקט דאָ אויף פּעטערן, דאָ אויף יאַנען און נישט געוווּסט וואָס צו טון. „גאָט אין הימל!״ — האָט ער פאַר זיך אַליין געשעפּטשעט. פּעטער האָט באַמערקט, אַז דעם רבס ליפּן פליס־טערן עפּעס. ער איז געבליבן ליגן אויפן בעט און געהאַלטן די אויגן ברייט צעעפנט. באַלד האָט ער מיט די לעצטע כוחות אויסגערופן: „ערשט קען איך שוין שטאַרבן!״. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַרויסגעזאָגט איין וואָרט: „יאַן!״ זיין קערפּער האָט זיך אַ טרייסל געטון און איז גע־בליבן פאַרגליווערט.

דער רב איז אַרויס מיט געאיילטע טריט פון פּעטערס הויז. ער האָט געהערט ווי די קירכן־גלאָקן האָבן זיך מוראדיק צעקלונגען.

אַ נאַקעטער טיש

ווען די ערשטע גרעזלעך האָבן נאָר אַרויסגעשטעקט זייערע שפּיציקע קעפּלעך פון דער ערד און האָבן מיט חידוש געקוקט אויף זייער צעזילבערטן אַרום, ווען די יונגע קנאָספּן האָבן אויף די נאַקעטע ביימער אַ שמייכל געטון צו די וואַרעמע שטראַלן פון דער פרילינג־זון, דעמאָלט האָט ר׳ הערשל וואַסערמאַכער אויפגעוואַכט פון זיין לאַנגן, פּעכיקן ווינטער־שלאָף, וואָס האָט זיך פון יאָר צו יאָר געלייגט אַלץ שווערער אויף זיין געמיט.

די שאָטנדיקע ווינקלען פון ר׳ הערשלס הויז האָבן זיך אָנגעהויבן צו צירן אין זילבערנע סטענגעס און לאַמפּאַסן; די ווינטער־קעלטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרוקן, זיך אָנגעהויבן צו פאַרבאַהאַלטן אין די ענגע שפּאַרעס פון די ווענט, אין די לעכער פון סופיט, צווישן די באַלקעס, וואָס זענען פרוכנעדיק געלעגן אונטערגעשפּאַרט אויף אַלטע קאַכלעס, אויף ציגל, אויף פענעקעס האָלץ.

ר׳ הערשל האָט אַוועקגעהאַנגען זיין פּעלצל, וואָס איז שוין געווען אינעווייניק אַזוי אויסגעקראָכן, ווי אַ פּאַשע־פעלד איז אויסגעגעסן נאָך דעם ווי אַ סטאַדע שעפסן פּיטערט זיך דאָרט אַ גאַנצן טאָג, און פון אויסנווייניק איז דאָס פּעלצל געווען אַזוי גלאַנציק־שיינענדיק ווי אַ פּאָר כאָלעוועס, וואָס מען האָט נאָרוואָס אָפּגעפּוצט. ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן זיין זומערדיקן, עלעפּאַגענעם לעטניק און האָט מיטן גרויסן שליסל זיך אַרויסגעלאָזט אין הויף אַריין. דער לעטניק האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן מיט די פּאָר יתומדיקע ווינטלעך, וואָס האָבן נאָך אַרומגעבלאָנדזשעט אין הויף, ווינטלעך, וואָס האָבן זיך נאָך געריצט מיטן פרילינג און אים נישט געלאָזט פאַרנעמען דעם אויבנאָן אַזוי פרי.

ר׳ הערשלס עלעפּאַגענער לעטניק האָט געטריבן די רעשטלעך וויני־טער, האָט אַרויסגעפּאָדערט דעם פּרילינג, ער זאָל זיך שוין אַ נעם טון און פאַרשפּרייטן ימען ליכט, טייכן זון־שיין, כוואַליעס וואַרעמקייט.

מיטן גרויסן שליסל האָט ער צעפּראַלט די טירן פון זיין וואַסער־פאַבריק. פון וואַסער־פאַבריק האָט אַ פלייץ געטון צו ר׳ הערשלען אין פּנים אַריין אַ רוגזהדיקער שטראָם טוכלע קעלט. פלאַכטעס ווינטער האָבן באַדעקט זיין עלעפּאַגענעם לעטניק און דער צעמענטענער דיל האָט גע־קוקט אויף אים מיט טויזנטער פּראָסטיק־בליציקע אויגן, וואָס האָבן גע־שטאָכן ווי מיט שפּיזלען.

אַ פּאַסמע פרילינג־זון, ווי אַ ווייסע לענטע אויף אַ שוואַרצן אַרבל, האָט זיך געטון אַ רייס אַריין פון הויף אין פאַבריק אַריין און די שימע־רירנדיק־חוצפּהדיקע פּראָסט־אויגן אויפן דיל האָבן זיך אָנגעהויבן צו לעשן, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרגיין, זענען פאַרגלאָזט געוואָרן און אָט זענען זיי פאַרחלשטע אויסגעגאַנגען.

ר׳ הערשל האָט געוואָרפן אַ בליק דאָ אויף די ליידיקע פלעשער, וואָס זענען געלעגן אויסגעצערט־פאַרטריקנטע אויף די פּאָליצעס, דאָ אויף די קופּערנע באַלאָנען, וואָס זענען געשטאַנען אָן קעפּלעך און דער דורשט האָט אַרויסגעכליפּעט פון זיי, און אָט האָט זיין בליק זיך אָפּגעשטעלט אויף דער מאַשין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גוף אָן אברים און האָט מיט די אָפענע רערן, ווי מיט געליימטע אָרעמס, זיך געבעטן מען זאָל אירע אינגעווייִדן אָנפילן מיט שפּייז, מיט אָטעם, מיט לעבן.

דאָס ראָד, וואָס האָט געפּאָמפּעוועט וואַסער פון די אַרומיקע פעסער, איז געהאַנגען אויף זיין פאַרזשאַווערטער אַקס און האָט ווייטיקדיק גע־סקריפּעט ווען ר׳ הערשל האָט אים אַ ריר געטון, און די קאָרקעוויצע איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעטריקנט־פאַרזשאַווערטן גומען און זי האָט געבענקט נאָך אַ ווייכן, שוואָמיקן קאָרעק.

ר׳ הערשל וואַסערמאַכער האָט צעעפנט די פענצטער פון פאַבריק און האָט מיט די פּאָלעס פון זיין עלעפּאַגענעם לעטניק געטריבן די שטי־קער קעלט, וואָס האָבן עקשנותדיק זיך געקלאַמערט צו די פעסער, צום פּלומפּל, צו די רערן און צו די קופּערנע באַלאָנען.

מיט צוואַנגען און צווענגלעך, מיט שרויפן־ציערס און מיט שלעסער האָט ער געדרייט די שרויפן, געוויקלט די מוטערקעס אין פרישע באַנ־

דאַזשן קאַנאַפּליעס, צוגעלייגט שמאַטע־קאַמפּרעסן דאָ און דאָרט און מיט אַן אייל־שפּריצער אין האַנט, ווי צו בדיקת חמץ, איז ער אַרומגעגאַנגען און האָט אין יעדן לעכל, אין יעדער שפּאַרע פון דער מאַשין אַריינגע־שפּריצט דינע פּעדימלעך אייל. די אברים פון דער מאַשין האָבן זיך צעוואַרעמט, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוטשוכען פון שווערן, לאַנגן ווינ־טער און אָט האָט זיך דאָס ראָד אַ הוידע געטון אויף זיין אַקס און די פּאָמפּע האָט אַרויסגעשיקט פון אונטער זיך אַ פריידיק־גלאַנציקע צונג, אַ צונג, וואָס האָט נאָכן לעכצן אַ גאַנצן ווינטער, ערשט מיטאַמאָל ווידער דערפילט אַלע טויזנט טעמען אין דעם שפּייז, וואָס ר׳ הערשל האָט מיט אַ פּולער, ברייטער האַנט איר נאָרוואָס געגעבן.

„מירן זיך באַלד אַ נעם טון צו דער מלאכה!״ האָט ר׳ הערשל וואָ־סערמאַכער אַ זאָג געטון צו דער פאַבריק, צו די פלעשער, צו די באַלאָ־נען, צו די פעסער, וואָס זענען נאָך געשטאַנען מיט ליידיקע בייכער און האָבן געוואַרט, אַז דאָס מויל פון פּלומפּל זאָל זיך צעעפענען און זיי אָנפילן מיט דער שפע, וואָס פלייצט אַרויס פון פּלומפּס נסתרדיקע טיפענישן.

דאָס מעש און קופער, די צין און בליי אין פאַבריק האָבן זיך קינ־דעריש שפּילעוודיק צעבליאַסקעט און זיי האָבן אַלע עכאָדיק אָפּגעענט־פערט ר׳ הערשלען: „מירן זיך אַ נעם טון צו דער אַרבעט״.

און ר׳ הערשל האָט זיך אַ נעם געטון צו דער מלאכה. און די אַר־בעט האָט זיך צעזונגען אונטער זיינע הענט. די ווינטערדיקע אויסגערוט־קייט האָט זיך צעגאַלאָפּירט אין אים און באַלד זענען אויף די טישן געשטאַנען אין רייען, ווי זעלנער אין אַ פּאַראַד, אויסגעצוואָגענע, שיינענ־דיקע פלעשער און זיי האָבן פון זיך אַרויסגעהויכט פרישע ריחות פון קוואַס, לעמאָנאַדע און קלוקווע־סאָקן פון פאַרשיידענע פאַרבן און גע־שמאַקן און ר׳ הערשל האָט זיי אַ שטעל געטון אונטער דער קאָרקעווניצע, האָט אַ דריי געטון אַ קראַן, מיטן פיסל געטון אַ פּאָר סיקען ווי שטאַרקע, פריידיק־געזונטע, פרימאָרגן־נאָסן און שוין האָט די קאָרקעווניצע אַריינ־געשטופּט ווייך־שוואָמיקע קאָרקעס אין די העלדזלעך פון די אָנגעפילטע פלעשער.

און ר׳ הערשל וואַסערמאַכער האָט געזען ווי עס שטעלן זיך אויס לעבן אים, פלאַש נאָך פלאַש. דאָ קוואַס, דאָ לעמאָנאַדע און דאָרט קלוק־ווע, און זיינע אויגן האָבן זיך צעשטראַלט אין אים און אין יעדן פלעשל

האָט ער פאַר זיך געזען ווי עס וואַקסן, ווי עס מערן זיך ביי אים די צוזאָגן אויף אַ ברייטן, רחבותדיקן, אַ זאַטן יום־טוב, אַ יום־טוב מיט פיש, מיט פלייש, מיט ווײַן, מיט אייער און מצות לרוב.

צו קיין יום־טוב אין יאָר האָט זיך ר׳ הערשל אַזוי נישט געגרייט, קיין יום־טוב אין יאָר האָט ר׳ הערשל אַזוי נישט געצייצט ווי פסח. נאָך פון זיין קינדהייט אָן האָט דער יום־טוב פסח פאַר אים געהאַט אַזעלכע חנען, אַזאַ מין מאָדנע לייטזעליקייט, וואָס האָט אים צוגעזאָגט און גע־צערטלט ווי עס האָט אים זיין מאַמע געצערטלט ווען זי האָט אים אונטער איר פאַטשיילע געטראָגן דאָס ערשטע מאָל אין חדר אַריין. און כאָטש ביי זיין טאַטן אין הויז האָט מען אויף שפּייזן, אויפן ענין עסן בכלל גע־קוקט פון אויבן אַראָפּ, און כאָטש ער האָט פון זיינע יינגלשע יאָרן אָן כסדר געהערט ווי זיין טאַטע פלעגט מיט ביטול אַ זאָג טון אויף אַ מענטשן: „ער, ער קען דאָך עסן!” און דאָס זאָגן, אַז דער אָדער יענער מענטש קען עסן איז געווען גלייך ווי מען וואָלט אים אָנגערופן עם־הארץ, זולל־וסובא, אָדער סתם גראָבער־יונג. — פונדעסטוועגן האָבן דעם טאַטנס רייד אין הערשלען אויף אַ האָר נישט געמינערט זיין באַווונדערן די פסחדיקע שפּייזן, דעם פסחדיקן טיש, די כוסות ווײַן, וואָס האָבן גינגאָל־דיק געשעמערירט אין די גלעזערנע כוסות, אין די זילבערנע בעכערס. מיטן געדאַנק אַז אָט קומט פסח, מיט דער פרייד פון די סדרים, פון די פסחדיקע און חול־המועד־טעג האָט הערשל אי יינגלוויַיז אי בחורוויַיז אי שפּעטער ווען ער איז שוין אַליין געווען אַ טאַטע, אין אַלע זיינע יאָרן האָט ער מיטן געדאַנק פון פסח זיך געגנערט און געשפּייזט אין די שווערע, כמאַרעדיקע, אימת־מותדיקע ווינטער־טעג, וואָס האָבן זיך שטענדיק גע־לייגט אויף זיין געמיט ווי שטיקער בליי.

און אַז ר׳ הערשל איז אַראָפּ פון קעסט, אַז ער האָט קיין רב, ווי זיין טאַטע, נישט געוואָלט ווערן, אַז ער האָט פאַרן גרויסן נדן זיך געקויפט די וואַסער־פאַבריק, וואָס האָט אַ בליץ געטון מיט אַ שפע פרנסה אין די זומער־טעג און האָט אין די ווינטער־חדשים אַרויסגעצויגן דעם קליאַק פון זיינע ביינער, און האָט אין די פראָסטיקע טעג אָנגעיאָגט אומעט, קעלט און הונגער אין יעדן ווינקל פון זיין הויז, דעמאָלט האָט ר׳ הערשל מיט יעדן אבר אין זיך געוואַרט אויפן פסח, אויפן יום־טוב, וואָס האָט חוץ אַלע רייצן און חנען, חוץ זיינע שפּילעוודיקע שיינקייטן, נאָך צוגע־

זאָגט פאַר אים אַליין, פאַר זיין ווייב, פאַר זיינע קינדער אויסלייזונג פון שווערן יאָך פון ווינטער־נויט, פון נאָגנדיקער קעלט, וואָס האָט גערונצלט דאָס לייב, וואָס האָט איינגעקאָרטשעט די נשמה.

נישט איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז דער ווינטער האָט זיך עקשנות־דיק־בייסיק אָוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון טיר און האָט מיט זיינע פראָסטיקע הענט פאַרצאַמט דעם וועג און האָט דעם פרילינג נישט גע־לאָזט אָנקומען. מיט זיין גרוי־שנייִיקער באָרד האָט ער זיך צעשפרייט איבער אַלע שטעגן און וועגן און האָט מיט זיינע ווינטערדיק־בייזע גע־הודזשען געבייטשט אומברחמנותדיק די צאַפּלדיק־פרישע, די יונגע פרי־לינג־ווינטלעך, וואָס זענען געקומען צופליִען פון די ווייטקייטן און האָבן די וועלט געוואָלט אָנהייבן צו צירן אין די ניי־אויסגעהאָפטענע, אויסגע־וועבטע, גרינע מלבושים, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעהויכט גלעטנדיקע, מאַמעדיק־וואַרעמע אָטעם־צוגן.

די שויבן אין ר׳ הערשלס הויז האָבן אין אַזאַ שפּעטן ווינטער גע־קנאַקט מיט די ציין און די פאַרטקעס האָבן אַריינגעיאָמערט אין יעדן ווינקל אַריין. די פסח־טעג זענען אָנגעקומען אויף געפרוירענע שפּיץ־פינגער און ר׳ הערשל האָט יתומדיק איינגערוימט זיין ווייב נעכען אַ סוד אין אויער אַריין: „אפשר פאַרזעצן די אויערינגלעך, נעכעשי?״

נעכעס ברייטער שטערן האָט זיך נאָך מער פאַרונצלט ווי ער איז געווען צעאַקערט אַ גאַנצן ווינטער; זי האָט אַ קוק געטון אויפן געלבלעכן וואַקסענעם פנים פון איר מאַן; זי האָט געזען זיינע בעטנדיק־קליינע אויגן און זי איז פאַרנאַכט־צייט געקומען אַהיים מיטן ערשטן פעקל פסחדיקע שפּייזן.

נעכע האָט געוווּסט ווי איר מאַן האָט ליב דעם יום־טוב פסח. זי האָט געוווּסט, אַז אַ צעשטערטער פסח, חלילה, קען אָנטרייבן אויף איר מאַן אַזאַ מרה־שחורה, אַז ער זאָל דערנאָך אַ גאַנץ יאָר אַרומגיין אַ שוויי־גער ווי די נאַכט און בייסן די נעגל פון זיינע פינגער ביז עס וועלן בלוט־טראָפּנס אַרויסשפּריצן פון אונטער דער הויט. זי איז גרייט געווען צו פאַרזעצן אַ שטיק פון איר לעבן אַבי איר מאַנס סדר־טיש זאָל זיין גע־גרייט מיטן בעסטן, מיטן שענסטן, מיט כל־טוב. זי האָט אויך געוווּסט, אַז אויב זי זאָל, חלילה, נישט אָנגרייטן גענוג, ס׳זאָל זיין נישט נאָר פאַר די בני־בית נאָר פאַר אַן אורח אויף ביידע סדרים אויך, דעמאָלט וועט

איר הערשלס סדר קיין סדר נישט זיין און אַפילו ס'זאָל נאָך פּסח די זון זיך צעשײַנען און די הימלען זאָלן באַקן די גאַסן, וועט איר הערשל נאָך אַזאַ סדר קיין כּוח נישט האָבן אַרײַנצוגיין אין פֿאַבריק און דרייען דעם ראָד, און צאַפּן קוואַס, און אָנצײַען באַלאָנען מיט וואַסער.

נעכע האָט געקענט איר הערשלען ווי זי האָט געקענט יעדן קרים אויף איר קינדס אַ פּנים. זי האָט געוווּסט וואָסער שטורעם עס ברויזט אין איר הערשלס בוזעם. זי האָט אין זײַנע קליינע אויגן געזען די וועלט פֿון אומעט, וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פֿון זײַן האַרץ צײַט ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט מיט יאָרן צוריק, אַז ער וויל קיין רב נישט זײַן. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַנט אין ראָד פֿון דער וואַסער־פֿאַבריק און ער האָט געשטיקט אין זיך זײַן בענקשאַפֿט צום טאַטנס הויז, צום טאַטנס שאַפֿעס ספרים, וואָס האָבן אים געלאָקט ווי כּישוף־פֿלעמלעך. ער האָט זיך פֿון צײַט צו צײַט אַראָפּגעכאַפּט צום טאַטן אין שטאָט אַרײַן און דאָרט, בײַם טאַטן אין בית־דין־שטוב, האָט ער פֿאַרן טאַטן אויסגעגאָסן דאָס האַרץ און האָט דאָרט געפֿונען אַ טרייסט פֿאַר זײַן אַרומקלאָטשען זיך אויף דער וועלט. פֿון טאַטן איז ער שטענדיק געקומען אַן אויסגעגלײַכטער, אַ העכערער און זײַנע אויגן האָבן אין זיך געהאַט אַ נײַעם פֿינקל, אַ מין פֿרישע שײַן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן חדשים.

גערופֿן האָט מען אים ר' הערש וואַסערמאַכער, אָבער די וואָס האָבן אים געקענט נאָענט, געלערנט בײַ אים אַ בלאַט גמרא, געשמועסט תּורה מיט אים האָבן אים שוין לאַנג אַ נאָמען געגעבן ר' הערשל אַריסטאָקראַט, און געזאָגט האָבן זיי דאָס וואָרט אַריסטאָקראַט מיט אַ צאַרטער ווייכקייט, מיט אַ דרך־ארץ אַזאַ, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעזאָגט די ווערטער פּרינץ פֿון בית דוד. און ר' הערשל וואַסערמאַכער האָט אַפֿילו אין זײַן גלאַנציק־אויסגעריבן פּעלצל אויסגעזען אַריסטאָקראַטיש־איידל. זײַן הויכע פֿיגור, די פֿײַנסטע אויף זײַן נאָז, דער ברייטער שטערן און די קליינע, קלוגע אויגן האָבן אַראָפּגעשײַנט הדרת־פּנימדיק פֿון אים.

ווען זײַן טאַטע איז נפֿטר געוואָרן, האָט ר' הערשל זיך דערפֿילט מיטאַמאָל ווי אַ וויסטער יתום, וואָס איז געבליבן אַליין אין אַ פֿרעמדער וועלט. כאָטש ער האָט שוין געהאַט אַ שטוב מיט דערוואַקסענע קינדער, האָט ער נאָכן טאַטנס טויט דערפֿילט, אַז ער איז געבליבן ווי אַ פּיצל קינד, וואָס האָט מער נישט קיין היים וווּהין צוריקצוקומען. ער איז אַרומ־

געגאַנגען ווי אַ שאָטן און יעדעס מאָל ווען ער האָט אַ קוק געטון אויפן קריעה־ריס אין זיין קאַפּאָטע האָבן זיינע אויגן זיך באַדעקט מיט אַ מאָד־נער פייכטקייט, וואָס האָט געבריט די שלעסער. ער האָט זיך געקלאַמערט אין טאַטנס פּאָר רבנו־תמס תפילין און האָט געזוכט טרייסט אין בעכער, אין זילבערנעם בעכער מיטן גאָלדענעם רעמל, אין אליהו הנביאס כוס, וואָס איז אים געבליבן בירושה נאָכן טאַטן.

דער זילבערנער כוס איז ביי ר׳ הערשלען געווען איינגעקריצט אין זכרון נאָך פון זיין קינדהייט, נאָך פון יענע סדרים ביים טאַטן אין הויז, וואָס זענען ווי ליכטיקע חלומות שטענדיק געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. דעם טאַטנס ווייסער קיטל און אליהו הנביאס כוס האָב אים אַזוי פאַר־בלענדט, אַז ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, וואָס אויפן טיש טוט זיך. דער כוס האָט געוואָרפן א שיין ווי פון טויזנטער בליץ־לאָמפּן אויף אַלע אַרום טיש. און אַז דער כוס האָט זיך באַוויזן דעם ערשטן פּסח, נאָך דעם ווי ר׳ הערשל איז געוואָרן אַ יתום, אויף זיין אייגענעם טיש, האָט ר׳ הערשל געהאַט אַ געפיל, אַז חוץ אליהו הנביאן איז זיין טאַטע דער רב ר׳ יוסף־מאיר, אויך דאָ ביי זיין סדר־טיש. אים איז געווען גרינג דער סדר און די יתומדיקייט האָט זיך אָפּגעטון פון אים.

***

פון יאָר־צו־יאָר זענען די געשעפטן אין וואַסער־פאַבריק געגאַנגען ערגער און ערגער. די ווינטערס האָבן זיך געצויגן לענגער און די זו־מערס האָבן אויך קיין גרויסע שפע מיט זיך נישט געבראַכט. און יעדער סדר ביי ר׳ הערשלען אין הויז איז געוואָרן מאָגערער און אויסגעצערטער, אָבער שטענדיק איז אין צענטער פון סדר־טיש געשטאַנען דעם טאַטנס גרויסער בעכער, אליהו הנביאס כוס, וואָס האָט באַצירט דעם אַרום, האָט אַראָפּגעשטראַלט פון זיך מיט יום־טובדיקייט, האָט אַריינגעבראַכט אַ גלעטנדיקע וואַרעמקייט, וואָס האָט דערמאָנט אין טאַטנס הויז. מיטן כוס אויפן טיש, מיט אַן אורח ביי זיין זייט האָט ר׳ הערשל קיינמאָל נישט געפילט די מאָגערקייט פון זיין סדר. אַפילו דעמאָלט ווען די זיל־בערנע מנורה איז שוין אין הויז נישט געווען, אַפילו דעמאָלט ווען די פּסחדיקע כלים זענען שוין געווען אָפּגעבליאַקעוועט־געל, אַפילו דעמאָלט איז דער כוס געשטאַנען אויף זיין הויכן פוס און האָט מאַיעסטעטיש

אַראָפּגעשיינט אויפן ווייס־געדעקטן טיש. פון די זייטן פון כוס האָבן מיט היימישער נאָענטקייט אַראָפּגעקוקט די אויסגעקריצטע, די אויסגעגראַ־ווירטע פיגורן פון ייִדן, וואָס איילן זיך דורכצושפּאַנען די טריקעניש פון ים־סוף איידער די מצרים מיט זייערע רייטוועגענער יאָגן זיי אָן, און די נאָענט־אייגענע פלאַנצן פון ארץ ישראל פלעכטן זיך און וועבן זיך אין אַ דינעם פיליגרין אַרום גאָלדענעם רעמל פון כוס און זיי שפּרייטן זייערע וואָרצלען אין אַ דינעם, איידעלן געוועב ביזן פלאַכן, רונדן פוס פון כוס, וואָס שטייט מיט אייזערנער זיכערקייט אויפן ווייסן טישטעך.

אַפילו דער אורח ביים טיש האָט געמוזט אָפּטון די אויגן פון דער פוסטקייט און אָרעמקייט פון די טעלערס אויפן טיש און זיך פאַרקוקן אויפן כוס, אויף אליהו הנביאס כוס.

נישט איינמאָל האָט ר׳ הערשל אין די לאַנגע ווינטער־נעכט אַרויס־גענומען דעם כוס פון שאַפּקע, האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אים, האָט פאַרזשמורעט די אויגן און האָט זיך איינגעגעסן אין די פיגורן, אין די בילדער, אין די פלאַנצן, וואָס זענען געווען אויסגעקריצט אין כוס און ווען ער איז אַזוי געזעסן האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער לייענט פאַנטאַס־טישע וווּנדער־מעשיות, וואָס דערציילן אים וועגן אַ צויבערדיקן אַמאָל, ערגעץ ווו ביים ברעג פון בוג, דערציילן אים וועגן זיין טאַטנס הויז, וועגן די סדרים ביים טאַטן אין הויז. און כאָטש די קעלט אין הויז האָט געצויגן אין די גלידער און כאָטש דער הונגער האָט גענאָגט ביים האַרצן און ר׳ הערשל האָט נישט געוווסט פון וואַנען דער קומענדיקער פּסח, די סדרים וועלן קומען, האָט דער כוס אים דאָך געוואָרעמט, אים צוגעזאָגט, אַז דער סדר וועט זיין אַ פריידיקער, אַ ליכטיקער, און ר׳ הערשל איז געווען זיכער ביי זיך, אַז אָט וועט ער פראַוווען דעם סדר, וועט עסן אפיקומן און ווען ער וועט הייסן עפענען די טיר און וועט טון אַ זאָג אַרויס: „שפוך חמתך" וועט אין זיין הויז זיך באַווייזן דער גרייז־גרויער אליהו הנביא און ער וועט מיט זיינע ליכטיקע אויגן, מיט זיין צערטלעכ־דיקן פּנים אריינקומען, וועט צוגיין צום כוס, אים אַ נעם טון צו די ליפּן און וועט בעת־מעשה אַ פריידיק־גליקלעכער אַ קוק טון אויפן כוס, אים אַ גלעט טון און אַ ים שטאָלץ און נחת וועט אַ פלייץ טון פון זיין פּנים צו אים, צו ר׳ הערשלען, צו זיין אורח און צו אַלע בני־בית אַרום טיש.

אַזוי זענען יאָרן אַדורך; אַזוי איז ר׳ הערשלס הויז געוואָרן ליידי־

קער און אָרעמער פון פסח צו פסח און אָט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ ווינטער, וואָס האָט מיט זײַנע ווינטן געריסן דעכער פון הײַזער און גע־מויערטע ווענט האָבן פון קעלט אָנגעהויבן צו פּלאַצן. עס איז שוין פּורים געווען און אין די בעקערײַען האָט מען מצות געוואַלגערט, געשטיפּלט און געבאַקן. די גאַסן זענען געלעגן באַדעקט מיט ווײַסע לײַלעכער שניי און פון די נאַקעטע בײמער האָבן ווי פון שענדעלירן זיך געבאָמבלט קרישטאָלענע פינגער אײַז.

בײַ ר׳ הערשלען אין הויז איז מען אַרומגעגאַנגען אין צעזיפּלטע וואַטענע לײַבלעך און מען האָט געהויכט אין די הענט אַרײַן.

אין וואַסער־פאַבריק זענען די גומענע רערן געהאַנגען שטײַף ווי פאַרגליווערטע אברים און דאָס הענטל פון פּלומפּל אין פאַבריק האָט זיך פון אָרט נישט געלאָזט רירן.

די פּסח־טעג האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצויאָגן אָנצויאָגן ווי געטריבענע פון די בײזע ווינטן. בלײַענע הימלען האָבן ווי געדיכט־גרויע פאָרהאַנגען פאַר־שטעלט די זון.

אין אַמשענאָווער שטיבל האָבן חסידים שוין גערײניקט דעם אויוון אויף באַקן מצה־שמורה. און בײַ ר׳ הערשל וואַסערמאַכער אין הויז איז נעבעך אַרומגעגאַנגען און האָט גערײניקט און געשײַערט, געפּוצט און גע־צירט דאָס הויז. זי האָט אויפגעהאַנגען די אַלט־נײַע, פאַרלאַטעטע פאַר־הענגלעך; זי האָט איבערגעקוקט די פּסחדיקע כלים, וואָס זענען געלעגן אײַנגעוויקלט אין ראַגאָזשעס אויפן בוידעם און אין קאָפּ האָט זי געמאַכט חשבונות וואָסערע כלים זי וועט נאָך דאַרפן צו כשרן אויף פּסח כּדי צו האָבן אין וואָס צו קאָכן.

איר ברײטער, צערונצלטער שטערן האָט זיך ערשט אַזוי צעפּאַל־דעוועט ווי אַ צעקנײטשט שטיק פּאַפּיר. זי איז מיט די אויגן געלאָפן איבערן הויז און האָט געזוכט אין יעדן ווינקל. זי האָט אַלץ געהאָפט, אַז אָט וועט דער ווינטער זיך כאַפּן, אַז ער האָט זיך שוין צו לאַנג געזוימט; ער וועט זיך טון אַ הײב אויף און וועט פאַרשווינדן ווי אַ ווײסטער שאָטן און דער זומער וועט אַרײַנפּראַלן מיט זײַנע ימען ליכט, מיט זײַנע אוצרות זון־שטראַלן און בײַ איר הערשלען אין פאַבריק וועט זיך ווי עס איז אַ ריר טון און עס וועט נאָך זײַן אויף פּסח. אין יעדער קראָם איז זי שוין געווען פאַרשולדיקט, אַלץ וואָס האָט נאָך געהאַט עפּעס אַ ווערט, איז

שוין אין גלות־לאַנגן ווינטער פאַרזעצט געוואָרן און דאָ איז שוין פּסח
און קיין כזית אין הויז איז נאָך אַלץ נישטאָ.

אירע זוכנדיק־אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן זענען מיטאַמאָל געפאַלן אויפן זילבערנעם כוס, אויף אליהו הנביאס כוס; איר האַרץ האָט אַ צאַפּל געטון אין איר. זי האָט די אויגן אָוועקגעדרייט אין אַ זייט, האָט זיי אָפּגעריסן פון שאַפע. זי האָט אין געאייל אָפּגעקערעוועט די אויגן, נישט געוואָלט זען מער דעם כוס, די שאַפע ווו דער כוס איז געשטאַנען.

זי האָט אָנגעהויבן צו זוכן צווישן די מלבושים, אין שופלאָד ווו די בעטגעוואַנט־וועש איז געלעגן. פון שופלאָד האָבן אַרויסגעקוקט צו איר יאושדיקע לאַטעס, פאַרשעמטע צירעוואַניעס.

„וואָס טוט מען פאַרט?" האָט דער שטערן אַראָפּגעוויינט צו אירע אויגן, וואָס זענען געוואָרן פון מינוט צו מינוט מער פיבערדיק, מער פאַרצויגן מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו גלייזן. זי האָט זיך פלוצלונג אַ ריס געטון פון אָרט; האָט זיך אַ קערעווע געטון צו דער שאַפע; האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט אַ כאַפּ געטון אליהו הנביאס כוס, האָט אים פאַרשטעקט אונטערן פאַרטעך און איז אַרויס פון הויז.

ר' הערשל האָט געזען ווי מען טראָגט אין הויז אַריין אַ קויש מצה, אַ גאַנשער וויין; ער האָט געזען ווי זיין נעכע האַקט פיש, בראָקט אין זיי אַריין בערג מיט מצה־מעל און מאַכט דערפון שפּאָרע אַלקעס פיש. ער האָט געפילט ווי עס טראָגן זיך איבערן הויז שמעקעדיקע ריחות פון פּסח־שפּייזן. ער איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, האָט געהויבן די פּלייצעס און האָט געשוויגן ווי די נאַכט און אַז ער האָט ערב־פּסח אָנגעטון זיין זיידענע, געהאַקטע קאַפּאָטע, וואָס איז שוין געווען אַזוי ברוינלעך־געל ווי פאַרטריקנטער טיטון, און אַז ער האָט ביי דער טיר געהערט זיין נעכעס שטימע ווי זי האָט אים געזאָגט: „ברענג אַן אורח, הערשל", האָט ער געפילט, אַז מיט אים, ווי מיט די ייִדן אמאָל, איז עפּעס ערשט געשען אַזאַ נס, וואָס עס איז גאָר מיטן מענטשלעכן שכל נישט צו באַ־גרייפן. אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז נאָכן דאַווענען מיטן אורח אַריין אין הויז אַריין, אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר אַרויסגעזאָגט דעם ברייט־נחת־דיקן גוט־יום־טוב, איז זיין אויג געפאַלן אויפן ווייס־געדעקטן סדר־טיש, וואָס איז געווען באַשטעלט מיט כוסות וויין, מיט מצה און מיט אַנדערע

פסחדיקע מאכלים, אָבער אין מיטן טיש, לעבן די מעשענע לייכטערס, איז געשטאַנען הכנעהדיק־געבויגן אַ גלעזערנער כוס וויין, אַ כוס, וואָס האָט זיך געררויטלט פאַר חרפּה, אַ כוס, וואָס האָט זיך אויסגעזען צו בעטן ביי ר׳ הערשלען: „זאָרג נישט, הערשל, אליהו וועט דיר פאַרגעבן, אליהו וועט היינט אויך קומען, וועט זיין דיין גאַסט און וועט טרינקען פון מיר״.

ר׳ הערשל וואָסערמאַכער האָט זיך אָנגעלענט אין דעם היסב־בעט. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ נאַקעטן טיש, וואָס האָט צו אים געקוקט מיט אַראָפּגעלאָזט־פאַרשעמטע אויגן; ער האָט גענומען זיין כוס וויין אין האַנט אַריין און האָט מיט אַ פרעמדער שטימע, וואָס האָט ווי שרויטן זיך געקייקלט אין זיין האַלדז, אַ זאָג געטון: „קידוש! מען דאַרף מאַכן קידוש!״

ער האָט צוגעשלאָסן, צוגעקלאַמערט די אויגן; זיין קידוש־שטימע האָט זיך געבראָכן ווי פאַרטריקנטע צווייגן אונטער די פיס און אין די ווינקלען פון די אויגן־שלעסער זענען ביי אים געשטאַנען פאַרגליווערטע צוויי טרערן ווי אַרבעס די גרייס. אויף די ווענט האָבן געציטערט די שאָטן־פלעמלעך פון די ליכט אין די מעשענע לייכטערס און פון הינטער די פענצטער האָט דער שפעטער ווינטער־ווינט אומהיימלעך געיאָמערט.

די פערל

די אַלטע רביצין האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויז ווי אַ שאָטן. איר געדונצלט פּנים איז געווען צעקאַרבט, צעאַקערט, געשטיפּלט ווי אַ מצה. איר קיילעכדיקער קאָפּ, ווי אַ קירבעס, האָט זיך היינט מער געהוידעט אויף אירע ברייטע אַקסלען ווי שטענדיק, די סטענגעס, וואָס זענען נאָכגעהאַנגען נאָך איר ציפּעק, האָבן זיך געוואָרפן הין און צוריק, ווי צווייגן אויף אַ בוים אין ווינט, און די דריי פּאָר ברילן, וואָס זענען געווען צוגעבונדן איינע צו דער אַנדערער, זענען געזעסן אויף איר שפּיץ נאָז, וואָס האָט זיך געבערגלט, פאַרדרייט אויף אַרויף און איז שטענדיק געווען אַזוי רויט, ווי מען וואָלט אָט ערשט נאָרוואָס אָנגעריבן דעם שפּיץ נאָז מיט שניי.

פון יעדן ווינקל פון הויז האָט זי אָנגעהויבן צונויפצוזאַמלען קעסטלעך, פּעקלעך, פּודלקעס, און בערג מלבושים. זי האָט אַלע זאַכן אַוועקגעלייגט לעבן איר שווער־באַשמידטן קופערט, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרדעקט מיט אַ דעק, וואָס איז געווען צונויפגעניית פון פאַרשיידנפאַרביקע שטיקלעך טוך געשניטן אין מאיר־קאָפּן, אין סקווערן און אין דרייעקן. אַ גראָב־בייכיקער קלאָפּשלאָס האָט דעם קופערט געהאַלטן פאַרזיגלט, פאַרחתמעט, אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט. דאָס שליסעלע צום קופערט האָט די אַלטע רביצין שטענדיק געהאַלטן אין איר בוזעם, אין אַ זעקעלע, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אַ שנירל אַרומגעבונדן אַרום איר האַלדז.

די אַלטע רביצין, ווען אַלע אין שטעטל האָבן פאַר דרך־ארץ גערופן ר׳ מיכלע, איז זעלטן געווען אין הויז ביי איר טאָכטער, די היינטיקע רביצין. בלויז אויף ימים־טובים און אין די קאַלטסטע ווינטער־טעג

איז זי געקומען אַהיים. ווען אירע רייזעס האָט קיינער גאָרנישט געוווּסט. מען האָט נישט געוווּסט ווען זי פאָרט אַוועק, וווּהין זי פאָרט און ווען זי האָט בדעה צו קומען אַהיים. אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך באַוויזן אין הויז האָט דאָס גאַנצע שטעטל באַלד געוווּסט, אַז די אַלטע רביצין איז דאָ. זי האָט פון דער וועלט מיטגעבראַכט אַזאַ רעש, אַזאַ טומל, אַז דעם רבס הויז איז מיט איר אָנקומען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוישיקן יאַריד.

איר קול האָט זיך געטראָגן איבער די צימערן פון רבס הויז, האָט אָפּגעהילכט איבער די גאַסן און אַפילו דער שטילער בוג, וואָס האָט זיך געשלענגלט אין טאָל, האָט אָפּגעעכאָט מיט איר שטימע. אַז די אַלטע רביצין האָט אַ נעם געטון איר גראָבן קרבן־מנחה־סידור אונטערן אָרעם, האָט אַ קוש געטון די מזוזה און האָט אויסגערופן צו דער טאָכטער: „חיהלע, כ׳גיי אין שול אַריין!״, האָבן אַלע אין מאַרק שוין געוווּסט, אַז באַלד וועלן דער אַלטער רביצינס שווערע, געשווינדטע טריט זיך טראָגן איבער די ברוקירטע שטיינער פון גאַס.

כאָטש איר מאַן, דער געוועזענער רב פון שטאָט, כאָטש איר ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער איז שוין געווען טויט באַלד פערציק יאָר, כאָטש איר איידעם, ר׳ מאָטעלע, האָט שוין געהאַט פאַרנומען איר מאַנס כסא הרבנות זינט יענעם טאָג ווען איר מאַן איז נפטר געוואָרן, און כאָטש ר׳ מאָטעלע אַליין איז שוין ערשט אויך געווען אַ ייִד אַ זקן, פונדעסטוועגן האָט די אַלטע רביצין געפילט, אַז די אמתע באַלעבאָסטע פון הויז איז זי, מיכלע, ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצערס ווייב, און נישט איר טאָכטער.

„די סמאַרקאַטע גייט מיר נאָך זאָגן אַ דעה אויך!״ האָט זי דער טאָכטער אויסגעשייגעצט פאַר אַלעמען אין די אויגן. און אַז זי האָט זיך אָנגעברוגזט אויפן איידעם, אַז עס איז איר נישט געפעלן געוואָרן ווי אַזוי ער האָט געפּסקנט אַ שאלה, דורכגעפירט אַ דין־תורה אָדער אַ בוררות, האָט זי זיך אַ שטעל געטון ביי דער טיר פון בית־דין־שטוב, האָט פאַרלייגט די הענט „פּאָדבאָקעם״, און מיט איר געווינטלעכן קול, ווי זי האָט גערעדט צו דער טאָכטער, צו די אייניקלעך און אַפילו צו די צוויי אור־אייניקלעך, וואָס זענען אָפט געווען ביים רב אין הויז, מיט דעם קול, וואָס צעפּאַסמעוועט די שטילקייט, האָט זי ר׳ מאָטעלען, איר איידעם, אויסגעזידלט, אָנגעשריגן אויף אים און שאָקלענדיק שטאַרק

מיט איר קאָפּ, וואָס האָט זיך סיי־ווי־סיי געהוידעט ווי אַן אומרו, האָט זי אים אַ זאָג געטון: „ווען ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער ז״ל שטייט אויף פון קבר און הערט וואָסער דינים און משפטים דו, זיין „זאַסטעמפּצע״, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן, גיסט אַרויס, וואָלט ער אַנטלאָפן ווו פעפער וואַקסט!״

און אַז ר׳ מאָטעלע האָט זיך פּרובירט פאַרטיידיקן, האָט זיך פאַר־ענטפערט, אַז ער האָט אַזוי געמוזט פסקנען, האָט נישט געהאַט קיין ברירה, האָט די אַלטע רביצין אַראָפּגענומען די דריי פּאָר ברילן פון נאָז, האָט אָנגעשטעלט אויף איר אײדעם אַ פּאָר גלאָציקע, פלאַמיקע אויגן און האָט מיט אַ פאַריסן־קוויטשיקן קול אַ געשריי געטון אויפן רב: „מאָ־טעלע, מאָטקעלע, ווערסט שוין אַ חצוף אויך?!״ זי האָט שנעל אָנגעטון די דריי פּאָר ברילן, האָט זיך געטון אַ קערעווע אויס און אויף דער שוועל פון טיר האָט זי מיט ביטול אַ רוף געטון: „אַ העזה פון אַ יונגאַטש!״ זי האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און איז אַרויס פון בית־דין־שטוב.

אַז די רביצין איז אַרויס פון בית־דין־שטוב האָט ר׳ מאָטעלע אָנגעע־הויבן צו שפּרייזן הין־און־צוריק, פון איין ווינקל אין אַנדערן. ער האָט זיך געפילט ווי מען וואָלט אים ערשט נאָרוואָס אָפּגעשמיסן, אָפּגעשמיסן בפני כל עם ועדה, אָפּגעשמיסן פאַר אַ פאַרדינטער שטראָף.

כאָטש די אַלטע רביצין איז געווען אַ נידעריקע, אַ קליינע, אַ פּעסל־דיק־קיילעכדיקע, פונדעסטוועגן האָט ר׳ מאָטעלע איר שטענדיק געזען אין זיין ווייטן זכרון ווי עפּעס אַ הויכע, אַ שטאַלטנע, אַן איידעלע רבנישע פּריצטע, וואָס האָט אַפילו דעם שפת־אמת ז״ל אַליין געזאָגט „דו״. די אַלטע רביצין איז פאַר אים שטענדיק געשטאַנען נישט נאָר ווי ר׳ יאָ־סעלע קאָזשעניצערס ווייב, די רביצין ר׳ מיכלע, נאָר ער האָט איר אַלע־מאָל געזען, ווי ער האָט איר געהאַט געזען מיט אַ וועלט מיט יאָרן צוריק, ווען זי האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן מיטן הויכן, ווייס־זיידענעם ציפּעק, מיט שימער־שטיינדלעך און בלומען באַזעצט, מיט לאַנגע סטענ־געס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ציפּעק איבער איר ברייטע פּלייצע, און דער עיקר, ווי ער האָט איר דעמאָלט ס׳ערשטע מאָל געזען מיטן שנירל פּערל אויף איר נידעריק־פעטלעכן האַלדז.

„דאָס שנירל פּערל״, „די פּערל״, די ווערטער וואַרפן נאָך אויך היינט אָן אַ פּחד, רופן אַרויס אַ יראת הכבוד ביי ר׳ מאָטעלען ווען ער

טראַכט וועגן זיי. און ווער קען נישט טראַכטן וועגן די פּערל ווען מען זעט די אַלטע רביצין? אמת איז, אַז ר' מאָטעלע האָט די פּערל שוין גע־זען אַ סך מאָל אין זיין לעבן, אמת איז, אַז זיין אייגענע ווייב, זיין חיהלע האָט אויך איינמאָל, אין זייער חופּה־נאַכט, געטראָגן די פּערל אויף איר האַלדז, אָבער קיינמאָל האָבן די פּערל נישט אויסגעזען אַזוי מעשה־בראַ־שיתדיק, אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק־מוראדיק ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיי געזען אויף דער אַלטער רביצינס האַלדז! די אַלטע רביצין איז נאָך דעמאָלט געווען יונג; דער קאָפּ איז נאָך געזעסן אויף אירע ברייטע אַקס־לען ווי אַ גוט איינגעוואָרצלטער דעמב; די הויט אויף איר פּנים איז געווען דורכזיכטיק־לויטער און אירע אויגן האָבן געבליצט מיט פייערלעך פון חכמה, און די פּערל אויף איר האַלדז האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַרויסגעבליט פון איר צאַרט־איידעלער הויט. די פּערל האָבן אַראָפּגע־בליאסקעט פון איר האַלדז און איר פּנים האָט באַשיינט די פּערל, האָט צוגעגעבן חן צו זיי.

שוין דעמאָלט האָט מען דער רביצין נישט געקענט רופן סתם מיכלע, נאָר אַ סך לומדים, רבנים אַפילו, וואָס זענען געווען אויף זיינע, אויף ר' מאָטעלעס, תנאים, האָבן דער רביצין גערופן ר' מיכלע, ר' מיכלעשי. און קיין ווונדער איז נישט געווען, פאַרוואָס מען האָט דער רביצין אַזוי גערופן, ווייל נישט נאָר איר אויסזען, נישט נאָר איר רעדן, נישט נאָר איר וואַרפן מיט פּסוקים און מיט שטיקער תורה, נאָר די פּערל, וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר האַלדז, דאָס שנירל פּערל, האָט דערמאָנט אין פאַרצייטישקייטן, האָט דערציילט פון דער מערת־המכפּלה, פון אמהות, פון דעם חן פון מוטער רחל.

ר' מאָטעלען איז קיינמאָל אין זיין לעבן נישט אַרויס פון זכרון די געשטאַלט פון יענער רביצין ר' מיכלען, וואָס ער האָט געזען ביי זיינע תנאים. און כאָטש ער איז דערנאָך געווען אַן איידעם אויף קעסט ביי ר' יאָסעלע קאָזשעניצער ז"ל, און כאָטש ער איז דערנאָך געוואָרן רב, באַלד נאָך דער פּטירה פון זיין שווער, און כאָטש ער איז שוין באַלד פערציק יאָר רב אין שטעטל און ער איז שוין אַ טאַטע און אַ זיידע פון דערוואַקסענע אייניקלעך, פונדעסטוועגן פילט ער זיך ווי אַ יינגל ווען די רביצין באַווייזט זיך ביי אים אין הויז.

ר' מאָטעלע האָט ליב געהאַט זיין שוויגער, אָבער מער נאָך ווי ליבע

איז ביי אים געווען דאָס געפיל פון דרך־ארץ, פון יראת הכבוד פאַר איר. אין איר קעגנוואַרט האָט זיך אים שטענדיק געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ יינגל, אַ בחורל און זי, די שוויגער זיינע, ר׳ מיכלעשי, איז די רביצין, ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצערס ווייב.

די אַלטע רביצין איז אַמאָל געווען אַ שטילע, אַ געלאַסענע, האָט גערעדט מיט געמאָסטענע רייד און איר שטימע האָט געגלעט און גע־צערטלט. זי איז געבליבן שטיל און געלאַסן אַפילו נאָכדעם ווי איר מאַן, ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער, איז נפטר געוואָרן, נאָר מיטאַמאָל, שוין מיט יאָרן צוריק, ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אַ סך מאָל אָוועקגעלאָזט אויף אירע לאַנגע, געהיימע נסיעות, אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איז זי אַוועק פון הויז, איז אַוועק אַ דערשלאָגן־שטילע, איז אַ צייט נישט געקומען אַהיים און ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט, האָט דער קאָפּ אויף אירע אַקסלען זיך געוואָרפן ווי אַן אומרו, אירע אויגן זענען געוואָרן טיף־פאַר־זונקען אין פנים, איר שטערן האָט געהאַט טיפע פאַלדן און אַ מוראַדי־קער סוד האָט געבלאַנדזשעט אויף איר פנים.

איר אַמאָליקע געלאַסנקייט איז צערונען געוואָרן. איר שטימע איז געוואָרן בייז און בייסיק, איר קול שרייענדיק, אַזש גרילציק און זי האָט מיט אַ וויסטער רוגזה זיך געבייזערט אויף אַלץ און אַלעמען. זי האָט דער טאָכטער געגעבן באַפעלן, זי האָט דעם רב ר׳ מאָטעלען, אַרומגע־יאָגט, אים נישט געלאָזט אויף די אויגן. אַז ר׳ מאָטעלע האָט דערזען, אַז די רביצין איז דאָ, האָט ער זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל, האָט זיך באַ־האַלטן. וואָלט די רביצין אים כאָטש צורו געלאָזט אין זיין בית־דין־שטוב, וואָלט ר׳ מאָטעלע געווען צופרידן; ער וואָלט דאָרט געזעסן אַזוי לאַנג ווי זי איז דאָ אין הויז און ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט די ספרים, וואָס זענען אים געבליבן בירושה פון זיין שווער ז״ל. אָבער די אַלטע רביצין איז מיטאַמאָל געוואָרן אַן אומרו, וואָס האָט זיך אַרומגעיאָגט איבערן גאַנצן הויז. אַפילו נאָכדעם ווי זי איז געווען אַוועק אויף חדשים פון דער היים, אַפילו נאָך אירע לענגסטע רייזעס איבערן לאַנד איז זי געקומען, האָט אָנגעפילט דאָס הויז מיט איר אומרו, מיט אירע זאַכן, מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן צו איר פון אומעטום, און מיט אירע קולות, וואָס זענען געוואָרן אַלץ העכער, וואָס עלטער זי איז געוואָרן. און איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט זיך אויסצופּאַקן האָט זי שוין אָנגעהויבן פאָרשן,

זיך נאָכפרעגן, װעלן אויסגעפינען צי עמעצער איז געװען אין הויז פון דער פרעמד, צי עמעצער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר, װאָס אין הויז איז פאָרגעקומען אין דער צייט װען זי איז געװען אַװעק. קיין זאַך האָט מען פאַר דער רביצין מער נישט געקענט באַהאַלטן און קיין סוד איז פאַר איר נישט געבליבן פאַרהוילן. נאָר די סודות, װאָס זי האָט אין איר בוזעם געטראָגן, די סודות, װאָס זי האָט געבראַכט נאָך יענער לאַנגער נסיעה, זענען געבליבן ביי איר װי געזונקענע אין אַ טיפן ברונעם. זי אַליין האָט זיך אַלץ מער פאַרװיקלט אין סודות, און װאָס מער סודות זי האָט געטראָגן אין זיך, אַלץ מער האָט זיך דער קאָפּ אויף אירע אַקס־לען צעהוידעט און אַלץ העכער, מיט מער רוגזה האָט זי געשריגן, גע־ליארעמט און געזידלט. און שטענדיק, אַזוי שנעל װי זי איז נאָר אַריין אין הויז, איז זי צוגעלאָפן מיט געאײלטע טריט, האָט אַ קוק געטון אויפן קופערט, װאָס איז געשטאַנען אונטערן װאַנט־זייגער, און האָט מיט פאַר־װורף און כעס געשריגן צו דער טאָכטער: „חיהלע, תכשיטל מיינס, װער האָט שוין געהאַט צו טון מיט מיין קופערט? װעמען איז ער געװען גרויס אין די אייגאַלעס?“

און עס האָט נישט געהאָלפן קיין פאַרענטפערונג, קיין געבעט, קיין שום תירוצים: „מען האָט בלויז אָפּגעקערט, אויסגעװאַשן די פּאָדלאָגע!“ האָט זיך די טאָכטער געבעטן ביי דער מאַמען.

„אַ יישר־כוח דיר אין נאָז אַריין!“ האָט די אַלטע רביצין זיך געביי־זערט. „און װער הייסטעך קערן און װאַשן אין װינקל װוּ מיין קופערט שטייט?“

„מען מוז דאָך אויפרוימען אַמאָל לעבן קופערט אויך, מאַמע!“ האָט די טאָכטער פּרובירט טאַמעװען דער מאַמען.

„קערן, רוימען! לאָז דעם קופערט צורו, טשעפּע נישט מיין װינקל!“ האָט דער אַלטער רביצינס קאָפּ זיך שטאַרק צעהוידעט און די סטענגעס אויף איר פלייצע האָבן זיך געװאָרפן װי בלעטער אין װינט.

די טאָכטער האָט זיך אַװעקגעשאַרט אויף הינטער זיך אין קיך אַריין, האָט איבערגעלאָזט דער מאַמען מיט איר קופערט, מיט אירע פּעקלעך און קעסטלעך, איז געשטאַנען שטיל אַרום די טעפּ און האָט געװאַרט די מאַמע זאָל איר רופן און איר אויסרעדן פאַר די אָדער יענע

זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען אין דער צייט, וואָס די מאַמע איז נישט געווען אין דער היים.

די אַלטע רביצין האָט זיך זינט יענער סודותדיקער נסיעה פאַרמאַכט אין צימער ווו איר קופערט איז געשטאַנען, האָט אַראָפּגענומען דאָס זע־קעלע פון האַלדז, האָט אַרויסגענומען דאָס שליסעלע און צעעפנט דעם קופערט. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום איר. זי האָט פּאַמע־לעך אָנגעהויבן אַרויסצולייגן די זאַכן פון קופערט; זי האָט זיי צעלייגט, זיי געלופטערט און זיי איינגעלייגט אין דעם זעלביקן סדר ווי זיי זענען פריִער געלעגן.

דער קופערט איז געווען אַ טיפער, אַ הויכער און אַ ברייטער. פון אויסנווייניק איז ער געווען באַשלאָגן מיט מעשענע ריימען און פון אינע־ווייניק איז ער געווען באַצויגן מיט אויסגעשלאָגענע, דיקע בלעכן. אויפן דנאָ פון קופערט, איז אַ ווינקל, איז געשטאַנען אַ קליין קעסטעלע, וואָס איז געווען פאַרקלאַמערט אויף אַ שלאָס, וואָס איז געהאַנגען אויף צוויי העקלעך. אין קעסטעלע האָט די אַלטע רביצין געהאַלטן פאַרבאַהאַלטן די פּערל. דאָס קעסטעלע פון די פּערל האָט די אַלטע רביצין פון דע־מאָלט אָן אָנגעהויבן צו עפענען איינמאָל אַ יאָר, בלויז ווען זי איז געקו־מען אַהיים צום יאָרצייט פון איר מאַן ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער ז״ל. אין טאָג פון יאָרצייט האָט זי געעפנט דאָס קעסטעלע, האָט אַרויסגענומען די פּערל, זיי אָנגעטון אויפן האַלדז און האָט זיך אָוועקגעלאָזט צום אַלטן בית־עולם. אין דער ווייסער זיידענער קופּקע מיט די סטענגעס אויף דער פּלייצע, מיט די פּערל אויפן האַלדז, האָט די אַלטע רביצין אויסגעזען יינגער; איז געגאַנגען גלייכער, האָט זיך געפילט שטאַרקער ווי אַ גאַנץ יאָר.

„כ׳גיי זיך זען מיט ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער!" האָט די אַלטע רביצין אַ זאָג געטון צו אַלע אַרום זיך און זי האָט אַליין אָוועקגעשפּרייזט צום גוטן־אָרט. זי האָט איצט נישט געוואָלט עס זאָל מיט איר מיטגיין אַ קינד צי אַ באַקאַנטער. „כ׳האָב ליב צו זיין אַליין מיט ר׳ יאָסעלע קאָזשע־ניצער", האָט זי נישט איינמאָל דער טאָכטער אַ זאָג געטון ווען זי האָט געוואָלט מיטגיין מיט דער מאַמען אויף קבר־אָבות, געוואָלט מיטגיין, ווי זי פּלעגט אַמאָל ביי יעדן יאָרצייט באַגלייטן דער מאַמען. די אַלטע רביצין האָט שטענדיק געדעדט וועגן איר מאַן מיט זיין פולן נאָמען.

„ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער האָט געזאָגט״, האָט זי שטענדיק אָנגעהויבן צו דערציילן עפּעס וועגן איר מאַן און, אַז עמעצער האָט על פּי טעות געזאָגט: „אייער מאַן ז״ל״, האָט זי שוין ווייטער נישט געלאָזט רעדן; זי האָט זיך אַ שטעל געטון אין איר פּולער לענג און האָט כמעט באַפּוילעריש אויסגערופן: „איר מיינט אַוודאי ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער ז״ל״. ערשט ווען דער וואָס האָט מחלל געווען איר מאַנס נאָמען האָט זיך פאַריכט, האָט אָנשטאָט „אייער מאַן ז״ל״ געזאָגט „ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער ז״ל״, ערשט דעמאָלט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעהערט, וואָס מען האָט איר געהאַט צו דערציילן.

ווען זי איז געקומען פון בית־עולם, ווען זי האָט אַריינגעשפּאַנט אין הויז אַריין, איז איר פּנים געווען צעשטראַלט, אירע אויגן האָבן געלויכטן און דאָס שנירל פּערל אויף איר האַלדז האָט סודותדיק אָנגעוווּנקען, אַז די רביצין האָט געהאַט אַ וואַזשנעם געשפּרעך מיט ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער. זי האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַרומגעדרייט איבערן הויז; האָט געלאָזט די אויגן פון די אַרומיקע זיך אָנזעטיקן מיט דער פּראַכט פון די פּערל; זי האָט די גאָר קליינע קינדער געלאָזט אָנרירן מיטן מינדסטן פינגערל די גרויסע מיטלסטע פּערל אין שנירל, אַ פּערל ווי אַ פויגל־איי די גרייס, אַ פּערל, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון צווישן אַלע פּערל, און באַלד איז זי אַריין צו זיך אין צימער, האָט זיך אָפּגעשלאָסן דאָרט און די פּערל זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די ווענטלעך פון קעסטעלע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון קופערט; דאָרט זענען זיי געבליבן ביזן קומענדיקן יאָרצייט פון ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער.

אַז די רביצין האָט פאַרשלאָסן דאָס קעסטעלע האָט זי אויף דעם אַרויפגעלייגט דעם איינציקן טלית־קטן, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן פון ר׳ יאָסעלען און איבערן טלית־קטן האָט זי אַוועקגעלייגט אַ פּעקעלע אין וועלכן זי האָט שוין פון יאָרן געהאַט צוגעגרייט אירע תכריכים. און ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט די זאַכן, האָט זי זיך גענומען צו אירע מלבושים, וואָס זענען געלעגן אויסגעפּרעסט און איינגעשאָטן אין נאַפּטאַלין. זי האָט צווישן די מלבושים נאָך געהאַט איר חופּה־קלייד אין וועלכן זי האָט געהאַלטן פאַרבאַהאַלטן אַ זעקעלע ארץ־ישראל ערד, וואָס זי האָט געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, טאָמער חלילה קומט איר אויס צו שטאַרבן אין חוץ לארץ.

די אַלטע רביצין האָט זיך שוין פון יאָרן געהאַט געגרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל שטאַרבן. זי האָט כסדר אָפּגעלייגט איר רייזע ווייל אַלעמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט געהאַט נאָך עפּעס אַ וויסטע יתומה חתונה צו מאַכן אָדער עפּעס אַן אָרעמע עגונה, וועלכער זי האָט געמוזט העלפן געפינען איר מאַן. איר פאַרפאַלן ווערן פון הויז אויף חדשים איז געווען כדי זיך אַוועקצולאָזן „איבער דער וועלט“, זוכן עפּעס אַ מאַן פון אַן עגונה, אָדער געפינען עפּעס אַ חתן פאַר אַ יתומה. אַז זי איז גע־בליבן אין הויז אַ וואָך צוויי, האָט מיטאַמאָל אַן אומרו אַ שפּאַר געטון אין איר; זי האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבער די גאַסן פון שטאָט, האָט זיך אָפּטער געבייזערט, האָט העכער געשריגן און ווי געטראָגן פון ווינטן אַזוי האָט זי אַ כאַפּ געטון איר קוישל, האָט אַריינגעפּאַקט אין דעם אַ פּאָר ציפּעקעס, אַ קליידל, אַ שאַל און איז אַוועק פון הויז.

די צייט וואָס זי איז געווען אין הויז האָט זי די לעצטע יאָרן ווייניק פאַרבראַכט אי מיט דער טאָכטער אי מיט די אייניקלעך. איר נאָענטער חבר, איר בוזעם־פריינט איז נאָך איר קומען פון יענער סודות־דיקער רייזע מיטאַמאָל געוואָרן ר׳ אַלטער.

* *
*

ר׳ אַלטער איז געווען אַ ברייטפּלייציקער, הויכער יונגערמאַן, וואָס האָט שטענדיק געטראָגן זיינע פּענסנע מיט גוואַלדיקער חשיבות. אַ שוואַרץ זיידן בענדעלע האָט זיך געצויגן פון די ברילן ביז דער קעשע־נע פון זיין וועסטל, וואָס איז געווען באַצירט מיט אַ געפלאָכטענער, גאָל־דענער קייט. אויף ר׳ אַלטערס ליפּן זענען נאָך געלעגן סימנים פון די יאַיכלעך, וואָס זיין שוויגער האָט פאַר אים כסדר געקאָכט אין די לאַנגע יאָרן קעסט, וואָס ער האָט געגעסן ביי זיין שווער יאַנקעלע באַניעט אָדער יאַנקעלע „קאַניאַך“, ווי מען האָט אים גערופן. כאָטש אַלטער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן האָט מען אים אין שטאָט שוין לאַנג געהאַט געגעבן דעם טיטול „רב“. אַפילו די אַלטע רביצין ר׳ מיכלע האָט אַל־טערן אויך אָפּט גערופן: ר׳ אַלטער.

דער דרך־ארץ צו ר׳ אַלטערן האָט זיך גענומען נישט אַזוי צוליב זיין אייזערנעם קאָפּ, צוליב זיין חריפות אין ש״ס און פוסקים, נאָר דער

עיקר צוליב דעם, וואָס ער איז אין שטאָט פֿאַרעכנט געוואָרן פֿאַרן גרעסטן פּאָליטיקער, פֿאַרן וואַזשנעם סטראַטעגיקער, פֿאַרן איינציקן מענטשן, צו וועמען אין הויז אַריין עס קומען נישט נאָר ייִדישע נאָר אויך העברעיִשע צייטונגען. אַז ר׳ אַלטער האָט נאָכן דאַווענען אין בית המדרש אָנגעהויבן אויסצוטון די רבנו תמס תפילין האָט עולם זיך אָנגעהויבן צוזושאַרן צו אים, צו פֿאַרמירן אַ קרייז אַרום אים און ר׳ אַלטער האָט זיך צעלאָזט מיט אַ ים וואַזשנע רייד וועגן וועלט־פּאָליטיק, וועגן קעניגן און פּרינצן, וואָס קיינער האָט זייער נאָמען נישט געהערט. און דערצו האָט ער נאָך געקענט אויף די שפּיצפֿינגער גאַנצע שטיקער ייִדישע געשיכטע און בעתן רעדן האָט ער וועגן ייִדישן אַמאָל אַרײַנגעוואָרפֿן אַזעלכע משונה־דיקע נעמען ווי „אַרטאַקסערקסעס״, „פּטאָלעמי״, „יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס״ און „פֿילא יודעוס״. אפֿילו ייִדן יודעי־ספֿר האָבן געגאַפֿט צו הערן וואָסער בקי ר׳ אַלטער איז נישט נאָר אין מהרש״א און רמב״ם נאָר אויך אין ספֿרים חיצונים. און כאָטש ר׳ אַלטער איז שוין יאָרן געווען אַראָפּ פֿון קעסט, און כאָטש זיינע אייגענע געשעפֿטן זענען אים אַלעמאָל עפּעס נישט דערגאַנגען, פֿונדעסטוועגן האָט מען ר׳ אַלטערן נאָך אַלץ גערופֿן „דער איידעם אויף קעסט״, „דער סוחר ר׳ אַלטער״.

מיט דער אַלטער רביצין איז ר׳ אַלטער געוואָרן נאָענט אַזוי שנעל ווי ער האָט אָנגעהויבן צו עסן קעסט ביי זיין שווער יאַנקעלע קאָניאַך. די אַלטע רביצין האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגינט יאַנקעלען, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפֿן אַזאַ וואַזשנעם איידעם. „ווי קומט צו דעם קאָניאַכ־טשיסקא אזא אבן־טוב?״ האָט זי מיט פֿאַרדראָס און קנאה געטענהט צו איר טאָכטער יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך געזען, ווען זי האָט גערעדט מיט ר׳ אַלטערן.

מיט קיינעם אין שטאָט האָט די אַלטע רביצין די לעצטע יאָרן נישט געהאַט אַזוי פֿיל וואָס צו רעדן ווי מיט איר ר׳ אַלטערן, ווייל ווער איז דען אויסגעפֿאָרן אַזויפֿיל וועלטן, ווער האָט געקענט אַזויפֿיל מענטשן ווי זי און ר׳ אַלטער? חוץ דעם וואָס ר׳ אַלטער איז אַליין געקומען פֿון אַזאַ כרך ווי ביאַליסטאָק, חוץ דעם וואָס ער האָט געלערנט אין וואָלאָזשין, איז געווען אַ סך מאָל אין וואַרשע, האָט נאָך ר׳ אַלטער, נאָכדעם ווי ער איז אַראָפּ פֿון קעסט, אָנגעהויבן צו פֿירן האָלץ־מסחרים מיט גאָר דער וועלט. „ער איז געווען אין פּרייסן אַזש, דער ר׳ אַלטער!״ האָט די אַלטע

רביצין מיט התפעלות איבערדערציילט דעם וואונדער פון ר׳ אַלטערס איינמאָליקער נסיעה קיין דייטשלאַנד.

ווי נאָר די אַלטע רביצין איז געקומען אַהיים אויף איינעם פון אירע באַזוכן, געקומען אַהיים מיט אַ פּאַק סודות אויף אירע אַקסלען, האָט זי זיך באַלד אַ פרעג געטון דער טאָכטער: „ר׳ אַלטער איז דאָ אין שטאָט?״ און אַז די טאָכטער האָט איר געזאָגט, אַז ר׳ אַלטער איז נאָרוואָס אַוועק־געפאָרן צוליב מסחר, האָט דער קאָפּ אויף דער אַלטער רביצינס אַקסלען זיך מוראדיק צעהוידעט, די הענט האָבן זיך ביי איר נישט געלייגט אויסצופּאַקן אירע זאַכן פון שטרויענעם קויש און זי איז באַלד גרייט געווען זיך צו לאָזן צוריק אין וועג אַריין. אָבער אַז זי האָט געהערט, אַז ר׳ אַלטער איז דאָ אינדערהיים, האָט זי בליץ־שנעל אויפגעפּאַקט די זאַכן און האָט געלאָזט שיקן אַן איינִיקל אָנזאָגן ר׳ אַלטערן, אַז זי איז דאָ און זי מוז אים תיכף ומיד זען.

ר׳ אַלטער פלעגט תוך כדי דיבור קומען. די גאָלדענע קייט האָט געשיינט אויף זיין וועסטל און די שוואַרץ־זיידענע סטענגע האָט אויס־געזען אָנגעקראָכמאַליעט, שטייף, ווי אַ טייטל, וואָס פירט פון די קלוגע אויגן הינטער די פּענסנע ביז דער גאָלדענער קייט אויף זיין וועסטל.

די אַלטע רביצין האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט ר׳ אַלטערן אין צימער ווו איר קופערט איז געשטאַנען. זי האָט אים דאָרט דערציילט אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט אויף דער לאַנגער נסיעה; זי האָט אים אויסגע־פרעגט וועגן אַלץ, וואָס איז געשען בעת איר זיין אַוועק, אי אין שטאָט און ספּעציעל ביי איר איידעם, ר׳ מאָטעלע דעם רב, אין הויז. וויפל צייט זי האָט נאָר געקענט אַרויסרייסן פון ר׳ אַלטערן האָט זי מיט אים גע־שמועסט, גערעדט און געסודעט זיך מיט אים, אָבער ר׳ אַלטער האָט שטענדיק געוווסט, אַז די אַלע סודות, וואָס די רביצין דערציילט אים זענען באמת קיין סודות נישט. ער האָט געוווסט, אַז די אמתע סודות האַלט די רביצין באַהאַלטן אין איר בוזעם, האַלט זיי פאַרקלאַמערט אויף טויזנטער שלעסער און זיין גאַנצע חכמה וועט אים נישט העלפן אַרויס־צוקריגן פון איר אַפילו אַ פּיצל רמז אויף יענע סודות, וועגן וועלכע זי וויל קיינמאָל נישט רעדן.

ר׳ אַלטער האָט עפּעס געהאַט געהערט, אַז די רביצין האָט אַ מטמון מיט געלט; אַז זי האָט שטיקער לאַנד אין ארץ ישראל; אַז זי גרייט זיך

בקרוב צו פאָרן אַהין. וועגן די אַלע זאַכן האָט דער נייגער אים געמאַ־טערט און ער האָט פּרובירט דורך אַלע מיטלען אַרויסצוקריגן אַ וואָרט פון דער רביצין וועגן זיי. אַז עס איז אים נישט געגאַנגען האָט ער פאַר־ביסן די ליפּן און האָט געשוויגן, אָבער דעם סוד פון די פּערל האָט ער קיינמאָל נישט געקענט אַראָפּשלינגען. די פּערל זענען פון אים נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט. ווי נאָר ער האָט זיך געטראָפן מיט דער רביצין, און אַפילו ווען ער איז פון איר אַוועק אַהיים, האָבן די פּערל אים געמאַטערט, אים גענאָגט, אים נישט געלאָזט רוען.

„וואָס איז מיט די פּערל?" „פאַרוואָס האַלט זי די פּערל שטענדיק פאַרשלאָסן?" „פאַרוואָס טראָגט זי נישט די פּערל אַפילו יום־טוב, אַפילו אויף קינדערס שמחות?" „פאַרוואָס האָט זי אים, אַלטערן, קיינמאָל אַפילו נישט געלאָזט אָנרירן די פּערל?" די אַלע פראַגעס האָבן ווי שטיינער זיך געלייגט אויף זיינע פּלייצעס.

אַלטער האָט אין זכרון געהאַט פאַרצייכנט די צייט ווען די אַלטע רביצין איז דעמאָלט מיט יאָרן צוריק געקומען פון אַ לאַנגער נסיעה. טאַקע נאָך יענער רייזע האָט די רביצין אָנגעהויבן צו פאַרקניפּן אַ סוד וועגן אירע פּערל. דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן צו שווייגן יעדעס מאָל ווען מען האָט דערמאָנט אירע פּערל. זי האָט זיי באַגראָבן אין קופערט און האָט זיי אַרויסגענומען נאָר זעלטן. נאָך יענער רייזע האָט איר שטערן זיך שטאַרק צערונצלט און איר קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן צו וויגן אויף אירע אַקסלען. אַ ווייטער, אַ פרעמדער בליק האָט זיך פאַרקליבן אין אירע לויטערע אויגן אַריין און אירע רייד האָבן אָפּט אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען.

„אַבי כ'האָב שוין דערלעבט מיין יתומה חתונה צו מאַכן!" האָט די רביצין אָפּט אַריינגעוואָרפן אַ זאַץ אין מיטן איר פאַרטראַכטקייט און אַלטער האָט געוווּסט, אַז מיטן אויסדרוק „מיין יתומה", מיינט די רביצין שיינדלען, די טאָכטער פון איר יינגסטער שוועסטער, רבקה. שיינדל איז שוין געווען אַ פאַרזעסן מיידל און די רביצין האָט פאַר זיך קיין אָרט נישט געפונען כל זמן שיינדל האָט נאָך נישט געהאַט קיין מאַן. אויף יענער לאַנגער רייזע האָט די רביצין חתונה געמאַכט שיינדלען, אָבער אָנשטאָט זיך צו פרייען מיט שיינדלס חתונה, האָט די אַלטע רביצין פאַרצויגן אויפן

פנים אַ פינצטערע כמאַרע פון שוויגן און די פּערל, וואָס זי האָט צוריק־געבראַכט אַהיים פון דער חתונה, זענען פאַרזונקען געוואָרן אין קופּערט.

דער נייגער ביי אַלטערן צו דערגיין דעם סוד פון די פּערל איז פון יענער צייט אָן געוואָקסן, געשטיגן. אַלטער האָט געטאַמעוועט אין זיך דעם נייגער אַזוי לאַנג ווי ער האָט געקענט, און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן אָנצווזעצן אויף דער רביצין. ער האָט איר וואַכן געבעטן זי זאָל אים כאָטש פון וויטן לאָזן אַ קוק טון אויפן שנירל פּערל. די רביצין איז בלייך געוואָרן ווי וואַקס, איר קאָפּ האָט זיך שנעל צעהוידעט. זי האָט אים אָפּגעזאָגט איינמאָל, צען מאָל. אַלטער האָט זיך פאַרעקשנט, און נישט אָפּגעטראָטן; און אָט האָט די רביצין מיט ציטערנדיקע הענט סוף־כל־סוף גענומען די שליסלען, געעפנט דעם קופּערט און אַרויסגענומען די פּערל פון קעסטעלע.

ר׳ אַלטער האָט פאַרוקט די פּענסנע העכער אויפן ביישטידל פון נאָז; האָט אָנגעשפּיזט די אויגן און האָט מיט אַן אָפן מויל געקוקט אויפן שנירל פּערל, אויף דער שוואַרץ־פּלושענער סטענגע, וואָס איז געלעגן ווי אַ הינטערגרונט צו די פּערל; אויפן שווערן גאָלדענעם שלאָס, דעם קלאַמער פון שנירל פּערל. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם בעת ער איז אַזוי געשטאַנען און האָט געגאַפט. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי די רביצין ווערט בלייכער פון מינוט צו מינוט, ווי איר קאָפּ שליי־דערט זיך אַזש, ווי אירע הענט ציטערן, ווי איר אונטערשטע, פעטלעכע ליפּ טרייסלט זיך, ווי אירע ברייטע נאָזלעכער האָבן זיך צעפּאָכעט. די פּערל האָבן אים אָנגעטון אַ כישוף און האָבן דאָס הויז פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדנע וויטן פאַנטאַסטישן שלאָס פון די צייטן פון שלמה המלך. ער האָט אַפילו געפילט ווי זיינע נאָזלעכער ווערן אָנגעפילט מיט מאָדנע בשמים ריחות, מיט ריחות פון צעדערן פון לבנון, מיט ריחות פון קטורתן אין בית־המקדש. די מיטלסטע פּערל ווי אַ פויגל־איי די גרייס, האָט אים געצויגן צו זיך, זיך געמיניעט פאַר זיינע אויגן און ער האָט זיך מיט אַלע כוחות געטאַמעוועט ער זאָל זיך נישט אַ ריס טון פון אָרט און צופאַלן צום שנירל פּערל און עס האַלדזן, דריקן צו זיך און אַריינציִען אין זיך די אַלע וווּנדער־ריחות, וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבערן צימער.

איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו זעטיקן כאָטש אַ טראָפּן פון זיין נייגער, זענען די פּערל שוין פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן. דער קאַסטן

האָט זיי אַריינגענומען אין זיינע פאַרבאָרגענע תהומות און די רביצי־ האָט דאָס שליסעלע שוין געהאַט אין זעקעלע אויף איר ברוסטקאַסטן. זי איז ערשט געשטאַנען אַ דערלייזטע. אַ זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ. איר פנים האָט זיך אָנגעהויבן צו צירן אין פרישע פאַרבן און איר קאָפּ האָט זיך אויף גאַנצע מינוטן אויפגעהערט צו הוידען אויף אירע אַקסלען.

נאָכן זען אַ פּאָר מאָל די פּערל האָט ר׳ אַלטער שוין אינגאַנצן נישט געקענט רוען. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט מוראדיקע געדאַנקען. ביי־טאָג און ביינאַכט האָט ער אַ שלאָפלאָזער געזען פאַר זיך דאָס שנירל פּערל אין פאַרשיידענע פאָרמעס, אויף טויזנטער העלדזער, און אַלערליי גרייסן און לענג. ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן ביכער, האָט זיך נאָכגע־פרעגט אויף פּערל, געוואָלט וויסן וויפל אַזאַ אוצר קען קאָסטן? פון וואַנען פּערל קומען? ווי אַזוי זיי ווערן געמאַכט?

און ווען די אַלטע רביצין האָט אים צום לעצטן מאָל געוויזן די פּערל, און נאָכדעם ווי זי האָט זיי צוריק באַהאַלטן אין סודותדיקן קו־פערט האָט ר׳ אַלטער זיך דאָס ערשטע מאָל געכאַפּט, אַז ער האָט אויפן גרויסן מיטלסטן פּערל געזען, אויף דער רעכטער זייט, עפּעס אַ ברוינלעך שפּרענקעלע, אַ שפּרענקעלע ווי אַ קליין בראָדעווקעלע אויף אַ לויטער־הויטיקער, פרישער פרויען באַק. דאָס שפּרענקעלע האָט אים געשטאַרט אין די אויגן, האָט אים אָנגעפילט מיט פחד: „אפשר ווערן די פּערל קאַ־ליע? אפשר טויג נישט פאַר זיי צו ליגן באַהאַלטן אין קעסטעלע אָן אַ טראָפּן לופט. די רביצין וועט איבערפירן אַן אוצר, אַן אוצר, וואָס זי אַליין ווייסט גאָרנישט זיין ווערט!" האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין און אַנגסטן האָבן אים געשלאָגן אין פּנים אַריין.

„ר׳ מיכלעשי!" האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם זיך געווענדט צו דער רביצין. ס׳האָב אים פאַרפעלט ווערטער. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי אָנצוהייבן, וואָס צו זאָגן. די רביצין האָט געפילט ווי אַ קאַלטער שווייס באַגיסט איר לייב. „וואָס גייט איר דאָ זאָגן דער מאָנער ר׳ אַל־טער, וואָס ווייס אַלצדינג, וואָס קען זיך אויף אַלע גוטע זאַכן?" האָט זי אַ טראַכט געטון.

„ר׳ מיכלעשי, פאַרשטייט איר מיך", האָט ר׳ אַלטער אָנגעהויבן צו שטאַמלען. זיין „פאַרשטייט איר מיך", איז פאַר דער אַלטער רביצין

נישט געווען קיין נייעס. ר׳ אַלטער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו נוצן דעם פאַרשטייט איר מיך״ ווען ער האָט געוואָלט רעדן וועגן אַן ענין וואָס איז אים געווען אַביסל קשה. „הייסט עס, אַז קיין סך וועגן די פערל הייבט ער נישט אָן צו וויסן״, האָט די רביצין בליץ־שנעל אַ טראַכט געטון און זי האָט אָפּגעאָטעמט פרייער.

„די פערל, רביצין, זענען דאָך, פאַרשטייט איר מיר, עפּעס אַזעל־כעס, וואָס די וועלט פאַרמאָגט גאָר נישט!״ האָט ר׳ אַלטער אַראָפּגעכאַפּט די פענסנע פון נאָז, זיי ווידער אָנגעטון, אויסגעגלייכט די קייט אויף דער וועסט און זיך צוגערוקט נענטער צו דער רביצין.

„די פערל, ר׳ מיכלעשי, זענען גאָרנישט קיין פּשוטע פערל, נישט קיין טייך־פערל, חלילה; דאָס זענען זיכער פערל, פאַרשטייט איר מיך, פון ערשטן וואַסער״.

אַ שמייכל האָט זיך געשפּילט אויף דער רביצינס פּנים. זי האָט זיך צוגעזעצט אויפן קופערט. ר׳ אַלטער איז געשטאַנען איבער איר און זיין פּנים האָט געפלאַמט. ער האָט שנעל געטראַכט וועגן אַלץ, וואָס ער האָט זיך לעצטנס אָנגעלייענט וועגן פערל און האָט פאַרגעזעצט:

„דאָס זענען דאָך געוויס פערל, וואָס קומען פון די גרויסע ימען, פון די ווייטע ימען. אַזעלכע פערל, ר׳ מיכלעשי, געפינט מען נאָר, פאַר־שטייט איר מיך, אין זאַנזיבאַר, אין מאַדאַגאַסקאַר, אין די זולו־ימען; יאָ, נאָר דאָרט, נאָר יענע ימען האָבן אין זיך די דאָזיקע אויסטערן, וואָס לייגן די פערל. איר קענט זען אין זייער קלאָרקייט, אין זייער דורכזיכ־טיקייט, אין זייער ספערישער פאָרמע, אַז דאָס זענען מאַרגאַריטיפערי־שע, צירונג־פערלן!״

ביוורעס שווייס זענען געשטאַנען אויף ר׳ אַלטערס פּנים; די אויגן האָבן זיך צעשפּילט אין זיינע שלעסער און די רביצין איז געזעסן און האָט געשלונגען יעדעס מוראדיק פרעמד וואָרט, וואָס איר ר׳ אַלטער האָט אַרויסגעזאָגט. די ווערטער „זאַנזיבאַר״, „מאַדאַגאַסקאַר״, „מאַרגאַרי־טיפערישע״, האָבן אויף איר אָנגעוואָרפן אַ מאָדנעם, פריידיקן פּחד. זי איז אַ בעלן געווען צו זיצן אַזוי שעהן און הערן ווי ר׳ אַלטער רעדט.

„די פּשוטע טייך־פערל, די אוניאָ און אַנאַדאַנטאַ פערל, דאָס זע־נען קינדער־שפּילן, פאַרשטייט איר מיך, קעגן די פערל, וואָס איר האַלט דאָרט באַהאַלטן און לאָזט צו זיי נישט צו קיין טראָפּן לופט, קיין זון־

שטראַל!״ האָט ר׳ אַלטער זיך געררוקט אַלץ נענטער צו דער רביצין. „פּערל, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, מוזן, דאַרפן האָבן לופט, זון־שײַן, און איר, ר׳ מיכלעשי, האָט גענומען און האָט אַזאַ אוצר באַגראָבן אין אַ קופערט, אין אַ פאַרזיגלט קעסטעלע, און די פּערל קענען נאָך חלילה אָנהייבן צו קריגן פלעקן, בלאַמען, בראָדעווקעלעך אַזעלכע ווי עס האָט שוין געקראָגן...״

ר׳ אַלטער האָט דעם זאַץ נישט געענדיקט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער וועט נאָך דער רביצין פאַרשאַפן עגמת־נפש דערמיט, וואָס ער וועט איר זאָגן, אַז די גרויסע פּערל האָט אַ בלאַם. אַ קלייניקייט, אַ בלאַם אויף דער גרויסער פּערל! אפשר האָט עס גאָר די רביצין נישט באַמערקט. ער האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף דער רביצין, געוואָלט זען וואָסער אײַנדרוק זײַנע רייד האָבן אויף איר געמאַכט, צי האָט זי באַנומען זײַנע לעצטע ווערטער; ער איז געוואָרן דערשטוינט צו זען ווי דער אַלטערס פּנים האָט גאָר פריידיק, קינדעריש־צופרידן געשמייכלט און ער האָט געהערט ווי זי האָט מיט אַ ליכטיקער שטימע גערעדט צו אים: „איר זענט דאָך עפּעס אַ גוואַלדיקער מבין אויף פּערל! איר קענט זיך דאָך אויף עפּעס רעכטס, ר׳ אַלטערשי. און ווו, זאָגט מיר, האָט איר זיך אַזוי אָנגעלערנט, פון וואַנען האָט איר געכאַפּט אַזויפיל חכמה, אַזויפיל תורה וועגן פּערל?״ האָט זי ערשט געפרעגט אַי מיט שטוינונג אַי מיט עפּעס אַ מאָדנעם בליץ אין אירע קלוגע, פלינקע אויגן. „איר רעדט דאָך וועגן פּערל ווי אַן אמתער צירונג־סוחר. „זאַנזאַבאַר, מאַלאַסקאַר״, האָט זי פּרובירט איבערחזרן ר׳ אַלטערס רייד און זי האָט די ווערטער עפּעס נישט געקענט אַרויסקריגן אַזוי געשליפן, ווי זיי זענען אַרויסגעקומען פון ר׳ אַלטערס ליפּן.

„נישט זאַנזאַבאַר נאָר זאַנזיבאַר און נישט מאַלאַסקאַר נאָר מאַדאַגאַסקאַר האָב איך געזאָגט, ר׳ מיכלעשי!״ האָט ר׳ אַלטער מיט אַ פולער מויל צונג פאַריכט דער רביצין. אים האָט ערשט הנאה געטון, וואָס די רביצין האָט, ווייזט אויס, נישט געהערט וועגן דעם, אַז די גרויסע פּערל האָט שוין אַ בלאַם. ער האָט אַלץ געוואָלט וואָרענען דער רביצין זי זאָל די פּערל אויסלופטערן פון צייט צו צייט. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז פּערל ווי פלאַנצן, חיות און מענטשן מוזן האָבן לופט. כדי זײַנע רייד זאָלן האָבן מער חשיבות, איז אים איצט אײַנגעפאַלן אַ זאָג

צו טון דער רביצין: „ר׳ מיכלעשי, כ׳האָב אייך נאָך געוואָלט דערמאָנען, דרך אַגב, אַז כ׳האָב מיט מיינע אייגענע אויערן געהערט פון די גרויסע פּערל־סוחרים אין וואַרשע, אַז גאָרנישט, עכטע פּערל, ים־פּערל מוז מען לופטערן; מען דאַרף זיי אַ פּאָר מאָל אין יאָר, וויניקסטנס, טראָגן זיי זאָלן אין זיך אַריינציִען גענוג לופט־חיונה כדי זייער דורכזיכטיקע לויטערקייט זאָל קיין פּגם חלילה נישט קריגן!"

די רביצין האָט פאַרצויגן אויף איר פּנים אַ מינע פון באַזאָרגטקייט, אָבער אירע אויגן האָבן נאָך אַלץ הנאהדיק געבלישטשעט.

„כ׳לופטער זיי ר׳ אַלטער, כ׳לופטער זיי גאָט צו דאַנקען, אַ פּאָר מאָל אין יאָר!" האָט איר יוגנטלעכע שטימע געטרייסט ר׳ אַלטערן און זי האָט צוגעגעבן: „כ׳וועל זיי אי״ה פון היינט אָן און ווייטער אַרויסנעמען פון קעסטעלע יעדעס מאָל ווען כ׳וועל קומען אַהיים!"

ר׳ אַלטער איז אַוועק אַהיים אַ צופרידענער, אַ שטאָלצער און די אַלטע רביצין איז לאַנג געזעסן אויף איר קופּערט און אַ שמייכל האָט געבלאָנדזשעט איבער איר פּנים.

**
*

די גאַנצע שטאָט האָט איצט געטראָגן אויף די ליפּן ר׳ אַלטערס ווערטער „זאנזיבאַר און מאַדאַגאַסקאַר". אַזוי שנעל ווי די רביצין איז נאָר געקומען אין שטאָט אַריין האָבן קינד און קייט גערעדט וועגן דער רביצין, וועגן אירע פּערל, וואָס קומען אַזש פון זאנזיבאר און מאַדאַגאַס־קאַר. ר׳ אַלטער אַליין האָט יעדן פאַריכט ער זאָל די ווערטער אַרויסרעדן מיט זייער פולער חשיבות. נאָכן דאַווענען אין בית־המדרש איז ר׳ אַל־טער געבליבן לענגער ווי שטענדיק און ער האָט דערציילט, מיט שוים אויף די ליפּן, וואָסערע וווּנדער־פּערל די אַלטע רביצין האָט; ער האָט אָפּט פּרובירט שאַצן דעם ווערט פון שנירל פּערל, דעם ווערט פון קלאַפּ־שלאָס, וואָס הענגט צוגעטשעפּעט צו דער אויסגעהאָפטענער פּליושענער סטענגע אויף וועלכער די פּערל ליגן.

און מיטאַמאָל האָט זיך איבער דער שטאָט פאַרשפּרייט די נייעס, אַז די אַלטע רביצין איז געקומען אַהיים; געקומען און זיך גענומען צום פּאַקן. זי פּאַקט שנעל, פיבערדיק און זי שווייגט דערביי ווי זי וואָלט חלילה טויב־שטום געוואָרן.

ר׳ אַלטער האָט וועגן דער רביצינס קומען קיין וואָרט נישט גע־הערט. איבער די גאַסן האָבן זיך נישט געשפּרייט אירע געוויינטלעכע קולות און קיין שליח צו ר׳ אַלטערן אים אָנצוזאָגן, אַז זי איז דאָ, האָט דאָסמאָל די רביצין אויך נישט געשיקט.

ר׳ אַלטער האָט זיך אין הויז נישט געקענט איינהאַלטן. ער איז אַוועק צו דער רביצין. ער האָט איר געטראָפן שטיין אַרומגערינגלט מיט קוישן, מיט פּעקלעך, מיט קעסטלעך און שאַכטלעך. דער קופערט איז געשטאַנען אָפן און פון זיינע תהומען האָט אַרויסגעקוקט אַ פאַרבאָרגע־נער סוד.

די אַלטע רביצין האָט מיט פאַרומערטע אויגן, מיט אויגן פון אַ געשלאָגענער, קרענקלעכער, שטומער חיה אַ קוק געטון אויף אים און זי האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צום קופערט, וואָס איז שוין געשטאַנען כמעט אײַנגאַנצן אַ ליידיקער. ר׳ אַלטערן האָט פאַרפעלט אָטעם. ער האָט געזוכט ווערטער, געוואָלט עפּעס פרעגן דער רביצין אָבער די צונג האָט זיך אים פּשוט פאַרפּלאָנטערט צווישן די ציין און קיין וואָרט איז פון אים נישט אַרויס.

„רביצין!״ האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

די רביצין האָט אויף אים וויסט אַ קוק געטון, האָט געזען זיין פאַר־לוירנקייט און האָט עפּעס אַ מורמל געטון מיט פאַרטריקנטע, אַלטע ליפּן, איר קאָפּ האָט זיך ערשט גוואַלדיק געהוידעט; די סטענגעס, וואָס זענען נאָכגעהאַנגען נאָך איר ציפּעק, האָבן סודותדיק געשאָרשקעט און האָבן דערמאָנט אין וויספּערן פון די בלעטער אויף דיביימער אויף אַ בית־עולם. ר׳ אַלטער האָט אָנגעשפּיזט די אויערן, אָנגעשטעלט די אויגן און האָט געשטאַמלט: „וואָס איז ר׳ מיכלעשי?״

„מיין איינציקע שוועסטער, רבקה, איז שוין געקומען צו קבר ישראל. צוליב איר האָב איך געמוזט לעבן. איצט דאַרף איך שוין דאָ מער נישט זיין, איצט פאָר איך, ר׳ אַלטער, כ׳פאָר שוין! מ׳רופט, ס׳ווערט שפּעט!״ האָט זי ווי פון אַ קבר, מיט אַ יענעוועלטיקער שטימע, גערעדט אָפּגע־האַקטע זאַצן. און ר׳ אַלטער האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי שטיקער טויט שאָטענען זיך אויף איר פּנים, וואָס איז איצט געווען צערונצלט ווי אַ געשטיפּלטע מצה.

„וווהין, רביצין?״ האָט ר׳ אַלטער זיך געבעטן.

„קיין ארץ ישראל!" האָט די רביצין אַרויסגעזיפּצט אַ וואָרט. „הלוואַי זאָל נישט זיין צו שפּעט, פּאַטער אין הימל!" האָט זי פאַרבראָכן די הענט. „כ׳זאָל נאָך דערלעבן צו פאַרפירן מיין זעקל אַלטע ביינער אַהין!" האָט זי געהויבן די אויגן צום הימל.

זי האָט זיך אַ טרייסל געטון ווי זי וואָלט געוואָלט אָפּטרייבן דעם טויט פון זיך. זי האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגלייכט, איז געוואָרן העכער, יינגער, שטאַרקער, האָט שנעל אָנגעהויבן צו פּאַקן דאָ אין אַ קויש אַריין, דאָרט אין אַ קעסטל אַריין. פון יעדן ווינקל פון הויז האָט זי געבראַכט דאָ אַ ציפּעק, דאָ אַ קנויל סטענגעס און אין געאייל האָט זי אַלץ איינגעלייגט.

ווי ר׳ אַלטער וואָלט אין הויז נישט געווען, אַזוי האָט זי זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, און ווען דער קופערט איז שוין געווען אינגאַנצן ליידיק האָט זי אַרויסגענומען דאָס קעסטעלע, עס געעפנט, אַרויסגעצויגן דאָס שנירל פּערל, וואָס האָט ערשט ר׳ אַלטערן געבלענדט די אויגן מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער פּראַכט. זי האָט די פּערל אָנגעטון אויף איר אויסגעצויגענעם האַלדז, און ווי זי וואָלט געווען אַ כלה־מיידל מיט אַזאַ חן האָט זי זיך אַ קערעווע געטון צו ר׳ אַלטערן: „איך גיי זיך געזעגענען מיט ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער!" האָט זי מיט אַ מאַיעסטעטישער שטימע אַ זאָג געטון. זי האָט ר׳ אַלטערן איבערגעלאָזט אַליין אין צימער און מיט זיכערע טריט, אַ הויכע, אַ שלאַנקע איז זי אַרויס פון הויז. ר׳ אַלטער האָט מיט די פּענסנע געכאַפּט אַ לעצטן בליק אויפן שלאָס פון שנירל פּערל און דער אָטעם אין אים האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט.

לאַנג איז ר׳ אַלטער געשטאַנען ווי צוגעפרוירן צו זיין פּלאַץ, אָבער באַלד האָט אַ מוראדיקע פראַגע אים געטון אַ נאַג ביים האַרצן. „וואָס וועט זי טון מיטן שנירל פּערל? וועט זי די פּערל מיטנעמען מיט זיך אין דער ווייטער, פרעמדער וועלט אַריין?"

ער האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט, איז אַריין צום רב אין בית־דין־שטוב און האָט אַרויסגעפּלאַצט: „רב, די רביצין פאָרט קיין ארץ ישראל; זי איז אַלט און קראַנק, און ווער ווייס וואָס ס׳קען מיט איר, חלילה, געשען אויפן וועג, איז וואָס, רבי, וואָס וועט זיין מיטן אוצר, כ׳מיין מיטן שנירל פּערל. מיין איך, די פּערל, רבי, פאַרשטייט איר מיך, דאָס זענען דאָך פּערל פון זאַנזיבאַר, פון מאַדאַגאַסקאַר!"

דער רב האָט אַ פּאַרגאַפּטער אָנגעקוקט ר׳ אַלטערן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען ר׳ אַלטערן אַזוי ווילד־צעשויבערט, אַזוי רעדעוור־דיק־צעהיצט ווי דאָסמאָל.

„די פּערל זענען דער רביצינס און זי קען טון מיט זיי וואָס זי ווילו!״ האָט ער אַ געלאָסענער געטעדט.

ר׳ אַלטער האָט זיך עפּעס דערפילט מאָדנע אָפּגעשלאָגן. ער האָט איצט איינגעזען ווי נאַריש, ווי יִנגליש ער האָט זיך געקאָכט. אמת איז, אַז ער אַליין האָט שוין מיט זיכערקייט געגלייבט, אַז די פּערל קומען טאַקע פון זאַנזיבאַר אַזש, אָבער וואָסער מחותן איז ער זיך צו זאָרגן וועגן דער רביצינס פּערל? און אַז יאָ פון מאַדאַגאַסקאַר, איז זאָל די טאָכטער חיהלע און דער רב זיך זאָרגן וועגן שנירל פּערל.

„כ׳מיין, רבי, אַז אַזעלכע פּערל, פּערל, פאַרשטייט איר מיך, ווי די, אַזעלכע פּערל, טאָר מען נישט פירן אויף אַזאַ לאַנגער רייזע, ווייל, חלילה, כ׳מיין עפּעס, ווער קען וויסן, וואָס אויף אַזאַ נסיעה קען געשען?״

„איך וועל חלילה דער רביצין קיין דעות נישט זאָגן!״ האָט דער רב זיך אַרומגעשפּאַצירט איבער דער בית־דין־שטוב. „איך ווייס וואָס די פּערל זענען. זיי זענען מיר טייער ווי, — נו, גענוג פּערל, ר׳ אַלטער. וואָס הערט זיך עפּעס מיט געשעפט?״ האָט דער רב איבערגעריסן דעם שמועס.

ר׳ אַלטער האָט זיך געפילט דערשלאָגן. ער האָט געוואָלט רעדן מיטן רב וועגן געשעפט, וועגן מסחרים, וואָס ער האָט ערשט געהאַלטן אין דורכפירן, נאָר דאָס שנירל פּערל איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן און האָט אים קיין רו נישט געלאָזט האָבן. ער האָט פּרובירט אַריינוואַרפן אַ וואָרט, אַ זאַץ, נאָר זיינע ווערטער האָבן זיך נישט געקלעפּט. ער האָט דערזען ביים רב אויפן טיש אַן אַלטן ספר, אַ ספר, וואָס ער האָט ממש געקענט אויף אויסנווייניק.

„איר לייענט דעם „שבט יהודה״ גאָר, אַ פיינער ספר נאָר ער צע־פליקט דאָס האַרץ!״ האָט ר׳ אַלטער זיך צוגערוקט נענטער צום רבס טיש. ער האָט אָנגעהויבן צו בלעטערן דעם שבט יהודה, האָט זיך אָפּגעע־שטעלט אויפן פּלאַץ ווו דער מחבר איבן ורגא דערציילט די געשיכטע וועגן דער דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען קיין גראַנאַדאַ זיך צו זען מיט

איזאַבעלאַן און פערדינאַנדן זיי זאָלן נישט אונטערשרייבן די גירוש־גזירה אויף ייִדן אין שפּאַניע.

„אַ וואַזשנער קאָפּ־מענטש, אַ תלמיד־חכם און אַ וועלט־מענטש איז געווען דער אברבנאל!" האָט ר' אַלטער ערשט פאַרצויגן אַ שמועס.

דער רב האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. זיי זענען ביידע געזעסן, גערעדט וועגן די געשעעניש, וואָס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען אין שפּאַניע, גערעדט וועגן דער ייִדישער עשירות, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָר־אויף הפקר, גערעדט וועגן אברבנאלס זון, דעם פייטן, יהודה אברבנאל, גערעדט וועגן ר' אַברהם סעניאָרס נישט אויסהאַלטן דעם נס־יון, און זיי האָבן אַליין נישט באַמערקט ווי די טיר פון בית־דין־שטוב האָט זיך געעפנט ווי ביי דער טיר איז געשטאַנען די יונגע רביצין חיהלע, וואָס איז שוין אַליין געווען אַ באָבע, געשטאַנען אַ בלייכע, אַ פאַרוויינטע מיט רויט־צעפלאַמטע אויגן און האָט אַרויסגעכליפּעט: „די מאַמע פאָרט אַוועק. זי וויל זיך געזעגענען מיט דיר!"

„און די פּערל!" האָט ביי ר' אַלטערן אויף די ליפּן זיך געפורעמט אַ פראַגע. ער האָט די פראַגע נישט געשטעלט. די רביצין האָט זיך דער־נענטערט צום טיש; זי האָט דעם רב דערלאַנגט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט צוויי שליסלען: „נאַ, באַהאַלט די שליסלען צום קופערט. די מאַמע לאָזט מיר איבער די פּערל!"

פון דער רביצינס אויגן האָבן געשטראָמט טרערן; ר' אַלטער האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ פון דערלייזונג. דער רב האָט אומגעדולדיק אָנגעהויבן צו שפּאַנען הין און צוריק.

חיהלע האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר פון בית־דין־שטוב. שוין ביי דער טיר האָט זי דעם רב אַ זאָג געטון נאָכאַמאָל: „גיי באַלד אַריין צו דער מאַמען, זי איילט זיך". דער רב האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די עלנבויגנס און האָט געשוויגן ווי די נאַכט.

ר' אַלטער האָט זיך שטיל אַרויסגעגליטשט פון בית־דין־שטוב, איז אַרויס אין גאַס, האָט אָפּגעאָטעמט פריי און האָט אַ זאָג געטון: „גאָט צו דאַנקען, אַבי דאָס שנירל פּערל בלייבט".

דער רב, ר' מאָטעלע, האָט צוגעשנורעוועט דעם גאַרטל ענגער אַרום

זיינע לענדן, האָט פאַרוקט דעם קאַפּל איבערן גלאַטן קאָפּ, האָט אַ קרייזל געטון די פּיאות און איז אַרויס פון בית־דין־שטוב.

די אַלטע רביצין איז געזעסן אויף איר קופערט. איר פּנים איז גע־ווען איינגעשרומפּן. די אויגן זענען געזעסן טיף אין די שלעסער. אויף אירע באַקן איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ וואַקסענע בלייכקייט. איר אונ־טערשטע ליפּ האָט געציטערט. אַ טיפער קריעה־ריס איז געווען אין איר בלוזקע. זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך נאַרוואָס אָוועקגעזעצט שבעה.

זי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן צו ר׳ מאָטעלען ווען ער איז אַריינגעקומען, נאָר זי האָט מיט אַ פרעמדער, ווייטער, פאַרשטיקטער שטימע אַ שעפּטשע געטון: „רוף אַריין חיהלען!״

ר׳ מאָטעלע האָט אַריינגערופן זיין ווייב.ביידע זענען געשטאַנען פאַרגליווערט־שטיל לעבן דער אַלטער רביצין.

„זעצט זיך, קינדערו!״ האָבן דער רביצינס ליפּן אַ ציטער געטון.

און ווען דער רב האָט זיך אָוועקגעזעצט פון איין זייט און די טאָכ־טער פון דער צווייטער זייט, האָט איצט די אַלטע רביצין אויפגעהויבן די אויגן, האָט אָנגעקוקט די קינדער אירע און האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די פיס.

„כ׳בין געקומען, רב, האַלטן אַ דין־תורה פאַר דיר; כ׳בין אין דיינע הענט און וואָס דיין פּסק־דין וועט זיין וועל איך אָננעמען באהבה!״

אַ קאַלטער שווייס האָט באַגאָסן ר׳ מאָטעלען. ער האָט מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן צו דער אלטער רביצין. „זי איז חלילה גערירט פון זינען!״ האָט ער אַ טראַכט געטון און מוראדיקע אַנגסטן האָבן אים באַ־שלאָגן. די יונגע רביצין האָט אַ מורמל געטון „מאַמעו!״

„רב, כ׳בין ביים קלאָרן זינען!״ האָט די אַלטע רביצין פאַרשטאַנען, וואָס די קינדער טראַכטן. „כ׳האָב נישט קיין סך צייט. דער בעל־עגלה וואַרט. איז הער מיר אויס, רב, און טראָג אַרויס דיין פּסק־דין!״ האָט מיט אַ זיכערער שטימע שוין געזאָגט איצט די רביצין. זי האָט אַרויס־גענומען איר רויטע, רבנישע פאַטשיילע; האָט אַ שנייץ געטון אין איר און האָט אָנגעהויבן אַזוי:

„ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצער ז״ל, האָט מיין פאָטער ז״ל מיר געגעבן, אַחוצן נדן, אויך דאָס שנירל פּערל, וואָס איז געווען אַ ירושה פון מיינע באָבעס. דאָס שנירל פּערל איז געווען אַן

אוצר, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין דער משפּחה פון איין עלטסטער טאָכטער צו דער צווייטער עלטסטער טאָכטער פון דער מוטער, וואָס האָט געקראָגן דאָס שנירל פּערל. דורות האָבן מיר געהיט דאָס שנירל פּערל. איך בין געווען די לעצטע פון די דורות; איך האָב געדאַרפט היטן די פּערל און זיי איבערגעבן צו חיהלען, צו איר, צו מיין עלטסטער טאָכטער!״

דער רביצינס קול איז מיטאַמאָל פאַרשטיקט געוואָרן. איר קאָפּ האָט זיך געוואָרפן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט; אירע אויגן זענען פאַר־גלייזט געוואָרן. מיט ציטערנדיקע ליפּן האָט זי אַרויסגעשטאַמלט: „רב, איך האָב דעם פּיקדון נישט אָפּגעהיט!״

„מאַמע! וואָס רעדסטו, האָסט דאָך נאָר וואָס געגעבן די פּערל!״ איז די יונגע רביצין שטייף געוואָרן און האָט געשעפּטשעט: „כ׳האָב דאָך זיי, כ׳האָב״.

„יאָ, געגעבן פּערל!״ האָט די אַלטע רביצין געשטאַמלט. „אָבער — — קינד מיינס, רייס נישט איבער מיינע רייד. רב, כ׳האָב נאָך נישט געענדיקט!״ האָט זיך די אַלטע רביצין געווענדט צו ר׳ מאָטעלען.

„אָבער, אָט זאָגט דאָך חיהלע... זי...״ האָט דער רב פּרובירט רעדן אַ וואָרט.

„קינדער מיינע, רב, לאָזט מיר דערציילן!״ האָט די אַלטע רביצין איבערגעריסן דעם רב די רייד.

„כ׳האָב אַ לעבן אַוועקגעגעבן צו שאַפן נדנים פאַר אָרעמע יתומות. כ׳בין וועלטן אויסגעפאָרן אויפצוזוכן די מאַנען פון עגונות. כ׳האָב פאַר זיי געשנאָרעט און געבעטלט, זיך מבייש געווען, אָבער פאַר מיין אייגן בלוט און פלייש האָב איך נישט געקענט שנאָרן און בעטלען. נישט גע־קענט, רבי!״

דער אַלטער רביצינס קול האָט זיך געבראָכן. אין הויז איז געווען אַ טויטע שטילקייט. די אַלטע רביצין האָט געשנייצט אין דער רויטער פאַטשיילע, האָט אויסגעווישט די אויגן און האָט דערציילט.

„ביי מיין איינציקער שוועסטער, רבקהלע, זענען די פּערל געווען טייערער ווי דאָס לעבן. שטענדיק ווען איך בין אַמאָליקע יאָרן איר גע־פאָרן זען האָב איך מיטגענומען די פּערל. זי האָט זיי אָנגעטון, האָט זיי געצערטלט און האָט דערביי געזאָגט, אַז ווען זי טוט אָן די פּערל פילט

זי זיך ייִנגער, שטאַרקער, זיכערער אין איר אַלמנהשאַפט. כ׳האָב די פּערל געהאַט אי פאַר מיין טאָכטער חיהלען אי פאַר מיין שוועסטער, און אַט, רבי, און דאָ טאַקע בין איך באַגאַנגען דעם פאַרברעכן, און איך וואַרט צוליב דעם אויף דיין פּסק־דין!״

„וואָסער פאַרברעכן, וואָסער פּסק־דין, שוויגער, וואָס רעדט איר?״ האָט ר׳ מאָטעלע זיך געבעטן.

„הער־זשע, רב, הער וואָסער נבלה כ׳האָב אָפּגעטון!״ האָט די רבי־צין מיט טיפער הכנעה איצט גערעדט.

„כ׳בין געקומען צו מיין שוועסטער רבקה, האָב געזען, אַז איר יתומה ווערט אַלט, הייבט שוין אָן צו קריגן גרויע האָר דאָ און דאָרט אַרום די שלייפן. מען דאַרף שיינדלען חתונה מאַכן און קיין פּרוטה איז נישטאָ. פאַר מיין בלוט און פליש האָב איך נישט געוואָלט שנאָרן, נישט געוואָלט בעטלען, האָב איך גענומען און כ׳האָב פאַרקויפט די פּערל, פאַרקויפט אויף נדן, אויף אויסשטייער פאַר דער יתומה!״

„מאַמע, די פּערל ליגן דאָך אין קופערט, אין קעסטעלע!״ האָבן ביי דער יונגער רביצין געשטאַרצט די אויגן פון קאָפּ.

„דאָס, קינד מיינס, דאָס זענען נישט יענע פּערל; נישט די עכטע פּערל; דאָס זענען נאָכגעמאַכטע פּערל, וואָס זעען אויס פּונקט ווי יענע אמתע פּערל; דיינע פּערל, טאָכטער, דיין ירושה האָב איך פאַרטאַכלעוועט און דעם סוד פון די פאַלשע פּערל טראָג איך, איך אַליין, אויף מיינע אַלטע פּלייצעס און כ׳האָב אים געמוזט טראָגן כל־זמן מיין שוועסטער רבקה האָט געלעבט. זי וואָלט מיר קיינמאָל נישט מוחל געווען, קיינמאָל! אָבער איצט, אַז זי איז שוין געקומען צו קבר ישראל און איך פאַר שטאַרבן, איצט וויל איך, טאָכטער מיינע, דו זאָלסט וויסן דעם סוד און דו, רב, דו גיב אַרויס דיין פּסק־דין אויף מיר!״

אַלע אברים האָבן זיך איצט צעטרייסלט ביי דער רביצין. זי איז געוואָרן איינגעשרונקען, קליין; זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קופערט, איז געבליבן זיצן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

אין דרויסן האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן צו וואָלקענען. אַ ווינטל האָט זיך פאַרקליבן צו די שויבן פון פענצטער און האָט דאָרט געטייטלט מיט קאַלטע פינגער; די שויבן האָבן געציטערט און אין צימער איז גע־האַנגען אַ געדיכטע שטילקייט.

ר׳ מאָטעלע האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול. האָט געביסן די נעגל פון די פינגער, האָט געשפּרייזט איבערן צימער און האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט לעבן דער אַלטער רביצין.

„שוויגער, רביצין!" האָט זיין קול זיך געהערט אַ טרוקענער, אַ פאַר־שטיקטער. „הכנסת כלה איז די גרעסטע מצווה אין דער וועלט! איר האָט געטון דעם השם יתברכת רצון. מיין פּסק־דין איז נישט גייטיק. דער רבונו של עולם אַליין וועט אייך משפּטן און דער פּסק־דין וועט זיין כולו זכאי!"

„רב, דו פּסקנסט לויט דער תורה? פּסקנסט ווי ר׳ יאָסעלע קאָזשע־ניצער ז״ל וואָלט געפּסקנט?" האָט די אַלטע רביצין זיך אַ שטעל געטון אין איר פּולער הייך.

„אַזוי איז מיין דין, רביצין, אַזוי פּסקן איך, מרדכי בן אַהרן, דער מרא דאתרא!" האָט דער רב געענטפערט מיט זיכערקייט אין זיך.

די אַלטע רביצין האָט אָנגעקוקט דעם רב; אַ שמייכל האָט זיך צע־שפּילט אויף אירע פאַרדאַרטע ליפּן.

„און דו, טאָכטער מיינע, פאַרגיבסט מיר, וואָס איך האָב דיר באַ־גזלט?" האָט די רביצין אַרומגענומען דער טאָכטער.

זי האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט; האָט זיך באַפרייט פון דער טאָכ־טער; האָט אַ כאַפּ געטון די קוישן און האָט אַ זאָג געטון: „די פּערל זאָלט איר באַהאַלטן, באַגראָבן; זאָלן זיי פאַרגעסן ווערן! און איצט זייט מיר געזונט, קינדער, כ׳פאָר שטאַרבן אין לאַנד פון מיינע אָבות!"

און ווען די אַלטע רביצין איז אַוועקגעפאָרן און ווען ר׳ אַלטער איז דערנאָך געקומען צום רב אין בית־דין־שטוב און האָט מיט שוים אויף די ליפּן גערעדט וועגן גרויסן אוצר, וואָס די רביצין האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך, וועגן דעם שנירל פּערל, וואָס קומט אַזש פון זאנזיבאר, האָט דער רב, ר׳ מאָטעלע, זיך אָנגעהויבן אַרומצושפּאַצירן איבער דער בית־דין־שטוב, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן ר׳ אַלטערן און מיט אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי נאַרוואָס אָפּגעשייערטע, האָט ער צו ר׳ אַלטערן גע־זאָגט: „איר זאָגט זאנזיבאר, און איך זאָג אייך, ר׳ אַלטער, אַז די פּערל קומען פון אַ סך אַ חשובערן אָרט, פון אַן אָרט, וואָס איז ווייטער, שענער, הייליקער ווי זאנזיבאר. די פּערל זענען צונויפגעקליבן געוואָרן אין אַלע ימען פון לויטערן יושר און צדק, וואָס פליסט צו אונדז פון די אמהות,

פון שרה, רבקה, רחל און לאה ביז דער אַלטער רביצין, ביז ר׳ יאָסעלע קאָזשעניצערס ז״ל, ביז זיין ווייב ר׳ מיכלעשי! זיי זענען פערל, וואָס האָבן די ווערט פון אַלע אוצרות פון דער וועלט!״

ר׳ אַלטער איז געזעסן, האָט געשטאַרט אויפן רב, האָט געפּאָרשט זיין פנים און האָט געשעפּטשעט דערביי: „יאָ, גאָר וואַזשנע פערל, אמתע מאָרגאַריטעפערן, פערל פון זאנזיבאר, מאַדאַגאַסקאַר און אפשר גאָר פון ווייטער, פון פרת און חדקל, וואָס פליסן אַזש פון גן־עדן אַרויס! פון דאָרט, רבי, אַזש פון דאָרט!״

„יאָ, פון דאָרט, ר׳ אַלטער, פון דאָרט!״ האָט ר׳ מאָטעלע צוגעגעבן און זיין בליק איז פאַרגליווערט געוואָרן.

איבערן בית־דין־שטוב איז געבליבן הענגען אַ סודותדיקע שטילקייט.

דאָס צווייטע געבאָט

פון קינדווייז אָן זענען די ווערטער „לא תעשה לך פסל“ געהאַנגען איבער צאַלקען ווי פייערדיגע בייטשן, ווי מוראַדיקע וואָלקנס פאַר אַ שטורעם. סיי דער טאַטע זיינער, ר׳ מרדכי דער מצבה־קריצער, סיי זיין מאַמע, סיי די רבי׳ים זיינע אין די חדרים — אַלע האָבן אים כסדר געוואָרנט, געדראָט ער זאָל נישט מאַכן קיין אָפּבילדער. אַלץ האָט ביי זיי געהייסן אַן אָפּבילד, אַ פסל. פאַר אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, געקלעפּט און אַפילו געמאָלן האָט מען אים אומברחמנותדיק געפּייניקט, געהאַקט איבער די הענט, איבער די קנאָכנס פון די פינגער. דער דרדקי־מלמד, דער קאשלאַן אַברהם בער מיטן האָרב אויף דער לענג און ברייט פון דער פּלייצע, דער דאָזיקער מלמד האָט מיט אַ באַזונדערער רציחה געקאַטעוועט צאַלקעס לייב יעדעס מאָל ווען ער האָט אים געפּאַקט מאַכן מענטשעלעך. מיט ריטער, מיט קאַנטשיקעס, מיט פּאַסן און מיט זיינע ביינערדיקע הענט האָט ער צאַלקעס לייב געפּייניקט און ער האָט דערביי אויף אַ וויסט, מוראַדיק קול געברומט: „לא תעשה, לא תעשה!“ צאַלקע האָט קיינמאָל דאָס וויסטע קול פון אַברהם בערן נישט געקענט פאַרגעסן און ווען ער האָט געהערט דאָס וואָרט „לא“ האָט ער שוין געזען איבער זיך די פייערדיקע בייטשן, די שניידנדיקע קאַנטשיקעס, די דאַרע פינגער, וואָס פרעסן זיך איין אין זיין נאַקעט לייב. ווי אויף צו־להכעיס זיין רבין אַברהם בער האָט ער דעמאָלט געמאַכט מער מענטשעלעך ווי ווען עס איז אין זיין לעבן. מיט ציטערנדיקע הענט, מיט צעפלאַמטע אויגן. מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ האָט צאַלקע געמאָלן אויף יעדן סידור אין חדר, דאָ אַ ייִדן מיט אַ ברייט־צעקעמטער באָרד, דאָרט אַ ייִדן מיט אַ שפּיציק בערדל און מיט אַ צעדרייטער, פלאַטשיקער נאָז און אָט האָט ער גאָר

געטון אַ ריסעוווע אָפּ זיין לאָמען רבין, דעם קאשלאַן אַברהם בער מיטן גרויסן האָרב אויף דער פּלייצע. אַז דער רבי האָט געזען אַ בילדל פון זיך אַליין איז ער גאָר צעפּלאָמט געוואָרן פאַר רציחה און ער איז צאַל־קען באַפאַלן מיט אַזאַ ווילדער רוגזה, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אים קיין לעבעדיקן נישט אַרויסלאָזן פון די הענט. ער האָט אָן אָטעם צאַלקען געממיתט און האָט דערביי געררעוועט ווי אַן אָקס „לאַ! לאַ!" ער האָט קיין צייט נישט געהאַט, ער האָט קיין כוח נישט געהאַט אַרויסצוזאָגן דעם גאַנצן „לא תעשה", האָט ער זיך באַגנוגנט מיטן יתומ־דיקן „לאַ".

ווען צאַלקע איז געלעגן מיטן נאַקעטן לייב און ער האָט געפילט ווי עס ווערן אָנגעלאָפן קישקעס מיט בלוט אויף זיין קערפּער, האָט ער די אויגן אויסגעדרייט צום רבין און ער האָט אים דערזען אין זיין גאַנ־צער ווילדקייט. צאַלקע האָט אינמיטן זיין וויינען, אינמיטן די ווייטיקן, וואָס האָבן אים געביסן, אין מיטן ליגן ביים רבין אויפן שויס מיט בלוט אויף זיין לייב, אַ טראַכט געטון: „כ'וועל אים אָפּמאָלן אָט ווי ער זעט ערשט אויס" און אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך נאָר באַפרייט פון רבינס נעגל, אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר געקראָגן אַ שטיקל בלייפעדער און פּאַפּיר, האָט ער גלייך געטון אַ מאָל אָפּ דעם רבין אַברהם בער; ער האָט אים געמאָלן מיט הענט ווי בערישע לאַפּעס, מיט אויגן פון אַ פאַרצוקנ־דיקן וואָלף, מיט נעגל פון אַ ווילדער קאַץ און די באָרד זיינע האָט זיך פאַריסן אַזש ביזן שטערן און דאָרט האָבן ביידע שפּיצן באָרד זיך פאַר־וואַנדלט אין צוויי שאַרפע, שפּיציקע הערנער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די הערנער פון פּלטיאל פאַרבערס ווילדן באָק.

די חומש־מלמדים און די רביים פון גמרא האָבן אויך צאַלקען נישט געשוינט פאַר זיין כסדרדיקן מאַכן און קלעפּן בילדער פון מענטשן, פון ליים, פון שטיקער ווייסע ברויט. זיי האָבן אים נישט נאָר געשלאָגן מכות רצח, נאָר זיי האָבן אים נאָך געדראָט מיט העלישע פייערן פון גיהנום. און אַז דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן האָט די מאַמע צאַלקען, יעדן טאָג פאַרן אַוועקגיין אין חדר, באַזוכט, צוגענומען ביי אים יעדן בלייפעדער, יעדעס שטיקל פּאַפּיר, יעדעס פּיצל ליים און קיט, אַזוי, אַז ער זאָל נישט קענען קלעפּן און מאָלן. אָבער צאַלקע האָט שטענדיק געפונען אַן אויס־וועג. אויב נישט קיין בלייפעדער מיט פּאַפּיר איז אַ שטיקל קרייד אויף

גוט; אַז נישט קיין קרייד איז אַ טשוואָק, מיט וואָס צו קריצן, אַ שפּיציק שטיינדל, אַ שטיקל שאַרפע גלאָז און אַז דאָס איז אויך נישט געווען האָט צאַלקע מיטן פינגער געצייכנט אין זאַמד, האָט צאַלקע פון בלאָטע אויסגעקלעפּט פיגורלעך. צום ליבסטן האָט צאַלקע ליב געהאַט צו טון זיין אַרבעט אין חדר. גראָד אין חדר, בעתן שאָקלען זיך איבער דער גמרא, זענען זיינע הענט געווען פאַרנומען אין מאָדעלירן מענטשעלעך און חיות פון ווייכע שטיקלעך ברויט, פון פּיצעלעך קיט, וואָס ער האָט אַראָפּגעגראַבלט פון די פענצטער און זיי געקנאָטן אַזוי לאַנג ביז זיי זע־נען ווייך געוואָרן אין זיינע הענט, פון קייקעלעך ליים, וואָס ער האָט אָנ־געזאַמלט אין די קעשענעס.

און ווען צאַלקע איז שוין געווען אַ בחורל, געגאַנגען אין ישיבה, האָט אורקע דער ראש־ישיבה איינמאָל און נאָכאַמאָל געשיקט רופן זיין טאַטן, ר׳ מרדכי מצבה־קריצער, און אים אַזוי געזאָגט: — ס׳וועט פון אייער צאַלקען קיין לייט נישט זיין, ר׳ מרדכי. בעסער וואָלט געווען איר זאָלט אים מאַכן פאַר אַ בעל־מלאכה איידער אַ לערנער, ווייל אייער צאַלקע האָט מער שכל אין די הענט ווי אין קאָפּ!

ר׳ מרדכיס האַרץ האָט שיר געפּלאַצט פאַר חרפּה און ווייטיק. ער האָט זיך איינמאָל און נאָכאַמאָל אָפּגעבעטן ביים ראש־ישיבה ער זאָל זיין צאַלקען לאָזן בלייבן אויף נאָך אַ וואָך, צוויי; ער האָט צוגעזאָגט דעם ראש־ישיבה, ר׳ אורקען, אַז ער וועט אַרויסשלאָגן די „מענטשעלעך־משוגעתן" פון זיין זונס קאָפּ. ער האָט טאַקע געריסן שטיקער לייב פון צאַלקען און דער סוף איז געווען, אַז צאַלקע האָט אויף זיך אָנגעטון אַ פאַרטעך און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טאַטן אין וואַרשטאַט און ער האָט אָנגעהויבן צו קריצן מצבות, קריצן ווי זיין טאַטע ר׳ מרדכי, ווי זיין זיידע ר׳ אַהרן, ווי אַלע זיידעס זיינע די מצבה־קריצערס, וואָס ליגן שוין לאַנג ערגעץ ווו אונטער איינגעפאַלענע מצבות, וואָס זייערע זיין האָבן אויסגעקריצט פאַר זיי.

איז ער געשטאַנען אַזוי צאַלקע איבער אַ פלאַטשיקן שטיין, איבער אַ קאַלטן שטיין, איבער אַ האַרטן שטיין און ער האָט מיט שפּיציקע דלוּ־טעס, מיט שאַרפע דלוטעס, מיט אַ שווערן האַמער אויסגעהאַקט, אויס־געקרישלט, אַרויסגעהאַמערט פּיצלעך שטיין און ער האָט כסדר געפאָ־רעמט פּ״נ״ס ביי די קעפּ פון די מצבות און ער האָט געשריבן נעמען,

און דאַטעס, און ווערטלעך און פּסוקים און ס׳האָט אים אַזש ביים האַרצן געאיבלט. „וואָס קען איך אויפטון מיט שטיינער?" האָט ער זיך מיט יאוש געפרעגט. „שטיינער זענען האַרט; שטיינער זענען קאַלט; שטיינער זענען טויט". האָט ער זיך געפּייניקט. ער האָט געבענקט נאָך אַביסל ליים, אַ פּיצל קיט, נאָך אַ שטיקל פּאַפּיר; נאָך אַ בלייפעדער. אים האָט זיך גע־וואָלט אָפּמאָלן זיינע אַלע רבּיים; ער האָט ערשט חשק געהאַט אויסצו־פורעמען פון אַ שטיק, אַ גרויסע שטיק ווייכן ליים, לעבעדיקן ליים זיין רבּין אַברהם בער מיטן האָרב אויף דער פּלייצע. ער האָט אים ערשט ווידער געזען מיט די שפּיצן באָרד איבער זיין שטערן ווי צוויי הערנער, ווי די הערנער פון פּלטיאל פּאַרבערס באָק. ער האָט אים קלאָר געזען מיט אַ קאַנטשיק הויך איבער זיין קאָפּ און דער קאַנטשיק שמייסט און סוויסטשעט און רופט מיט אַ מוראדיקן קול „לאו! לאו!" און ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „לאו" און אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזען דעם „לאו" איבער דעם רבּין אַברהם בערס קאָפּ איז אים אַ פּחד באַפאַלן; זיין הויט האָט אויף אים אָנגעהויבן צו ציטערן: „וויפל מאָל בין איך עובר געווען אויפן לאו „לא תעשה?" האָט ער זיך מיט קאַלטע אַנגסטן באַ־גאָסן. „כ׳בין געווען אַ לעסטערער, אַ זינדיקער און היינט, שוין אַ דער־וואַקסענער מענטש ווי איך בין, בין איך נאָך אַלץ אַ זינדיקער!" האָט ער זיך געזידלט און ער האָט זיך מיט פּלאַם גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט געהאַקט מיטן האַמער איבער דער דלוטע און ער האָט אויס־געפורעמט ווערטער און זאַצן און פּסוקים און פּ״נ״ס איבער די מצבות. אָבער וואָס שטאַרקער ער האָט געשלאָגן מיטן האַמער איבער דער דלוטע, אַלץ מער האָט ער כסדר געפילט ווי עס נאָגט אים עפּעס. נישט איינמאָל האָט זיך אים געוואָלט טון אַ כאַפּ דעם דלאָט און אָנהייבן אויסצוהאַקן אויפן שטיין, אונטערן נאָמען פון געשטאָרבענעם ווען ער האָט גע־קענט ביים לעבן, אויסצוהאַקן דאָס פּנים, די צורה פון דעם וואָס וועט ליגן אונטער דער מצבה. ווען ער האָט געקריצט די מצבה פון יאַנקעלע באַניעט, האָט ער חשק געהאַט אים אָפּצומאָלן מיט די צוויי פּאָר ברילן אויפן נאָז און מיט דער גוליע אויף דער רעכטער זייט שטערן. ווי מיט צוואַנגען האָט אים געצויגן אַוועקצושטעלן אויף עליע שוחטס מצבה כאָטש אַ ברייטע, רויטע, שטענדיק שיכורע נאָז און ווען ער האָט גע־מאַכט ברוך פּליגס מצבה, האָבן זיינע פינגער אין דער לופטן איבער דער

מצבה אויסגעגראַווירט אַ לײדיקע, אַ סריסישע גאָמבע, וואָס גלאַנצט און ענדיקט זיך אין אַ שאַרפֿן שפּיץ ווי אַ שנאָבל פֿון אַ פֿויגל. ניין, נישט נאָר האָבן אים די פֿינגער געריסן צו מאָלן נעזער, גוליעס, צעקרימטע און שפּיציקע גאָמבעס, ער האָט אויך געפֿילט, אַז ווען מען לאָזט אים וואָלט ער אויף ר׳ מענדל נחס מצבה אויסגעמאָלן כאָטש אַ פּאָר אויגן, אַ פּאָר אויגן וואָס גלעטן און צערטלען און זענען שײַנענדיק און טיף, אויגן, וואָס האָבן אַ טרייסט פֿאַר יעדן וואָס לײַדט. איי, ווען ער מעג טון אַזאַ קלאַפּ אויס אין קאַלטן שטיין מענדל נחס פֿלאַמיק־הייסע אויגן, מענדלס שמייכל אויף זײַן צעשטראַלטן פּנים.

צאַלקע האָט אָבער שטענדיק געזען איבער זיך נישט נאָר זײַן רבין אַברהם בערס שנײַדיק־פֿײַנלעכע „לא׳ס“, נאָר ער האָט אַלץ מער אָנגעהויבן צו הערן אַפֿילו אַ וואָרנענדיק, אַ מוראדיק קול, וואָס האָט אים דערגרייכט אַזש פֿון דער סיני׳דיקער ווײַטקייט און דאָס קול האָט באַפֿוילן „לא תעשה לך פסל וכל תמונה!“ ער האָט נישט געקענט זען פֿון וואַנען דאָס קול קומט, ער האָט אַפֿילו נישט געקענט פּרוּוון מאָלן דאָס קול ווי ער האָט קינדווײַז געמאָלן זײַן רבין אַברהם בערן. אָבער דאָס קול האָט אים אָנגעפֿילט מיט אַזאַ שרעק, אַז ער האָט דעם קאָפּ געדרייט אין אַלע זײַטן און ער האָט געטריבן פֿון זיך די בענקשאַפֿט צו מאָלן פּנימער פֿון מענטשן, זיי אויסצוקריצן אין שטיין. מיט אימפּעט האָט ער געהאַקט ווערטער אין שטיין: ער האָט געטריבן פֿון זיך די פּנימער, וואָס האָבן זיך באַוויזן פֿאַר אים אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר אויסגעקריצט אַ נאָמען. די פּנימער האָבן זיך געבעטן ער זאָל זיי אויסקריצן באַלד נאָך די נעמען, אָבער צאַלקע האָט די פּנימער געיאָגט פֿון זיך מיט ברענענדיקן צאָרן, מיט פּחד, מיט טויט־שרעק.

טײַלמאָל ווען אַזאַ שרײַענדיקע בענקשאַפֿט צו מאָלן, צו קריצן, צו ריסעווען פּנימער, מענטשן, חיות און זאַכן חוץ ווערטער, ווען אַזאַ בענקשאַפֿט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צאַלקעס האַרץ און זי האָט אים נישט געלאָזט האַלטן דעם האַמער און דעם דלאָט אין האַנט, דעמאָלט איז צאַלקע געבליבן שטיין אַ צעפּיבערטער. זײַן רעכט אויג האָט זיך פֿאַרזשמורעט; זײַנע ליפּן האָבן זיך פֿאַרשטייפֿט און ער האָט געקוקט ערגעץ ווו אין די ווײַטקייטן. מיט אַמאָל האָט זיך דער האַמער צעיאָגט אין זײַנע הענט און דער דלאָט האָט זיך פֿריידיק צעקלונגען און צאַלקע האָט דער־

זען ווי איבער די ווערטער אויף דער מצבה, ווי פון די ווערטער גופא הייבן אָן אַרויסצושפּראָצן פאַרשידענע געוויקסן, פלאַנצן און בלומען און די געוויקסן פאַרוועבן זיך איינער אין אַנדערן און זיי ווערן לעבעדיק, זיי קריגן אָטעם און זיי הייבן אַפילו אָן צו שמעקן ווי זיי וואָלטן געוואַקסן אין פעלד. נישט נאָר שמעקן זיי, זיי באַוועגן זיך, ווי אַ ווינטל וואָלט איבער זיי געווייעט און זיי זענען ווייך, צאַרט און לעבעדיק־פריש. צאַלקע האָט דעמאָלט געקוקט אויף זיינע באַצירטע ווערטער און ער האָט געשמייכלט: „האַרט ווי שטיינער", „קאַלט ווי שטיינער", טויט ווי שטיינער!" האָט ער צו זיך גערעדט: „זע ווי ווייך, ווי צאַרט, ווי וואַרעם, ווי לעבעדיק די שטיינער מיינע זענען!"

אַ פרייד האָט זיך צעכוואַליעט אין אים ווען ער האָט געזען זיינע באַצירטע, זיינע לעבעדיקע פלאַנצן און ווערטער אין די מצבות. אין די נעכט אויף זיין געלעגער האָט ער געפילט ווי עס זינגט אין אים זיין האַרץ ווען ער האָט געטראַכט ווי לעבעדיק בערל דעם שניידערס מצבה איז ביי אים אַרויסגעקומען. ער האָט באַשלאָסן ביי זיך אויפצושטיין גאַנץ פרי און צוצושטעלן אַ תהילימל אויף בערלס מצבה. „יאָ, אים קומט אַ תהילימל", האָט ער ביי זיך אָפגעמאַכט. „בערל איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ תהילימל אין האַנט, דאַרף עס זיין אויף דער מצבה!"

ער איז אויפגעשטאַנען באַגינען און נאָך איידער זיין טאַטע ר׳ מרדכי מצבה־קריצער איז געקומען פון ערשטן מנין האָט צאַלקע שוין געהאַט אויסגעהאַקט אויף בערל שניידערס מצבה אַ תהילימל אַזאַ ווי בערל שניידער פלעגט שטענדיק ארומטראָגן. און ווען ר׳ מרדכי איז געקומען פון דאַוונען און ער האָט געזען דאָס תהילימל אויף בערל שניידערס מצבה האָבן זיינע אויגן זיך פאַרגאָסן מיט טרערן פון פרייד. „ביסט דאָך אַ מזיק. ס׳תהילימל זעט דאָך אויס ווי משה יצחק איינבינדער וואָלט עס אָט ערשט איינגעבונדן פאַר בערלען!"

פון דעם פרימאָרגן אָן האָט צאַלקע זיין בענקשאַפט אַריינגעקריצט אין יעדער מצבה, אין יעדן שטיין; ווי נאָר מען איז צו אים געקומען און מען האָט באַשטעלט אַ מצבה האָט ער זיך אויסגעפרעגט אַלע איינצלהייטן וועגן בר־מינן. ער האָט אַפילו געפּרוווט זיך דערוויסן ווי אַזוי דער טויטער האָט אויסגעזען און ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויסקריצן דעם נאָמען פון טויטן האָט ער זיך איבערגעלאָזט פלאַץ ווו צו קענען

מאָלן עפּעס אַ זאַך, וואָס איז דעם טויטן ליב געווען, וואָס דער טויטער האָט מיט פאַרגעניגן געטון ווען ער איז נאָך געוועןביים לעבן. איז אָט האָט אַ טינטער מיט אַ פעדער באַשיינט דעם נאָמען פון אַ מצבה, און דאָ איז אויסגעוואַקסן אַ שטויס מיט ספרים; אויף דער מצבה האָבן זיך געזען אַ פּאָר הענט, וואָס דוכענען, לעבעדיקע הענט מיט אָדערן, אין וועלכע בלוט האָט אויסגעזען צו פליסן און באַלד איז געווען אַ מצבה מיט אַ שופר צווישן די פינגער. און אַלע מצבות האָבן געלעבט, אַלע האָבן גערעדט, אַלע האָבן דערציילט, וואָס דעם טויטן איז טייער געווען ביי זיין לעבן.

זענען שטאָט־מענטשן געקומען צו ר׳ מרדכי מצבה־קריצער און זיי האָבן באַשטעלט מצבות און זיי האָבן פאַרשעמט, נישט דרייסט, סודות־דיק געבעטן: „ר׳ מרדכישי, אפשר וועט אייער צאַלקע עפּעס אויסקריצן אַ זאַך אויף דער מצבה!״ און ר׳ מרדכי מצבה־קריצער האָט מיט שטאָלץ, מיט טאַטע־פרייד צוגעזאָגט: „וואָדען, כ׳וועל אַרויסלאָזן אַ שטיקל אַרבעט פון דער האַנט איידער צאַלקע לייגט צו זיין גאָלדן הענטל דערצו?״

און אויפן בית־עולם איז געשטאַנען אַ וואַלד מצבות, וואָס צאַלקע האָט באַשיינט, וואָס צאַלקע האָט לעבעדיק געמאַכט. איז איבערן קבר פון הערשל תבואה־סוחר געשטאַנען אַ מצבה אויף וועלכער אַ פעלד רייפע זאַנגען האָבן זיך אין ווינט געכוואַליעט; האָט אַ לייב מיט אַן אָפּע־נעם מויל געברומט איבערן קבר פון יצחק חזן, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיין לייבן־שטימע און אָט האָט מען פון ווייטן געזען אַ יונג ביימל, אַ יונגער שטאַם, וואָס איז צעבראָכן און עס קאַפּען טראָפּנס לעבעדיקע זאַפּט פון זיינע אינגעווייד; עס איז דער צעבראָכענער שטאַם געשטאַנען איבערן נאָמען פון דער חנעוודיקער, דער צאַרטער כלה־מיידל, טויבע, סענדער דעם וואַלד־הענדלערס טאָכטער, וואָס איז אַ טאָג פאַר דער חופה ווי אַ סנאָפּ אין פעלד אָוועקגעפאַלן. דער שטאַם האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט נאָך געצויגן זיין יניקה פון די וואָרצלען אונטער זיך; זיין קאָרע איז געווען צאַפּלדיק־פריש, עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גרין, לעבעדיק בל׳עכן באַדעקט, שפּראָצט אַרויס פון ברוך אין מיטן שטאַם. צאַלקע האָט מיט צאַפּלדיקע פינגער, מיט אַ וויינענדיק האַרץ געקריצט דעם צעבראָכענעם שטאַם איבער טויבעס נאָמען; ער האָט זי גוט געדענקט; ער האָט שטיל געבענקט נאָך איר יאָרן און יאָרן און ווען זי האָט גע־

האַלטן ביים חתונה האָבן האָט ער אין די פינצטערע נעכט אויסגעוויינט זיין בענקשאַפט. איר טויט האָט אים צעטרייסלט ווי עס צעטרייסלט אַ שטורעם די צווייגן אויף ביימער. ער האָט אויף טויבעס מצבה, אויפן איינגעבראָכענעם שטאָם, געאַרבעט טעג און נעכט; מיט פאַרגליווערטע טרערן האָט ער דעם שטאָם געקריצט און עס האָט זיך אין אים אויפגע־וועקט זיין אַלטע בענקשאַפט, זיין בענקשאַפט לעבן שטאָם אויסצוקריצן אַ פּאָר ליפּן, טויבעס ליפּן מיטן שמייכל, וואָס איז שטענדיק געלעגן אויף זיי. נאָר דער „לא״ האָט אים דערמאָנט, אַז עס איז דאָ אַ גהינום אויף יענער וועלט, אַז נאָך פון סיני האָט מען אים פאַרבאָטן, אים, צאַלקען, ער זאָל נישט מאַכן קיין געשטאַלט און קיין אָפּבילד. האָט ער זיין בענק־שאַפט אַריינגעגאָסן אין שטאָם פון בוים אויף טויבעס מצבה און ער איז נאָך מער ווי שטענדיק אַרומגעגאַנגען אין וואַרשטאַט און ער האָט גע־שוויגן ווי די שטיינער, וואָס האָבן געוואַרט, אַז צאַלקע זאָל זייער האַרט־קייט ווייך מאַכן, זייער קאַלטקייט וואַרעם מאַכן, זייער טויטקייט לעבע־דיק מאַכן.

***

און אַזוי שווייגנדיק האָט צאַלקע דערזען שיינדלען ביי זיך אין וואַרשטאַט. זי איז געקומען באַשטעלן אַ מצבה פאַר איר פאָטער, דעם געוועזענעם דיין פון שטאָט; און שיינדל האָט שטיל זיך געבעטן ביי אים: „מאַכט עפּעס אַזאַ מצבה פאַר מיין טאַטן, וואָס זאָל דערציילן וואָסער טייערער ייִד ער איז געווען, וואָסער צדיק ער איז געווען!״ האָט צאַלקע אויף איר אַ קוק געטון און אים האָט אָנגענומען אַ שטאַרקער חשק זי צו מאָלן מיט אירע גלאַנציק־שוואַרצע אויגן, מיט אירע לאַנגע אויגן־דעקלעך, מיט איר הויכן, תלמיד־חכמדיקן שטערן. האָט ער אין שוויגן געקוקט אויף איר אַזוי לאַנג ביז ער האָט געפונען אַ פּאָר ווערטער אויף זיין צונג און ער האָט איר אַ זאָג געטון: „ס׳וואָלט גלייך געווען איר זאָלט אַלעמאָל קומען אין וואַרשטאַט און זען, צי אייער טאַטנס מצבה קומט אַרויס גוט!״

דאָס איז געווען דער לענגסטער זאַץ, וואָס צאַלקע האָט ווען עס איז אַרויסגערעדט צו אַ פרוי, אַ חוץ צו זיין מוטער.

און שיינדל איז געקומען אין וואַרשטאַט אַריין. און די מצבה פאַר

איר טאַטנס קבר איז פּאַמעלעכל פאַרטיק געוואָרן. אָבער שײנדל איז אויך נאָכדעם ווי די מצבה איז שוין געשטאַנען אויף איר טאַטנס, דעם דײנס קבר, אויך געקומען צו צאַלקען אין וואַרשטאַט אַרײַן. זי איז געקומען אַזוי לאַנג ביז זי איז געוואָרן זײַן שײנדל, ביז זי איז געוואָרן שײנדל צאַלקעס; און שײנדל איז געשטאַנען אין וואַרשטאַט לעבן איר צאַלקען און אַ שטילע פרייד, אַ פרייד פון כסדר וואַקסנדיקער ליבע האָט זיך געכוואַליעט אין איר ברוסט־קאַסטן. זי איז געשטאַנען לעבן איר מאַן און האָט געקוואָלן: „סאַראַ גאָלדענע הענט ער האָט!" האָט די פרייד אין איר איר אײַנגערוימט אַ סוד. „סאַראַ ליכטיקע אויגן ער האָט!" האָט די ליבע אין איר געשעפּטשעט. זי האָט געקוקט אויף איר צאַלקען און זי האָט געשוויגן און איר שוויגן האָט צאַלקען כסדר צוגעזאָגט: „אָט באַלד, טאַקע גאָר אינגיכן אי"ה וועל איך פאַר דיר טראָגן אַ קינדעלע, וואָס וועט האָבן אַזעלכע אויגן ווי דײַנע, וואָס וועט זײַן אַזוי צאַרט און ליב ווי דו ביסט!"

און צאַלקע האָט פון צײַט צו צײַט אויפגעהויבן זײַנע טיף־שײַנענ־דיקע אויגן און ער האָט אַ פרעג געטון שײנדלען: „וועןָ?" און ער האָט אַזוי לאַנג געפרעגט ביז ער האָט דערזען, אַז גאָרנישט: שײנדלס פּנים ווערט באַדעקט מיט יעדער פראַגע מיט אַ נײַעם פּחד; שײנדל בלײַבט שטיין אַ דערשלאָגענע, ווען זי זעט זײַנע אויגן מיט די פראַגעצײכנס אין זיי. צאַלקע האָט מער זײַנע אויגן נישט געלאָזט שטעלן קיין פראַגעס. שווײַגנדיקער ווי שטענדיק איז צאַלקע געשטאַנען מיטן דלאָט, מיטן האַ־מער אין די הענט און שײנדל האָט זיך ווי אַ שאָטן אַרומגעדרייט אין וואַרשטאַט און עס האָט אַ צווייפל, אַ שרעק איר געגנאָגט בײַם האַרצן: „איז שוין קײנמאָל נישט? טאַקע פאַרפאַלן?" און ווען שײנדל האָט זיך שוין באַלד געהאַט אונטערגעגעבן צו דער שרעק, און ווען צאַלקע האָט שוין באַלד געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז ס׳וועט קײן קינדערש קול זיך נישט הערן אין זײַן הויז, האָט שײנדל אים געבוירן אַ קינדעלע, אַ זונע־לע, אַ וועלוועלע מיט גאָלדענע לאָקן, מיט אויגן פול מיט ימען בלוי, מיט אַ שמייכל ווי אַ לויטערער פרימאָרגן.

האָט צאַלקע מורא געהאַט ער זאָל זיך אַליין אַן עין־הרע געבן. ער האָט זיך נישט פאַרגונען צו אָפּט אויפן קינד צו קוקן. ער איז אַרומגע־גאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער און ער האָט זיך מקנא געווען. ער איז

געשטאַנען אין זיין וואַרשטאַט און די הענט האָבן שפּילעווּדיק געקריצט שטיינער, און די ביינער האָבן געזונגען אין אים. ס׳האָט דער האַמער געלאַכט אויפן דלאָט און איבער צאַלקעס הויף האָט זיך צעטראָגן די מוזיק פון זיין וואַרשטאַט. און ווי צאַלקע איז געגאַנגען, וואָס ער האָט געטון האָט ער געזען פאַר זיך זיין וועלוולס אויגן פול מיט הימל־בלוי, מיט ים־בלוי. אומעטום האָט פאַר אים געשוועבט דאָס שמייכעלע, וואָס האָט זיך געשפּריִיט, וואָס האָט זיך געגליטשט פון זיין קינדס אויגן ביז די ראָוועקלעך ביי די ליפּן.

שיינדל און צאַלקע האָבן געזען ווי זייער וועלוועלע וואַקסט און צעבליט זיך ווי אַ בלום אין אַ גאָרטן און זיי אַליין האָבן דערפילט ווי עס צעבליט זיך די פרייד אין זיי, ווי אַ פרילינגדיקע פרישקייט פילט אָן זייערע גלידער. און ווען דאָס גליק אין הויז האָט זיך שוין געהאַט דערהויבן אַזש ביז די העכסטע שטאַפּלען און ווען צאַלקע האָט זיין פרייד מער אין זיך נישט געקענט טאַמעווען און זיין שטילקייט האָט שוין גע־האַלטן אין רעוואָלטירן אין אים, דעמאָלט, אין יענעם אַזאַ טאָג איז ער אַריין פון וואַרשטאַט אין הויז אַריין אַ שטיק פאַרמיטיק און ער איז גרייט געווען אַ זאָג צו טון צו שיינדלען: „שיינדל, ס׳איז אַ מחיה צו לעבן אין אַזאַ שטיק וועלט ווו עס איז דאָ אַ וועלוועלע, אַ קינד ווי אונד־זערס!״ נאָר ווען ער האָט געעפנט די ליפּן האָבן זיינע אויגן פאַר זיך דערזען שיינדלס צעשראָקענעם פּנים, אירע צעפּיבערטע באַקן. אָנשטאָט אַרויסצופּלאַצן מיט דער פרייד אין אים ווי ער האָט געפּלאַנירט, האָט צאַלקע אַ פרעג געטון מיט ציטערנדיקע ליפּן: „דאָס קינד?״

ער האָט שוין אויף קיין ענטפער נישט געוואַרט. שיינדלס אויגן האָבן אים דעם סוד דערציילט. ער איז אַריין צום קינד אין צימער. ער האָט געזען זיין קינדס גאָלדענע לאָקן ליגן אויפן שניי־ווייסן קישעלע און די הימל־בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי מען וואָלט זיי נאָרוואָס אָפּגעשייערט.

צאַלקע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קינדס בעטעלע. ער האָט געשעפּטשעט צום קינד: „מיין טייבעלע, קינדעלע מיינס!״ ער האָט גע־זוכט דעם שמייכל, וואָס האָט זיך געצויגן פון די אייגעלעך פון קינד ביז די ראָוועקלעך ביי די זייטן פון די ליפּן. אויפן קינדס פּנים איז דער שמייכל געלעגן פאַרגליווערט. „קינדעלע מיינס״, האָט צאַלקע זיך גע־

בעטן. ער איז געבליבן צוגענאָגלט צום בעטעלע. ער האָט ווי דורך אַ וואָלקן רויך געזען ווי דאָקטוירים קומען און גייען. ער האָט זיי געהערט עפּעס זאָגן, געבן באַפעלן. ער האָט געזען זיין שיינדלען פאַרבייגיין לעבן אים, זיך פאַרביישלייכן ווי אַ שאָטן און ער איז געבליבן ביים קינדס בעטעלע, און ער האָט געוואַכט איבער זיין קינד.

„שמייכל, קינד מיינס!" האָט צאַלקע זיך געווענדט צו זיין וועלוועלען. ער האָט גערעדט צו זיין קינד; ער האָט עס געגלעט איבערן פיבערדיקן שטערן און ער איז טאָג און נאַכט געשטאַנען אַזוי איבערן בעטעלע פון זיין קינד. ער איז געשטאַנען אַזוי ביז ער האָט דערזען ווי מען נעמט אים צו זיין קינד פון הויז.

„פאַרוואָס נעמט מען צו דאָס קינד פון מיר?" — האָט צאַלקע זיך פלוצלונג אַ פרעג געטון און אָנשטאָט צו וואַרטן אויף אַן ענטפער האָט ער דערזען ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ איבער אים אַ געדיכטע, אַ שווערע, נאַכטיקע פינצטערניש.

און די נאַכטיקע פינצטערניש און אַ מוראדיקע שטילקייט האָבן זיך צעלייגט איבער צאַלקען און איבער שיינדלען, איבערן קינדס בעטעלע. און צאַלקע האָט געשטאַרט אין דער פוסטקייט אַריין און ער האָט דאָרט געזען אויגן פול מיט ימען־בלוי, און ער האָט געזען גאָלדענע לאָקן און אַ שמייכל, וואָס האָט געגרייכט פון די אויגן ביז די ליפּן פון זיין קינד, פון זיין וועלוועלען.

**
*

ביי צאַלקען אין וואַרשטאַט זענען געלעגן מצבות, וואָס האָבן געבענקט נאָך צאַלקעס הענט, נאָכן דלאָט אין זיינע הענט. צאַלקע איז יעדן באַגינען אַוועק אין בית־המדרש און ער האָט געזאָגט אַזויפיל מאָל קדיש נאָך זיין קינד וויפל מנינים עס האָבן געדאַווענט. ער איז געקומען אַהיים און האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום קינדס ליידיק בעטל און האָט געשוויגן. אַזוי טעג, אַזוי וואָכן, אַזוי חדשים גאַנצע. אין וואַרשטאַט האָט צאַלקע אַריינגעשמעקט דאָ אויף אַ שעה, אַמאָל אויף צוויי און פון צייט צו צייט אויף אַ האַלבן טאָג. שיינדל איז אַרומגעגאַנגען אַרום צאַלקען אויף די שפּיץ־פינגער. זי האָט געזוכט צאַלקעס אויגן און זי האָט זיי נישט געקענט געפינען. און אין איינעם אַ זוניק־לויטערן פרימאָרגן האָט זי דער־

הערט איר צאַלקעס מאָדנע איילנדיקע טריט. זי האָט אים געזען אַוועק־לייגן דעם טלית און תפילין; זי האָט באַמערקט ווי ער שלינגט שנעל די ביסנס פון זיין איבערבייס און זי האָט אויך אָנגעטראָפן זיינע אויגן. אַ פלעמל האָט געברענט אין זיי און זיי האָבן געגלאַנצט ווי אָפּגעפּוצטע.

„וואָס איילסטו זיך, צאַלקע?" האָט זי זיך איינגעגעסן מיט אירע אויגן אין צאַלקעס שווייגן. „כ'מוז פאַרענדיקן אַ וויכטיקע אַרבעט!" האָט צאַלקעס שטימע פאַרצויגן אַ סוד. און צאַלקע איז שוין געווען ביי זיך אין וואַרשטאַט, צווישן זיינע גלאַטיק־שניידנדיקע און שאַרף־געקאַרבטע, קאַלטע שטיינער.

„אפשר וועט שוין גאָט העלפן?" האָט שיינדל געהאָפט און זי האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער שטילקייט, וואָס האָט פאַרטויבט דעם רוים אַרום איר קינדס ליידיק בעטל.

פון צאַלקעס וואַרשטאַט האָבן זיך דערטראָגן צו איר דלאָט־ און האַמער־קלאַנגען, ריטמישע קלאַנגען, קלאַנגען אַזוינע האָפערדיק־מוטיקע, קלאַנגען אַזוינע, וואָס האָבן שוין לאַנג פון וואַרשטאַט נישט דער־גרייכט צו איר. ווי זי וואָלט געשטאַנען לעבן צאַלקען אַזוי האָט זי געזען יעדן שוווּנג פון האַמער אין צאַלקעס האַנט. זי האָט געקענט דעם ריטם פון זיין האַמער ווי זי האָט געקענט דאָס שרייען פון זיין ערשטיקן שווייגן. די קלאַנגען פון צאַלקעס האַקן, פון זיין קריצן האָבן אָנגעהויבן אָנצופילן די בלייענע ליידיקייט אין הויז און אַפילו אַרום קינדס ליידיק בעטל האָבן זיך אויך פאַרגנבעט אַ פּאָר אומדרייסטע קלאַנגען.

שיינדל האָט ברייט צעעפנט דאָס פענצטער, וואָס האָט אַרויסגע־קוקט צו איר צאַלקעס וואַרשטאַט און אירע אויערן האָבן באַנומען אַ ים מיט הילכיקע טענער, אַ געזאַנג, וואָס האָט זיך צעטראָגן פון אונטער צאַלקעס האַמער און דלאָט אויף שטיין. פראַגעצייכנס האָבן זיך אַוועק־געשטעלט אין אירע אויגן און אירע אויסגעצערטע אַקסלען האָבן זיך געקאָרטשעט.

און אויף צאַלקעס פּנים האָט זיך צעלייגט אַן ערב־יום־כּיפּורדיקע יום־טובדיקייט. זיין עסן איז געווען ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַר־שפּעטיקן צו כּל־נדרי און זיין אויפשטיין האָט זיך געפּאָרט מיטן זונען־אויפגאַנג. און כאָטש זיין שווייגן איז נאָך געווען שרייענדיקער ווי שטענ־דיק, פונדעסטוועגן האָט שיינדלס געמיט זיך נישט געלייגט אַזוי פּעכיק

אויף איר ווען זי האָט געזען צאַלקען זיצןביים טיש. זי האָט ערשט אָפּטער זיך אָנגעטראָפן מיט זיינע אויגן און זי האָט געזען ווי דער גלאַנץ אין זיי וואַקסט, ווי די פלעמעלעך אין זיי האָבן זיך שטאַרקער צעצונדן און אָנשטאָט אַן ענטפער אויף אירע פראַגעס, וואָס זי האָט נישט געוואָגט צו פרעגן, האָט זי געהערט ווי עס זינגט דער האַמער אַלץ ריטמישער, אַלץ אומאויפהערלעכער אין איר צאַלקעס הענט. „פאַר וועמען מאַכט ער אַזויפיל מצבות?" „ווען האָט צאַלקע געקראָגן באַשטעלונגען צו קריצן אַזויפיל שטיינער?" האָבן זיך פראַגעס געריסן פון איר אַרויס. און ווען די פראַגעס האָבן איר שוין קיין מינוט רו נישט געגעבן, און ווען זי האָט געפאָרשט און געפרעגט און זי האָט קיין ענטפער נישט געקריגן, און ווען זי האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז אויף אַזויפיל אַרבעט פירט מען אַריין און מען פירט דערנאָך אַרויס גאָר ווייניק שטיינער, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און זי האָט זיך ווי אַ שאָטן אַריינגעשלייכט צו צאַלקען אין וואַרשטאַט.

זי האָט פון וויטנס געזען ווי צאַלקע שטייט איבערגעבויגן איבער עפּעס אַ זאַך, וואָס איז גאַרנישט פלאַטשיק ווי אַ שטיין. זי האָט אים געזען שטיין איבערגעבויגן און זיין פּנים איז געווען צעשטראַלט און זיינע ליפּן זענען געווען מאָדנע אָנגעשטעלט; זי האָט געזען שוויס אויף זיין שטערן און ווען ער האָט אירע טריט דערהערט האָט זיך זיין קערפּער קאָנוווּלסיוו געטון אַ טרייסל און שטאַרנדיק מיט אויגן צעפלאַמטע, צע־שראָקענע האָט ער אַ מורמל געטון — „שיינטשעניו!"

דער האַמער און דער דלאָט זענען פון זיינע הענט אַרויסגעפאַלן און ער האָט די זאַך, וואָס איז פאַר אים געלעגן, באַדעקט מיט אַ זומער־דיק סאַקל, וואָס איז לעבן אים געהאַנגען. ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען און ער האָט געשעפּטשעט מיט ציטערדיקע ליפּן: „ווי קומסטו אַהער?"

שיינדל האָט זיך געפילט שולדיק, זי איז לעצטנס נישט אַריינגע־קומען צו איר מאַן אין וואַרשטאַט בעת ער האָט געאַרבעט. זי האָט גע־ווּוסט, אַז זי שטערט אים, אַז זי רייסט אויף זיינע ווונדן ווען זי באַווייזט זיך אינמיטן העלן טאָג ביי זיין אַרבעט, אָבער קיינמאָל פריִער האָט ער נישט פאַרבאַהאַלטן פאַר איר, וואָס ער האָט געטון און קיינמאָל פריִער האָט זיין לייב אויף אים נישט געציטערט ווען ער האָט איר דערזען אין מיטן טאָג.

„צאַלקע, וואָס מאַכסטו דאָרט?" האָט שיינדל נישט געקענט טאָמע־ווען אין זיך דעם וויסטן באַגער אויסצוגעפינען דעם סוד, וואָס בלאַנקט אין איר מאַנס אויגן.

„אַ מצבה" האָבן צאַלקעס ציטערדיקע ליפּן אַרויסגעשעפּטשעט און אויף זיין פּנים איז אַרויס שווייס. און צאַלקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן שיינדלען און צווישן דער זאַך אויפן טיש, ווי אַן אייזערנע וואַנט פון שווייגעניש און זיינע אויגן האָבן אויסגעזען צו בעטן שיינדלען: „גיי אַרויס, שיינטשעניו!"

און ווען שיינדל איז אַרויס פון וואַרשטאַט איז צאַלקע לענגער ווי אַלע טאָג געבליבן ביי זיין אַרבעט. אַפילו ביינאַכט, נאָך מעריב און נאָכן עסן, איז צאַלקע פאַרשוווּנדן געוואָרן פון הויז און פון וואַרשטאַט האָבן זיך צו איר דערטראָגן מילדע, צאַרטע, גלעטנדיקע קלאַפּן, וואָס זענען געווען אַזוי לייכט ווי צאַלקע וואָלט נישט געשלאָגן מיט קיין האַמער און דלאָט אויף שטיין, נאָר ווי ער וואָלט געצערטלט עפּעס און געגלעט.

אין דער געדיכטער פינצטערניש פון די נעכט איז שיינדל געלעגן און זי האָט געזוכט אַן ענטפער אויפן סוד, וואָס האָט איר געדריקט. זי האָט באַמערקט ווי צאַלקע פאַרשליסט דעם וואַרשטאַט יעדעס מאָל ווען ער גייט פון דאָרט אַרויס. זי האָט אויך געזען ווי ער הייבט זיך אויף גאָר באַגינען און ער שטעלט זיך אַוועק ביים ליידיקן בעטל פון קינד און ער רעדט און צערטלט די ליידיקייט אין בעטל און זיינע אויגן צע־שטראַלן זיך שמייכלענדיק. ער דרייט זיך מיטאַמאָל אַוועק פון בעטל און ער שפּרייזט אַוועק אין וואַרשטאַט אַריין. טאָג נאָך טאָג איז צאַלקע אַזוי אַרויס באַגינען פון הויז און שיינדלס אויגן זענען אים נאָכגעגאַנגען אין שטילן שווייגן. קירצער זענען זיינע נעכט געוואָרן און לענגער די טעג און אַפילו אין די קורצע נעכט האָט שיינדל אין דער פינצטער געזען ווי איר צאַלקע ליגט און שטאַרט אין דער נאַכט אַריין. זי איז געלעגן לעבן אים און זיין וואַכקייט האָט די שטרוי אונטער איר צעטרייסלט. און ליגנ־דיק אַזוי אינמיטן אַ פינצטערער נאַכט האָט זי געזען ווי איר צאַלקע וואַרפט זיך פון זייט צו זייט און ער זעצט זיך אויף, טוט זיך אָן און שלייכט זיך אַרויס ווי אַ שאָטן אויף די שפּיץ־פינגער. ער האָט די טיר הינטער זיך פאַרמאַכט און שיינדל האָט מיט פחד געהערט ווי ער שליסט אויף די טיר פון וואַרשטאַט.

***

אַ נאַכטיקע שטילקייט האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער צאַלקעס וואַרשטאַט. צאַלקע האָט זיך אין דער פינצטער דורכגעשלייכט צווישן די מצבות. ער האָט אָנגעצונדן אַ לעמפּל און באַלד איז דער וואַרשטאַט, די ווענט אַרום אָנגעפילט געוואָרן מיט שאָטנס, וואָס זענען געשטאַנען פאַר־גליווערט ווי די מצבות.

מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט צאַלקע אַראָפּגענומען דעם טוך, וואָס האָט באַדעקט אַ שטיין, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אָפּגעזונדערט פון אַלע שטיינער. די ליכט פון לאָמפּ האָט געוואָרפן ציטערנדיקע שטראַלן אויפן אָפּגעדעקטן שטיין. צאַלקעס אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון זיין קאָפּ. ער האָט זיך נענטער צוגעבויגן צום שטיין און זיך באַלד אָפּגערוקט. ער האָט זיך געצויגן צום שטיין און ער האָט די הענט פאַרלייגט אויף הינטער זיך. זיין פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ געדיכטן טוי און זיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט: „וועוועניו, מיין קינד, יינגעלע מיינס!" ער האָט זיך מיט די אויגן איינגעגעסן אין קינדס שמייכעלע, וואָס האָט זיך גע־צויגן פון די לאַנגע ווי‏עס ביזן ווינקל פון די ליפּן. „אָט אַזוי, אַזוי־אָ האָסטו געשמייכלט, קינד מיינס, ווען כ'האָב דיר באַגינען געזען אויפ־שטיין פון שלאָף!" האָט ער געשעפּטשעט. באַלד האָט ער זיך געווענדט צו זיין שטיינערן יינגעלע: „וואַרט, וועוועלע מיינס, אָט דאָ־אָ, דאָ פעלט נאָך צו אַ פּיצעלע שמייכל אויף דיין בעקעלע, דאָ אין חן־גריבעלע!" ער האָט אַ קריץ געטון אין שטיין ביים חן־גריבעלע אויף דער באַק פון קינד; ער האָט אַ גלעט געטון די באַק מיט זיין האַנט; ער האָט זי אַ צערטל געטון און האָט געוויספּערט: „אַזוי־אָ אָט אַזוי, מיין קינד, אַזוי האָב איך ליב, אַז דו שמייכלסט; אַזוי ביסטו מיין קינד!"

צאַלקע האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען זיין קינד; ער האָט געצערטלט, געדריקט דעם שטיין צו זיך און ער האָט געפילט ווי עס פליסט אַ גלעטנדיקע וואַרעמקייט פון זיין וועלוועלען צו אים; ער האָט געפילט ווי זיין זונעלע טוליעט זיך צו אים און גראָבט זיך איין אין זיינע אָרעמס: „אַזוי, אַזוי, לייג דיין קעפּעלע אויף מיינע אַקסלען"; האָט צאַלקע געהאַלטן זיין קינד. „אָט אַזוי וועל איך דיך האַלטן אין מיינע אָרעמס, כ'וועל דיר האַלטן לעבן זיך, מיט זיך און כ'וועל קיינמאָל, קיינמאָל,

נישט לאָזן קיינעם דיר אַוועקרייסן פון מיינע אָרעמס, קינדעלע מיינס! אייביק וועסטו בלייבן מיט מיר!"

אַזוי שנעל ווי צאַלקע האָט אַרויסגעזאָגט דעם לעצטן זאַץ, אַזוי שנעל ווי זיינע ליפּן האָבן דערמאָנט די ווערטער „אייביק וועסטו בלייבן מיט מיר", איז אַ ציטער דורך דורכן שטיינערן לייב פון זיין קינד; עס האָט זיך אין זיינע הענט אַ טרייסל געטון; אַ מוראַדיקע שטיינערנע קעלט האָט אַ יאָג געטון פון זיין קינדס לייב. צאַלקעס הענט האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון קינדס קערפּער; זיי זענען געפאַלן אין אָנמאַכט צו זיינע זייטן; ער איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט; די ליכט פון לאָמפּ איז ערשט געפאַלן אין שטראָמען אויף זיין קינדס פּנים.

מיט שטאַרנדיקע אויגן האָט צאַלקע געקוקט אויף זיין צעווייטיקט קינד. ער האָט מיטאַמאָל דערזען ווי דער גאָלדענער לאָק אויף זיין קינדעלעס שטערן צעהוידעט זיך מיט אימפּעטיקער שנעלקייט; דער לאָק פאַרוואַרפט זיך און מישט זיך אויס מיט די האָר אויפן קאָפּ און אויפן בלויזן, הויכן, רונדן שטערן פון זיין קינד קריצן זיך אויס, אות נאָך אות, און פון די אותיות ווערן ווערטער און די ווערטער וואַרענען און רופן: „לא תעשה לך פסל ותמונה!"

ווי אַ מצבה אין וואַרשטאַט אַזוי פאַרגליווערט איז צאַלקע געשטאַנען און ער האָט געשטאַרט אויף די ווערטער אויף זיין קינדס שטערן. די ווערטער האָבן אים געברענט די אויגן. ווי ער איז געשטאַנען אַזוי האָט ער פון צווישן די מצבות אין וואַרשטאַט דערהערט אַ שטיל שאָרשקען. ער האָט דערזען ווי איינס נאָך איינס באַווייזן זיך שאָטנס פון אַלע זייטן וואַרשטאַט. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע און זיי האָבן אין מוראַדיקער שטילקייט, אָנגעהויבן צו מאַרשירן צו צאַלקען צו. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען צווישן אים און צווישן זיין קינד. זיי האָבן מיט לאַנגע, שפּיציקע פינגער געטייטלט צום קינדס שטערן. צאַלקע האָט געקוקט אויף די שאָטנס. ער האָט די שאָטנס דערקענט; ער האָט פאַר זיך געזען זיין רבין אַברהם בער מיטן האָרב אויף דער פּלייצע, מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט; ער האָט דערקענט זיינע חומש- און גמרא-רביים; ער האָט באַמערקט דעם ראש ישיבה ר' אורקען און לסוף האָט ער געזען זיין טאַטן, ר' מרדכי דעם מצבה-קריצער. און ס'האָט זיך דער טאַטע אָפּגעשטעלט לעבן אים; ער האָט געקוקט דאָ אויפן קינד פון שטיין און דאָ

אויף דעם פּאַרגליוּוערטן זון און באַלד האָט דער טאַטע צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט מיט אַ פרעמד־אייגענער שטימע זיך געווענדט צו אים מיט געבעט: „צעשמעטער, זון מײַנער, צעשמעטער דעם פּסל!” צאַלקע האָט זיך אויפגעריסן פון זײַן פּאַרגליוּוערטקייט; זײַן לײַב האָט אויף אים געציטערט: „טאַטע, ווי קען איך? ס'איז דאָך מײַן וועלוועלע, מײַן זונעלע!” האָט ער זיך געריסן צום טאַטן. ר' מרדכי דער מצבה־קריצער האָט זיך אָפּגעקערט פון זון. זײַן פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט גרימצאָרן: „אַ קאַלטער שטיין, אַ פּסל איז דאָס און נישט דײַן קינד!” האָט ער מיט צאָרן און ווייטיק געררופן. ער האָט אָנגעהויבן זיך אָוועקצושלײַכן פון זײַן זון; ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין דער רייע שאָטנס, וואָס האָבן זיך דערווײַטערט פון צאַלקען. ער האָט זיך שוין פון דער רייע אַרויס געווענדט צום זון: „אויף שטענדיקן גהינום וועסטו חלילה פאַרמשפּט ווערן פאַרן זײַן אויפן עובר זײַן לאו לא תעשה!” האָט ער אַזש געדונערט מיט ווייטיק און באַלד האָט ער צוגעגעבן מילד און צאַרט: „און וויסן זאָלסטו וויסן, אַז אויף שטענדיק, אויף אַלע אייביקייטן, וועסטו ווערן אָפּגעריסן פון דײַן אמתן וועלוועלען, ווײַל ער אין זײַן אומשולד וועט לײַכטן אין גן־עדן און דו, אויב דו צעשמעטערסט נישט דעם פּסל, וואָס שטייט פאַר דיר, וועסטו חלילה אויף אַלע אייביקייטן אין פײַערדיקן גהינום בלײַבן!”

„פּאָטער, טאַטע!” האָט צאַלקע זיך אַ ריס געטון פון אָרט. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע אָרעמס, ער האָט זיך געצויגן צו זײַן טאַטן, אָבער די רייע שאָטנס און זײַן טאַטע צווישן זיי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די מצבות און צאַלקע איז געבליבן אַליין מיט זײַן זונעלע, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים און האָט ערשט אויסגעזען זיך צו בעטן: „הרגע מיך נישט, לאָז מיר לעבן, טאַטע מײַנער!”

צאַלקעס אויגן האָבן געשטאַרט דאָ אויף זײַן זון און דאָ אויף די מצבות אַרום. זײַן טאַטנס שטימע, די טײַטלענדיקע פינגער פון זײַנע רבי'ים זענען געשטאַנען פאַר אים. „צעשטער דעם פּסל!” האָט זײַן טאַטנס שטימע אים באַפוילן. „אויף אַלע אייביקייטן וועסטו ווערן אָפּגעריסן פון דײַן אמתן וועלוועלען!” האָט ער אים געוואָרנט.

צאַלקעס פיס האָבן זיך צעוואַקלט. זײַנע הענט האָבן זיך צעצאַפּלט; זײַנע ציין האָבן געציטערט; ער האָט זיך אײַנגעבויגן צו דעם דיל; ער

האָט אַ כאַפּ געטון אַ האַמער; ער האָט פאַרקלאַמערט די אויגן. מיט אימ־פּעט האָט ער דעם האַמער אַ שווונג געטון אין דער לופטן; מיט אַ מורא־דיקער קראַפט האָט ער דעם האַמער אַראָפּגעלאָזט איבער זײַן קינדס קאָפּ. הייסע שטיקער שטיין האָבן זיך צעשפּריצט אַרום אים; האָבן זיך אײַנגעגעסן אין די הויט פון זײַנע הענט; ווי אַ מעכטיקער דונער האָט אין רוים אָפּגעקלונגען דער קלאַפּ פון האַמער אויפן קינדס קאָפּ. די נאַכ־טיקע שטילקייט איז אויף טויזנטער פּיצלעך צעריסן געוואָרן. שיינדל איז מיט אימפּעט אַרויס פון בעט; זי איז געלאָפן צום וואַרשטאַט. אין גאַס איז מיטאַמאָל געוואָרן מוראדיק שטיל און ווען שיינדל איז אַרײַנגע־קומען אין וואַרשטאַט, האָט זי געזען ווי איר צאַלקע איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקעלע; אַרום אים זענען געלעגן צעשמעטערטע שטיינערנע אברים פון אַ קינד; אַ שווערער האַמער איז געלעגן אויפן באַרג אברים און צאַלקע האָט מיט אַ ווייסטן שגעון געמאַכט אַ נייעם, אַ טיפן ריס אין לאַץ פון זײַן קאַפּאָטע.

„ס'פּאַלק פון נידעריקסטן פּוסבענקעלע"

עס איז געווען ערב די ימים נוראים־טעג פונעם יאָר 1775. זיין לויטערע קלאָרקייט, דער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, האָט מיט געניויע דריי יאָר צוריק געהאַט אָפּגעשניטן אַ דריט־חלק פון הייליקן לאַנד פּוילן און האָט עס אַוועקגעשאָנקען זיינע שונאים, כדי זיי זאָלן אים לאָזן בלייבן האַר און הערשער איבער די אַנדערע טיילן פון זיין לאַנד. אין דער קהילה קדושה אָסטראָווע, אַ שטאָט פון אַ פּאָר הונדערט יידישע משפּחות, איז מען געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, ווי אַרום אַ בעט פון אַ מסוכן־קראַנקן, פון אַ שכיב־מרע. אַלע טאָג האָט מען דערוואַרט נייע גזירות, און מען האָט מורא געהאַט אַפילו שבת איינדערפרי צום דאַווענען, אָנצוטון אַ ניי סאַקל, אַ ניי קלייד, ווער שמועסט צו טראָגן אַן אויערינגל, אַ פינגערל, אַ זייגערל אַרום האַלדז.

הערש בערס שווערע בויד האָט געשניטן, געפּאַסעוועט און געוועקט פון פּחדימדיקן שלאָף אַ קילן, ימים־נוראימדיקן באַגינען. זיין מיד, קאַשטאַנאָוואַטע פערד און דער פוילער גניאַדער האָבן זיך געצויגן צו דער וואַרעמקייט און זאַטקייט פון הערש בערס שטאַל. זיי האָבן איצט געמיעכט די נאָזדרעס און האָבן געהירזשעט און פרימאָרגן אַריין. זיי האָבן שוין דערשמעקט דעם האָבער אין די קאָרעטעס, דעם היי אויפן לייטער איבער די קאָרעטעס. זיי האָבן געאיילט מיטןווישקאָווער שאָסיי אין שטאָט אַריין.

הערש בער האָט זיך גראָד נישט געיאָגט היינט. כאָטש ער איז געווען מיד, שלעפעריק און דורכגעפרוירן פון דער פרי־האַרבסטיקער נאַכט, האָט ער איצט נישט געוואָלט אָנקומען צו שנעל אין שטאָט אַריין. די מלבושים, אַ קאַפּאָטע אויף אַ קאַפּאָטע און יעדע קאַפּאָטע אַרומגעגאַרטלט

שטייף, די שטיוול, שווער ווי בליי מיט אַניצעס אַרום די אָנגעדראָלענע פּיס, דאָס אַלץ איז הערש בערן נישט געווען אַזוי שווער ווי דאָס קליינע בריוול, וואָס ער האָט געפירט פון וואַרשע קיין אָסטראָווע, דאָס בריוול, וואָס דער פּרנס מאיר יוסף בן מנחם האָט אים מיטגעגעבן פאַרן רב, פאַרן דיין, פאַר די פּרנסים און פאַר גאַנץ אָסטראָווער קהל.

הערש בער האָט געוווּסט, וואָס ס׳שטייט געשריבן אין בריוול, כאָטש קיינער האָט אים נישט געזאָגט, וואָס עס שטייט דאָרט, און ער אַליין האָט ס׳בריוול אַפילו נישט פּרובירט עפענען. הערש בער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, אָבער נישט נאָר האָט ער געקענט לייענען אַ לשון־קודשדיק בריוול, נאָר ער האָט אויך גוט געקענט אַ פּסוק תנ״ך, אַ שטיקל משניות, און דער מנורת המאור, דער עין יעקב זענען אים אויך נישט פרעמד געווען. געוווּסט האָט הערש בער, וואָס עס שטייט אין בריוול, ווייל זיין בייזער מזל האָט געוואָלט, אַז זיין בויד זאָל זיך געפינען אין וואַרשע ריכטיק דעם טאָג, ווען די נייע גזירה איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער לעצטער סעסיע פון סיים. די גזירה האָט אים אַליין, הערש בערן, געטראָפן ווי אַ דונער אין קאָפּ אַריין. עס איז געווען אַ גזירה, וואָס האָט ממש געצילט אין האַרץ, אין נשמה אַריין פון יעדן ייִדן, ווייל ווו איז דאָס דאָ אַ ייִדיש הויז ווו עס זאָל זיך נישט געפינען אַ שענקל ספרים, אַ פּאָליצע ספרים, סתם אַ פּאָר ספרים? און ביי הערש בערן אין הויז איז געווען מער ווי בלויז אַ פּאָר סידורים, מחזורים, תחינות און חומשים. איז ווו ווועט ער נעמען די זילבערנע גראָשנס איינצוצאָלן פאַר יעדן שטעמפּל אויף יעדן ספרל?

יאָ, הערש בערס ווייסטער מזל האָט געוואָלט, אַז ער, הערש בער, זאָל זיין אין וואַרשע ריכטיק יענעם טאָג, ווען די דאָזיקע שטעמפּל־גזירה איז אָנגענומען געוואָרן אין סיים. און איצט איז ער דער שליח, ער ברענגט די בייזע בשורה, וואָס די וואַרשעווער ייִדישע קהילה האָט מיט־געשיקט, צו דער קהילה קדושה אין אָסטראָווע. איז וואָס דאַרף ער זיך איילן אָנצוקומען אין שטאָט אַריין?

„דער אוניווערסאַל וועגן געשטעמפּלטע פּאַפּיר און ספרים איז אָנ־גענומען געוואָרן!“ אַזוי, מיט מוראדיק־פאַרשטיקטע געוויספּערייען, האָט זיך פלאַמפּייערדיק פאַרשפּרייט די נייס פון וואַרשע אין די פאַרשטעטלעך אַריין, דאָרט אַהין, ווו די גרויסע צאָל „וואַרשעווער“ ייִדן האָבן געוווינט.

אין וואַרשע גופא האָבן געוווינט נאָר געציילטע ייִדן, ייִדן, וואָס זענען געווען קרוב למלכות, ייִדן אַזעלכע ווי לייזער און לייבקע, וואָס מען האָט זייערע נעמען אַרויסגעזאָגט מיט פּחד אין האַרץ, מיט ציטער אויף די ליפּן. עס זענען געווען ייִדן, וואָס האָבן אַפילו געזאָגט, אַז די גזירה וועגן שטעמפּלען אויף ספרים שטאַמט טאַקע פון די צוויי, אומשטיינסגעזאָגטע, ייִדן, וואָס האָבן דעם סיים איינגעגעבן די עצה ווי אזוי אָנצופילן די לייַ־דיקע קאַסעס פון די פינאַנץ־קאַמערן. לייזער און לייבקע זאָלן עס האָבן צוגעזאָגט דעם גרויס־רעוויזאָר סטרובינסקין, אַז אויב דער סיים וועט אָננעמען דאָס געזעץ וועגן ספרים־שטעמפּל, וועלן זיי, לייזער און לייבקע, געבן חמרים מיט רויטע גילדן פאַר דער אַרענדע פון דעם דאָזיקן שטייַער אויף ייִדישע ספרים. די לייזערס מיט די לייבקעס אין וואַרשע גופא האָבן זיך טאַקע געפרייט מיטן געזעץ, אָבער די ייִדן פון די פאָרשטעט, פון פּראַגע, זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ מוראדיקער אבילות: „ווו וועט מען נעמען צו צאָלן זילבערנע גראָשנס פאַר יעדן ספרל? ווו וועט מען נעמען נאָך שטייַערן צו צאָלן, אַז מ'איז שוין אַזוי אויף פאַרשולדיקט איבער די קעפּ?"

און איצט, איצט פירט ער, הערש בער, די דאָזיקע גזירה צו זיינע ברידער, צו דער קהילה קדושה אין אָסטראָווע, לעבן בראָק, וואָס אויפן טייך בוג. איז וואָס דאַרף ער זיך איילן?

די נידעריקע הייזער אַרום מאַרק, די שטרויענע דעכער, באַצויגן מיט באַגינענדיקן טוי, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצושיילן. הערש בער האָט יעדעס הויז דערקענט לויטן דאַך נאָך, און באַלד האָט ער אַ חשבון געטון וועד עס וווינט אין דעם הויז, וויפל ספרים דער אָדער יענער קען האָבן און וויפל זילבערנע גראָשנס ער וועט דאַרפן איינצאָלן פאַר די שטעמפּ־לען אויף די ספרים. ער האָט פאַר זיך דערזען דאָס צווייגאָרנדיקע הויז, ווו עס האָט נאָך אויך איצט געוווינט ר' יצחק דוד בן יחזקאל, דער אַמאָ־ליקער גביר און דער איצטיקער „חשובער" יורד. אַ ציטער איז הערש בערן דורך דורכן לייב, ווען ער האָט פאַר זיך געזען ר' יצחק דודס אָנ־געפּראָפּטע פאָליצעס מיט, קיין עין־הרע, אומצאָליקע ספרים יקר־המצי־אותן, געבונדענע אין טייערער לעדער, וואָס באַצירן נאָך ר' יצחק דודס הויז זינט יענע טעג, ווען דער דאָזיקער ר' יצחק דוד איז נאָך געווען אין די פעדערן.

„ווּ ווּעט אַזאַ ר׳ יצחק דוד נעמען זילבערנע גראָשנס, גאַנצע רויטע גילדנס איינצוצאָלן פאַר די אַלע שטעמפּלען אויף זיינע ספרים?״ האָבן הערש בערס ליפּן געציטערט. און אָט האָט ער גאָר דערזען פאַר זיך דעם אַלטן בית־המדרש, וואָס איז געשטאַנען הכנעהדיק אין ווינקל פון מאַרק, און אַנטקעגן, איבערן בית־המדרש, האָט זיך געהויבן גדלותדיק די שטיינערנע תיפלה. געווינלעך האָט הערש בערס האַרץ זיך פריידיק צעוואָרעמט ווען ער האָט אין די באַגינענס ביים אַריינפאָרן אין מאַרק אַריין דערזען דעם בית־המדרש פאַר זיך. פאַר אים איז גענוג געווען צו זען ווי איבערן בית־המדרש הייבט זיך אַ הויכער שטאַנג ווי פון אַ פאָן, און דער שטאַנג איז העכער פאַרן שפּיץ פון דער תיפלה, און שוין האָט דער בית־המדרש אויסגעזען אין זיינע אויגן מיט מיילן העכער פאַר דער שטיינערנער תיפלה. כאָטש דעם אמת געזאָגט, איז דער בית־המדרש אין זיינע אויגן שטענדיק העכער געווען פאַר דער תיפלה, אַפילו אָן דעם שטאַנג איבערן דאַך, ווייל ווי קען זיך אַ שטיינערנע, קאַלטע תיפלה פאַר־גלייכן, להבדיל, צו אַ בית־המדרש, ווו עס רוט גאָטס וואָרט אין די היכלען פון אָרון־קודש, וואָס באַצירט דעם אויבנאָן פון גאָטס הויז? ווו די ווענט, פון פּולאָפּ ביז דער פּאָדלאָגע, זענען באַשטעלט מיט אומצאָ־ליקע, הייליקע ספרים? אָבער איצט, איצט איז אים ס׳האַרץ איינגעפאַלן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט פאַר וויפל שטעמפּלען קהל וועט דאַרפן באַ־צאָלן, כדי די פּאָליצעס אין בית־המדרש זאָלן, חלילה, נישט בלייבן פּוסט.

דער קאַשטאַנאָווער מיטן גניאַדן האָבן מיט אַ פרײדיקן געהירזש זיך אָפּגעשטעלט ביי הערש בערן אויפן הויף, און הערש בער האָט זיך אויפגעריסן פון זיין קאָשמאַר. ער איז אַריין אין הויז, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטעס; האָט אַריינגעפירט די פערד אין שטאַל; האָט זיך שנעל איינגעוואַשן, אָנגעטון אַ ריינעם מלבוש און איז אַוועק אין בית־המדרש אַריין כאַפּן אַ מנין, טרעפן דעם רב, טרעפן די פרנסים און זיי איבערגעבן דאָס בריוול. יאָ, ער מוז שוין זיין, טאַקע שוין, ווייל איידער וואָס־ווען קענען „זיי״ נאָך אָנשיקן די מחבלים פון וואַרשע, און דעמאָלט וועט קהל גאָרנישט קענען טון, אויב ס׳איז בכלל דאָ איצט וואָס צו טון, נאָכדעם ווי דער גזר איז שוין דורכגעגאַנגען.

נאָך ביי דער טיר פון בית־המדרש האָט הערש בער באַגעגנט דעם פרנס משה בן שלמה. הערש בער האָט זיך אַ סעקונדע געשטעלט צי ער

זאָל ס׳בריוול איבערגעבן דעם פּרנס, צי ער זאָל עס האַלטן ביז דער רב ר׳ אליעזר בן יוסף וועט זיין אין בית־המדרש. באַלד האָט ער באַשלאָסן: זאָל דער פּרנס משה בן שלמה זיין דער שליח פון דער בייזער גזירה. און אָט האָט הערש בער שוין דערלאַנגט דעם פּרנס ס׳בריוול.

דער פּרנס משה בן שלמה האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט, האָט שנעל געלייענט און וואָלקנס האָבן זיך צעלייגט אויף זיין פּנים. מינוטן שפּעטער האָבן איבערן בית־המדרש זיך געטראָגן פאַרשטיקטע אָכצן און קרעכצן און אָפילו ציין־קריצענישן האָבן זיך דאָ און דאָרט געהערט, און אַ פּויסט האָט זיך מיט צאָרן אַנגעביילט ביי יאָשע קאָניוך, וואָס האָט אפילו פאַר זיינע פאַר סידורים און מחזורים נישט בדעה געהאַט צו צאָלן קיין זילבערנע גראָשנס.

ר׳ יצחק דוד בן יחזקאל האָט אין אָנהייב די נייס אויפגענומען געמיטלעך, געלאַסן, שטיל: „וואָס אייגנטלעך איז אַ זילבערנער גראָשן שטייער אויף אַ ספר?" האָבן מאָדנע, ווייטע מחשבות זיך געפּלאָנטערט אין זיין מוח. אים האָט זיך עפּעס איצט געדאַכט, אַז ער איז נאָך דער אַמאָליקער ר׳ יצחק דוד, וואָס האָט איינגעהאַנדלט פאַר זיינע ספרים־פּאַליצעס אַלע יקר־המציאותן, וואָס ער האָט געטראָפן אויף זיינע ווייטע רייזעס איבער מדינת פּוילן און רייסן. עס איז דען פאַר אים אַמאָל געווען אַ טייערער ספר? אויב אַ ספר איז אים נאָר געפעלן געוואָרן, האָט מען פאַר אים געמעגט בעטן אַ שלל מיט געלט, האָט דער מקח ר׳ יצחק דודן קיינמאָל נישט אינטערעסירט. ער האָט געקויפט, האָט געבראַכט דעם ספר אַהיים און באַלד האָט ער געהייסן נתן בן גדליהו, דעם איינבינדער, איבערבינדן דעם ספר, אים איינבינדן אין אַזאַ לעדער, מיט אַזעלכע גאָלד־געליישטע אָרנאַמענטן ווי זיינע אַלע ספרים האָבן געהאַט. וואָסער ווערט האָט ביי אים געהאַט נאָך אַ זילבערנער גראָשן אויף אַ ספר? איז וואָס איז דאָ דער טומל? וואָס ברעכן יידן מיט די הענט? וואָס אָכצט מען און מען קרעכצט? וואָסער הארבע גזירה איז דאָס? אָבער מיטאַמאָל האָט ביי ר׳ יצחק דודן אין מוח עפּעס אַ ציטער געטון. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין לייב, און די ליפּן האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו ציטערן. ער האָט דערזען ווי די געוויינטלעך שטילע, געלאַסענע, יידישע לייבן איבערן אָרון־קודש צעעפּענען ברייט די מיילער און שפּרייזן ווילדע און בייזע צו אים; און

אַז ער האָט די אויגן אַוועקגעדרייט פון די פאַרצוקנדיקע לייבן, האָט ער געזען ווי די שאַפעס ספרים אין בית־המדרש טאַנצן אים אַנטקעגן.

„וווּ וועל איך טאַקע נעמען אַזויפיל זילבערנע גראָשנס צו צאָלן פאַר אַלע מיינע ספרים?" האָט ער זיך געפרעגט און ער האָט פאַר זיך דערזען אַ מוראדיקן תהום. ווייל באמת, וואָס פאַרמאָגט ער? וואָס איז אים גע־בליבן פון זיין אַמאָליקן עשירות חוץ די לעדער־געבונדענע, גאָלד־גע־ליישטע ספרים? און זאָל מען אים, חלילה, צונעמען די ספרים, איז וואָס טויג אים דער גאַנצער ענין? און טאַקע יאָ, פאַרוואָס קומט אים אַזאַ סוף, בלייבן אויף די עלטערע יאָרן אַפילו אָן זיינע ספרים?

ר' יצחק דוד בן יחזקאל האָט מיט יאָרן צוריק געהאַט אַ זאָג געטון לפני כל עם ועדה: „אַ ייִד דאַרף אָדער געבן צדקה, אָדער, חלילה, נעמען, אויב ער קען נישט געבן!" און קיין גרעסערער פחד איז ביי אים ביז היינט נישטאָ ווי ער זאָל זיך, חלילה, געפינען צווישן די נעמערס, איז ווי אַזוי וועט ער פאָרט ראַטעווען זיינע ספרים, אַז ער האָט נאָך אַפילו נישט אויף די ימים נוראים, אויף סוכות?

ר' יצחק דוד האָט זיך שטייף איינגעוויקלט אין טלית; ער האָט גע־ביסן די עטרה און די שטימע האָט זיך געבראָכן ביי אים: „ייִדן, וואָס וועלן מיר טון? וואָס טוט מען?" האָט ער געפרעגט סתם אַזוי. ער האָט נישט דערוואַרט קיין ענטפער, און קיין ענטפער איז פון קיינעם נישט געקומען.

***

איבערן הימל האָבן זיך געצויגן פעכיקע וואָלקנס. פון די שושקענ־דיק־סודותדיקע וועלדער אַרום אָסטראָווע האָבן זיך אין שטאָט אַריין גע־טראָגן פרי־האַרבסטיקע ווינטן, וואָס האָבן מוראדיק געיאָמערט. אויפן מיטן מאַרק, אויף אַן אויפגעשטעלטער פּלאַטפאָרמע אויף עטלעכע „קאָזשלעס" פון די מאַרק־שטייערקעס, איז געשטאַנען דער שרייבער פון צאָל־קאַמער וואַצלאַוו פּאַפּראַצקי. זיינע וואַנצעס זענען געווען געדיכט, ברייט, שטייף און שפּיציק ביי די עקן. נאָענט לעבן זיין פּלאַטפאָרמע זע־נען געשטאַנען דער רב, דער דיין, די פרנסים פון שטאָט און אַרום זיי, די גאַנצע פאַרזאַמלטע עדה ייִדן פון שטאָט אָסטראָווע.

„כ'רוף ס'פאָלק פון נידעריקסטן פּיסבענקעלע, די ייִדן, אין נאָמען פון רעוויזאָר סטרובינסקי; אין נאָמען פון ווילגעבוירענעם סופּערינטענ־

דענט פאַר די צאָל־קאַמערן בראָק און אָסטראָווע, סטאַניסלאַוו מיעטקאָוו־סקי, אין נאָמען פון די קאַמער־רעווידענטן. כ׳רוף אין זייער נאָמען און אין מיין אייגענעם הויכגעבוירענעם נאָמען, הערט, הערט, איר פאָלק פון נידעריקסטן פוסבענקעלע, הערט ס׳געזעץ פון סיים, פון אונדזער שטעמפל־רעגענץ ביי דער פינאַנץ־קאָמיסיע; הערט ס׳געזעץ וועגן שטעמפּ־לען אייערע אַלע ספרים און קאַלענדאַרן!״

פאפראָצקי האָט אַ דריי געטון די וואָנצעס אויף אַרויף; האָט די שפיצן נאָך שטייפער געמאַכט און האָט אָנגעהויבן לייענען פון אַן אויפ־געוויקלטן פּאַרמעט:

„דער רב פון שטאָט, די פּרנסים און דיינים, איר אַלע דאַרפט גלייך ציילן די ספרים ביי יעדן פון אייער שטאָם און לאָזן וויסן אין צאָלקאַמער די צאָל פון ספרים, וואָס עס האָט יעדער איינער פון פאָלק פון נידע־ריקסטן פוסבענקעלע. דער רב און די פּרנסים מוזן אַרויפלייגן אַ חרם אויף יעדן איינעם, אַז ער מוז אָנגעבן די ריכטיקע צאָל ספרים צום שטעמפּלען.

„דער אוניווערסאַל פון שטעמפּלען יידישע ספרים לייגט אַרויף די פאָלגנדיקע שטראָף אויף די קינדער פון פאָלק פון נידעריקסטן פוסבענ־קעלע פאַר נישט נאָכקומען דעם הויכדערהויבענעם און יושרדיקן געזעץ!״

דער שרייבער פון פינאַנץ־קאַמער וואַצלאַוו פאפראָצקי האָט געטון אַ פּאָר טרוקענע, זייער וואָזשנע הוסטן אין גייפּטל אַריין, האָט אַ דריי געטון די וואָנצעס און האָט געלייענט:

„פאַר נישט שטעמפּלען אַ יידישן ספר קומט דעם אייגנטימער אַ שטראָף פון פינף הונדערט גריוועס אין מזומן געלט און צוויי וואָכן תּפיסה.

„פאַר פעלשן אַ שטעמפּל קומט תּליה.

„פאַרן פאַרלייקענען די צאָל ספרים מיטן וויסן פון רב און זיינע פּרנסים, פאַרלירט דער רב דאָס כּסא הרבנות, די פּרנסים זייערע אַמטן, און זיי צאָלן צו פינף הונדערט גריוועס שטראָף אויך.

„אויף יעדן יידישן ספר דאַרף זיין אַ שטעמפּל, און דער אָפּצאָל פאַר יעדן שטעמפּל איז איין זילבערנער גראָשן״.

וואַצלאַוו פאפראָצקי האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט זיך ארומגע־קוקט פון אַלע זייטן און האָט געפרעגט:

„צי האָט ס׳פאָלק פון נידעריקסטן פוסבענקעלע געהערט דאָס יושר־דיק און הויכדערהויבן געזועץ?"

„געהערט" — האָבן געענטפערט דער רב ר׳ אליעזר בן יוסף און די פרנסים און איבער אַלעמענס שטימען האָט זיך געהערט אַ מין מאָד־נער כליפּ, וואָס איז געקומען פון יענעם אָרט ווו ס׳איז געשטאַנען ר׳ יצחק דוד בן יחזקאל. ער איז געשרונקען פון מינוט צו מינוט און אויף זיינע אַקסלען האָבן זיך צעלייגט שטיקער בליי.

הערש בער, וואָס האָט געבראַכט די בייזע בשורה פון וואַרשע, האָט געביסן די נעגל פון די פינגער, ער האָט מיט אַ פאָלע אַלעמאָל אַ וויש געטון זיין רויט־צעהיצטע נאָז.

„און דאָס איז די שבועה, וואָס דער ווילגעבוירענער רעוויזאָר סטרו־בינסקי וועט הייסן נעמען דעם רב און די פרנסים פון פאָלק פון נידע־ריקסטן פוסבענקעלע!" האָט וואַצלאַוו פּאַפּראָצקי אַ דונער געטון איבער אַלעמענס קעפּ.

„מיר האָבן אַלעמען אונטער אַ חרם לויט דער ייִדישער רעליגיע מחייב געווען צו ברענגען זייערע ספרים און מיר וויסן נישט, אַז עמע־צער האָט באַהאַלטן ספרים!"

„אוי, ווי איז מיר!" האָט דער רב ר׳ אליעזר בן יוסף אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי ס׳האָט זיך אַרויסגעריסן אַ וויטיק־קרעכץ פון זיין בוזעם.

„ביזן ערשטן אָקטאָבער, ווען דער קאָפּ־שטייער ווערט איינגעצאָלט, מוזן אַלע ספרים טראָגן אויף זייערע שער־בלעטער דעם שטעמפּל פון מעשענעם זיגל!" האָט וואַצלאַוו פּאַפּראָצקיס שטימע באַפוילן און שוין זענען די ייִדן געגאַנגען ווי נאָך אַ לוויה יעדערער צו זיך אַהיים.

אין מיטן מאַרק איז בלויז געבליבן שטיין ר׳ יצחק דוד בן יחזקאל. די פיס זענען ביי אים געווען פּעכיק און דער רוקן איז געווען איינגעע־שרומפּן. „וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?" האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט אין חלל אַריין.

***

אין ייִדישע הייזער איז געווען ערב־יום־כיפּורדיק שטיל. ווי שאָטנס איז מען געגאַנגען אויף שפּיץ־פינגער און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט מען מיט געאיילטע באַוועגונגען אַראָפּגענומען ספרים פון פּאָליצעס,

אַרויסגענומען פון שענקלעך, פון שאַפקעס. מיט ציטערדיקע ליפּן, מיט פאַרוויינטע, פאַרבענקטע אויגן ווי מען געזעגנט זיך מיט אַן אייגן קינד, האָט מען אין דער חושכניש געדריקט צו זיך אַ „שבט יהודה", אַ „מנורת המאור"; „חושן משפט", אַ „שולחן ערוך", אַן „עין יעקבל", אַ תחינה, אַן אַלט מעשה־ביכל. מיט טרערן האָט מען די רוקנס פון די ספרים אויסגע־וויקט און מען האָט זיי פאַרפּאַקט אין שמאַטעס, אין לאַכעס, אין קעסט־לעך און זיי זענען ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן. אויף די פּאַליצעס זע־נען געבליבן אַ סידור, צוויי, אַ מחזור, אַ גמרא, איינע, צוויי מסכתות, און אַ קרבן מנחה סידור, אַ תחינה און אַ צאינה וראנה.

ר' יצחק דוד בן יחזקאל איז אַרומגעגאַנגען אויף וואַטע. ער איז געקומען אַהיים, איז געשטאַנען אין מיטן צימער און האָט געקוקט אויף זיינע ספרים־פּאַליצעס. יעדער ספר איז געווען אַ גליד פון זיינע גלידער, אַן אבר פון זיינע אברים; מיט יעדן ספר איז געווען פאַרבונדן אַ בלאַט געשיכטע פון זיין לעבן. אַ חוץ די ש"סן, וואָס האָבן באַצירט זיינע פּאַלי־צעס, די יורה דעות, די גאַנצע געזעג משניות און חומש, אַלע געבונדן אין טייערסטן לעדער, געליישט מיטן פיינסטן גאָלד, האָט ר' יצחק דוד נאָך געהאַט ספרים אַזעלכע און סידורים, וואָס זענען געווען זעלטנקייטן, באַ־פּוצטע מיט טאָוולען פון עלפאַנטביין מיט אויסגעקריצטע פיגורן, מיט בילדער פון חומש, פון גאַנצן תנ"ך. ספרים מיט גאָלדענע שלעסער; מחזורים מיט געשטאָכענע קופּער־טאָוולען באַצירט מיט זילבערנע שפּיצן. און אָט האָט ר' יצחק דוד דערזען פאַר זיך אַ ספר אַזאַ, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פון אַמסטערדאַם אַזש, דעם ספר „מליץ יושר", וואָס כאָטש ער איז געשריבן געוואָרן פאַר פּשוטע יידן, אַפילו פאַר ווייבער, האָט ר' יצחק דוד דאָך ליב צו כאַפּן אַ קוק אין אים.

פון פּאַליצע צו פּאַליצע איז ר' יצחק דוד געגאַנגען און אומעטום האָט ער געזען ספרים אַזעלכע, וואָס זענען ביי אים ליב געווען ווי קינ־דער אייגענע. זיין ווייבס ספרים, וואָס ער האָט אַמאָל געקוקט אויף זיי מיט אַ שטיקל ביטול, זענען אים איצט אַזוי טייער און נאָענט געוואָרן ווי זיינע אייגענע.

„אָט שטייט דאָ איר „מצוות הנשים", וואָס איז אַרויס אַזש אין ווענעציע, אין די ווייטע צייטן, אין יאָר 1550; און אָט שטייט זיין ווייבס אַ תחינה־ספרל, אַ תחינה־ספרל, וואָס הייסט „שקר החן" וואָס זאָגט צו

די ווייבער, אַז ווער עס וועט לייענען די תחינות וועט האָבן אַ רפואה צו דער נשמה אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. ר׳ יצחק דוד האָט דאָ אַ ביטולדיקן שמייכל געטון און גלייכצייטיק האָט אים עפּעס אַ ריס געטון אַ בענקשאַפט צו נעמען די תחינה און איר טוליען צו זיין האַרץ.

ר׳ יצחק דודס אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער די גאָלד־געליישטע רוקנס פון „ספר היראה" פון ר׳ יונה גירונדי; פון „סם חיים", פון „ספר מידות", פון „לב טוב" און פון „שמחת הנפש", און באַלד איז ער געווען ביים „מנורת המאור" פון ר׳ יצחק אבוהב, ביים „חובת הלבבות" פון רבנו בחיי און שוין האָבן זיינע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין יקר המציאות, דעם „יוסיפון", וואָס ער האָט זיך מיט יאָרן צוריק איינגע־האַנדלט אין קראָקע; אויף ורגאס „שבט יהודה", אויפן „צמח דוד", וואָס ער האָט ליב געהאַט צו בלעטערן שבת שפּעט נאָכמיטיק באַלד נאָכן אויפשטיין פון שלאָף. „מיט וועלכן ספר קען איך זיך געזעגענען, וועלכן ספר אַראָפּנעמען פון די פּאָליצעס?" האָט ר׳ יצחק דוד געביסן די נעגל. אים איז אַפילו נישט איינגעפאַלן קיין שמץ געדאַנק צו קוקן דאָרטן אַהין ווו זיין ש״ס, זיינע תנ״כן, זיינע משניותן, זיינע יורה דעות זענען געשטאַנען גדלותדיק און האָבן אַרויסגעקוקט פון די שויבן פון זייערע אָפּגעשלאָסע־נע חדרים מיוחדים אין די גלעזערנע שאַפקעס. זיי וועט ער מוזן אויסלייזן ביים שונא. זיי וועט ער מוזן לאָזן שטעמפּלען, פאַרזעצן די ציטער־שפּיל־קע, וואָס איז פאַרבליבן נאָכדעם ווי ער האָט צעטיילט זיין ווייב לאהס כמעט אַלע צירונג צו אירע נאָענטע און ווייטע קרובות. אָבער וועלכע פון די אַלע ספרים, אפילו די ווייבערישע, נעמט מען אַראָפּ פון די פּאָליצעס און מען באַהאַלט זיי ערגעץ אין די אינגעווייידן פון דער ערד אָדער גאָר ערגעץ ביי די קראָקוועס פון דאַך, ווו זיי וועלן אָדער פוילן אָדער וועלן ווערן, חלילה, אויפגעפרעסן פון ווערימלעך, פון מילבן!

טאָג נאָך טאָג איז ר׳ יצחק דוד בן יחזקאל געשטאַנען אַזוי און גע־שטאַרט אויף זיינע ספרים און די הענט האָבן זיך ביי אים נישט געלייגט אָנצורירן אַ ספר, אים צו פאַרמשפּטן אויף גניזה!

אין אָסטראָווע האָבן זיך געטראָגן בייזע קלאַנגען, איינער מוראַדי־קער פאַרן צווייטן: „מ׳וועט די בעסטע ספרים אויסקלייבן און מ׳וועט זיי פאַרקויפן קיין אויסלאַנד"; „מ׳וועט איינצאָלן איצט אין זילבערנעם גראָשן פאַרן שטעמפּל און אין אַ האַלב יאָר אַרום, אין דריי חדשים אַרום, אַז

דער שונא וועט האָבן געניויע רשימות פון ספרים אין יידישע הייזער, וועט ער לייגן אַ נייעם שטייער; „מ'וועט שטייערן און הייסן לייגן שטעמפּלען אויף שטעמפּלען!"

און יידן האָבן געגראָבן גריבער אין די פינצטערע נעכט און האָבן מקבר געווען ספרים אין קאַסטנס, אין פּעסלעך, אין שמאַטעס. משפּחהווייז האָט מען זיך מיטן ביסל ספרים אַרויסגעזעצט אויף פורן און מען האָט זיך געלאָזט צו די גרענעצן; און ביים איינבינדער נתן בן גדליה, וואָס האָט זיין אייגנס אויך געהאַט אַ שפּאָר ביסל ספרים, ביי אים זענען איצט געלעגן גאַנצע חמרים פאַרשיידענע ספרים. יידן זענען געזעסן ביי אים אין הויז און אים אָנגעוויזן: „בינדט, ר' נתן, די אַלע חומשים צוזאַמען, די אַלע „סוואַרבעס" אין איין באַנד; מאַכט פון די מחזורים איין מחזור; פון די תחינות איין תחינה; פון די משניותן איין ספר!"

דער איינבינדער נתן בן גדליה האָט צוזאַמענגעשטעלט פון פינף־זעקס, פון צען ספרים איין ספר און אַפילו עטלעכע גמראס האָט ער צו־זאַמענגעבונדן און געמאַכט פון זיי איין גראָבע גמרא, וואָס מען האָט קוים געקענט אויפהייבן. אַפילו ביי זיך אין די הייזער זענען געזעסן מע־נער, פרויען, קינדער; האָבן געריסן די טאָוולען פון ספרים; האָבן באַ־העפט תחינות מיט סידורים; תהילימלעך מיט עין יעקבלעך, מיט בענ־טשערלעך; מחזורים מיט חומשים; חומשים מיט משניותן, משניותן מיט גמראס.

הערש בער דער בעל־עגלה האָט צוזאַמענגענומען זיין ביסל ספרים און איז מיט זיי געקומען צו נתן איינבינדער. ער האָט געבעטן נתנען, ער זאָל אַזוי קאָמבינירן זיינע ספרים, אַז פון זיינע, פון הערש בערס, חומשים, פון זיין סידור, פון זיינע פּאָר משניותן, זאָל ווערן איין ספר און פון זיין ווייבס צאינה וראינה, פון אירע תחינות און מחזורים זאָל ווערן נאָך אַ ספר. „מער ווי צוויי זילבערנע גראָשן קען איך נישט צאָלן" — האָט הערש בער זיך געבעטן ביי נתן איינבינדער. און נתן איינבינדער האָט געקוקט אויפן פּאַק ספרים און האָט מאָדנע געשמייכלט: „ווי אַזוי ר' הערש בער? ווי קומט אַזאַ גרויסער טל ומטר אין אַזאַ קליין סידורל אַריין?" האָט ער אָנגעוויזן אויף עפּעס אַ קליין דין תחינהלע, וואָס הערש בער האָט אים געהייסן בינדן מיט צאינה וראינה.

ר' יצחק דוד בן יחזקאל האָט געוווסט, וואָס יידן טוען מיט זייערע

ספרים. ער האָט געזען ווי מען טראָגט איבער די גאַסן פון נתן איינבינ־
דערס הויז צו זיך אַהיים אַזעלכע משונהדיק־מאָדנע ספרים, ספרים מיט
טאָוולען ווי די ווענט פון יריחו, ספרים מיט רוקנס אַזעלכע ווי מרדכי
לייב קצבס אָנגעפּרעסענער קאַרק. ער האָט געזען ווי ייִדן רייסן די טאָוו־
לען פון זייערע ספרים, רייסן די שער־בלעטער און קאָמבינירן זיי מיט
אַנדערע ספרים, מאַכן פון פאַרשיידענע גרייס און לענג און גרעב אַן
אומגעלומפּערטן ספר. ער איז אַוועק אַהיים; האָט געקוקט אויף זיינע פּאָ־
ליצעס ספרים, האָט געקוקט אויף זייערע גאָלד־געליישטע, באַצירט־לע־
דערנע רוקנס און האָט מיט שטייפקייט אַ זאָג געטון: „ניין, כ׳וועל נישט
רייסן, כ׳וועל נישט פליקן, כ׳וועל נישט צעקאַליעטשען מיינע ספרים!“

***

און אָט איז אָנגעקומען דער טאָג פון דער גרויסער ציילונג. פאַר
מנחה־צייט האָבן אַלע ייִדן אין שטאָט געדאַרפט ברענגען זייערע ספרים
מיט רשימות פון זיי אין בית־המדרש אַריין ווו וואַצלאַוו פּאַפּראָצקי מיט
אַ צאָל געהילפן פון דער שטעמפּל־רעגענץ אין וואַרשע האָבן געדאַרפט
שטעלן שטעמפּלען אויף אַלע ייִדישע ספרים און קריגן געצאָלט אַ זיל־
בערנעם גראָשן פאַר יעדן ספר.

צום בית־המדרש צו האָבן זיך געצויגן ייִדן מיט זייערע ווייבער און
קינדער. יעדערער האָט געטראָגן איינעם אָדער צוויי מגושמדיקע ספרים,
שנעל צונויפגעבונדענע, ספרים אויף וועלכע נתן איינבינדערס פּאַפּ איז
נאָך נישט געווען טרוקן.

ר׳ יצחק דוד בן יחזקאל האָט די נאַכט פאַרן טאָג פון דער גרויסער
ציילונג קיין אויג נישט צוגעטון. מיט פאַרשטאַרטע אויגן איז ער צו צו
אַ שאַפע, האָט אַ כאַפּ געטון אַ ספר, אים אַריינגעלייגט אין אַ קעסטל און
שוין איז ער געווען לעבן אַן אַנדער שאַפקע, לעבן אַן אַנדער פּאָליצע.
ער האָט שנעל אָנגעפילט איין קעסטל מיט ספרים, אַ צווייטס און האָט
עס מיט שטילע, געאיילטע טריט געטראָגן אין קעלער אַריין; עס באַ־
האַלטן הינטער אַ פאַלשער וואַנט אין קעלער. עס איז געוואָרן שיטערער
אויף די פּאָליצעס. שטיקער וואַנט האָבן פאַרחושכט אַרויסגעקוקט פון די
ערטער ווו עס זענען מאַיעסטעטיש נאַרוואָס געשטאַנען ספרים־פרינצן
מיט שטאָלצע גאָלד־געליישטע רוקנס. ביז פאַרטאָג האָט ר׳ יצחק דוד

בן יחזקאל אַזוי געטראָגן זיינע ספרים אין די קעסטלעך און האָט זיי פאַרגראָבן ערגעץ־ווו צווישן די טוכלע ווענט פון קעלער. און ווען דער ערשטער שפּראָץ אויף טאָג האָט אַ שניט געטון דעם הימל האָט ר׳ יצחק דוד אַריינגעשטעלט אין דער פאַלשער וואַנט אַריין אַ פּאָר רייען ציגל, האָט זיי פאַרשמירט מיט ליים און מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך אַרויפגעשלעפּט אין הויז אַריין!

אַ באַגינענדיקער פּאַס ליכט האָט זיך געצויגן איבער דער וואַנט ווו עס זענען געווען די פּאַליצעס, וואָס זענען איצט געווען מער ווי אַ העלפט ליידיק. ר׳ יצחק דוד האָט געקוקט אויף די נאַקעטע ווענט, אויף די פלעקן אויף די ווענט. עס איז אים געוואָרן אומהיימלעך, קאַלט און אומעטיק. ווי ער וואָלט נאָרוואָס געקומען פון אַ לוויה פון זיינס אַ קינד, אַזוי האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט פאַר צער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט ווי עס וויינען די ספרים אין קעלער, ווי עס וויינען די ספרים אויף די פּאַליצעס. זיי בענקען איין ספר נאָכן אַנדערן.

„וואָס טוט מען וואָס, פּאָטער אין הימל?״ האָט ר׳ יצחק דוד גע־שפּרייזט איבערן הויז, האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט, האָט זיך אָנגעלענט אין די ליידיקע פּאַליצעס, האָט אַ מידער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און איז אַזוי געבליבן זיצן אין אַ טיפן, מוראדיקן שלאָף.

„איך, דער פּרנס משה בן שלמה, שווער, אין נאָמען פון אַלע פּרנסים, אין נאָמען פון רב, פון דיין, פון אַלע יידן, אַז די ספרים, וואָס זענען דאָ געבראַכט געוואָרן צום שטעמפּלען, די ספרים אין צאָל פון חמש מאות ושישים ושמונה, וואָס זענען ספרים הן של אנשים, הן של נשים והן של קטנים, זענען אַלע ספרים, וואָס מיר ווייסן, אַז יידן אין דער קהילה קדושה אָסטראָווע לעבן בראָק, ביים טייך בוג, פאַרמאָגן. אַזוי שווערן מיר אונטער אָ... אונטער אַ... יאָ, מיר אַלע...״

דער פּרנס משה בן שלמה האָט נישט געקענט ענדיקן זיינע רייד. ער האָט געזען ווי דער רב ר׳ אליעזר בן יוסף, ווי די פּרנסים, ווי דער דיין, ווי אַלע יידן קוקן צעשראָקן דאָ אויפן שרייבער פון צאַל־קאַמער פּאַפּראָצקי, דאָ צו דער טיר פון בית־המדרש. ער האָט געוווסט, אַז זיי אַלע קוקן זיך אויס די אויגן, וואַרטן אויף ר׳ יצחק דודן. אפשר וועט ער זיך פּאָרט באַווייזן מיט זיינע ספרים, מיט זיין רשימה.

„דער אוניווערסאַל וועגן געשטעמפּלטע יידישע ספרים הייסט **אייך**

אַלע שווערן אונטער אַ חרם פון דער ייִדישער רעליגיע, אַז די צאָל ספרים, וואָס איר פון פאָלק פון נידעריקסטן פוסבענקעלע גיט אָן איז אַ ריכטיקע!״ האָט פּאַפּראָצקי זיך צעבייזערט ווען ער האָט געזען, גע־הערט ווי דער פּרנס משה בן שלמה שטאַמלט.

און ר׳ יצחק דוד בן יחזקאל האָט ביי די ערשטע קילע אָוונט־ווינט־לעך זיך אויפגעריסן פון שלאָף. ער האָט זיך דערזען זיצן אויף דער ערד; האָט דערזען די ליידיקע פּאָליצעס; האָט זיך דערמאָנט וואָס היינט איז: „די גרויסע ציילונג״, האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין מוח: „אַלע ייִדן מוזן שוין מסתמא באַלד גיין אין בית־המדרש, איז וואָס זיץ איך, וואָס?״

ער האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די פיס; האָט דערזען ווי עס שטאַרן לעכער, נאַקעטע ווענט אויף אים. „ווו זענען מיינע ספרים, ווו?״ איז ער אויף זיך בייז געוואָרן. „כ׳וועל מיט אַזעלכע ווענט נישט קענען לעבן, כ׳וועל מיט די ליידיקע פּאָליצעס נישט בלייבן!״ אַ שטאַרקע בענק־שאַפט נאָך זיינע ספרים האָט אים באַנומען. ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ האַק, איז אַראָפּ אין קעלער; האָט שנעל געבראָכן די פאַלשע וואַנט; האָט אַ נעם געטון אַ שטויס ספרים; האָט אים געטוליעט צו זיך; האָט אים געטראָגן צו די פּאָליצעס; האָט אויסגעשטעלט די ספרים אויף זייערע ערטער; איז געלאָפן אַראָפּ און אַרויף פלינק ווי אַ ווערוערקע; „ס׳איז דאָ אַ גאָט אין הימל; ער וועט העלפן; ס׳איז דאָ אַ שאָפּענער פּוטער, ס׳איז דאָ אַ גוטער הענגלאָמפּ; ס׳געפינען זיך נאָך גאָלדענע בעכערלעך, וואָס מ׳האָט שוין לאַנג נישט גענוצט; ס׳איז דאָ ב״ה וואָס צו טוישן אויף רויטע גילדנס!״ האָט ר׳ יצחק דוד בן יחזקאל געשעפּטשעט צו די ספרים מיט צאַרטקייט, מיט ליבע, בעת ער האָט זיי צוריק אויסגעשטעלט אויף זייערע פּאָליצעס און ווען די פּאָליצעס זענען צוריק געווען באַשטעלט מיט די ספרים מיט די לעדערנע רוקנס, מיט די גאָלד־געליישטע רוקנס און ווען ר׳ יצחק דוד האָט באַשיימפּערלעך געהערט ווי די ספרים אויף די פּאָליצעס האָבן זיך אויפן קול צעזונגען אין אַ שירה צום בורא העולם האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט אַוועקגעשפּרייזט אין בית־המדרש אַריין.

די טיר פון בית־המדרש האָט זיך אימפּעטיק צעפּראַלט. דער פּרנס משה בן שלמה האָט דערזען ר׳ יצחק דודס הויכע געשטאַלט, וואָס האָט מיט שנעלע טריט זיך געטראָגן צו אים.

„כ׳בין נאָרוואָס אָנגעקומען פון אַ וויטער רייזע, הויכגעבוירענער

רעוויזאָר, הער וואַצלאַוו פּאַפּראָצקי, און כ'בין געקומען מעלדן, אַז די צאָל פון מיינע ספרים אויף וועלכע כ'בין גרייט צו צאָלן אַ זילבערנעם גראָשן שטעמפּל־געלט פאַר יעדן איינעם איז..."

„מיר שווערן אונטער אַ חרם, אַז דער סך־הכל הספרים פון אַלע יִדן אין דער קהילה קדושה אָסטראָווע ביי בראָק, אויפן בוג, חוץ די ספרים פון ר' יצחק דוד בן יחזקאל איז..." האָבן דער רב, דער דיין און די פּרנסים געשווירן. „מיר ווייסן נישט, אַז עמעצער פון אונדזערע ברי־דער וויל אויסמיידן צו צאָלן דעם שטעמפּל־אָפּצאָל לויטן יושרדיקן און גערעכטן געזעץ פון אונדזער גרויס און הייליק לאַנד פּוילן. אָמן!"

„אָמן", האָט געענטפערט די גאַנצע קהילה.

„אָמן!" האָט אַרויסגעכליפּעט הערש בער דער בעל־עגלה, וואָס האָט נישט געוווּסט פון וואַנען די פּאָר זילבערנע גראָשנס אויף די שטעמפּלען וועלן קומען.

„אָמן!" האָט ר' יצחק דוד געשעפּטשעט צו די לייבן איבערן אָרון קודש און ער האָט געפילט, אַז אַ זיסע וואַרעמקייט צעגייט זיך איבער זיינע גלידער, ווען ער זעט פאַר זיך זיינע אַלע ספרים צוריק אויף זייערע ערטער אויף די פּאָליצעס, אַ זיסע וואַרעמקייט אַזאַ, וואָס וועט אים מסתמא אַ סך מער וואַרעמען ווי דער שאָפּענער פוטער, מיט וועלכן ער וועט זיך די טעג דאַרפן געזעגענען אויף אייביק, אויף שטענדיק, אויף אַלע ווינטערן, וואָס זענען אים נאָך פאַרבליבן צו לעבן אויף דער זינ־דיקער וועלט, ווו זיין פאָלק, דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, די זרע אברהם, יצחק ויעקב ווערט מזלזל, ווערט אָנגערופן „דאָס פאָלק פון נידעריקסטן פוסבענקעלע".

„אַז אָך און וויי צו אייך!" האָט ר' יצחק דוד געשעפּטשעט דאָרט אַהין, ווו דער שטייערן־מאָנער פּאַפּראָצקי איז געשטאַנען און האָט גע־שרויפט זיינע אָנגעשטייפטע וואָנצעס, האָט זיי גדלותדיק געשרויפט אויף אַרויפצו, צו זיינע שפּיזיק־קאַלטע אויגן. ער האָט געקוקט אויף פּאַפּראָצ־קין און אַ ביטול־שמייכל האָט זיך געשפּרייט אויף זיין פּנים:

„וויפל רויטע גילדן וואָלט איר געקענט צונויפנעמען, אַ שטייגער, ווען איר לייגט אַרויף אַ שטעמפּל אויף אַלע ביכער, וואָס געפינען זיך אויף די פּאָליצעס ביי אייך, ביים פאָלק, וואָס רופט אונדז יִדן, „ס'פאָלק פון נידעריקסטן פוסבענקעלע?" וויפל, נו, טאַקע יאָ, וויפל?"

„מאַלקולישע געדאַנקען"

די אַלמנה מרת גליקל האמעלן האָט מיט ציטערנדיקע פינגער אָפגעדעקט דעם גרויסן, פירקאַנטיקן שפיגל, וואָס איז געווען פאַרהאָנגען זינט יענעם פינצטערן טאָג, מיט אַ יאָר צוריק, ווען איר גאָטזעליקער מאַן ר׳ חיים האַמעלן איז אַוועק אויפן עולם האמת. מרת גליקל האָט אין יענעם טאָג אַ נדר געטון, אַז זי וועט אַ גאַנץ יאָר, ביזן ערשטן יאָרצייט, קיין קוק נישט טון, נישט אויף איר פנים, און, אויף ווי ווייט מעגלעך, אַפילו נישט אויף איר לייב. זי האָט דערפאַר ביים וואַשן זיך געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן זי זאָל איר אייגענעם אָפבילד נישט זען אויף דער פלאַך פון דער שיסל וואַש־וואַסער. איצט, אַ יאָר און אַ טאָג נאָך איר ר׳ חיימס פטירה, איצט, ערב־שבת, האָט זי אַראָפגענומען דעם ברייטן טערקישן טוך, וואָס האָט פאַרדעקט דעם שפיגל און זי האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויף זיך. זי האָט מיט פאַרקלאַמערטע אויגן געהאַלטן דעם טערקישן טוך אין האַנט און האָט נישט געוואַגט צו עפענען די אויגן.

„כ׳מוז אַוודאַי אויסזען אַלט און גערונצלט!" האָט זי געשעפטשעט צו זיך אַליין און איר שעפטשען האָט זיך געטראָגן איבערן רוים פון איר געראַמען, ברייטן, האַלב־טונקעלן שלאָפצימער, ווו עס איז רויִק און געמיטלעך געלעגן אין הענג־וויגעלע איר זעקסחדשימדיק טעכטערל, איר צוועלפט קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן זעקס חדשים נאָך איר מאַנס, ר׳ חיים האַמעלנס פטירה.

„צוועלף יתומים און צוואַנציק טויזנט רייכסטאַלער חובות!" האָט מרת גליקל האַמעלן געוויספערט צום הענג־וויגעלע. זי האָט מיטאַמאָל צעעפנט די אויגן, האָט אַ קוק געטון אויף זיך אין שפיגל און עס האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן אַ מאָדנע פרעמדער, איבעראַשנדיק־פריידיקער אויס־

רוף „האָ! וואָס?“ זי האָט אירע אויגן נישט געגלויבט. זי האָט געשטוינט. זי האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַ קוק געטון צי אירע אויגן נאַרן איר נישט און ווען זי איז געוועזן זיכער, אַז דאָס זעט זי זיך אַליין, גליקלעך, זיך אַליין מיטן הייבל אויפן קאָפּ, מיטן געשטריקטן שאַל אויף די אַקסלען, מיטן שנירל פּערל אויפן האַלדז, וואָס זי האָט דעם פרימאָרגן אָנגעטון, אַז זי איז געוועזן אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס איז זי, האָט זי זיך פריידיק צעלאַכט. איר געלעכטער האָט אין אירע אויערן געקלונגען ממש האַלבפאַרשייט. אָנשטאָט צו זען פאַר זיך אַן אַלטע, צעקנייטשטע פרוי, אַ פרוי, וואָס איז שוין לאַנג אַ באָבע, וואָס האָט שוין, קיין עין־הרע, אַכט אייניקלעך, האָט זי פאַר זיך געזען יענע גליקל, וואָס האָט געגלאַנצט און געשיינט מיט אַלע חנען און לייטזעליקייטן, ווי זי האָט געשיינט אויף איר טאָכטער ציפּורהס חתונה, ווען זי איז מיט איר מאַן, ר׳ חיים האַמעלן ז״ל, אָנגעקומען קיין קלעווע, ווו דער מחותן, ר׳ אליהו גאָמפּערץ האָט געוווינט. דעמאָלט דאָרט אין קלעווע, ווו דער קורפירשט פרידריך ווילהעלם פון בראַנדענבורג, איז צופעליק געווען אויף יאַגד און ער האָט זי געזען אויף דער חתונה פון איר טאָכטער ציפּורה. דעמאָלט האָט דער קורפירשט לאַנג און מיט שפּיזיק־שאַרפע אויגן געקוקט אויף איר און האָט אַ זאָג געטון צו ר׳ אליהו גאָמפּערץ: „דאָס דאָזיקע מיידל איז אַ פּרעכטיקע פּרינצעסין פון אייִדלסטן באַשאַף“. און אַז איר מחותן, דעם קורפירשטס אַ בוזעמפריינט, האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ מוטער פון אַכט קינדער, אַז זי איז זייַן נייַער שנורס מוטער, האָט דער קורפירשט אויסגעשריגן: „אַך, דאָס איז דאָך אומגלויבלעך!“

אַוודאַי איז זי הייַנט שוין נישט אַזוי יונג ווי זי איז געווען אויף איר טאָכטער ציפּורהס חתונה, אָבער די גלאַטקייט פון איר הויט, די עפּל־רויטקייט פון איר פּנים, דער גלאַנץ אין אירע אויגן, די פרישקייט, וואָס זי זעט אַרום זיך, די אַלע יוגנטלעכע חנען זענען ווייט נישט פון קיין באָבע. ניין, „מיידלעך זענען נישט אויס פרישער פאַר מיר!“ האָט זי מיט צופרידנקייט און מיט אַ פריידיק־מאָדנעם שמייכל אַ זאָג געטון און זי האָט זיך באַלד פאַרשעמט פאַר אירע זינדיקע, פאַר אירע פרעמדע געדאַנקען.

„ווינד איז מיר און ווי איז מייַנע מחשבות!“ האָט זי געבראָכן די געלענקען פון אירע פינגער. זי האָט זיך מיט שרעק ארומגעקוקט איבערן

צימער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט איר מאַן, ר׳ חיים האַמעלנס טריט הינטער אירע פּלייצעס. זי איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט. זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי פלעגט אַמאָל אַזוי שטיין דאָ אין שלאָפצימער, זי פלעגט שטיין פאַרגאַפט, שטיין מיט שטאָלץ און זיך צוהערן מיט וואַסער לויטערן ברען, מיט וואָסער פייערלעכער התלהבות איר ר׳ חיים האַמעלן פלעגט אין זיין צימער, דאָרט הינטער דער טיר, תפילה טון הויך אויפן קול און רופן צו גאָט ברוך הוא ער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין פאָלק און זיי אויסלייזן פון גלות. איר מאַן ז״ל איז געווען אַזאַ איבערגעגעבענער געטרייער פאָטער פאַר זיין ווייב און זיינע קינדער, איז געווען אַזאַ פרומער, גוטער ייד און דאָ, ערשט, איין יאָר נאָך זיין פּטירה, שטייט זי שוין ביים שפּיגל און זוכט מיידלשע שיינקייט און חן אין איר אַלט, זינדיק לייב!

„אוי, דערבאַרעמדיקער פאָטער אין הימל, אב הרחמים, האָב רחמנות אויף דיין שפחה גליקל, די טאָכטער פון ר׳ לייב פּינקערלע, ז״ל, דער פרנס פון דער קהילה קדושה האַמבורג; דערבאַרעם זיך איבער דער אַלמנה פון צוועלף יתומים, איבער דער זינדיקער מאַמע פון דעם פּיצעלע, פון מיין עופהלע מרים, וואָס ליגט דאָרט אין הענג־וויגעלע און ווייס נישט ווי איינגעטונקען אין זינד איך בין!״

מרת גליקל האַמעלן האָט אַזוי תפילה געטון צו גאָט, האָט געבעטן מיט אירע אייגענע ווערטער און האָט פון זיך געוואָלט פאַרטרייבן די מחשבות זרות, וואָס האָבן איר אָנגעהויבן צו מאַטערן איצט, אַ יאָר נאָך איר מאַנס פּטירה.

אַ גאַנץ יאָר איז זי געווען אייזן־שטאַרק, האָט געטריבן פון זיך אַלע זינדיקע געדאַנקען, ווי זי האָט געטריבן פון זיך די שדכנים, וואָס האָבן ביי איר געריסן די טירן, שדכנים, וואָס זענען געקומען פון מעץ, פון האַנאָווער, פון אַלטאָנא, פון בערלין און פון בייערסדאָרף, ווו איר זון, ר׳ משה זאָל לעבן, איז איצט מרא דאתרא. מען האָט איר גערעדט די געהויבנסטע שידוכים, מיט קרוין־קעפּ פון ישראל, מיט רבנים און פרנסים, אָבער זי האָט ביזן יאָר נישט געוואָלט הערן פון די אַלע שידוכים, נישט געוואָלט טראַכטן אַפילו, אַז נאָך איר ר׳ חיים וועט קענען קומען אַן אַנדערער מאַן און זיין מיט איר! און אָט, איצט, באַלד צום יאָר, איצט ווען אין הויז זענען דאָ צו גאַסט אי די טאָכטער ציפּורה פון קלעווע,

אי ר׳ מרדכי, ר׳ נתן, אי ר׳ משה דער רב פון בייערסדאָרף, איצט, ווען זיי זענען געקומען אויף יאָרצייט צום טאַטן, ר׳ חיים האמעלן ז״ל, איצט האָט זיך איר זודיק בלוט צעקאָכט אין איר און ווי עכברים זענען די זינדיקע געדאַנקען איר באַפאַלן!

מיט די לאַנגע, דורכזיכטיקע פינגער, ווי צום ליכט־בענטשן, האָט זי פאַרדעקט איר פנים און זי האָט זיך אַוועקגעקערעוועט פון שפּיגל. מיט בייטשן האָט זי געטריבן פון זיך די געדאַנקען וועגן איר חנעוודיק־פרישן אויסזען און ווי אויף צו־להכעיס האָט זי כסדר פאַר זיך געזען איר יוגנטלעכן פנים, אירע גלאַנציקע, גלוסטיקע אויגן און די פרישע, צערויטלט־תאוהדיקע חן־גריבעלעך אויף אירע באַקן.

„ווינד און ווי איז מיין זינדיקער נשמה!״ האָט זי זיך געראַנגלט מיט אירע געדאַנקען. זי האָט עפּעס געזוכט אַרום זיך און זי האָט דערזען נישט ווייט פון איר בעט איר שענקל ספרים, וואָס זי האָט געהאַלטן גרייט לעבן זיך כדי זיך צו קענען אויסגיסן דאָס האַרץ פאַרן פאָטער אין הימל, ווען ס׳געמיט איז איר שווער געוואָרן. דאָס שענקל ספרים אויף „טייטש״ האָט זי נאָך מער אָנגעפילט, ממש אָנגעפּראָפּט מיט נייע ספרים ערשט נאָכדעם ווען זי איז געבליבן אַן אַלמנה. די נעכט זענען איר געוואָרן לאַנג און לענגער און זי האָט אָנגעהויבן צו ליגן וואָך גאַנצע שעהן. פון וואָך צו וואָך איז זי געלעגן אַלץ מער שעהן און האָט געקוקט, געשטאַרט אין די פינצטערנישן אַריין און מוראדיקע געדאַנקען האָבן אָנגעפילט איר האַרץ. זי האָט זיך געשראָקן, אַז זי וועט פאַלן אַ קרבן פון אַ משונהדיקער מעלאַנכאָליע, האָט זי איר צער אין די לאַנגע נעכט אַריינגעווייינט אין אירע טייטשישע ספרים און ס׳געמיט פלעגט איר לייכטער ווערן. איצט, כדי צו אַנטלויפן פון אירע זינדיקע געדאַנקען, איז זי צו צום שענקל טייטשישע ספרים ווי אַ דורשטיקער לויפט צו אַ וואַסער־קוואַל. זי האָט געקוקט אויף די רוקנס פון אירע ספרים און זי האָט געקליבן עפּעס אַ ספר, וואָס זאָל איר צענעמען, וואָס זאָל פאַרטרייבן די מחשבות זרות פון איר האַרץ. די קליינע תחינות, די אַנדערע ספרימלעך, די ספרים, ווי ר׳ משה אלטשולערס „בראַנטשפּיגל״, ר׳ יצחק בן אליקומס „לב טוב״, האָבן איר איצט נישט געצויגן צו זיך. זי האָט דערזען דאָס ספרל, וואָס זי האָט שוין נישט איינמאָל געלייענט, אָבער ס׳האָט יעדעס מאָל אויפסניי צעריסן איר האַרץ, ווי עס צערייסט איר ס׳האַרץ דאָס געוויין פון ירמיהו

אויפן חורבן ירושלים. זי האָט דערזען דאָס דאָזיקע ספרל, וואָס הייסט „איין קינה על גזירות הקהילות דק״ק אקר״ייני״. מיט פלאַטערנדיקע הענט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען פון בייזע רוחות, וואָס פאַר־פאָלגן איר, האָט די אַלמנה מרת גליקל האַמעלן אַן עפן געטון די קינה און זי האָט מיט אַ דערשלאָגן געמיט אָנגעהויבן צו לייענען:

„איר ליבי פרייד, לאָט אונש וויינען און קלאָגן
אויף די גזרות, וואָש געשען זיינען און אונזערן טאָגן
השנת חבל״י משי״ח, טעטן אונש קאָזאַקן יאָגן
מיט גרויש אַכזריות, איז נישט מעגליך צו זאָגן״.

פאַר אירע אויגן זענען איצט געלאָפן בילדער פון איר צאַרטסטער יוגנט, קינדהייט, פון יענע טעג ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין, אַ פיצל קינד ביי איר פאָטער ר׳ לייב פינקערל אין הויז, ווען עס זענען אַהין גע־קומען די דערשלאָגענע, קראַנקע פליטים פון ווילנע, די וואָס זענען אַנט־לאָפן פאַרן רוצח כמיעלניצקי, וואָס האָט אויסגעשאָכטן גאַנצע קהילות ייִדן!

„מיט קאָסים זענין די רשעים גילאָפין, אַז מען שנייד זאַנגען
ספרי תורות צו הקיט גרויז געמאַכט פאָסט ליז אויף פיסן,
הייליגי תורה, ווי זאָל דיך דאָש ניט פאַרדריסן
אוי ווייַ, ווי האָט מען פאַראומריינגט דייני ריד די זיסן
דרום מיינע אויגן מיט טרערן אַז איין באַך פליסן!״

פון מרת גליקלס אויגן זענען איצט טאַקע געפלאָסן בעכן טרערן. מיט אַ פאַרשטיקט קול, מיט יאָמער אין קול האָט זי שטיל, איינגעהאַלטן, נישט צו וועקן איר טעכטערל מרים, געלייענט:

„יחיד, זע ווי הרגת מן דיא מוטר מיט איר קינד,
מיט אַכזריות ניט וויא מען עש אין דער תורה גפינד,
די מתים, לאָזן ליגן אים רעגן און ווינד
אַך פיל לעבנדיגרהייט אין גראָבן גיוואָרפן גשווינד!
איינר פרויא פלייש איז גשניטן בייא לעבנדיק לייבן
נירעט: עז איז נון כשר גווייקט, לאָש מען עס מיט זאַלץ רייבן״.

ווי מען וואָלט אויף צעשניטן לייב געשאָטן זאַלץ, האָט איצט גליקל האמעלן געפילט. זי האָט מיט די פאַרלאָפענע אויגן מער נישט געקענט לייענען. זי איז געבליבן זיצן און האָט זיך געשאָקלט הין און צוריק און מיט איר געדאַנק איז זי אַוועק צו איר פאָטער אין הויז, צום בוידעם, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל פאַר די פּליטים פון ווילנע, די פּליטים פון די שחיטות פון רשע כמיעלניצקי, ימח שמו.

גליקל האָט אָפט ליב געהאַט צו טראַכטן וועגן יענע ווייטע, גאָר ווייטע טעג ווען זי איז געווען אַ פּיצל קינד ביי איר פאָטער אין הויז. ווען זי האָט זיך מיט אירע מחשבות אַוועקגעלאָזט אַהינצו, אין יענע טעג אַריין, האָט זי געזען זאַכן און מענטשן, האָט אַפילו געהערט זייערע שטימעס קלאָרער און דייטלעכער ווי זי זעט די מענטשן, וואָס זי האָט באַגעגנט ערשט נעכטן, אייערנעכטן. אַפילו איר פאָטער, איר מוטער, זיי זעט זי אויך קלאָרער ווי זיי האָבן אויסגעזען אין יענע ווייטע טעג ווי זי געדענקט זיי פון שפּעטערדיקע יאָרן, אָבער דייטלעכער פון אַלע געדענקט זי און הערט די שטימע פון איר באָבען, איר מוטערס מאַמע, וואָס איז אין יענע ביטערע טעג אַוועק פון דעם עולם התהו.

די ייִדן זענען דעמאָלט געלאָפן אין בהלה פון ווילנע. זיי האָבן מיט זיך געטראָגן פּחדים און אַלע סאָרטן קרענק. ביי איר פאָטער אין הויז זענען געווען קליינע קינדער. זי, גליקל און איר שוועסטער עלקע, זענען נאָך געווען עופהלעך. אין יעדער ייִדישער שטוב האָט מען אַריינגענומען איינעם, צוויי פון די פּליטים. די באָבע האָט געזאָגט, אַז מען מוז אַריינעמען אין הויז אַריין פופצן, צוואַנציק ייִדן. דער פאָטער האָט מורא געהאַט, אַז די פּליטים זאָלן חלילה נישט אַריינברענגען די חולאתן, וואָס זיי האָבן מיט זיך געפירט צו אים אין הויז אַריין. ער האָט זיך געבעטן ביי דער באָבען זי זאָל נישט אַריינעמען צופיל פּליטים. די באָבע האָט פאַרוואַנדלטביידע בוידעם־שטיבלעך אין שפּיטאָלן. זי האָט אַריינגענומען צען קראַנקע ייִדן. טעג און נעכט איז זי אַרום זיי אַרומגעגאַנגען, האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון טויט. און אָט איז זי אַליין, אַ זקנה פון פיר־און־זיבעציק יאָר, קראַנק געוואָרן. גליקל און איר שוועסטער עלקעלע זענען אויך קראַנק געוואָרן. די באָבע מיט די אייניקלעך זענען אַלע דריי געלעגן אין איין צימער. די באָבע האָט דערפילט, אַז אירע טעג ענדיקן זיך. זי האָט אַריינגערופן איר איידעם, גליקלס פאָטער, און גליקל געדענקט גענוי, ווי עס

װאָלט איצט געװען, זי זעט פֿאַר זיך איר באָבען, הערט איר שטימע און זי זעט איר פֿאָטער, װאָס שטײט איבערגעבױגן איבער דער באָבעס בעט. און די באָבע זאָגט: „מײַן זון, איך גײ איצט דעם װעג פֿון אַלע מענטשן. איך בין אַ לאַנגע צײַט געװען אין אײַער הױז און איר האָט מיך געהאַלטן מיט אַזאַ כּבֿוד װי נאָר מען האַלט אַ לײַבלעכע מאַמע. איר האָט מיר געגעבן צו עסן און צו טרינקען און מיך געקלײדט מיט אַ ברײטער האַנט". דער באָבעס אױגן האָבן געקוקט מיט גלעטנדיקער ליבע. איר שטימע האָט זיך אָנגעהױבן צו ברעכן. זי האָט זיך געבעטן מען זאָל אינזינען האָבן אירע אײניקלעך פֿון איר זון מרדכי, מען זאָל אַלץ, װאָס זי פֿאַרמאָגט, זײ איבערגעבן. גליקל געדענקט װי איר פֿאָטער האָט זיך געבעטן בײַ דער באָבען זי זאָל פֿון טױט נישט רעדן: „מײַן ליבע שװיגער און מוטער", האָט ער מיט אַ גלעטנדיקער שטימע גערעדט, „זײַט רויִק, איך בעט אײַך, גאָט װעט געבן, אַז איר װעט נאָך בלײַבן בײַ אונדז אױף לאַנגע יאָרן!"

גליקל זעט פֿאַר זיך איצט דעם טאַטנס פּנים, װאָס פֿלאַמט, װאָס איז פֿול מיט צאַרטקײט און מיטגעפֿיל פֿאַר דער באָבען. מען האָט גליקלען און איר שװעסטער עלקען אַרױסגענומען פֿון דער באָבעס צימער. די באָבע איז אַװעק אױפֿן װעג װוּ עס גײען אַלע מענטשן, אָבער איר קול און איר פּנים װעט גליקל קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן.

גליקלען האָט זיך אָנגעהױבן צו דאַכטן, אַז איר זכּרון װערט איר בכלל שטאַרקער, װאָס עלטער זי װערט. נישט נאָר געדענקט זי אַזעלכע װיכטיקע געשעענישן װי איר באַבעס טױט, נאָר זי געדענקט אַפֿילו װי אַזױ עס האָט אױסגעזען יענער שװידערלעכער װינטער װען איר פֿאָטערס גאַנץ הױז איז אינמיטן דער נאַכט געלאָפֿן פֿון אלטאָנא קײן האַמבורג. זי זעט איצט פֿאַר אירע אױגן װי די װעגן זענען װי שטיקער גלאָז און װי די בײמער בײַ די זײַטן פֿון די װעגן שטײען שטײַפֿע, מיט לאַנגע, אײַזיקע טײַטל־פֿינגער און זײ בלישטשען אין דער נאַכט אַרײַן, װי װעלפֿישע אױגן, און אַ בײזער, שנײדיקער װינטער יאָמערט אין די װעלדער, אױף די פֿעלדער. װען זי װאָלט געקענט װאָלט זי איצט זיך צוגערוקט צום „קלאַף־צימיר", צו דער שפּיל־מאַשין, װאָס לײַטן רופֿן קלאַװין־צימבל, און װאָס טײל רופֿן גאָר פֿאָרטעפּיאַנע און זי װאָלט איצט אױסגעשפּילט יענעם יאָמערלעך־מוראדיקן געװײן פֿון װינט, װאָס האָט זיך פֿאַרטשעפּעט

אין די שטייפע צווייגן פון דיביימער, אין די געפרוירענע פינגער, וואָס זענען נאָכגעהאַנגען ביי די צווייגן.

אַ מאָדנע זאַך קומט מיט איר פאָר. צייט איר מאַן, ר׳ חיים האמעלן ז״ל, איז נפטר געוואָרן האָבן זיך אין איר בוזעם צעשטורעמט אַזויפיל בענקשאַפטן, האָבן זיך אין איר מוח אויפגעוועקט אַזויפיל זכרונות, אַז זי וואָלט געקענט זיצן און דערציילן טעג און נעכט, דערציילן אָן אַן אויפהער, וואָס זי געדענקט פון איר פריסטער יוגנט ביז היינט.

„דאַכט זיך ערשט נעכטן איז אַלץ פאָרגעקומען, אָט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען!״ האָט גליקל געשעפטשעט צו זיך אַליין. זי האָט באַמערקט ווי דאָס הענג־וויגל האָט זיך אַ טרייסל געטון. זי איז צוגעגאַנגען צום וויגל, האָט עס אַ הוידע געטון, האָט פאַרזשמורעט אַן אויג און האָט גע־קוקט דאָ צום פאַרדעקטן „קלאַף־צימיר״, וואָס שטייט שוין אַזוי יאָרן און קיינער נוצט אים נישט, און דאָ אויף דער ברוין־לעדערנער קאַנאַפּע ווו איר מאַן ז״ל פלעגט זיך אָפּט בייטאָג צושפּאַרן.

„נישטאָ חיים, נישטאָ, נישט אין בעט און נישט אויף דער קאַנאַפּע!״ האָט זי מיט פאַרזשמורעטן אויג געקוקט אַהין ווו זי פלעגט זען איר חיימען ז״ל ליגן און איר האַרץ פלעגט דעמאָלט קוועלן מיט ליבע און בענקשאַפט צו אים.

גליקל האָט מעכאַניש געהוידעט דאָס הענג־וויגל און ווי דורך כישוף, ווי אויף פליגל איז זי געווען איצט אין דער קאָטש, וואָס האָט איר, אַ 14־יעריקער כלה, געפירט קיין האַמעלן, צו איר חתונה מיט חיימען, און אָט איז זי פון וויסטן ווינקל אין האמעלן, ווו עס האָבן געוווינט בלויז צוויי יידישע משפחות, אָט איז זי ווידער געפאָרן מיט דריי קינדער אירע, באַגלייט מיט זייער משרת, אברהם קאָנטאָר. זי איז געפאָרן קיין האַמ־בורג. אין האַנאָווער האָט איר געדאַרפט דערוואַרטן איר מאַנס משרת, דער געשאָסענער יאַקאָב, אַ ייִד אַ שיכור, וואָס האָט אויפן וועג פאַרגעסן אין זיין שליחות און האָט זיך פאַרשיכורט ערגעץ ווו און איז איר מיט די קינדער נישט געקומען באַגעגענען. אַליין האָט זי זיך געשלעפּט מיט די קינדער פון האַנאָווער קיין האַמבורג, איז מיט זיי אָנגעקומען אַהין און איר הויז אין האַמבורג האָט באַלד אָנגעהויבן צו ווערן אַ צענטער ווו ייִדן פון אַלע עקן וועלט האָבן אָנגעהויבן צו קומען נאָך עצות און נאָך טובות. איר הויז איז געוואָקסן, אירע קינדערלעך זענען געוואַקסן און צוזאַמען

מיט זיי איז געוואָקסן די פרייד, איר גליק, איר ליבע פאַר איר געטרייען מאַן, פאַר איר ר׳ חיים האַמעלן. און ווען איז עס אַלץ געשען? ווען זענען די קינדער געוואָרן מענטשן? ווען זענען זיי אַוועק פון הויז? נעכטן! נעכטן, דאַכט זיך, איז עס געווען, און אָט איז איר ר׳ חיים האַמעלן אויך נישטאָ! נישטאָ און דאָ ליגט זיין לעצט, דאָס צוועלפט קינד, וואָס ער האָט איר געגעבן. אַ פּיצל קינד!

„בין איך געבליבן אַליין. ניין, נישט אַליין, נאָר געבליבן מיט צוועלף יתומים און מיט צוואַנציק טויזנט רייכסטאַלער חובות! איז ווי אַזוי וועל איך באַצאָלן די חובות? און וואָס וועל איך איצט טון מיט זיך אַליין?״ האָט גליקל זיך געפרעגט, האָט ווידער אַ בליק געטון אין אָפּגעדעקטן שפּיגל, האָט דערזען איר פרישקייט, האָט זיך דערשראָקן פאַרן מבול מאָדנע גע־דאַנקען, וואָס האָבן אַ שפּאַר געטון אין איר מוח און זי איז מיט געאײַלטע טריט אַרויס פון צימער.

*****

מוצאי שבת, ווען די קינדער זענען זיך געגאַנגען צעפאָרן, יעדער צו זיך אַהיים, איז מרת גליקל האַמעלן געשטאַנען לעבן איר טאָכטער ציפּורה, האָט געהאַלטן דער טאָכטערס האַנט און האָט מיט איר פאַר־זשמורעטן, רעכטן אויג אָנגעקוקט איר זון ר׳ מרדכי, וואָס האָט נאָרוואָס געהאַט געענדיקט רעדן. ער האָט דער מוטער זיינער פאַרזיכערט: „מירן אַלע העלפן אויסצאָלן די חובות אַזוי, אַז די מאַמע וועט, חלילה, צו קיינעם נישט דאַרפן אָנקומען״. איר זונס רייד זענען געווען באַלזאַם פאַר איר האַרץ. זי האָט מורא געהאַט זי זאָל זיך חלילה אַליין נישט געבן קיין גוט אויג וואָסערע טייערע קינדער דער פאָטער אין הימל האָט איר גע־שאָנקען. זי האָט געקוקט אויף מרדכין און זי האָט אין אים געזען אַ קאָפּיע פון זיין פאָטער, פון איר גאָטזעליקן מאַן ר׳ חיים האַמעלן.

די קינדער האָבן זיך מיט איר געזעגנט און מרת גליקל האָט זיי באַגלייט צו דער טיר. זי האָט געזען ווי זיי צעפאָרן זיך, דער קיין קלעווע, דער קיין האַנאָווער, דער קיין מעץ און אָט איז איר משה, איר זון ווי אַ פּרינץ, אָט איז ר׳ משה, דער רב פון בייערסדאָרף, אויך אַוועק.

גליקל איז געבליבן מיט זיך אַליין און אַ פּעכיקע שווערגעמיטיקייט האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אירע פּלייצעס.

ווי אויף די שפּיץ־פינגער, ווי אַרום אַ קראַנקן, אַ מסוכן קראַנקן, איז זי אַרומגעגאַנגען אַרום איר מאַנס ליידיקן בעט, וואָס איז ווי שטענדיק געשטאַנען נאָענט לעבן איר בעט. די ליידיקייט פונעם בעט האָט אָנגעוואָרפן אויף איר איצט מער אומעט ווי דעמאָלט, ווען מען האָט איר ר׳ חיימען נאָרוואָס אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן אויף שטענדיק.

אַ פרעמדער, נאָגנדיקער וואָרעם האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר בוזעם און צוזאַמען מיט איר שווערגעמיטיקייט, האָט דער וואָרעם פון זינד אַלץ אָפטער אָנגעהויבן איר צו נאָגן ביים הארצן. זי איז געלעגן שלאָפלאָז אין די נעכט און איר לייב האָט אויף איר געפלאַמט פון די זינדיקע געדאַנקען און איר נשמה האָט איר געציטערט, ווען זי האָט געטראַכט ווי דאָס פייער פון גהינום וועט זיך חלילה נישט אָפּטון פון איר, אויב זי וועט זיך לאָזן פאַרפירן פון אַזעלכע מחשבות זרות. זי איז געלעגן און האָט געטריבן פון זיך די מאָדנע געדאַנקען; זי האָט תפילה געטון און האָט מיט פאַרקלאַמערטע אויגן געבעטן דעם השם יתברך: „הימלשער פאָטער, וואָס אין אַלע צייטן גענאָד האָסטו, לייטער מיינע טעג, די טעג פון פאַרגענגלעכן לעבן מיינעם; טרייב אַוועק די מחשבות זרות פון מיר!״ זי האָט געהאָפט, אַז אולי ירחם, אפשר, אפשר וועט איר דער גוטער פאָטער אין הימל באַפרייען פון אַלע פרעמדע געדאַנקען און וועט איר לאָזן זיין אַ געטרייע מוטער פאַר אירע פיצלעך קינדער, זיין אַן אַלמנה אַן איינזאַמע, וואָס שענקט אַוועק איר לעבן פאַר די יתומים אירע.

מיט אימפּעט האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין איר מאַנס, ר׳ חיימס געשעפטן. זי איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, האָט זיך געזען מיט פּרינצן און שררות, האָט זיי פאַרקויפט אַלע טייערע סאָרטן יוועליר־שטיק, פון פּערל פון ערשטן וואַסער, ביז גינגאָלדענע און ברילּיאַנטענע בראָשן און האַלדזבענדער פאַר זייערע ווייבער און קעפּס־ווייבער. זי האָט מצליח געווען אין אַלע געשעפטן און זי האָט נישט נאָר אויסגעצאָלט איר מאַנס חובות, וואָס האָבן באַטראָפן מער ווי צוואַנציק טויזנט רייכסטאַלער, נאָר זי האָט נאָך אָפּגעשפּאָרט געלט פאַר די קינדער אויף נדנים אויך.

וואָס מער זי איז אַרומגעפאָרן, וואָס מער זי האָט געאַרבעט, אַלץ שלאַנקער, אַלץ יינגער, אַלץ שענער האָט זי אָנגעהויבן אויסצוזען. אַ

פרישע יוגנט האָט זיך אַריינגעריסן אין אירע בלוטן. פון אַלע פּרייסישע פּראָווינצן, פון פּויזן און פון לענדער אין איטאַליע און האָלאַנד זענען שדכנים געקומען צו איר און האָבן איר צוגעזאָגט גאָלדענע שדוכים, אוצרות מיט דימענטן, פּאַלאַצן מיט טייערע שטיינער האָט מען איר פאַר־געלייגט. מענער, אַפילו יינגערע פאַר איר, און עלטערע מענער פון די יחוסדיקסטע פאַמיליעס, האָבן געשיקט שליחים, וואָס זענען וואָכן געזעסן אין האַמבורג און האָבן געוואַרט זי זאָל צוריקומען פון אירע נסיעות. אַלע האָבן געוואָלט מרת גליקל, די טאָכטער פון ר׳ לייב פּינקערל ז״ל, די אַלמנה פון ר׳ חיים ע״ה, די מוטער פון ר׳ משה, דעם גאון און רב פון בייערסדאָרף, און אָט איז מיטאַמאָל דער רייכער, דער גביר אַדיר, דער גרויסער מיוחס ר׳ הירץ לוי, וואָס איז באַקאַנט אין דער גאַנצער יידי־שער וועלט ווי דער האַר סערף לעווי, אָט איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אַן אַלמן און ער אַליין האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל פון מרת גליקלס פּאַ־לאַץ אין האַמבורג, סערף לעווי! אויך ער וויל איר, מרת גליקלען, פאַר אַ ווייב!

און מרת גליקל האַמעלן איז שיר צעריסן געוואָרן. „וואָס טוט מען מיט זיך?!״ האָט זי זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ווי אַזוי קען זי חתונה האָבן איצט ווען אין הויז דרייען זיך אַרום קליינע יתומים? ניין, זי טאָר נישט, זי קען נישט חתונה האָבן! זי וועט נישט אַריינעמען קיין שטיף־פאָטער, אַפילו דעם בעסטן, פאַר אירע, פאַר איר ר׳ חיימס קינדער! זי וועט עס נישט טון!

און גליקל האָט געזוכט תירוצים פאַרן האַר סערף לעווי, האָט גע־טריבן פון איר הויז אַלע שדכנים, האָט זיך געקלאַמערט אַרום אירע יתומים.

אָבער די נעכט האָבן אָנגעהויבן ווערן לענגער פאַר איר און איר זינדיק לייב, און ס׳בלוט ס׳זינדיקע האָט נישט געשוויגן. גאַנצע נעכט איז זי געלעגן אויף, האָט געשטאַרט אין די ווייטקייטן אַריין און ווי דורך אַ כישוף האָט איר געדאַנק איר געטראָגן צו אירע ווייטע אַמאָלן. זי וואָלט גאַנצע נעכט געזעסן אַזוי און דערציילט פאַר אויערן, וואָס ווילן איר הערן, געזעסן און דערציילט וועגן אירע עלטערן, וועגן איר מאַן ר׳ חיים, וועגן זיינע עלטערן אין האַמעלן, וועגן אירע באָבעס און זיידעס, וועגן אַלע וואָס זי האָט געקענט, וועגן די וואָס זי באַגעגנט אַפילו איצט,

די שדכנים און מעקלערס, וואָס רינגלען איר אַרום! וועגן זיי אַלע וואָלט זי געזעדט אין די אומרויִקע נעכט. אָבער ווער וועט איר וועלן הערן? וועלכע אויערן וועלן וועלן פאַרנעמען אירע רייד? קיינער נישט, קיינער!

און גליקל איז אַרויס פון בעט. זי האָט געפילט, אַז איר מוח ווערט צעשפּאָרט פון שלאָפלאָזיקייט, פון אומרו, פון קאָשמאַר אין איר קאָפּ! זי האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז זי וועט חלילה פון זינען אַראָפּ. וואָס זאָל זי טון מיט זיך? חתונה האָבן און אַריינעמען אַ שטיף־פאָטער פאַר אירע יתומים, אָדער בלייבן אַליין, בלייבן אַזוי ווי זי איז מיט איר אַלמ־נהשאַפט, ביז די קינדער וועלן אויפוואַקסן, וועלן חתונה האָבן, ערשט דעמאָלט וועט זי זען, וואָס זי האָט צו טון.

נעכט איז זי אַזוי אַרומגעגאַנגען און האָט געפילט ווי עס פּלאַצן די אָדערן אין איר מוח. עס זענען אַזוי דורך וואָכן און חדשים און גליקל האַמעלן האָט נאָך אַלץ מיט זיך נישט געקענט אָפּמאַכן וואָס צו טון. אין אירע איינזאַמע טעג און אומעטיק־שלאָפלאָזע נעכט האָבן זיך אין איר קאָפּ געוויקלט געדאַנקען, געדאַנקען אַזעלכע, וואָס זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו פאָרמולירן. וואָס הייסט? זי וועט זיך אָוועקזעצן גאָר און שרייבן? שרייבן וואָס? פאַר וועמען? אויף וואָסער שפּראַך? זי קען דען די שפּראַך פון די הייליקע ספרים? און וואָס וועט זי פאַרשרייבן? די נאַרישע מעשיות, וואָס פּלאָנטערן זיך אין איר קאָפּ? מעשיות וועגן אירע אייגענע טעג אין איר פאָטערס הויז, וועגן איר לעבן מיט איר מאַן ר׳ חיימען ז״ל, מעשיות וועגן אַלץ, וואָס זי האָט געזען און געהערט?

און גליקל האַמעלן האָט זיך מאָדנע צעלאַכט. זי האָט זיך עפּעס גראָד איצט דערמאָנט ווי אַזוי איר שווער, ר׳ יוסף האַמעלן ז״ל, האָט אין יענע פריידיקע טעג ווען מען האָט געמיינט, אַז משיח בן דוד איז שוין דאָ, ווי אַזוי איר שווער האָט פון האַמעלן געשיקט קיין האַמבורג גרויסע פעסער מיט שפּייז און מיט סחורות און טייערע שטאָפן! גליקלס אויגן האָבן זיך באַגאָסן מיט טרערן פון געלעכטער ווען זי האָט זיך איצט דערמאָנט ווי אַזוי דעם שווערס פעסער זענען אָפּגעשטאַנען אַ פּאָר יאָר ביי איר אין די קעלערן, דאָ אין דעם הויז ווו זי איז איצט, און ווען מען האָט זיי געעפנט אַרויסצונעמען די שפּייזן, וואָס קענען ווערן מכולה, האָט מען אין די פעסער געפונען ווערעם און ווערעמלעך און לעכער אין די סחו־רות, וואָס זענען געוועזן פאַרפּאַקט מיט די שפּייזן.

„שטראָף מיך נישט, דערבאַרעמדיקער פּאָטער אין הימל!" האָט זיך מרת גליקל געבעטן ביי גאָט. „שטראָף מיך נישט פאַרוואָס איך לאַד, דעמאָלט ווען כ׳דאַרף גאָר וויינען און קלאָגן אויף אונדזערע גרויסע זינד, וואָס מיר האָבן געטון זינדיקן, וואָס דו, פּאָטער אין הימל, האָסט אונדז געשיקט אַ שבתי צבי אָנשטאָט אַ מלך משיח. מסתמא זענען מיר נישט ווערט געווען קיין בעסערע מערכה אין דיינע אויגן, אַב הרחמים!"

מרת גליקל האַמעלן האָט איצט פאַרגאָסן אַ שפאָר ביסל אמתע טרערן ווען זי האָט זיך דערמאָנט ווי גרויס די שמחה איז געווען אין יענע טעג, ווען מען האָט מיט טאַצן און פויקן געטאַנצט אין די גאַסן, ווייל מען האָט געמיינט, אַז די גאולה איז שוין געקומען, און ווי פינצטער עס איז געוואָרן דעם יידישן פאָלק ווען מען האָט זיך דערוווּסט ווער און וואָס דער דאָזיקער שבתי צבי איז באמת געווען.

„ווי און ווינד איז אונדז!" האָט מרת גליקל געזאָגט און זי האָט באַלד צוגעגעבן, צוגעגעבן מיט אַ מאָדנער אַנטשלאָסנקייט, וואָס איז אָט ערשט געבוירן געוואָרן אין איר מוח: „אָט, טאַקע אַזעלכע מעשיות וואָלט איך געוואָלט פאַרשרייבן, דערציילן מיינע קינדער, מיינע אייניקלעך, מיי־נע קינדס־קינדער. אַלץ וואָס כ׳האָב זיי צו דערציילן, וועל איך פאַר־שרייבן, און זאָלן זיי וויסן ווער זיי זענען און פון וואַנען זיי קומען!"

אינמיטן רעדן צו זיך אַליין איז מרת גליקל געבליבן שטיל. אירע אויגן האָבן געשטאַרט ערגעץ ווו. זי האָט אַ זאָג געטון: „ניין, כ׳וועל נישט חתונה האָבן! כ׳וועל מיינע יתומים נישט געבן קיין שטיף־פּאָטער! כ׳וועל בלייבן אַליין און אין די נעכט פון מיין ביטערער אַלמנהשאַפט וועל איך זיצן און דערציילן פאַר מיינע אייניקלעך און אור־אייניקלעך די געשיכטע פון זייער שטאַם; כ׳וועל זיי דערציילן אַלץ, וואָס כ׳האָב גע־הערט, געזען און זאָלן זיי וויסן, אַז זיי זענען קינדער פון אונדזער געפּלאָגט פאָלק, קינדער פון גוטע און פרומע עלטערן און יידעס!"

און ווי מרת גליקל האַמעלן האָט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער אַזוי איז איר באַלד גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ. „כ׳וועל די מעלאַנכאָליע טרייבן פון זיך מיט די רייד פון מיינע גאָטפאַרכטיקע זכרונות", האָט זי זיך געטרייסט און זי האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן שנעל איבער איר שלאָפ־צימער. „און שרייבן וועל איך אויף טייטש, אויף דער שפּראַך, וואָס מיר אַלע רעדן, אויף דער שפּראַך וואָס כ׳גיס אַלעמאָל אויס מיין האַרץ פאַר

גאָט, אויף דער שפּראַך, וואָס די תפילות און תחינות און קינות, וואָס זענען מיר נאָענט צום האַרץ, זענען געשריבן, אויף דער שפּראַך, אויף דער טייטשישער שפּראַך וועל איך שרייבן!״

אָן אויפגעמונטערטע, אַן אָפּגעפרישטע, אַ דערלייזטע איז מרת גליקל אַריין אין בעט אַריין און זי איז באַלד איינגעשלאָפן, און אַ נאַכט שפּעטער, ווען דער שלאָף איז נישט געקומען גרינג צו אירע אויגן, איז זי פּאַמעלעך אַרויס פון בעט, איז צוגעגאַנגען צו איר טישל, האָט אָנגעצונדן אַ קליין אייל־לעמפּעלע און זי האָט אָנגעהויבן צו שרייבן: „מיינע ליבע קינדער, איך האָבע דיזעס אָנגעפאַנגען בס״ד צו שרייבן נאָך דעם טויט פון אייער פרומען פאָטער, דאָס עס מיר איצט געוועזן לקצת נחת רוח, ווען מיר די מאַלקוליש געדאַנקען זיינען געקומען און פון שווערע דאגות שהיינו כצאן בלא רועה און מיר אונזרן געטרייען הירטן האבן פאַרלאָרן. אלזו איך מעניכי לילה שלאָפלאָז צו געהראכט און איך בעזאָרגט דאָס איך ח״ו אין מאַליקול געדאַנקן זאָלטן קומען, אַלזו איך אָפּט בלילה אויף געשטאַנדן און די שלאָפלאָזע שעות דער מיט צו געבראכט!״

מרת גליקל האָט געלייענט אירע אייגענע ווערטער און זיי האָבן איר אויסגעזען עפּעס מאָדנע פרעמד, חוץ דעם איז איר נישט געפעלן געוואָרן פאַרוואָס זי שרייבט מיט אַזאַ נוסח ווי זי וואָלט שוין כאָטש געווען געזעסן אַ שפּאָר ביסל נעכט און געשריבן, אַז סך־הכל הייבט זי איצט אָן צו שרייבן.

„כ׳וועל דאָס דערציילן שפּעטער!״ האָט זי אָפּגעמאַכט ביי זיך. „דער־ווייל וועל איך בעסער דאַנקען דעם בורא עולם פאַרן ליכטיקן געדאַנק, וואָס ער האָט אין מיר אַריינגעגעבן כ׳זאָל אָנהייבן שרייבן דאָס וואָס כ׳גיי שרייבן!״ האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין אויפן קול. און מרת גליקל האמעלן האָט אָנגעהויבן צו זוכן געדאַנקען און ווערטער ווי אַזוי צו לויבן גאָט ברוך הוא פאַרוואָס ער האָט איר אַריינגעגעבן אַזאַ טייערן געדאַנק: נישט חתונה צו האָבן נאָר זיצן און דערציילן, זיצן און פאַרשרייבן אַלץ וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן אין איר לעבן.

„מיינע ליבע קינדער״, האָט זי ווידער אָנגעהויבן. „איך...״ „ניין, נישט דאָס וויל איך זאָגן!״ האָט מרת גליקל האמעלן געמעקט און גע־שריבן. „מיינע ליבע קינדער, האָט ליב גאָט אין הימל און זייט געדולדיק! גאָט איז אונדזער פאָטער און אויב המקום ב״ה שיקט אייך איין שטראָף,

נעמט אַלעס מיט געדולד אָן און הערט נישט אויף צו בעטן, אולי ירחם ומי יודע, וואָס אונדז, זינדיקע מענטשן גוט איזט, אויב עס אונז גוט איזט דאָס מיר בעה״ז אין גרויס עשירות לעבן וואוילטעג האָבן... דער געטרייע גוטיגע גאָט אונזערער וועט מרחם זיין און אויס דער לאַנגן בעטריפטן גלות ערלייזן״.

מרת גליקל האָט געשריבן, געמעקט, געלייענט, ווידער געשריבן און זי האָט נישט געפילט ווי עס לויפן די שעהן אין אַ כסדרדיקן גאַלאָפּ. איר איז געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן, אַזוי גרינג אויפן געמיט. זי וואָלט אַזוי געזעסן און געשריבן כסדר איין לויב צו גאָט נאָכן אַנדערן. „אָבער כ׳וויל דאָך נישט שרייבן נישט קיין תפילה און נישט קיין תחינה״, האָט זיך מרת גליקל דערמאָנט, „איז מוז איך דאָך לאָזן וויסן מיינע קינדער און קינדס־קינדער צו וואָס און פאַרוואָס כ׳שרייב די דאָזיקע געדאַנקען, כ׳מוז דאָך זיי דערקלערן, אַז מיין שרייבן איז נישט מער ווי די געשיכטע פון מיין לעבן, די געשיכטע פון לעבן פון זייערע זיידעס״, האָט זי צו זיך גערעדט.

מרת גליקל האָט געביסן דעם גראָבן פינגער פון איר רעכטער האַנט. זאַצן האָבן זיך פאַרמירט אין איר געדאַנק אָבער זי האָט זיי נישט געקענט אַזוי צוזאַמענשטעלן, אַז זיי זאָלן האָבן עפּעס אַ טעם ווען מען לייענט זיי פון פאַפּיר. זי איז געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ ניי בייגעלע פאַפּיר און איר שטערן האָט זיך געראונצלט. זי האָט אַ כאַפּ געטון די גענדזענע פעדער, האָט זי נערוועז פאַרשאַרפט און האָט אין גאַאייל אָנגעהויבן ווידער צו שרייבן.

„מיינע ליבע קינדער, איך בין אויך ניט אויזן איין ספר מוסר צו מאַכן און צו שרייבן. איך בין ניט קאַפּאַבל דאַרצו דעם זענען אונזערע חז״ל דה כמה וכמה ספרים פון גימאכט האָבן. און מיר האָבן תורתינו הקדושה און אין אונזער ליבער תורה קענען מיר זיך פעסט האַלטן״.

שנעל, שנעל און שנעלער האָט מרת גליקל האַמעלן איצט געשריבן. זי האָט צוגעשטעלט דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ זאַץ, באַלד אויסגעמעקט עפּעס און ווידער געשריבן און בעת זי האָט געשריבן האָט זי פאַר זיך געזען מענטשן, פּנימער, ערטער, געשעענישן, וואָס האָבן זיך ביי איר געבעטן זי זאָל זיי מאָלן, זאָל וועגן זיי דערציילן.

מרת גליקל האַמעלן האָט אָנגעפילט זייטל נאָך זייטל מיט איר גע־

טאָקטער האַנטשריפט; זי האָט נישט באַמערקט ווי דורך די פענצטער פון איר שלאָפצימער האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצושלייכן די ערשטע גרוילעכע פאַסן ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון. זי האָט אויפגעהויבן די צעפלאַמטע, שטראַלנדיקע אויגן פון די פאַרשריבענע זייטלעך פאַפיר, האָט אַ קוק געטון דאָ צו איר שלאָפנדיק טעכטערל מרים, און באַלד צום גרוילעך־זילבערנעם הימל אין דרויסן. זי איז אויפגעשטאַנען פון שרייב־טישל, האָט די אויגן פאַרשטעלט מיט די הענט ווי צו ליכט־בענטשן און האָט מיט אַ פריידיק־תפילהדיק קול געזאָגט: „כ׳דאַנק דיר בורא עולם פאַר די טייערע מחשבות, וואָס דו האָסט מיר אַריינגעגעבן כ׳זאָל זיצן און שרייבן אַ שבח צו דיר, פאָטער אין הימל, און אַ שבח צו די, מיינע טאַטעס און זיידעס, וואָס זענען געגאַנגען אין דיינע וועגן. כ׳וועל זינגען אין מיין שרייבן אַ לויב צו דיר, רבונו של עולם, אַ לויב צו דיר אויף שטענדיק, אויף לעולם ועד. אָמן ואָמן סלה!״.

אַ פרייד האָט זיך געשפרייט איבער מרת גליקלס גלידער. די אויפ־גייענדיקע זון איבער האַמבורג האָט אַריינגעשמייכלט אין די פענצטער פון מרת גליקלס שלאָפצימער.

פאַרנאַכטיקע שאָטנס

„אויב צייט און רוים דאַרפן זיין מיטלען אָפּצוטעמפּן די שניידנדיקע שאַרפקייטן פון אַזעלכע זכרונות, וואָס מיר ווילן פאַריאָגן פון אונדזערע מוחות, דעמאָלט מוז איך קומען צום באַשלוס, אַז אין מיין פאַל, איז די דאָזיקע אָנגענומענע מיינונג ווייט פון אמת", אַזוי־אָ האָט געשעפּטשעט צו זיך אַליין יוסף בן מתתיהו הכהן. ער איז אַרומגעגאַנגען אין זיינע ווייך־געבעטע סאַנדאַלן, אין זיין וואַרעמען שלאָפראָק און זיינע פּוכקע, גלאַטיק־אויסגעאיידלטע הענט האָבן זיך באַהאַלטן אין די אַרבל פון שלאָפראָק. זיין באָרד איז געווען ווייס־גרוי און יעדער האָר פון באָרד איז זיך גע־שטאַנען באַזונדער, ווי אַ מיוחס, און האָט גדלותדיק אַראָפּגעקוקט צום ברייטן שלאָפראָק, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל, געהאָפטן פון גאָלד־ און פורפור־פעדים.

כאָטש די זון איז שוין באַלד געווען אין מיטן הימל און כאָטש די גאַסן פון רוים האָבן זיך געפּרעגלט אין די זון־שטראַלן, פונדעסטוועגן איז ביי יוסף בן מתתיהון אין הויז געווען קיל ווי אין אַ פייכטן קעלער. דורך די קליינע פענצטער, וואָס זענען געזעסן טיף און הויך אין די גראָבע, שטיינערנע ווענט, איז קוים אַריין אַ טראָפּן פונעם ים לויטערע ליכט פון די גאַסן אַרום הויז, און די וואַרעמקייט אין גאַס האָט אַפילו מיט קיין גלעט נישט דערגרייכט יוספס איינגעשרונקענע אַקסלען.

יוסף בן מתתיהו הכהן, יוסף פלאַוויוס, האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי די זקנה, ווי בליי, האָט זיך אַ לייג געטון אויף זיינע פּלייצעס. חוץ זיין גוט־צעקעמטער, גאוהדיקער באָרד איז קיין סימן פון זיין אַמאָליקער גדלות נישט געבליבן אויף אים. כאָטש ער האָט זיך געצירט און געפּוצט, זיך געשמירט מיט זאַלבן און אײלן און פּערפומען, האָט זיך געלאָזט

מאַסאַזשירן מיט יענער פּאַרזיכטיקער שטאַרקייט ווי ער פלעגט זיך מאַ־סאַזשירן אַמאָל, גאָר אַמאָל אין ירושלים, שפּעטער אין טבריה, ביי די וואַרעמבעדער פון עמאוס און נאָך שפּעטער, שוין דאָ אין רוים. פונדעסט־וועגן האָט ער געפילט ווי זיין הויט האָט זיך שנעל אָנגעהויבן צו רונצלען; נישט נאָר רונצלען, נאָר ממש ברעכן; יאָ, זיין הויט ברעכט זיך און סך־הכל איז ער ווייט פון זיין אַלט, גאָר ווייט! ווייל וואָס איז, אַז מען איז אין די זעכציקער? וואָס זענען זעכציק, עטלעכע און זעכציק יאָר? פאַר־קערט, אים דאַכט זיך אָפּט, און אָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ער גאָר געווען זיכער, אַז ער פילט זיך פיזיש שטאַרקער ווי דעמאָלט... דעמאָלט! אוי, ווי שרעקלעך עס איז צו טראַכטן איצט וועגן יענעם דעמאָלט!

„ווי אַ שניידיק־שאַרפע שווערד אַזוי שאַרף און בולט שטייען פאַר מיר מיינע ווייטע נעכטנס, וואָס איך פּרוביר פאַרגעסן, און וואָס ווייטער אין צייט, אין רוים, אין דיסטאַנץ כ׳געפין זיך פון די געשעענישן, אַלץ שאַרפער און לויטערער, און בייסיקער און קלאָרער שטייען זיי פאַר מיר", האָט יוסף בן מתתיהו ווייטער געצויגן זיין געדאַנק און אַ שוידער איז אים דורך דורך זיין לייב. ער האָט פאַרשטייפּט דעם שלאָפראָק אַרום זיך און האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין גרויסן, גלאַנציקן, קאַלטן שרייב־טיש, וווּ עס זענען געלעגן אָנגעלייגט פּאַרמעטן און פּאַפּירוסן, אָפענע און פאַרדראָלטע מגילות און איבער אַלע מגילות איז געלעגן אַ ברייט צעעפנטע נייע מגילה. יוסף איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך איבערגעבויגן אי־בער דער מגילה און האָט מיט זיינע האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן אַ קוק געטון, זיך איינגעגעסן אין די פּאָר ווערטער: „יוסף בן מתתיהו הכהן, וואָס רופט זיך דאָ אין רוים יוסף פלאַוויוס, האָט אַזויערנאָך אָפּן פאַראַטן זיין לאַנד און האָט איבערגעגעבן אונדזערע אַרמייען, שטעט און דערפער אין די הענט פון שונא."

„פאַראַטער, פאַראַטן!" ווען וועלן זיך די מוראדיקע ווערטער אָפּטון פון מיר? ווען וועל איך פּטור ווערן פון זייערע קלאַנגען? ווי אַזוי באַ־פרייט מען זיך פון די קולות „פאַרעטער", וואָס יאָגן מיך נאָך, פאַרפאָלגן מיך זינט יענעם שוידערלעכן נאָכמיטיק ווען כ׳בין אויף טיטוסעס באַ־פעל געשטאַנען ביי די ווענט פון ירושלים און כ׳האָב זיך געבעטן, אַז זיי דאָרט זאָלן זיך אונטערגעבן און פון די הייכן פון די ווענט אַראָפּ האָט יוחנן גוש חלב מיר אַ רעווע געטון אין פּנים אַריין „פאַרעטער!" און דאָס

פאָלק מיט אים האָט אונטערגעכאַפּט זיין שפּיזיקן אויסרוף און ווי מיט אַ דונער־שאַל האָבן זיי מיך פאַרשריגן „פאַרעטער" און אַ שטראָם פיילן איז געפלויגן דעמאָלט אין מיין ריכטונג. און ווען כ׳בין געלעגן אויף דער ערד מיט אַ ווונד אין האַנט, אין אָרעם, און כ׳האָב געבעטן גאָט, ער זאָל מיין נשמה צונעמען פון מיר, האָב איך אַלץ געהערט זייער מוראדיק שאַלן „פאַרעטער!" און ביז היינט, ביז איצט גייט מיר נאָך יענער גיפ־טיק־בייסיקער שאַל! און אָט איז ער איצט געקומען, ער! זיין אמת וועט אַנגענומען ווערן און עס וועט מיין פאָלק מיך רופן פאַרעטער אויף דורות און דורות!"

יוסף פלאַוויוס האָט אַ כאַפּ געטון די נייע מגילה און האָט זי שנעל פאַרראָלט. אויף אַ שטייף שטיקל פאַרמעט, צוגעבונדן מיט אַ זיידן סטענ־געלע צום פאַרמעט, איז געווען אָנגעשריבן קלאָר און דייטלעך: „די כראָנאָלאָגיע פון די מלכים פון יהודה, וואָס האָבן געהערשט איינער נאָכן אַנדערן, געשריבן פון יוסטוס פון טבריה און אַרויסגעלאָזט צו דער ליכט פון דער וועלט אינעם 3טן יאָר פון צעזאַר טראַיאַן, אין רוים".

„יוסטוס פון טבריה! ווידער יוסטוס, ווידער טבריה! און ווער, ווער, יוסף? ווער שרייבט דעם אמת, ער צי דו?" האָט יוסף פלאַוויוס געהערט ווי עס ברומט אַ בייז קול אין אים: „וואָס טוט מען? ווו טוט מען זיך אַהין? ווי אַזוי קען מען זיך פאַרבאַהאַלטן פאַר דער געשיכטע? וועמען וועט מען גלויבן, און פאַרוואָס זאָל מען מיר גלויבן? צי האָט דען אגריפּא אַליין נישט ליבער געהאַט יוסטוסן ווי מיך? און בערעניקע? זי האָט דאָך ממש אַרויסגעריסן יוסטוסן פון די נעגל פון וועספּאַסיאַנען און האָט אים געמאַכט פאַרן פּריוואַט־סעקרעטאַר פון איר ברודער, פון קעניג אגריפּאַ!" האָט יוסף פלאַוויוס געביסן די נעגל פון זיינע פינגער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייכער קאַנאַפּע, האָט געהאַלטן פאַרשטייפט אין די קאַלטע פינגער די מגילה פון יוסטוסן פון טבריה, און ער האָט געקוקט צום פאַרנעפּלטן ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורכן שמאָלן פענצטערל.

„וועספּאַסיאַן איז טויט, טיטוס איז טויט, דאָמיציאַן איז טויט, אגרי־פּאַ איז טויט, און בערעניקע איז אויך טויט! איז ווּעמען האָב איך אין רוים, וואָסערע פריינט? אין די ייִדן־גאַסן טאָר איך זיך נישט באַווייזן; דאָרט ווו יוסטוס שפּאַצירט ווי דער ייִדישער מלך, דאָרט ווילן אַפילו די

קינדער נישט קוקן אין מײַן ריכטונג. איז וואָס טו איך דאָ? וווּהין טוט מען זיך אַהין הײַנט און ווו באַהאַלט מען זיך פֿאַרן אורטייל פֿון דער געשיכטע? יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס! דער אײנציקער פֿלאַוויוס פֿאַרבליבן! נישטאָ מער קײנער פֿון יענע פֿלאַוויוסעס, וואָס האָבן מיך געגרײסט מיט זײער נאָמען!"

יוסף בן מתתיהו האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט, האָט זיך אײַנגעצויגן אין זיך, האָט זיך געוואָרפֿן פֿאַר קעלט.

„אַ גוטן נאָכמיטיק, היסטאָריקער און גענעראַל יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס!" האָט אַ גוט־באַקאַנטע, אַ הילכיקע און דאָך צאַרטע שטימע אים אויפֿגעריסן פֿון זײַן קאָשמאַר. יוסף בן מתתיהו האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די פֿיס. יוסטוסעס מגילה האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אויף דער ערד און זיך געקאָלערט צו דער טיר צו.

„אַ גאָט־העלף דיר, מײַן ליבער עפּאַפֿראָדיטוס. עס איז אַ מחיה אויף דיר צו קוקן; ווי פֿריש, ווי יונג דו זעסט מיר הײַנט אויס!" האָט יוסף געזאָגט מיט אמתער ליבע און אויפֿריכטיקײַט. זײַן פּנים האָט זיך צעשטראַלט און זײַן רוקן האָט זיך אויסגעגלײַכט.

„ווען וועסטו זיך שוין סוף־כל־סוף אויסלערנען אַרויסצוזאָגן אַ גריכיש וואָרט נישט ווי די באַרבאַרן, נישט ווי דײַנע רוימישע פּאַטריצער אַפֿילו, נאָר ווי אַן אמתער גריך? מען זאָגט נישט עפּאַפֿראָדיטוס נאָר עפּאַפֿהראָדיטוס. דער ‚פּ' איז ווי אַ האַלבער „פֿ" און נישט ווי אַ נאַקעטער ‚פּ'; שוין פֿאַרפֿאַלן יאָזעפֿוס, יוסף פֿלאַוויוס!" האָט עפּאַפֿראָדיטוס, יוסעפֿס אײנציקער חבר, ווי געווײנטלעך אַ טשעפּע געטון יוסעפֿן, אַז זײַן אויסשפּראַך, זײַן אַרויסרעדן גריכישע ווערטער קומט בײַ אים אַרויס ווי ער וואָלט גערעדט רוימיש, גערעדט די שפּראַך פֿון די ייִדן.

„כ'האָב קײנמאָל נישט פּרובירט זאָגן, אַז כ'רעד אַרויס די גריכישע ווערטער ווי דו, טײַערער עפּאַפֿראָדיטוס, דערפֿאַר אָבער וואָלסטו געדאַרפֿט הערן ווי אַזוי עס קלינגט בײַ מיר אין די אויערן דײַן מאָדנער אופֿן ווי אַזוי דו זאָגסט אַרויס מײַן נאָמען יוסף בן מתתיהו הכהן. אַ לעבן לאַנג לערן איך דיר צו זאָגן די פּאָר ווערטער פֿון מײַן שפּראַך און ביז הײַנט זאָגסטו זײ אַרויס ווי דו וואָלסט געהאַט אַ מויל אָנגעפּאַקט מיט וואַטע! ווען דו רופֿסט מיך נאָך יאָזעפֿוס איז נאָך צו דערלײַדן, אָבער

יוסף, אוי, ווי פרעמד, ווי גאַרנישט יוספדיק דער נאָמען קומט אַרויס!" האָט יוסף בן מתתיהו זיך אַזש אָפּגעשאָקלט, ווי פון עפּעס אַ שרץ.

„יוסף, יוסף, אַט אַזוי־אָ, יאָזעף בן מתתיהו הכהן זאָגסטו דאָך, און איך רעד טאַקע אַזוי אַרויס די ווערטער", האָט זיך עפּאַפראָדיטוס גע־פלייסט צו באַווייזן, אַז זיין צונג איז עלאַסטישער ווי יוספס. יוסף פלאוויוס האָט זיך צעלאַכט האַרציק און קינדעריש. „נו, מאַטער זיך נישט אומ־זיסט, נישט דו, נישט מיינע רוימער, איר וועט שוין קיינער נישט קענען אַרויסרעדן אַ וואָרט פון אונדזער שפּראַך, וואָס זאָל האָבן עפּעס אַ טעם. אַז מען זאָגט באַרבאַרן איז דאָך נישט שייך!"

„היט זיך, היט דיין הויט, יוסף דער זון פון עפּעס אַ באַרבאַרישן פּריסטער מתתיהו, וואָס איז איבערנאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איידלמאַן, אין אַ פּאַטריציער פון העכסטן גראַד, אין אַ יאָזעפוס פלאַ־וויוס!" האָט גוטמוטיק, מיט אַ חנעוודיקער זינגעוודיקייט עפּאַפראָדיטוס געטייטלט מיט אַ פינגער יוספן אין פּנים אַריין.

„וואָס האָסטו זיך אַזוי ,צעפלאוויוסט' צו מיר היינט? עפּעס אויף צו־להכעיס רופסטו מיר היינט פלאוויוס מער ווי שטענדיק. גראָד ווען כ'וואָלט זיך געוואָלט פאַרגעסן אינגאַנצן, פאַרגעסן אויף שטענדיק אין יענעם אומגעלומפּערטן טאָג ווען מיין נאָמען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון יוסף בן מתתיהו הכהן אין יאָזעפוס פלאוויוס!" האָט יוסף מיט ווייטיק איצט גערעדט.

עפּאַפראָדיטוס האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט מיט אַ האַלב־ערנסטן, האַלב־שפּאַסיקן טאָן אַ זאָג געטון: „דאָס איז אומ־דאַנקבאַרקייט צו דיינע בענעפאַקטאָרן; דאָס איז ממש פאַראַט צו דער דערהויבענער, הויכגעשעצטער, נאָבעלער צעזאַרישער פאַמיליע פלאוויוס; ס'איז דאָך עפּעס אַ נאָמען, וואָס דערמאָנט אין הויכער אינטעליגענץ און אַריסטאָקראַטיע און איידלקייט!"

„שוין ווידער פאַראַט! עפּאַ, טייערער עפּאַ, דערמאָן נישט דאָס וואָרט פאַראַט! וואָס מאַטערט איר מיך? וואָס וויל מען פון מיינע יאָרן? פאַראַט! אויך די פלאוויוסעס האָב איך שוין פאַראַטן?"

„נעם מיך נישט אַזוי ערנסט, יוסף, דער זון פון מתתיהו!"

„ערנסט, נישט ערנסט! איין זאַך וויל איך דיר זאָגן, עפּאַ, מיין איינציקער חבר אין דער וועלט, יאָ, אין דער וועלט. ווייל דעם אמת

געזאָגט האָב איך קיינמאָל חוץ דיר קיין אמתן חבר נישט געהאַט. געהאַט אַ סך פריינט, יאָ, אומעטום פריינט, צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער אורזאַך, אָבער אַ חבר, דו ביסט דער איינציקער וועמען כ׳קען רופן חבר און זיין זיכער, אַז דו ביסט טאַקע מיין חבר!״

„אַ דאַנק, יוסף, אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט. צווײ שקלאַפן, צווײ באַפרייטע שקלאַפן, דינערס פון די געוועזענע פּלאַוויוסעס, האָבן געשלאָסן אַ פריינטשאַפט, אַ חברשאַפט אין זייער באַפרייטער שקלאַפעריי!״

„כ׳בין נישט געווען און בין נישט קיין שקלאַף!״ האָט יוסף פלאַוויוס זיך אַ שטעל געטון מעשה גענעראַל.

„מאַך זיך נישט נאַריש. גרייס זיך נישט אומזיסט. מירביידע זענען קינדער פון באַזיגטע, צעטראָמפּלטע פעלקער, און מיר לעבן נאָך היינט, מיר זענען דאָ דאָ אין רוים בלויז צוליב דער גרויסמוטיקייט פון אונדזערע באַזיגער, צוליב דעם ווייל די פלאַוויוסעס, וועספּאַסיאַן, טיטוס, דאָמיציאַן האָבן אונדז געלאָזט לעבן. זיי זענען די פּאַטריציער און מיר זענען די באַזיגטע באַרבאַרן!״

„באַרבאַרן! כ׳האָס דאָס וואָרט, עפּאַפראָדיטוס! הערסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, און שוין צום טויזנטסטן מאָל אַוודאַי, אַז דעמאָלט ווען אונדזער געזעץ־געבער משה האָט אונדז שוין לאַנג געהאַט געגעבן די תורה פון יושר און גערעכטיקייט, פון ליבע און ברידערלעכקייט און מיר ווי אַ פאָלק האָבן שוין לאַנג געלעבט אין און מיט דער תורה, און דעמאָלט ווען האָמער און סאָפאָקלעס, אַריסטאָטל און פּלאַטאָ אַפילו האָבן שוין לאַנג געהאַט געגעבן דער וועלט גאַנצע קראַנצן פון געזאַנג און וויסן, האָבן נאָך די וואָס רופן אונדז באַרבאַרן אַרומגעוואַנדערט מיט פעלן אויף די לענדן אין די וויסטע וועלדער פון לאַטיום!״

„כאַפּ אָפּ דעם אָטעם, יוסף! רעדסט היינט מיט אַזויפיל ביטערניש און גאַל, און דער עיקר מיט אַזויפיל ווייטיק, יוסף טייערער!״ האָט עפּאַפּ־ראָדיטוס זיך געבעטן ביי זיין חבר.

„דיר, עפּאַ, דיר איז גוט. טראָגסט זיך פריי אַרום איבער די גאַסן פון רוים און דיין אייגענער „באַרבאַרישער״ נאָמען זיצט אויף דיינע אַקס־לען ווי צעזאַרישע עפּאָלעטן. אָבער איך?״ האָט יוסף זיך צוגערוקט נענ־טער צו זיין חבר. „איך, אַז כ׳גיי פאַרביי דעם טיטוס־בויגן, כ׳זע די ווער־טער „יודעאַ דעוויקטאַ, יודעאַ קאַפּטאַ״, זע די קייטן, ווער איך דער־

שטיקט, פיל איך, אַז אַט, כ׳ווער באַלד אַליין אין קייטן געשמידט, אויף שטענדיק, אויף אַלע אייביקייטן. און אויף מיין שטערן, ווי ביי קינען, איז אויסגעקריצט דאָס וואָרט „פאַרעטער״ פאַר אַלע דורות צו זען״, האָט יוסעפס שטימע זיך געקרישלט. ער האָט זיך אַ קערעווע געטון צו זיין חבר. „איך, עפּאַ, איך האָב מיין נאָמען, וואָס ציט זיין יחוס אַזש פון אַהרן הכהן, איך האָב מיין גינגאָלד פאַרביטן אויף אַ שערבל, וואָס האָט מיר אַ גלאַנץ געטון אין די אויגן אַריין״.

יוסף איז צוגעגאַנגען צום קליינעם פענצטער אין דער רעכטער זייט פון צימער. אַ ליכט פון פענצטער איז געפאַלן אויף זיין לינקער באַק און אין איין אויג האָט ביי אים געגלאַנצט אַ טרער. מיט אַ ווייטער, שטיל־פאַרבענקטער שטימע האָט ער געחלומט אויפן קול: „ווי גליקלעך, ווי שטאָלץ כ׳בין עס געווען דעמאָלט ווען וועספּאסיאַן האָט מיר געמאָלדן אין דער קעגנוואַרט פון זיין זון טיטוס, אין דער קעגנוואַרט פון קעניג אגריפּאַ און זיין שוועסטער בערעניקע, אין דער קעגנוואַרט פון אַלע הויף־אַדללייט, אַז ער באַשענקט מיך מיט זיין הויך־דערהויבענעם נאָמען פלאוויוס! איין קלייניקייט! פלאוויוס! יאָזעפוס פלאוויוס וועל איך הייסן אָנשטאָט עפּעס אַ ווילדן נאָמען יוסף בן מתתיהו הכהן!״

יוסף האָט געטון אַ טיפן, שניידיקן זיפץ. „פלאוויוס גאָר! איך, יוסף, איך וועל עס הייסן יאָזעפוס פלאוויוס! אַ קלייניקייט! אַזאַ נאָמען! זיין אַ מיטגליד פון דער פלאוויאַנער משפחה פון בלויז ווילגעבוירענע אַדללייט! פלאוויוס, פשע! פשע! זאָג מיר נאָר, עפּאַ טייערער, וואָסערע יחסנים, וואָסער יחוס איז עס פאַר מיר צו הייסן פלאוויוס גאָר?״

„ווער רעדט וועגן יחוס? וואָס האָסטו זיך אַנגעטשעפּעט אין נאָמען? ס׳געהערט אַ מעשה! וועספּאסיאַן, טיטוס, דאָמיציאַן, די וועלט האָט דען אַמאָל געזען אַזעלכע נאָבללייט? האָסט שוין פאַרגעסן, יוסף, מיט וואָסערע מאַניערן די פלאוויוסעס פלעגן זיך באַנעמען ביים טיש! וויפל וויסן זיי האָבן געהאַט! וויפל ליטעראַטור, פּאָעזיע, געשיכטע, פילאָזאָפיע זיי האָבן געקענט! און דו שעמסט זיך גאָר מיט זייער נאָמען!״ האָט עפּאַפראָדיטוס זיך שפּיציק צעלאַכט. „איך בין דאָך געווען אַ לערער ביי די פלאוויוסעס, ווייס איך דאָך וואָסערע אַריסטאָקראַטן דאָס זענען געווען! און אים, דעם דאָזיקן באַרבאַר פון יודעא געפעלט נישט איצט, אויף דער עלטער צו טראָגן דעם דאָזיקן פּאַטריציערס צעזאַרישן נאָמען פלאוויוס!״

„לאָך נישט פון מיר, עפּאַ, לאָך נישט. אָט, נאָר גיי דערציייל, רעד, אַז כ׳וועך ממש צעריסן און דער נאָמען רייסט אויף ווונדן, דערמאָנט מיר כסדר אינעם וואָרט „פּאַראַט״, וואָס פּאַרפּאָלגט מיך כסדר״.

„וואָס עפּעס היינט, וואָס איז מיט דיר יוסף? זעסט דאָך אויס ווי אַ זקן! ביסט קראַנק?״ האָט עפּאַפּראָדיטוס שוין מיט אַ געפיל פון באַזאָרגטקייט געפרעגט.

„אַ ווונד, אַן אייטערדיקע ווונד האָט ער אויפגעריסן אין מיין האַרץ!״

„ווער?״

„אָט דער־אָ!״ האָט יוסף אָנגעוויזן מיטן ווייזפינגער פון דער רעכטער האַנט אויף דער נייער מגילה, וואָס איז די גאַנצע צייט געבליבן ליגן אויפן דיל.

„ביסט געריירט? כ׳זע דאָ קיינעם נישט?״ האָט עפּאַפּראָדיטוס געקוקט מיט שטוינונג.

„לייען, עפּאַ טייערער, לייען די מגילה!״ האָט יוסף אויפגעהויבן די מגילה פון דער ערד און האָט זי דערלאַנגט עפּאַפּראָדיטוסן.

עפּאַפּראָדיטוס האָט שנעל אַ לייען געטון דעם אויפשריפט אויף דער מגילה: „די כראָנאָלאָגיע פון די קעניגן פון יהודה פון יוסטוס פון טבריה״.

„שוין ווידער יוסטוס! דער יוסטוס וועט דיך טרייבן אין דער ערד אַריין, יוסף; לייען נישט וואָס ער שרייבט. דערמאָן נישט זיין נאָמען״, האָט עפּאַפּראָדיטוס גערעדט מיט גלעטנדיקע ווערטער צו יוסףן. ער האָט פּאַמעלעך אויפגעוויקלט די מגילה.

„איך וויל טאַקע זיין נאָמען נישט דערמאַנען, אָבער ער, יוסטוס, דערמאַנט מיך, און דערמאַנט מיך שוין צופיל און שוין גאַרנישט מיט קיין לויב־געזאַנגען״.

יוסף פלאוויוס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ שטול. זיין קאָפּ איז געזונקען צווישן זיינע אַקסלען. ביידע שווייס האָבן באַדעקט זיין פּנים. אין צימער איז געווען שטיל ווי אין אַ קבר. נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט ווי דער פּאַרמעט פון דער מגילה האָט געטון אַ שאָרשקע. יוסף האָט געכאַפּט אַ באַהאַלטענעם, זייטיקן בליק אין דער זייט ווו עפּאַפּראָדיטוס איז געשטאַנען ביי דער שיין פון ליכט פון אַ פענצטער און האָט געלייענט די מגילה. יוסף האָט באַמערקט ווי עפּאַס פּנים האָט זיך דאָ

געקנײטשט, דאָ אויסגעגלײכט, און דאָ האָט עס זיך באַדעקט מיט אַ מאָדנעם, פרעמדן שמײכל. עפּאַפּראָדיטוס האָט אָפּט פֿאַרביסן די ליפּן און האָט אַ קוק געטון אין דער ריכטונג ווו יוסף איז געזעסן בלײַיק־שווער אין זײַן ווײכער שטול; ער האָט זיך אָפּט אָנגעטראָפֿן אויף יוספֿס אַ פֿינצטערן בליק.

„אוי, דערמאָנט ער דיך! נאָך ווי! כ׳מײן, אַז ער האָט זײַן געשיכטע געדאַרפֿט רופֿן „די געשיכטע פֿון יוסף בן מתתיהו דעם...״ נו, יאָ, ביסט, ווײַזט אויס, געווען דער ריכטיקער פֿויגל!״

„וואָס בין איך געווען? וואָסער געווען?״ האָט זיך יוסף אָנגעצונדן ווי אַ געביסענער.

„כ׳זאָג גאָרנישט. כ׳זאָג נאָר, אַז לויט ווי דער דאָזיקער יוסטוס שרײַבט, און ער האָט זיכער אַ וואָזשנע שאַרף צינגל, איז לויט ווי ער מאָלט דיך, איז ביסטו... נו, יאָ, כ׳פֿאַרשטײ שוין דײַן געמיט־צושטאַנד הײַנט. טאַקע פֿאַרפֿאַטשקעט דײַן נאָמען!״

עפּאַפּראָדיטוס האָט שנעל געלײענט און געראָלט די מגילה. „שע־נער שרײַבן שרײַבסטו זיכער פֿאַר דעם יוסטוסן, נאָר אמתן, זעסטו, אמתן, כ׳מײן עס זענען ווײַזט אויס דאָ געוויסע אמתן אויך אויף זײַנע פֿאַרמעטן!״

„דו אויך קעגן מיר, עפּאַ? דו אויך! אַלע קעגן מיר?״ האָט יוסף זיך געבעטן בײַ זײַן חבר.

„וואָס איך אויך? דו לײקנסט וואָס ער שרײַבט? וועמען האָט טיטוס געהאַלטן אַרום די מויערן פֿון ירושלים? יוחנן פֿון גוש חלב צי דיך? ווער איז אַנטלאָפֿן פֿון טבריה און געלאָזט די שטאָט אויף הפקר פֿאַר די רוי־מער, דער יוסטוס, דער זון פֿון פּיסטוס, דער היסטאָריקער, צי דו, יוסף פֿלאַוויוס, דער היסטאָריקער, דער געוועזענער גענעראַל פֿון די ייִדישע אַרמײען אין גליל, יוסף בן מתתיהו הכהן, אדרבה, זאָג!״

„שוין, רעכנסט שוין יוסטוסן אויך אַרײַן צווישן די היסטאָריקערס? וועסט שוין באַלד מאַכן אַ נײַע ליסטע פֿון היסטאָריקערס; וועסט רעכע־נען אַזוי: העראָדאָטוס, טוציִדידעס, ליוויוס, טאַציטוס און יוסטוס פֿון טבריה. און מיך וועסטו אויך צורעכענען צו דער ליסטע?״ האָט יוסף געפֿרעגט מיט גאַליקײט אין דער שטימע.

„זע נאָר ווי גרויס דו ביסט מיטאַמאָל געוואָרן בײַ זיך! אָט איצט ביסטו געווען קלײן און דערשלאָגן ווי אַ מילבעלע און שוין ביסטו יוסף

פלאַוויוס, דער היסטאָריקער, דער לייב, וואָס פּילט זיך אומבאַקוועם אין דער געזעלשאַפט פונעם היסטאָריקער יוסטוס פון טבריה. אָבער דאָ גייט דאָך אין אמתן, היסטאָרישע אמתן, און דו יוסף, מיין טייערער חבר, דו האָסט פיינט צו קוקן אמתן אין פּנים אַריין!״

עפּאַפראָדיטוס האָט שפּיזיק דורכגענומען יוספן: „ווילסט, אויב דיר גייט שטאַרק אין לעבן צו זיין גרויס ביי זיך, נישט צו זיין קיין באַרבאַר, קען איך דיר טון אַ טובה, כ׳וועל זאָגן, אַז דו ביסט אַן אמתער, אַ הונ־דערט־פּראָצענטיקער רוימער־פּאַטריציער, וואָס פאַרמאָגט אין זיין כאַראַק־טער די אייגנשאַפטן פון „ווירטוס, גראַוויטאַס, און פּיעטאַס״, נו, וועסטו דעמאָלט זיין צופרידן? אַן אמתער פלאַוויוס?!״

„ניין, ניין, נישט קיין אמתער פלאַוויוס!״ האָט יוסף זיך געבעטן.

„וואָס דען? ווער ביסטו פאַרט?״ האָט עפּאַפראָדיטוס געפרעגט.

„איך בין אַ היסטאָריקער; דער היסטאָריקער יוסף בן מתתיהו!״ האָט יוסף געזאָגט מיט אַ שטאַרקער שטימע און נישט אָן שטאָלץ.

„דער באַזיגטער באַרבאַר, דער ייד אין דיר, יוסף, האָט זיך היינט וואַזשנע צעהיצט!״

„וואָס עפּעס היינט?״ האָט יוסף געפרעגט. „כ׳בין שטענדיק געווען און וועל בלייבן ביזן סוף פון מיינע טעג אַ ייד!״

„פיין, וווּנדערבאַר, גוט, כ׳פאַרזיכער דיך, מיין טייערער חבר יוסף, איך האַלט אויך ווי דו, אַז דו מעגסט זיך גרייסן מיט דיין אייגענעם נאָ־מען מער ווי מיט דיין פלאַוויוס־טיטל; און כאָטש דו, ווי איך, ביסט פון אַ באַזיגט פאָלק, פונדעסטוועגן וועל איך נישט איבערטרייבן ווען איך וועל זאָגן וועגן אייך יידן, ווי דער דיכטער, אפשר דער איינציקער פּיי־נער, רוימישער דיכטער האָראַציאָ האָט געזאָגט וועגן אונדז גריכן: „די באַזיגטע האָבן געפירט די באַרבאַרישע זיגער ווי געפאַנגענע״; איר באַ־זיגטע יידן פירט נישט נאָר די רוימער נאָר אויך אונדז גריכן, פירט אונדז גייסטיק פאַר דער נאָז!״

„דו אויך, עפּאַפראָדיטוס, דו טשעפּעסט זיך שוין אויך צו אונדז, צו מיר, צו מיין פאָלק? נישט גענוג זענען אַלע אונדזערע שונאים? רעדסט אויך ווי סענעקאַ, וואָס רופט אונדז יידן פאַרברעכער דערפאַר, ווייל ער האַלט, אַז מיר יידן, די באַזיגטע, האָבן אַרויפגעצוווּנגען זייערע געזעצן אויף די זיגערס. איז דו רעדסט שוין אויך אַזוי? רעדסט נאָך די רייד

פון דעם דאָזיקן סענעקאַ, די רייד פונעם יונגן שנעק, דיין גרויסן היסטאָ־ריקער טאַציטוס. סך־הכל האָב איך איין חבר, איין אמתן פריינט און ווען כ׳רעד צו דיר רעד איך מיט מיין גאַנץ האַרץ. כ׳מוז זיך דאָך פּאַר עמעצן אַראָפּרעדן פון האַרצן״, האָט יוסף זיך צוגערוקט נאָענט צו זיין חבר עפּאַפּראָדיטוס. „היינט נאָכן איבערלייענען יוסטוסעס געשיכטע, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט, אַז נישט נאָר בין איך אַלט געוואָרן, נאָר כ׳בין זיך אַליין מיאוס געוואָרן. יאָ, כ׳וואָלט געוואָלט לויפן, אַנטלויפן פון זיך. זיך ערגעץ באַהאַלטן. אָבער ווו טוט מען זיך אַהין? ווו פאַרבאַהאַלט מען זיך פאַרן אורטייל פון דער געשיכטע?״

„האָסט מיך שוין איינמאָל געפרעגט די זעלביקע פראַגע און ווילסט איך זאָל זיין אָפנהאַרציק מיט דיר?״

„אַוודאי אָפנהאַרציק, מיין טייערער עפּאַ, זאָג; שנייד ווי מיט מע־סערס. אַלע שניידן, שנייד דו אויך!״

„איז הער, יוסף, אַ חבר מעג מען עס זאָגן. יאָרן לאַנג האָסטו געלעבט מיט אָנשטעל, מיט פּאָזע, מיט זשעסטן. יעדע זאַך, וואָס דו האָסט גע־שריבן, גערעדט, האָסטו געשריבן מיט אַן אויסרעכענונג: זיך צו גרייסן; זיך אַרויסצושטעלן ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר זיין שטאַם, פאַר זיין פאָלק. באמת ביסטו אומעטום געווען אין צענטער. דו האָסט געשריבן און האָסט זיך כסדר געפרעגט: ווי אַזוי זע איך אויס אין דעם קאַפּיטל, אין צווייטן? וואָסער איינדרוק וועל איך מאַכן אויף די באַרבאַרן, אויף די גריכן, אויף די יידן אין בבל, אין מצרים? אַזוי שרייבן געשיכטע קען מען נישט, טאָר מען נישט!״ האָט עפּאַפּראָדיטוס ממש גע־שריגן.

יוסף פלאוויוס איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף זיין חבר. האָט געקוקט מיט בלוטפאַרגאָסענע אויגן. שוויס און קעלט האָבן זיך געוויקלט אַרום זיין קערפּער. „איך האָב געשריבן אַזוי ווי איך האָב געזען, ווי איך האָב, כ׳מיין, ווי די געשעענישן זענען געלאָפן!״ האָט יוסף געשטאַמלט.

„זעסט, זעסט, יוסף, ווי בלינד דו ביסט נאָך היינט! אָט דאַכט זיך, אַז דו ביסט שוין אַביסל געהיילט געוואָרן פון דיין גאוה. קלעפּ האָבן דיך געהיילט. דאָמיציאַנס טויט האָט דיר געהיילט פון דיין פלאוויוסקייט, און צום סוף, ווידער דאָס זעלביקע: יוסף איז פאַרבליבן אין יאָזעפוס פלאַ־וויוסן און כ׳הער שוין ווידער דיינע רעטאָרישע רייד, וואָס ווילן מאַכן

אַן איינדרוק אויף יאָזעפוס פלאַוויוּסן דעם פּאָזע־מאַכער, דעם היסטאָרי־קער, וואָס וויל זיך אַרויסשטעלן פאַר דער געשיכטע ווי אַ העלד, וואָס האָט געבראַכט קרבנות פאַרן ווילזיין פון זיין פאָלק. אָנשטעלו! יוסף, אָנשטעלו! גיב צו, אַז דו ביסט נומער איינס אין אַלץ וואָס דו טוסט, און אַז דו האָסט געשריבן דיינע ביכער „די מלחמות פון די ייִדן" ווייל דו האָסט געוואָלט אי לעבן אין שווילטיק אין פּאַלאַץ ביי טיטוסן אי בלייבן רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון דיין אויסגעמאָרדעט, האַלב־אויסגעראָטן פאָלק. גיב צו דעם אמת, יוסף; גיב צו, אַז דו האָסט נישט געשריבן דעם אמת, כאָטש עס טוט דיר וויי!"

„עפּאַ, טייערער, זעסט, אַז אַלע שלאָגן, קלאַפּן, דערנידעריקן, ווילס־טו אויך צולייגן אַ האַנט? כ'האָב דאָך אַליין געזאָגט, אַז כ'בין נישט צו־פרידן מיט מיינע „מלחמות", אַז כ'וויל זיי איבערשרייבן, אָט ליגן שוין לאַנג ביי מיר פאַרטיק די קאַפּיטלען געשיכטע וועגן מצדה. כ'נעם זיך שוין צו זיי, שרייב זיי איבער און שטעל זיי צו צו מיינע „מלחמות" איז וואָס נאָך ווילסטו פון מיר?"

„האָסט שוין רחמנות אויף זיך? שוין ווידער יוסף אין צענטער!" האָט עפּאַפּראָדיטוס גערעדט מיט מילדן פאַרדרוס. „זאָג מיר יאָזעפוס פלאַ־וויוּס, כ'מיין יוסף בן מתתיהו, האָסט אפשר געהערט, וואָס דער יונגער טאַציטוס, אַ יונגערמאַן, דאַכט זיך, נאָר גאָר אַ פעיִקער מענטש, האָסט געהערט וואָס ער האָט דאָ ביי דיר אין הויז געזאָגט, דאַכט זיך מיט אַ חודש, מיט צוויי חדשים צוריק?"

„כ'געדענק דאָרט וואָס דער דאָזיקער אויך־מיר־היסטאָריקער האָט געזאָגט", האָט יוסף מיט ביטול אָוועקגעמאַכט דעם יונגן טאַציטוס.

„יוסף, יאָזעפוס פלאַוויוּס, חוץ אים איז קיינער נישטאָ!" האָט עפּאַ־פּראָדיטוס געזאָגט מיט סאַרקאַזם. „מעגסט הערן, וואָס דער אויך־מיר־היסטאָריקער האָט געזאָגט דאָ און זאָגט כסדר איבער וועגן דער אויפ־גאַבע פון דער געשיכטע, פון געשיכטע־שרייבער: „די מאָראַלישע אויפ־גאַבע פון געשיכטע־שרייבער איז אָפּצוראַטעווען פאַר די צוקונפטיקע דורות די פאַרדינסטן, די ווערטיקע אויפטוּונגען און זיי נישט לאָזן פאַר־געסן ווערן און אויך אַרויסצושטעלן פאַר אונדזערע קינדס־קינדער צו שאַנד און חוזק יעדעס אומווערטיק וואָרט און טאַט, וואָס איז געטון און באַגאַנגען געוואָרן אין אונדזערע טעג"! אָט מיט אַזאַ בליק דאַרף דער

ערלעכער שרייבער צוגיין צו דער הייליקער אַרבעט פון געשיכטע־שרייבן! דיר קען נישט געפעלן טאציטוס, דו ביסט אַפילו באַרעכטיקט אים צו האַסן פאַר זיינע פאַרלוימדערישע ווערטער קעגן דיין פאָלק. דו דאַרפסט אים מער נישט איינלאַדן צו דיר אין הויז אַריין, אויב דו ווילסט נישט, אָבער זיינע אמתן מוזסטו און דאַרפסט אָנערקענען און אָנעמען, יוסף טייערער״.

„העראָדאָטוס, דיין העראָדאָטוס, אונדזער ליוויוס, און דער דאָזיקער יוסטוס פון טבריה, דער אויסוורף, זיי און דער טאציטוס אַליין, זיי האָבן אפשר אַזוי געשריבן געשיכטע, ווילסטו מיר זאָגן, עפּאַ?״ האָט יוסף פלאוויוס זיך אַ שטעל געטון אויף די שפּיץ־פינגער ווי אַן אויפגערייצ־טער האָן, וואָס שטעלט אויף אַ שפּיזיק־רויטע קאַם.

„יוסף טייערער; האַלטסט, אַז איך בין דיין חבר און כ׳האָב אינזינען דיין טובה? כ׳גלויב אַז יאָ; איז הער, איז נעם אָן, אַז פון אַ חבר דאַרף מען בעטן ער זאָל זאָגן דעם אמת, זאָגן דאָס וואָס איז נייטיק, מעג דער אמת שניידן ווי מיט מעסערס. איך בין נישט געקומען היינט צו דיר דיך זידלען, אָדער דיר וויי טון. פאַרקערט, כ׳בין אַריינגעקומען, האָב דיך געטראָפן אַן איינגעצויגענעם, אַן איינגעקאָרטשעטן; וויל איך דיר העלפן. האָסט מיר געוויזן יוסטוסעס געשיכטע, כ׳האָב געלייענט. נו, האָב איך דיר געזאָגט יענע חברישע אמתן, וואָס ליגן מיר שוין לאַנג אויפן האַרץ. איז ווילסטו ווענן זיי נישט וויסן, פאַרגעס וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט און לאָמיר בלייבן חברים ווי געווען״.

„פאַרגעסן? גיי פאַרגעס, אַז פון אַלע זייטן רייסט מען פון מיר שטיקער און דאָ זענען נאָך דאָ אַזויפיל שונאים אויף אונדז ייִדן בכלל, אַז אָפט דאַכט מיר, עפּאַ, אַז אָדער מיינע אייגענע ברידער ייִדן וועלן מיך טרייבן אין דער ערד אַריין אָדער אונדזערע שונאים פון צווישן די סיריער, די עגיפּטער, די אַלעקסאַנדריער, די רוימער וועלן מיך טרייבן ביז משוגעת מיט זייערע רכילותן און בלבולים אויף מיין פאָלק!״ האָט יוסף פלאוויוס געשפּאַנט האַסטיק איבערן צימער און האָט געביסן דאָ איין פינגער דאָ אַ צווייטן פון דער רעכטער האַנט.

„ווער איז שוין ווידער אַרויס מיט אַ בלבול אויף אייך ייִדן?״ האָט עפּאַפראָדיטוס געפרעגט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל.

„כ׳האָב די טעג ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל געלייענט די ווילדע, די

בייזוויליקע רכילות פון דעם פּאַמפלעטן־שרייבעט, דעם שטאַמלער, דעם גראַמאַטיקער אַפּיאָן, און, עפּאַ טייערער, כ׳האָב נאָך אַזאַ שרייבעכץ קעגן אונדז נישט געלייענט. ס׳גאַנצע שמוץ, וואָס איר גריכן, וואָס די מצרים, וואָס מאנעטהאָ און אַנדערע האָבן אויף אונדזער חשבון אָנגעהויפנט, חזרט איבער דער דאָזיקער פּאַמפלעטיסט אַפּיאָן; און שרייבן שרייבט ער מיט צאָרן, מיט גאַל, מיט בייסיקייט און טראַכט צו אַזעלכע מיאוסקייטן, אַז ס׳בלוט קאָכט אַזש אין מיר!"

„אָט דאָ, איצט רעדט פון דיר אַרויס דער אמתער ייִד! אַזוי־אָ, אַזוי דאַרף מען פילן ווען מען באַליידיקט דיר ס׳אייגענע פאָלק. איך, אויף דיין אָרט, וואָלט דעם אַפּיאָנען נישט געשוויגן. שרייבן שיין קענסטו. זיך ריינוואַשן פון דיינע אייגענע זינד קעגן דיין פאָלק ווילסטו; פאַר דער געשיכטע ווילסטו זיך רעכטפאַרטיקן; אַזאַ מין גרויסן העלד פון דיין אייגן פאָלק, אַזאַ מאַרטירער ווי יוחנן פון גוש חלב האָסטו צוליב זיך אַליין געמאָלן מיט די מוראדיקסטע, פאַלשע פאַרבן; זאָגסט, ווילסט אי־בערשרייבן דיינע „מלחמות", זאָגסט, אַז דו האָסט שוין באַלד פאַרטיק די קאַפּיטלעך, שוין צייט כ׳לעבן זאָלסט זיי האָבן פאַרטיק, אָט די קאַפּיטלעך געשיכטע ווו דו באַשרייבסט דעם העראָישן קאַמף פון די ייִדישע גיבורים אין דער פעסטונג מצדה, און גייסט די קאַפּיטלעך צושטעלן צו דיינע „מלחמות". גוט, שרייב איבער; גיב צו די דאָזיקע קאַפּיטלעך, דערצייל, אַז דו אַליין ביסט אויך נישט געווען בלויז צדיק; שרייב אויך איבער דיינע „אַלטערטימער" אין אַ סך ערטער; אָבער דער עיקר, שוויג נישט, פאַרשווייג נישט דעם דאָזיקן אַפּיאָן!"

„עפּאַ, טייערער, הערסט, ביסט טאַקע, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ביסט אַ חכם, ניין, נישט נאָר אַ חכם, נאָר אַ נביא אויך. זע, קום, קוק, אַדרבה, זאָל מען נישט זאָגן, אַז דו האָסט מיר איינגעגעבן די עצה פון שרייבן קעגן אַפּיאָנען; וואָס טו איך דאָ?" האָט יוסף פלאַוויוס צוגעפירט עפּאַפּ־ראָדיטוסן צו זיין שרייבטיש ווו עס זענען געלעגן אַ סך אָפענע מגילות, אים צוגעפירט צו אַ נישע אין וואַנט, ווו עס זענען געלעגן אויף פּאָליצעס שטויסן מגילות, זענען געשטאַנען אין וואַזעס. יוסף פלאַוויוס האָט מיט פרייד אָנגעוויזן זיין חבר דאָ אויפן טיש, דאָ אויף די פּאָליצעס, דאָ אויף אַ נייעם פּאַרמעט ווו עס איז מיט גרויסע, גלאַנציק־פרישע אותיות גע־שטאַנען אָנגעשריבן „קעגן אַפּיאָנען, פון יאָזעפוס פלאַוויוס".

„אַזוי גאָר, ווונדערבאַר!“ האָט עפּאַפּראָדיטוס געקוקט אויף דער מגילה, אויף די ווערטער „קעגן אַפּיאָנען“. ער האָט אָנגעהויבן איבערצו־קוקן די אָפּענע און פאַרראָלטע מגילות.

מיט געשיקטקייט פון אַ תלמיד חכם, פון אַ מענטש, וואָס קען זיך אויף ספרים, אויף מגילות האָט עפּאַפּראָדיטוס געראָלט און פאַרראָלט איין מגילה נאָך דער אַנדערער. דאָ האָט ער אַ לייען געטון, דאָ בלויז אַ בליק געגעבן, און אָט האָט ער געלייענט גאַנצע שטיקער, געלייענט פאַר זיך, געלייענט אויפן קול: „די ייִדן זענען די איינציקע צווישן די פעלקער, וואָס ווילן בעסער גיין צום טויט איידער עובר צו זיין אויף די געבאָטן, וואָס זייער געזעצגעבער משה האָט זיי געגעבן אין נאָמען פונעם איינאונאיינ־ציקן גאָט אין הימל“, האָט עפּאַפּראָדיטוס געלייענט אַקצענטירנדיק דער־ביי יעדעס וואָרט.

„ווו האָסטו גענומען, יוסף, אָט די מגילה? אַן אויסטערלישער דאָקו־מענט. כ׳זע זי דאָס ערשטע מאָל! דאָס האָט טאַקע געשריבן דער פילאָזאָף און היסטאָריקער העקאַטעוס פון אבדערא?“ האָט עפּאַפּראָדיטוס געפרעגט און זיין פּנים האָט געלויכטן פאַר פרייד. „ער שרייבט קלאָר, פאַרשטענד־לעך, צמצומדיק און צום פונקט“, האָט עפּאַפּראָדיטוס צוגעגעבן. ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען שטיל; האָט באַלד אַ כאַפּ געטון נאָך אַ מגילה, אַ צווייטע, אַ דריטע: „אַלע, אַלע האָסטו דאָ פאַרזאַמלט!“

„כ׳זע, אַז דו ביסט מיך שוין מקנא!“ האָט יוסף געזאָגט מיט אַ שמייכל.

„קיין זאַך בין איך נישט מקנא ווי מגילות. האָסט דאָך דאָ אַן אוצר: קסענאָפאָנט פון ציפערן; טוקידידעס, העראָדאָטוס, מאַנעטהאָ, ליוויוס, ווו האָסטו אָנגערויבט אַזאַ פאַרמעגן? כ׳האָב טאַקע געזען, אַז אין מיין ביב־ליאָטעק פעלן אַ סך פאַרמעטן“, האָט עפּאַפּראָדיטוס זיך געוויצלט.

„כדי צו קענען שיסן מוז מען זיך אָנגרייטן פיילן! און איך האָב בדעה צו צעשמעטערן די שונאים און פאַרלוימדערס פון מיין פאָלק און אָט דאָס זענען מיינע מעכטיקסטע וואָפן“. האָט מיט שטאָלץ און מיט אַ נייער זיכערקייט אין זיך געזאָגט יוסף פלאוויוס. און ער האָט באַלד צו־געגעבן. „עפּאַ, כ׳וויל דו זאָלסט וויסן: דאָ גייט זיך איצט אַוועקזעצן שרייבן נישט יאָזעפוס פלאוויוס פון קעניגלעכן פּאַלאַץ אין רוים. דאָ גייט אַפילו נישט שרייבן יוסף בן מתתיהו הכהן, דער געוועזענער גענע־

ראַל פון די ייִדישע אַרמייען אין גליל; דאָ גייט נישט שרייבן דער פאַר־ביטערטער און באַליידיקטער יוסף אָדער יאָזעפוס פלאוויוס, וואָס טאָר זיך נישט ווייזן אין ייִדישן קוואַרטאַל פון רוים, דער יוסף, וואָס הערט כסדר דעם מוראדיקן עכאָ פונעם וואָרט „פאַרעטער"; איצט גייט נישט שרייבן דער באַליידיקטער און דערנידעריקטער יוסף וועגן וועלכן דער־אָ יוסטוס, פון טבריה, דער זון פון פיסטוס, האָט אָנגעשריבן אַזויפיל, וואָס זאָל איך זאָגן, אַזויפיל רכילות... נאָר אַפּיאָנען און די אַפּיאָנס און די מאנהעטהאס און די מאַלאָנס פון אַלע צייטן גייט איצט ענטפערן יוסף בן מתתיהו הכהן, וואָס ציט זיין יחוס פון די העלדן־גיבורים, די חשמו־נאים, וואָס האָבן אייערע משוגענע אנטיוכוסעס עפּימאנעסעס, יאָ, עפּי־מאנעסעס, נישט עפּיפאנעסעס, וואָס האָבן זיי, אייערע גריכישע הערשער אָפּגעשמיסן און פאַרטריבן פון אונדזער לאַנד?"

יוסף פלאוויוס איז איצט געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט זיין חבר עפּאַפראָדיטוס. ער האָט אויסגעזען שלאַנק און הויך, און שטאָלץ און יונג. עפּאַפראָדיטוס האָט אים אָנגעקוקט און האָט חבריש געשמייכלט.

„אַזוי, אַזוי גאָר! דרייסט איבער דעם פעלץ, אָנשטאָט איך דיך, טשעפּעסטו גאָר מיך און מיין פאָלק אויך! קעגן אַלע גייסטו שיסן מיט־אַמאָל. דער נעכטיקער יוסף פון די „מלחמות", וואָס האָט דערהויבן די רוימער ביזן הימל און די העלדן פון זיין פאָלק האָט ער געמאָלן ווי עפּעס ייִנגלעך אוואַנטוריסטן אָדער גאָר אויסוואורפן, אָט דער יוסף האָט זיך געטון אַ קער מיט דער פלייצע צו זיך אַליין און מיט איין שאָס וויל ער אי זיין פאָלק דערהויבן איבער אַלע פעלקער, אי גלייכצייטיק אַפילו מיין פאָלק, און מיך אַליין דעגראַדירן ביז, ביז עפּימאנעסעס!"

„כ'האָב חלילה נישט געמיינט דיך צו באַליידיקן!" האָט יוסף זיך ווי געבעטן ביי זיין חבר.

„כ'לאַך פון דיר. מיר קענסטו מער נישט באַליידיקן. כ'קען דיך מער ווי דו קענסט זיך אַליין. אַפילו דעמאָלט ווען דו נעמסט זיך אָן די קריוודע פון דיין פאָלק האָסטו מסתמא קודם־כל זיך אַליין איננזי־נען. אָבער וועמען אַרט עס. אַ שאַרף צינגל האָסטו, שרייבן קענסטו און ווייי טון טוט דיר ווי פאַר דיין פאָלק, פאַר זיך אַליין, איז שרייב, שרייב קעגן די דאָזיקע אַפּיאָנס, וואָס זענען נישט נאָר שונאים פון דיין פאָלק

נאָר פון מיין פאָלק אויך, פון אַלע פעלקער. שרייב, יוסף, שרייב מיט דיין גאַנצער קראַפט!״

„עפּאַ טייערער! קיינמאָל האָב איך נאָך אַזאַ חבר ווי דו נישט גע־האַט. ניין, נישט געהאַט!״

„נאָר נישט קיין רעטאָריק! נאָר נישט קיין אָנשטעל. כ׳דאַרף נישט זאָלסט איבערחזרן דיינע ליבע־דערקלערונגען צו מיר. כ׳וויל בלויז, און דאָ האַלט איך פון דיין רוימישן אָראַטאָר ציצעראָ, כ׳וויל, אַז דו זאָלסט וויסן ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן מיט אַ חבר. בעט פון דיין חבר נאָר דאָס וואָס איז בכבודיק; און טו דיין פריינט נאָר דאָס, וואָס איז בכבודיק און טו עס נישט וואַרטנדיק ביז וואַנען ער וועט דיך בעטן דו זאָלסט עס טון פאַר אים!״

„וואָס זאָל איך טון פאַר דיר? אַפילו אַ העלפט פון מיין האָב און גוטס וועל איך דיר געבן, עפּאַ!״ האָט יוסף געזאָגט מיט אמתער אויפ־ריכטיקייט.

„כ׳שפּאַס, יוסף, כ׳וויל גאָרנישט. כ׳האָב איצט בלויז איין פאַרלאַנג, אַ חברישן פאַרלאַנג!״

„זאָג וואָס, עפּאַ טייערער, און כ׳וועל טון וואָס דו וועסט הייסן״.

„אַ קליינער פאַרלאַנג און אַ גרויסער. זעץ זיך שוין אַוועק. קיינער ווייסט נישט וועמענס מאָרגן ס׳איז. אָט, כ׳האָב די טעג איבערגעלייענט דיינע „מלחמות״, געוויקלט די מגילות פון די „אַלטערטימער״ און כ׳האָב ביי זיך באַשלאָסן: יוסף איז מיין נאָענטסטער חבר. אַזויפיל יאָרן צוזאַ־מען דאָ אין קעניגלעכן הויף. זיין געשיכטע טאָר נישט בלייבן ווי זי איז. ער מוז זי איבערשרייבן. ער מוז זיך אַליין באַשולדיקן און ווי ווייט מעג־לעך זיך פּרובירן פאַרענטפערן. ער מוז אויך ריינוואַשן די העלדן פון זיין פאָלק, יוחנן פון גוש חלב; שמעון בר גיורא, אַפילו יוסטוס פון טבריה, זיי אַלע טאָרן נישט בלייבן אַזוי שוואַרץ געמאָלן ווי זיי זענען. אַזוי האָב איך צו זיך גערעדט און דאָס אייגנטלעך בין איך דיר געקומען עצהן צו טון. האָב איך דיך געטראָפן פאַרזונקען אין געדאַנקען וועגן די פאַרלוימדער פון דיין פאָלק. איז נעם, יוסף, נעם שוין, זעץ זיך אַוועק, שרייב קעגן די אַפּיאָנס און, אַז גאָט וועט דיר געבן יאָרן וועסטו אויך איבערשרייבן, אינגאַנצן איבערשרייבן, ווייניקסטנס דיינע „מלחמות״, אויב ס׳וועט מער קיין צייט נישט זיין!״

„כ׳בין אַלט, עפּאַ טייערער, אַלט, אָבער פּלענער האָב איך נאָך אַ סך. אַוודאַי וואָלט איך געוואָלט איבערשרייבן מיינע „מלחמות״, נאָר צום ערשטן וויל איך שרייבן אָט דאָס״, האָט יוסף אָנגעוויזן אויפֿן פּאַרמעט מיטן איבערשריפֿט „קעגן אַפּיאָנען״; „און דערנאָך, דערנאָך עפּאַ, דער־נאָך שרייב איך צו צו מיינע „מלחמות״ די קאַפּיטלעך וועגן דער גרויסער העראָיִק פֿון מצדה, באַלד נאָכדעם מוז איך שרייבן וועגן ייִדישע מחשבות וועגן גאָט און זיין עסענץ, וועגן אונדזערע געזעצן; און ערשט שפּעטער־וויל איך זיך אַוועקזעצן מאַכן אַ רעוויזיע פֿון אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט מיינע יוגנטלעכע, געשיכטלעכע שטותערייען!״

„ביז וויפֿל יאָר ריכסטו זיך אַזוי אַריינצולעבן, יוסף טייערער?״

„וואָס קען זיין וויניקער ווי הונדערט מיט צוואַנציק?״ האָט יוסף געפֿרעגט מיט קינדערישער שלימות.

„לעב דיר געזונטערהייט, אָבער צום ערשטן: יאָ, כ׳מיין, אַ חבר דאַרף מען זאָגן אַלע אמתן!״ האָט עפּאַפֿראָדיטוס זיך גערויטלט; איז בלאַס געוואָרן; האָט געשטאַמלט.

„וואָס איז עפּאַ, שוין ווידער אמתן! זאָג, עפּעס נייעס?״ האָבן יוספֿס ליפּן געציטערט.

„יאָ, נייעס; כ׳מיין, טראַיאַן צעזאַר און זיינע יועצים האָבן צוגע־טראַכט אַ נייעם פּלאַן: ראָמאַניזירן דעם הויף! נו, האָט מען מיך אינפֿאָר־מירט בסוד, אַז דו, יוסף און איך, מיר ייִדן און גריכן, האָבן מער קיין פּלאַץ נישט אין קעניגלעכן הויף, און ספּעציעל נאָך דערפֿאַר וואָס מיר זענען געווען פֿריינט, פּראָטעזשירטע פֿון די פֿלאַוויוּסעס!״

עפּאַפֿראָדיטוס האָט גערעדט מיט ווייטיק און פֿאַרדרוס אין זיין שטימע. ער איז געווען זיכער, אַז יוסף וועט אויפֿציטערן, וועט ווערן איבעראַשט פֿון דער נייעס! וועט זיך פֿילן דערשלאָגן. צום סוף האָט יוסף פֿלאַוויוּס זיך גאָר ברייט צעשמייכלט און האָט אַ זאָג געטון: „ס׳זע־נען שוין אין אונדזער געשיכטע געווען פּרעהס וואָס האָבן נישט געקענט יוספֿן... נו, מילא; קען דער פּרעה נישט די הייניטיקע יוספֿס; בין איך צעקראָכן; קעניגן און הערשער זענען זיי? זיי זענען שוואַכלינגען. מען קען זיך אויף זיי נישט פֿאַרלאָזן. עפּאַ, אפֿשר ווייסטו וווהין ער האָט מיך בדעה צו שיקן? אויף וואָסער אינדזל, אין וואָסער לאַנד?״

„כ׳האָב געהערט, אַז ער גייט מיך שיקן צוריק אַהיים, קיין גריכנ־

לאַנד, און דיך... פאַרשטייסט, דיך יוסף, דיך גייט ער גאָר שיקן אין דער ווייסטער יהודה!״

„אין יהודה, מיינסט באמת יהודה, עפּאַ טייערער! ווונדערבאַר!״ האָט יוסף זיך אַוועקגעלאָזט איבערן הויז. ער האָט אונטערגעטענצלט. „עפּאַ, ס׳איז אַ ליכטיקער צופאַל; ס׳איז ווי פון גאָט אַליין געפירט. איי, ווי גוט, איי, ווי טייער. כ׳מוז, עפּאַ טייערער, כ׳מוז איצט זיין אין מיין היימלאַנד, כ׳דאַרף דאָרט זיין! נאָר דאָרט רוט דער גייסט פון גאָט אויפן מענטשן. ערשט דאָרט וועל איך קענען שרייבן מיין ווערק „קעגן אָפּיאָנען״, דאָרט וועל איך קענען איבערשרייבן מיין געשיכטע, מיינע „מלחמות״, און דער עיקר, דאָרט וועל איך קענען שרייבן מיין הויפּט־לעבנסווערק, „וועגן אונדזער גאָט און זיין עסענץ״, יאָ, עפּאַ, נאָר אין יהודה רוט דער גייסט פון גאָט אויפן מענטש און ווו קען מען שרייבן ווי עס דאַרף צו זיין חוץ אין אַ פּלאַץ אַזאַ ווו גאָטס גייסט רוט אויפן מענטש?״ האָט יוסף זיך אָפּגעשטעלט מיטאַמאָל לעבן עפּאַפראָדיטוסן, האָט אים אָנגעקוקט שפּיציק און מיט אַ פויגלש־דין קול האָט יוסף מיטאַמאָל אַ זאָג געטון: „עפּאַ טייערער, אָבער מיר ביידע, מיר ברידער, צוויי פרעמדע, פון צוויי וועלטן, וואָס האָבן זיך דאָ געטראָפן און זיך אויף אייביק פאַרברידערט; ווי אַזוי וועלן מיר קענען לעבן איינער אָן אַנדערן?״

עפּאַפראָדיטוס איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. ער האָט געזען טרערן ווי אַרבעסן ביי יוספן אין די אויגן. זיין אייגן האַרץ האָט אים אויך אַ שטאַרקן קלעם געטון. אַ בענקשאַפט נאָך דעם דאָזיקן קאָלירפולן, אָפּט נישט אויפריכטיקן, אָפּט רעטאָרישן, דאָך גייסטרייכן חבר, אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך אים האָט אים באַנומען. ער האָט שיר אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

„זעץ זיך צו דער אַרבעט יוסף, מירן זיך זען, מירן נאָך רעדן!״ האָט עפּאַפראָדיטוס אַרויסגעפּלאַצט; האָט זיך שנעל אַ קערעווע געטון צו דער טיר און איז מיט געאיילטע טריט אַרויס פון הויז. יוסף איז געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט; מיט שטאַרנדיקע אויגן, מיט פאַרגאָסענע אויגן.

די היץ איבער די גאַסן פון רוים האָט אָנגעגליט די מאַסיוו־שטיינערנע ווענט פון יוסף פלאוויוסעס וווינונג. די לופט איז געוואָרן געדיכט, שטיקנדיק. דורך די קליינע, שמאָלע פענצטער אין די ווענט האָט אַריינ־

געקוקט אַ מידער, פאַרצויגענער הימל. יוסף איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויז. ער האָט פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פענצטער, האָט געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן צום הימל, וואָס איז אָט געווען בלייַק־שווער, געדיכט, און באַלד האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטיק פייערדיק־רויטע לענטע, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם אַרום.

די ביימער הינטערן הויז זענען געשטאַנען ווי פאַרחלשט. די צווייגן האָבן זיך אַפילו קיין ריר נישט געטון. אַ פאַרבענקטער פייגל־געצוויטשער האָט זיך דערטראָגן צו יוספס אויערן; אַ געזאַנג פון די פייגל האָט געשמאָלצן יוספס האַרץ. ער איז געשטאַנען אַזוי און האָט פּרובירט דורכצודרינגען מיט די אויגן די געדיכטע וואָלקנס, וואָס זענען איצט געשווומען איבערן הימל. ער האָט דערפילט אַ מידקייט אין די גלידער. „זיך צושפּאַרן אויף אַ פּאָר מינוט“, האָט ער צו זיך געשעפּטשעט און באַלד איז ער געלעגן אויף דער קאַנאַפּע לעבן זיין שרייבטיש. דאָס געצוויטשער פון די פייגל האָט אים אָנגעהויבן איינצווויגן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און באַלד האָט ער געפילט ווי ער שוועבט אין דער לופטן, ווי ער טראָגט זיך איבער פון רוים קיין יהודה, פון רוים ביז אַרום די ווענט אויסער דער שטאָט ירושלים. ער איז אין טיטוסעס מחנה. טיטוס באַפעלט אים ער זאָל זיך נאָכאַמאָל ווענדן צו די פאַרטיידיקערס פון ירושלים זיי זאָלן זיך אונטערגעבן, וועט ער, טיטוס, נישט פאַרניכטן די שטאָט. יוסף האָט אַ טאָג פריִער אַליין געזען ווי אליעזר, שמעון בן גיוראָס אַ ברודערנזון, האָט געקעמפט ווי אַ לייב קעגן אַ גאַנצער קאָהאָרטע רוימער. זיין האַרץ האָט זיך געפרייט צו זען ווי מעכטיק, ווי פאַרביסן די ייִדן, זיינע ברידער, קעמפן קעגן די רוימער. און דאָ הייסט אים טיטוס גיין צו די ווענט, רעדן צו די קעמפער זיי זאָלן זיך אונטערגעבן. ס׳בלוט האָט געקאָכט אין אים. זיין פּנים האָט געפלאַמט, ער איז צו צו די ווענט. אויבן איז געשטאַנען יוחנן פון גוש חלב. אַ מעכטיקער, ריזיקער יוחנן האָט אַראָפּגעקוקט צו אים, צו יוספן, וואָס האָט אָנגעהויבן צו זינקען אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזען יוחנן. מיט אַ געבראָכענער שטימע האָט ער דעמאָלט זיך געווענדט צו יוחנן, צו אַלע אויף די ווענט: „גאָט אַליין איז קעגן אייך; גיט אייך איבער אין די הענט פון די רוימער!“ האָט ער אָנגעהויבן דעמאָלט, און פון די ווענט האָט אַ כאָר מיט גרימצאָרן צו אים געשריגן „פאַרעטער!“ און ער האָט

געפילט, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט זען ווי די ערד אונטער אים עפנט זיך און שלינגט אים איין איידער צו שטיין און הערן די קולות, וואָס רופן אים „פאַרעטער". יוחנן איז געשטאַנען און האָט אויף אים געקוקט מיט וויסטע, שפּאָטיק־פאַראַכטנדיקע אויגן. אוי, יוחננס אויגן! ביז היינט, ביזן סוף פון זיינע טעג וועט ער שוין די אויגן נישט פאַרגעסן.

„איך בין גרייט צו שטאַרבן אויב איר זאָלט צוליב מיין טויט, באַלד נאָך מיין טויט זיך אָפּקערן פון אייער משוגעת, איר זאָלט איינזען, אַז אייער קאַמף איז פאַרלוירן!" האָט ער זיך געבעטן און מיטאַמאָל האָט אַ האָגל פון פיילן און שטיינער אָנגעהויבן צו פאַלן אויף אים. אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעהויבן צו הוידען און וויגן; צו דרייען זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד און אין קרייז און מיטן קרייז האָבן זיך נאָכגעדרייט יוחננס אויגן, שפּאָטישע אויגן, פאַראַכטנדיקע אויגן, און ס'וואָרט „פאַרעטער" האָט געדונערט אין די אויערן, און עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאַנגען און עקדישן, אין ווערים אַזעלכע וואָס האָבן זיך איינגעביסן אין לייב, אין דער נשמה. און דערנאָך איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַזוי פאַרטויבנדיק שטיל און אַלץ אַרום איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, פאַרלאָשן געוואָרן. און ווען ער האָט זיך צייטן שפּעטער אויפגעריסן ווי פון אַ וויטן שלאָף האָט ער זיך געפונען אין זיין געצעלט, אין פעלדביידל און טויזנ־טער פייגעלעך האָבן געצוויטשערט ווי איצט, ווי אָט־דאָ, ווי... אָ, יוחנן פון גוש חלב! פאַרגיב מיר, לאָז מיך צורו; שלעפּ מיך נישט מיט אויף דער אַרענע, ניין, מיט דער שווערד, אַזוי־אָ, שנייד איין אָט־דאָ ביים ושט! כ'וויל נישט גיין אויף דער אַרענע! געדענקסט, יוחנן, ווי איך האָב זיך דעמאָלט ביי די ווענט פון ירושלים געפרייט ווען יונתן האָט אין אַ האַנט־צו־האַנט־קאַמבאַט דערהרגעט דעם רוימישן העלד, דעם גיגאַנט פּודעוס! יאָ, יוחנן, כ'בין באמת שטענדיק געווען דיין פאַרערער; כ'האָב מקנא געווען דיין גייסט; דיין שטאַרקייט; כ'וועל איבערשרייבן מיינע „מלחמות", כ'וועל צושטעלן די קאַפּיטלעך וועגן מצדה, כ'האָב זיי שוין פאַרטיק, און דיך, יוחנן, כ'וועל דיך מאָלן גאָר אַנדערש, מאָלן אויפריכ־טיקע. יוחנן, לאָז מיך, לאָז מיך אָפּ, שלעפּ מיך נישט אויף דער אַרענע, יוחנן, יוחנן פון גוש חלב!"

יוסף בן מתתיהו הכהן האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף. ער איז גע־ווען אויסגעווייקט פון קאָפּ ביז די פיס אין טייכן שווייס. ער איז געזעסן

אויף דער קאַנאַפּע און האָט געהערט ווי עס ציטערן און קלאַפּן זיינע ציין. ער האָט געקוקט אַרום זיך און מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן איז ער אַריינגעדרונגען אין יעדן ווינקל פון הויז. „נישטאָ, נישטאָ דאָ קיין יוחנן. שוין לאַנג טויט, יוסף, טויט, נאָך דעמאָלט ווען מ׳האָט אים געבראַכט...״

יוסף פלאוויוס האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די פיס. ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ האַנטעך; האָט אים איינגענעצט אין קאַלט וואַסער און האָט אָנגעהויבן צו ווישן דעם שוויס פון פּנים. אַן אָנגענעם גלעטנדיקע קיל־קייט האָט זיך געשפּרייט איבער זיין שטערן, איבער זיינע באַקן. יוסף האָט אַ קוק געטון אויפן טיש. האָט געזען די אָפענע און פאַרדראָלטע מגי־לות; האָט געזען דעם פרישן, נייעם פּאַרמעט מיטן אויפשריפט אויבנאָן: „קעגן אַפּיאָנען״. ער האָט זיך דערנענטערט צום טיש, האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט צו דער ווייכער שטול לעבן טיש: „אוי, גאָט פון מיינע אָבות, גיב מיר כוח כ׳זאָל שרייבן אַזוי, אַז מיין נאָמען זאָל מיט מיין שרייבן גערייניקט ווערן פון אַלע אומווערטיקייטן מיט וועלכע ער איז באַוואַקסן געוואָרן! אוי, גאָט פון מיינע אָבות, גיב מיר כוח צו שרייבן אַזוי, אַז דיין גרויסקייט און אַלמעכטיקייט און די גרויסקייט און הייליקייט פון דיין פאָלק זאָל פון מיין שרייבן קלאָר ווערן פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט! אוי, גאָט פון צבאות, גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, גורט מיך אָן מיט וויסן און חכמה כ׳זאָל ווי אין אַ מערזשל קענען צע־שטויסן די בלבולים, וואָס די שונאים פון דיין אויסדערוויילט פאָלק האָבן אויסגעטראַכט אויף אונדז!״

מיטן נאַסן האַנטעך האָט יוסף געווישט זיינע צעפלאַמטע אויגן, זיין פיבערדיקן מוח. „כ׳וויל נישט אָפלייגן, שוין, אָט נעם איך זיך צו אונד־זערע שונאים!״ האָט יוסף פלאוויוס אַ זאָג געטון און ער האָט איבער די ווערטער „קעגן אַפּיאָנען״ צוגעשריבן „וועגן דער אַלטקייט פון יִדישן פאָלק!״ האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעלייענט דעם נאָמען און באַלד האָט ער הויך אויפן קול אַ זאָג געטון: „דעם ספר וועל איך דעדיקירן צו מיין איינציקן און בעסטן חבר עפּאַפראָדיטוס״.

מיט אַ געלאַסן געמיט; מיט אַן אינעווייניקסטער רויִקייט און מיט אַ יום־טובדיקער פייערלעכקייט האָט יוסף בן מתתיהו הכהן, יאָזעפוס פלאוויוס, אָנגעהויבן צו שרייבן: „היינט, 26 טעג אין חודש תמוז, וואָס איז דער חודש פּאַנעמוס, האָב איך, יוסף בן מתתיהו הכהן, וואָס רוף זיך

יאָזעפוס פלאַוויוס, אָנגעהויבן צו שרייבן דעם ספר „קעגן אַפּיאָנען״, אין דער שטאָט רוים,ביים טייך טיבער, אין פערטן יאָר פון דער הערשאַפט פון צעזאַר טראַיאַן״.

יוסף פלאַוויוס האָט איבערגעלייענט די ווערטער; זיי באַלד אויסגע־מעקט און האָט אָנגעהויבן אַזוי: „איך גלויב, מיין טייערער חבר עפּאַפ־ראָדיטוס, אַז איך האָב שוין קלאָר געמאַכט פאַר די, וואָס האָבן געלייענט מיינע ביכער וועגן די אַלטערטימער פון יידישן פאָלק, אַז מיר יידן זענען אַ פאָלק וואָס איז גאָר אַלט... מיינע „אַלטערטימער״, מיינע אַנטיקוויטעטן, זענען פינף טויזנט יאָר געשיכטע און זענען גענומען פון אונדזערע הייליקע ספרים...״

די פעדער האָט זיך געגליטשט איבערן ווייסן פּאַרמעט מיט אַ שפּי־לעוודיקער לייכטקייט. ווערטער ווי מאָלערייען האָבן זיך אויסגעשטעלט איינער לעבן אַנדערן און זיי האָבן געשמייכלט יוספן אין פּנים אַריין. יוסף האָט געשריבן און געטראַכט שנעל, וואָס ער וועט זאָגן די מאַנעט־האָס, די מאָלאָנס, די כערעמאַנס, די אַפּיאָנס. ער וואָלט איצט געקענט צעמאָלן זיי און זייערע בלבולים אויף יידן ווי מען צעמאָלט קערנדלעך אין אַ זשאַרנע; וואָלט זיי געקענט צעשטויסן ווי מען צעשטויסט צימע־רינג און געווירצן מיט אַ שטויסל אין אַ מערזשל.

„גאָט, גיב מיר כוח, גיב מיר צייט זיי צו ענטפערן!״ האָט זיך יוסף בן מתתיהו געבעטן און ער האָט געזען ווי עס וואַקסט שורה נאָך שורה, ווי עס פילן זיך אָן גאַנצע פּאַרמעטן. אַ פרייד האָט אָנגעפילט זיין האַרץ.

„כ׳וועל ריינוואַשן מיין פאָלק פון אַלע בלבולים; כ׳וועל ריינוואַשן מיין נאָמען אויך, יאָ, ריינוואַשן. כ׳זאָג דיר צו, מיין טייערער חבר עפּאַפ־ראָדיטוס!״ האָט יאָזעפוס פלאַוויוס, יוסף בן מתתיהו, געשעפּטשעט און האָט איינגעגראָבן דעם פּנים אינעם פּאַרמעט.

איבערן צימער האָט ווי שטילע מוזיק געשאַרכעט יוספס פעדער איבערן ווייסן פּאַרמעט. „כ׳וויל איצט צוגעבן צו דעם וואָס כ׳האָב געזאָגט וועגן מאַנעטהאָן און כערעמאַנען אַפּאָר ווערטער וועגן ליסימאַכוסן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די זעלביקע ליגנס נאָר גייט נאָך ווייטער״, האָט יוסף פלאַוויוס געשריבן און ער האָט געפילט ווי פלאַמען פייער צעברענען זיך אין אים: „מיר יידן שרייבן נישט צו, באַשענקען נישט דעם אייזל

מיט קיין שום געטלעכער קראַפט, ווי די מצרים שרייבן צו געטלעכקייט דעם קראָקאָדיל, דער שפּין! יאָ, איר ליגנערישע ליסימאַכוסעס, מאָלאָנס, מאַנעטהאָס און אַפּיאָנס!" האָט יוספס פעדער געשפּריצט מיט פייער, מיט ביטערקייט קעגן אַלע בלבול־מאַכערס אויף זיין פאָלק; ער האָט געפילט ווי די ווונדן אין זיין האַרצן היילן זיך, ווי עס ווערט אים גרינגער; ווי עס פאַלן אַראָפּ שטיקער בליי פון זיינע אַקסלען. וואָס לענגער ער האָט געשריבן, אַלץ מער האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז אָט, אָט, ער באַפרייט זיך פון מינוט צו מינוט פון די שולד־געפילן, וואָס האַלטן אים שוין יאָרן ווי געשמידט אין קייטן. און ווען דער אָוונט האָט אָנגעהויבן איינצוהילן די גאַסן פון רוים, און ווען גערדיכטע קנוילן פינצטערניש האָבן דערנאָך אַריינגעקוקט דורך די קליינע פענצטערלעך צו יוסף פלאַוויוסן אין צימער, איז יוסף פלאַוויוס נאָך אַלץ געזעסן איבער זיינע פּאַרמעטן און האָט מיט ווערטער ווי מיט בייטשן געפּאַסעוועט אַלע יידן־פאַרלוימדער פון אַלע צייטן. ער האָט זיצנדיק געפילט ווי זיין נאָמען יאָזעפוס פלאַוויוס ווערט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין יענעם ווייטן נאָמען, וואָס איז אים אי ליב אי טייער אי נאָענט און אייגן. ער האָט געפילט ווי ער ווערט צוריק פאַרוואַנדלט פון אַ יאָזעפוס פלאַוויוס אין יוסף בן מתתיהו הכהן, יוסף פון לאַנד יהודה, וואָס ליגט איצט וויסט און פאַר־לאָזן, ליגט ווייט אַוועק, ווייט, ווייט ערגעץ ווו אויף יענער זייט ים, אויף יענער זייט האָריזאָנט.

אויגן

— 1 —

הײנקע האָט יִינגלוּװיז געהאַט אַ קעמערל בײם זײדן אונטער דער װינטמיל. אין קעמערל, װוּ ער האָט זיך קוים געקענט אַרײַנשלײכן, האָט ער געהאַלטן שאַרפֿע שטיקלעך גלאָז פֿון פֿאַרשײדענע קאָלירן, קלינגלעך פֿון מעסערלעך, אַן אַלט שטױסל און אַ גאָפּל אָן אַ הענטל. דאָס זענען געװען הײנקעס אָפּעראַציע־אינסטרומענטן. מיט די כלים האָט ער געמאַכט זײנע עקספּערימענטן איבער אַלערלײ באַשעפֿענישן, װאָס זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין זײנע הענט.

קינדװײז האָט ער ליב געהאַט אַרױסצורײסן די פֿליגל פֿון פֿליגן, אַרױסציִען בײ זײ פּיסל נאָך פּיסל און הנאה האָבן צו זען װי זײ װאַקלען זיך אױף אײן פֿוס. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו כאַפּן װערים און זײ קװעטשן צװישן צװײ שפּענדלעך און זען װי זײ דרײען זיך װי גרײצערס פֿאַר װײטיק.

צו אַכט יאָר האָט ער שױן געהאַט דאָס קעמערל בײם זײדן הינטער דער װינטמיל. אין קעמערל האָט ער צום ערשטן פֿאַרנאַרט אַ הינדעלע. ער האָט עס געהאָדעװעט דאָרט אַ פּאָר טעג און דערנאָך האָט ער עס אָנגעהױבן צו מאַטערן; ער האָט פֿאַמעלעכל און מיט אַ פֿרײדיקער שוים אױף די ליפּן געפּליקט פֿון הינדל פֿעדער נאָך פֿעדער און דערבײ האָט ער ליב געהאַט צו פֿילן װי דאָס הינדעלע צאַפּלט זיך אין זײנע הענט; ער האָט עס געדריקט בײם גאָרגל און ער האָט דערבײ מיט ברײט־צעעפֿנטע אױגן געקוקט צום הינדל אין די אױגן, װאָס האָבן זיך געגלײזט; ער האָט געריסן פֿון הינדל באַזונדערע אברים און ער האָט מיט אַ מאָדנעם כאַכאָטשען צוגעזען װי דאָס הינדל גײט פֿאַמעלעך אױס אין זײנע הענט.

פון הינדעלעך איז היינקע איבערגעגאַנגען צו הענער און הינער, צו קאַטשקעס און גענדז; שפּעטער זענען זיינע פאַרלאַנגען אַריבער אויפן געביט פון קעץ; דערנאָך אויף ווערוועקעס און לסוף אויף הינט.

צווישן אַלע אינסטרומענטן האָט היינקע דעם שטויסל צום זעלטנסטן גענוצט. בלויז דעמאָלט ווען אַ קאַץ האָט זיך אין אירע לעצטע אַגאָנישע מינוטן צעווילדעוועט און זי האָט געדראָעט מיט אירע שאַרפע נעגל; בלויז דעמאָלט ווען אַ הונט האָט אין זיין לעצטן געכאָרכל אַ שטעל געטון אויף אים זיינע הינטישע ציין, דעמאָלט האָט היינקע אַ כאַפּ געטון דאָס שטויסל און ער האָט מיט איין געשיקטן זעץ דעם הונט אָדער די קאַץ אויף שטענדיק געטאַמעוועט. אמת אַזאַ אַקט האָט היינקען געקאָסט אַ סך געזונט, ווייל וואָס איז אין זיינע אויגן ווערט געווען אַזאַ טויט? עס איז געווען אַ פאַרלוירענע קאַץ אָדער אַ פאַרלוירענער הונט. היינקע האָט נישט געגנוג צייט צו קוקן אין די אויגן אַריין פון אָט דעם באַשעפעניש אין איר פּיין. זיין גרעסטע פרייד, זיין גרעסטער פאַרגעניגן זענען דאָך געווען די דאָזיקע לעצטע גסיסה־מאָמענטן. די געציילטע מינוטן, די מאָמענטן ווען די אויגן פונעם באַשעפעניש שוועבן צווישן לעבן און טויט, ווען די אויגן זענען פאַרטונקען אין פּיין און אין טויטלעכן ווייטיק. די מאָמענטן זענען פאַר היינקען געווען די טייערסטע, די געקליבנסטע, די וויכטיקסטע אין זיין אַרבעט.

היינקע איז געווען אַן עקספּערט אויף אויגן, דורך די אויגן האָט ער נאָך פון קינדוויַיז אָן געקענט זען די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון די מענטשן און חיות מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג. ספּעציעל האָט ער זיך געקענט אויף אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט פּיין, ווייטיק און פּחד. ער האָט אָנגעקוואָלן פאַר פרייד ווען ער האָט פאַר זיך געזען אַ פּאָר אויגן, וואָס זענען כמעט ווי געווען פאַרצויגן מיט אַ פלעמל פון אַגאָניע. ער האָט זיך געשמאָלצן ווען ער האָט געזען פאַר זיך צווייצעשטאַרטע, שפּיזיקע אויגן, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אימהדיקער שרעק, זיין האַרץ האָט געפלאַטערט ווען ער האָט אָנגעטראָפן אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן זיך געוויקט אין אַ גלאַנץ פון צער און ווייטיק. אים האָט נאָר פאַרדראָסן, וואָס ער זעט צופיל קלאָרע אויגן, אָפענע אויגן, לאַכנדיקע אויגן אַרום זיך.

נישט איינמאָל האָט היינקע געכאַפּט ערגעץ אין אַ ווינקל זיין שכנס

קליין מיידעלע, וואָס האָט אים געשטאָכן מיט אירע שטענדיק שמייכלענ־דיקע אייגעלעך און ער האָט איר אַ דריק געטון דאָס העלדזל אַזוי שטאַרק, אַז אירע אויגן האָבן זיך אַזש פֿאַרגלייזט און זיי האָבן מיט פּיין זיך אָנגעשטעלט אויף אים און אים געבעטן: „לאָז אָפּ, היינקע!" אמת היינקעס הענט האָבן געבענקט, האָבן שטאַרק געוואָלט זיך איינגראָבן אין ווייסן העלדזל פֿון דער שכנטעס מיידעלע, אים האָט געצויגן צו זען ווי עס וועלן אירע אייגעלעך אויסזען אין דעם גאָר לעצטן, אין גוסדיקן מאָמענט, נאָר היינקע איז געווען אַ טרוס; זיין אייגן לייב האָט געציטערט ווען ער האָט געטראַכט, אַז פֿאַרן פֿאַרגעניגן פֿון זען די אויגן פֿון זיין שכנטעס מיידע־לע זיך אויסלעשן אין זיינע הענט וועט ער, היינקע, דאַרפֿן ליידן, דאַרפֿן צאָלן מיט פּיין. ניין, ער האָט נישט געוואָלט פּילן אויף זיין לייב קיין ווייטיק. ער איז נישט גרייט געווען צו צאָלן פֿאַר זיינע פֿאַרגעניגנס מיט קיין בייטשן אויף זיין לייב.

אָפּט, אַז היינקע פֿלעגט אַריינקומען פֿון זיין קעמערל הינטער דער מיל, צום הויכן, ברייטפּלייציקן זיידן, צום זיידן עמיל מיט די לאַנגע וואָנצעס, מיטן צעווירענעם בויך, און דער זיידע האָט באַמערקט, אַז היינקעס הענט און זיין פּנים זענען באַפּלעקט מיט בלוט, האָט דער זיידע עמיל זיך צעכאָכאָטשעט אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אי די וואָנצעס אי דער בויך וועלן זיך אַראָפּשאָקלען פֿון זיין גוף און ער וועט בלייבן שטיין מיט נאַקעטע ליפּן און אַראָפּגעלאָזטע הויזן. „יאַ, יאַ, יאַ!" האָט דער זיידע עמיל פֿאַרזיכערט אי זיך, אי די מענטשן אַרום זיך, אי היינקען גופא, „יאַ, דער יונג איז זיכער נישט קיין פּייגלינג. ער וועט אָדער אַ גוטער קריגער, אַ בראַוער שלעגער זיין, אָדער גאָר אַ גרויסער כירורג!"

דער זיידע האָט געלאָזט זיינע וואָנצעס שמייכלען וויפֿל נאָר זיי האָבן געוואָלט און זיין בויך האָט זיך שטיפֿעריש געהוידעט אַ צייט לאַנג.

היינקע האָט ליב געהאַט דעם זיידן עמיל און ער האָט דעם זיידן פּרובירט פֿאַרשאַפֿן אַזויפֿיל פֿאַרגעניגן וויפֿל ער האָט נאָר געקענט. דער־פֿאַר האָט ער שטענדיק פּינקטלעך גערייניקט דעם זיידנס ליולקע; געפּוצט זיינע שטיוול; געבאַרשט זיינע פֿאַרמעליקטע קליידער און ווען דער זיידע האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט האָבן אַ שטיקל האָן אויף מיטיק איז היינקע שנעל געלאָפֿן, געכאַפּט אַ האָן, אים געבראַכט צום זיידן און

קונציק אַ נעם געטון דעם האָן פאַרן קעפּל און אַראָפּגעשרויפט דאָס קעפּל פון העלדזל פון האָן מיט בלויז איין דריי.

דער זיידע האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון היינקעס געשיקטקייט און האָט זיך געריימט פאַר שכנים און באַקאַנטע: „מיין היינקע וואַקסט אַ מייסטער קיילער!" און ער האָט דערביי זיין בויך און וואָנצעס אַוועקגעלאָזט אויף אַ פריידיקער עקסקורסיע.

אָבער היינקען איז גיך מיאוס געוואָרן זיך צו שפּילן מיט וועווער־קעס, מיט קעץ און אַפילו מיט הינט. זייערע אויגן האָבן מער נישט גע־לאָשן דעם לוסט אין אים און זייער טויט־כאָרכלען האָט אַפילו דעם מינדסטן פּלאָטער נישט אַרויסגערופן אין זיין האַרץ.

„אַך, ווען איך וואָלט געקענט אַזוי אַוועקלייגן גרעגאָרן און אים זען צאַפּלען אונטער מיינע הענט!" האָט היינקע געחלומט וועגן דעם גאַרבער גרעגאָר וועמען ער האָט פיינט געהאַט דערפאַר ווייל גרעגאָר האָט אים אַ נאָמען געגעבן „הענקער" אָנשטאָט היינקע. אים האָט נישט געאַרט, וואָס גרעגאָר רופט אים הענקער. ניין, אים האָט נאָר פאַדראָסן, פאַרוואָס גרעגאָר זאָגט אַרויס דאָס וואָרט הענקער מיט אַזויפיל גאַל, מיט אַזאַ מין ביטערן פאַרוואורף. נאָכמער האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס גרעגאָר רופט אים הענקער און ער, היינקע, האָט נאָך אַפילו נישט גע־האַט דעם גרויסן פאַרגעניגן פון אומברענגען אַפילו איין נישטיקן מענטשן.

„ווען גאָט וואָלט מיר געהאָלפן כ׳זאָל דערלעבן צו קריגן אַ הענ־קער־שטעלע וואָלט איך געוואָלט, אַז גרעגאָר זאָל מיין ערשטער קרבן זיין!" האָט זיך היינקע געווונטשן און זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט אין אים, און ער האָט שוין פאַר זיך געזען גרעגאָרס צוויי גרויסע שוואַר־צע אויגן, וואָס ווערן ביסלעכווייז פאַרצויגן מיט אַ פלעמעלע פון פיין, וואָס צאַנקען אין ווייטיק, וואָס לעשן זיך אין גסיסהדיקער אַגאָניע. און אַ פרייד האָט זיך צעשפּילט אין זיין בוזעם, און ער איז גרייט געווען אַ נעם צו טון דעם זיידן עמיל, מיט די וואָנצעס, מיטן בויך און זיך אַוועקלאָזן אין אַ קאַדריל מיט זיי. און היינקעס חלומות זענען געוואַקסן מיט אים.

אָבער דערווייל האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרביטערטער און האָט זיין לוסט געשפּייזט מיט גרעסערע קעץ און הינט, מיט אַ שעפּסעלע,

מיט אַ ציג, וואָס האָט כאָטש געווײנט ווי אַ קינד, מיט אַ חזיר, וואָס האָט גערעוועט ווילד.

הײנקע האָט געבענקט, געחלומט און געוואַרט, געוואַרט אויף אויגן פון מענטשן, וואָס זאָלן זיך צאַפּלען אין זײנע הענט.

— 2 —

הינטערן בית־המדרש האָט זיך געשפּרײט אַ גרינע לאָנקע, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט פּלאַנצן און בלומען און פאַרשײדענע ווילדע געוויקסן. די פענצטער פון רבס בית־דין־שטוב האָבן אַרויסגעקוקט צו דער לאָנקע. זײ האָבן אויך אַרויסגעקוקט צום אוראַלטן בוג, וואָס האָט זיך געשלענגלט ווי אַ זילבערנע סטענגע ערגעץ טיף אין טאָל.

װעלוול איז געזעסן לעבן פענצטער בײם זײדן אין בית־דין־שטוב און האָט אַרויסגעקוקט צו דער לאָנקע, צום בוג אין טאָל, און צום סודות־דיקן, שעפּטשענדיקן וואַלד אויף יענער זײט בוג.

װעלוולען האָט געצויגן ווי מיט צוואַנגען צום שעפּטשענדיקן, לאַכנ־דיקן בוג, צו די זאַמדן אויפן ברעג פון בוג, צו די גאָלדענע שטײנדלעך, וואָס באַפּלאַסטערן די זאַמדן, וואָס באַזוימען דעם בוג; אים האָט גע־כישופט די זון, וואָס האָט זיך געהוידעט אויפן אויבערפלאַך פון בוג; ער האָט געוואָלט שטײן אַזוי בײם פענצטער און קוקן אומאויפהערלעך, שטענ־דיק קוקן אויף גאָטס פּראַכטיקע וווּנדער, וואָס ליגן צעלײגט אַזוי רחבות־דיק הינטערן פענצטער פון זײדנס בית־דין־שטוב.

„נו, מײן קינד“, האָט וועלוול געהערט דעם זײדן דודס צאַרט קול, וואָס האָט אים געוועקט, ווי מאַמע־הענט פון אַ זיסן חלום.

װעלוול האָט דערזען פאַר זיך דעם זײדנס צווײ אײנגעפאַלענע באַקן; זײן זילבער־באַזוימטן פאַרמעטענעם פנים; זײנע קלײנע, טיפע, גלעטנ־דיקע אויגן און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער שטײט שוין טאַקע צו לאַנג און האָט הנאה פון דער שײנקײט פון דער וועלט; דערמיט פאַרלירט ער אַלץ מער צײט, דערווײל איז ער אַלץ מער מבטל תורה. וועלוול האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויפן אויסערגעוויינטלעכן פּראַכטיקן דרויסן און ער האָט זיך מיט אימפּעט אַ ריס געטון פון פענצטער. ער האָט ווידער אַ בליק געטון אויפן זײדן און ער האָט דערפילט ווי שטראַלן וואַרעמקײט

פליסן פון זיידנס אויגן צו אים און נעמען אים אַרום און צערטלען און גלעטן אים.

ער איז צו צום טיש און האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָענט לעבן זיידן. דעם זיידנס גלעטנדיקע שטימע האָט זיך צעוויגט איבער דער בית־דין־שטוב און וועלוול האָט דעם זיידן באַגלייט אין זיין נאָגנדיקן זינגען.ביידע האָבן זיך געוויגט הין און צוריק איבער דער אָפענער גמרא און דער זיידע האָט מיט פרייד געצערטלט און געגלעט וועלוולס בלייכלעכע באַקן און ער האָט אים אָפט אַ קוש געטון אין זיינע יונגע, פלאַכע פאַלדעלעך אויפן שטערן.

אָפט איז דער זיידע דוד שטיל געבליבן אינמיטן לערנען און האָט געלאָזט וועלוולס שטימע שוועבן אין דער לופט איינע אַליין. דער זיידע האָט פאַרמאַכט ביידע אויגן; אָפּגעצויגן דעם צעקנייטשטן שטערן און האָט מיט אַלע אברים געקוואָלן פון זיין וועלוולס קלינגנדיק־צאַרטן קול. און וועלוול איז געזעסן נאָענט לעבן זיידן און האָט מיט זיין קליין פויסטל, מיטן גראָבן פינגער פרובירט נאָכמאַכן דעם זיידן ווי ער דרינגט אַ פשט פון אַ פשט, ווי ער פלפולט זיך און אַרגומענטירט מיט זיך אַליין. און דעם זיידנס האַרץ האָט זיך געוויגט אין אים און וועלוולס האַרץ האָט געפלאַטערט און זיידע און אייניקל זענען געזעסן אַזוי און געלערנט און זיי האָבן ביידע געשוועבט אין אַן ערגעץ־לאַנד וווּ מען קען טעג און נעכט זיצן אַזוי און לערנען גאָטס תורה.

און ווען דער שיעור האָט זיך געענדיקט פאַרן טאָג און צום זיידן אין בית־דין־שטוב זענען געקומען אָנגעזעענע יידן פון שטאָט אַ שמועס טון וועגן מעות חטין, וועגן ביקור חולים, וועגן סתם צדקה, דעמאָלט האָט דער זיידע די פרייד אין זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט זיך געווענדט צו די יידן, וואָס זענען געזעסן אַרום טיש: „עס וואַקסט אַ טייערע כלי אין מיין הויז. מיין וועלוועלע וועט אי״ה זיין אַ גאון בישראל״. און אַזוי שנעל ווי דער זיידע האָט די ווערטער נאָר געבראַכט פאַר די ליפּן האָט ער באַלד ביי גאָט געבעטן סליחה און מחילה פאַר דער גרויסער גאווה אין אים, וואָס האָט אים געשטויסן ער זאָל זיך רימען מיט דער גאונות פון זיין אייניקל.

און וועלוול איז דערוויל ווי פון אַ מאַגנעט געצויגן אַרויסגעגאַנגען צו דער כישופדיקער לאָנקע, צום מיניענדיק־שימערירנדיקן בוג און איז

געשטאַנען לעבן זיידנס בית־דין־שטוב און האָט מורא געהאַט אַ שפּרייז צו טון אין די טיפע גראָזן טאָמער חלילה וועט זיינער אַ פוס אַ טרעט טון אויף גאָטס אַ מינדסטער באַשעפעניש. נייך, צוליב זיין פאַרגעניגן, צוליב דעם ווייל עס ציט אים דער טייך צו זיך, צוליב דעם ווייל עס לאָקן אים די שטיינדלעך ביים ברעג פון טייך וועט ער אַפילו דעם קלענסטן באַשעפעניש נישט וויי טון.

וועלוול האָט פאַר יעדער חיהלע, פאַר יעדן באַשעפעניש געהאַט אַ זכות, פאַרוואָס מען דאַרף עס היטן און שיצן. אַ זומער־פייגעלע האָט מען געדאַרפט היטן, ווייל עס איז סתם שיין צו קוקן אויף דעם; פייגע־לעך דאַרף מען שיצן און שפּייזן, ווייל זיי זינגען יעדן פרימאָרגן שירה צו גאָט; היינט איז דאָך דאָס רויטע פליגעלע מיטן ברייטן בייכל אַ משה־רבינו־קיעלע און דאָס ווערעמל איז דאָך אַ שטיקל משפחה פון שמרל (וועלוול האָט געגלויבט אַז דאָס שמרל איז געווען אַ מין ווערעמל), מיט וועלכן מען האָט געשניטן די שטיינער צו בויען דעם בית־המקדש, אַפילו די שפּין האָט וועלוול נישט געלאָזט דערהרגענען: „וואָס איז די שפּין נעבעך שולדיק, אַז גאָט האָט איר באַשאַפן מיט אַזאַ נאַרישן שכל", האָט וועלוול זיך געבעטן ביי די יינגלעך, וואָס האָבן זיך געוואָלט נוקם זיין אין די אור־אור־אייניקלעך פון יענע שפּינען, וואָס האָבן געהאָלפן חרוב מאַכן דעם בית־המקדש.

אמת וועלוולען האָט וויי געטון ס׳האַרץ אויפן חורבן בית־המקדש. ער האָט דעם בית־המקדש געקענט אַזוי אינטים, אַזוי נאָענט, ווי ער האָט געקענט דעם זיידנס בית־דין־שטוב מיט אַלע פאָליצעס ספרים. ער האָט גענוי געוווּסט, ווו עס איז געווען אין בית־המקדש אַ פלאַנץ און אַ בלום, אַן אויסשניצונג און אַ פאָרהאַנג, אַ מנורה און האַנטפאַס, ווו עס איז געשטאַנען דער לחם־הפנים און ווו עס איז געווען דער אַריינגאַנג צום קדשי־קדשים; עס איז געווען זיין אייגענער, זיינער און דעם זיידן דודס בית־המקדש, און עס האָט אים געשניטן און געפּייניקט דאָס לייב ווען ער האָט געטראַכט, ווען די קינדער האָבן אים דערמאָנט, אַז אָט די שוואַרצע שפּינען האָבן עס געטראָגן פייער צום בית־המקדש, געהאָלפן אומברענגען דעם פּרעכטיקן בית־המקדש זיינעם און גאָטס הייליקע לוחות. אָבער זיין האַרץ האָט געצאַפּלט פאַר רחמנות ווען ער האָט גע־טראַכט, אַז עס וועט די שפּינען וויי טון, ווען מען וועט זיי פּייניקן.

וועלוולס האַרץ האָט געבלוטיקט, זיין נשמה האָט געצאַפּלט אין אים און זיין גוף האָט געציטערט ווען ער האָט געזען ווי עס קוקן אויף אים אויגן מיט צער, מיט ווייטיק, מיט פּיין. ער האָט זיין קאָפּ פאַרגראָבן אין קישן, און ער האָט זיינע אויערן פאַרשטאָפּט ער זאָל נישט הערן קיין ווי און קיין אָך, קיין קרעכץ און קיין קלאַנג פון געוויין.

איז וועלוול געשטאַנען אַזוי אָנגעשפּאַרט אין וואַנט פון זיידנס בית־דין־שטוב. איז ער געשטאַנען לעבן וואַנט פון בית־המדרש און ער האָט געקוקט פאַרגאַפט אויף גאָטס וווּנדערבאַרער וועלט און ער האָט געשעפּ־טשעט אַ לויב צו גאָט און האָט אים געדאַנקט, וואָס גאָט האָט אים אויס־דערוויילט פון צווישן אַלע פעלקער און האָט אים געלאָזט געבוירן ווערן אַ ייִד. און אין מיטן זיין פרייען זיך האָט ער דערפילט, אַז אַ כוואַליע פון רחמנות הייבט אים אָן איינצושלינגען, רחמנות אויף די אַלע פעלקער, וואָס זענען נעבעך געבוירן געוואָרן גוים. וואָס זענען זיי שולדיק, וואָס גאָט האָט זיי נישט אויסדערוויילט, וואָס ער האָט זיי נישט געלאָזט זיין ביי מתן תורה ביים באַרג סיני? האָט וועלוול מיט צער געטראַכט וועגן די פעלקער, וואָס וועלן נישט האָבן קיין חלק עולם הבא.

אַזוי איז וועלוול געוואַקסן און וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ קלאָרער זענען פאַר אים געוואָרן די אויסדרוקן, די שטילע ווייטיקן, וואָס האָבן זיך אָנטפּלעקט פאַר אים אין די אויגן. ער האָט אין יעדע פאָר אויגן זיך דערגרונטעוועט ביז צו די טיפענישן פון יעדן צער, פון יעדן אומעט, וואָס איז געלעגן, וואָס האָט געהויערט אויף יעדן ייִדנס פּנים. וועלוול האָט אין יעדע פאָר אויגן געזען דעם גאַנצן ווי פון ייִדישן גלות. און וועלוולס אויגן האָבן זיך געווייקט אין טרערן פון צער, אין טרערן פון רחמנות אויף אַלע ייִדן, אויף אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט.

— 3 —

טרעבלינקע איז געלעגן נישט ווייט פון גאָנשעראָווע, נאָענט לעבן מאַלקין. טרעבלינקע איז געלעגן באַזוימט מיט יונגע סאָסנע־ביימלעך, מיט שעפּטשענדיקע סאָסנע־ביימלעך, מיט וויספּערנדיקע טיפע גראָזן. טרעב־לינקע איז געלעגן נאָענט לעבן טייך בוג.

דער בוג האָט געשוויגן; דיביימלעך זענען שטיל געשטאַנען, די גראָזן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיי האָבן געהערט די לעצטע אָטעם־צוגן פון גאַז־ און קאַלכאויוון־גסיסות.

היינקע האָט שפּאַצירט אין די גאָלדענע פאַרנאַכטן אויף די פּורפּור געפּלאָסטערטע ברעגן פון בוג און האָט ביז בלוט געביסן זיין אונטערשטע גראָבע ליפּ. דער צווילדעוועט־פּאַריסענער ברעם איבער זיין רעכטן אויג האָט זיך נאָך מער פּאַריסן, אַזש ביזן מיטן פון זיין שטערן: וואָסערע נאָך טויטן האָט ער געקענט אויסטראַכטן פאַר די צענדליקער טויזנטער קרבנות, וואָס זענען געווען אין זיין אַבסאָלוטן רשות. אין דער צייט, וואָס ער איז אין טרעבלינקע האָט ער זיך שוין אָנגעזויפּט מיט אַזויפיל סאָרטן אַגאָניע־ און גסיסה־בליקן אין די אויגן פון זיינע קרבנות, אַז זען אויסגיין אַ מענטשן אונטער זיינע הענט האָט איצט אויף אים געמאַכט אַ ווייניקערן איינדרוק ווי עס האָט אַמאָל געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק דאָס דערשטיקן אַ היגדל אין קעמערל ביים זיידן עמיל הינטער דער ווינטמיל.

איז היינקעס גליק אין אָנהייב געווען ברעגלאָז. ער האָט אויסגעטיילט טויטן אַזוינע, וואָס מען האָט אַפילו אין די אינקוויזיציע־טעג קיינמאָל נישט געחלומט וועגן זיי. האָט ער טאַקע זיינע בענקשאַפטן געשטילט אין אָנהייב מיט אָנצאָליקע אויגן, וואָס האָבן זיך געלאָשן אין פּיין אונטער זיינע הענט. זענען זיינע יוגנט־חלומות טאַקע מקוים געוואָרן; יאָ, ער האָט געזען טויזנטער אויגן, וואָס זענען אויסגעגאַנגען אין פּיין און אין ווײ; אויגן, וואָס זענען פאַרלאָשן געוואָרן אין שרעק און אין פּחד; אויגן, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים מיט געבעט, מיט רחמים אַפילו; אויגן, וואָס האָבן אים געשאָלטן מיט טויטע קללות, וואָס האָבן אים געשפּיזט ווי מיט שאַרפע מעסערס און ער האָט פון אַלע גוססדיקע, פון אַלע צאַנקענדיקע אויגן געקוואָלן און ער איז געוואַקסן און זיין ברעם איבערן רעכטן אויג האָט אים געהאָלפן צוטראַכטן אַלץ נייע, אַלץ משונהדיקערע, אַלץ אויסגעצוי־גענערע און פיינלעכערע טויטן פאַר זיינע קרבנות. איצט האָבן זיך שוין זיינע אויגן אָנגעפרעסן מיט ימען טרערן, מיט בערג אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט אַלע מענטשלעכע און אַפילו חיהשע געפילן. איז וואָס איז איצט היינקען געבליבן צו טון? וואָס טויג אים איצט טרעבלינקע מיט אַלע יידן, מיט די קינדער, די פרויען, די אַלטע, די יונגע, וואָס טויגן זיי אים?

היינקע איז אַזוי געגאַנגען צווישן גאַנשעראָווע און מאַלקין און ער האָט זיין גראָבן ברעם איבערן רעכטן אויג געהויבן אַלץ העכער אויפן שטערן אַרויף און האָט זיך אין פאַרלוירנקייט אַזש געווענדט צום מורמל־דיקן בוג: „איז וואָס זאָל איך ערשט טון? ווי אַזוי זאָל איך ערשט שטילן מיין בענקשאַפט? זאָג, אָ, בוג, וואָס שטומסטו?"

און היינקע האָט מיטאַמאָל דערפילט אין זיך, אַז גאָרנישט, נישט זיין ברעם איבערן אויג און נישט דער בוג וועלן אים העלפן און פון די טיפע־נישן פון זיין האַרץ האָט אַ רעווע געטון אַ קול וואָס האָט דייטלעך היינקען קלאָר געזאָגט:

„מיט קיין ליידן פון מענטשלעכע אויגן וועסטו, היינקע, דיין דורשט שוין נישט לעשן מער: געטער, געטערשע אויגן. אין זייערע אַגאָניעס, אין זייערע גסיסות וועסטו געפינען די לעשונג פון דיין טיפן דורשט!"

יאָ, היינקע האָט געהערט אָ קול; היינקע האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון די ווערטער און אין גרויס פאַרצווייפלונג, וואָס עס זענען אין זיין רשות אין טרעבלינקע נישט איבערגעגעבן געוואָרן קיין געטער, האָט ער געטון אַ זיפץ אַזאַ, וואָס האָט די וואַסערן פון בוג אַזש אַ טרייסל געטון און דער עכאָ פון זיין זיפץ האָט זיך צעטראָגן איבער די שפּיצן פון די יונגע סאָסנע־ביימלעך אַרום טרעבלינקע און אין שרעק זענען אַפילו אַלע פייגל שטום געבליבן און די זשאַבעס האָבן אין די בלאָטיקע וואַסערן באַהאַלטן זייערע קעפּ. אַ גרויע האָר, אַ געקרייזלטע, אַ צעווילדעוועטע גרויע האָר האָט פּלוצלונג אַרויסגעשפּראָצט פון רעכטן מיטן פון היינקעס דיקער ברעם און די האָר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער היינקעס רעכטן אויג און איז געבליבן שטיין ווי אַ שאָטן פאַר אים, ווי אַ בייזער שאָטן. — — —

**
*

„ווו נעמט מען געטער אין טרעבלינקע?" האָט היינקע שוין געהאַט אָפּגעביסן כמעט אַלע נעגל פון די פינגער פון ביידע הענט. ער האָט מיט צאָרן אַרויסגעריסן איינמאָל און נאָכאַמאָל די גרויסע ווילדע האָר פון זיין רעכטן ברעם און ער איז אַרומגעגאַנגען און האָט געברומט קעגן זיך, קעגן טרעבלינקע און קעגן די געטער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אַזוי הויך און וויט פון אים. און ווען זיין פאַרצווייפלונג האָט שוין שיר געהאַט דער־

גרייכט די גרענעצן פון די גרויזאַמסטע פּיינען; און ווען היינקע האָט שוין באַלד געהאַט אויפגעגעבן זיינע אַלע האָפענונגען ווען עס איז נאָך צו זען אַ פּאָר אויגן אין פּיין, וואָס זאָלן אויפוועקן אַ שטיקל פלאַטער אין זיין האַרץ, האָט ער דערזען ווי מען האָט דורכן טויער פון נורער וועג אַריינ־געפירט אַ פור מיט ייִדן, נייע שפּייזן פאַר זיינע קאַלכאויוונס, נייע קרבנות פאַר זיינע גאַזקאַמערן. און היינקע וואָלט זיך זיכער אויף דער פור נישט אומגעקוקט ווען עס וואָלט פאַר זיינע אויגן אים נישט אַ בלענד געטון אַ ווייסער, קיילעכדיק־ברייטער שטערן, ווען עס וואָלטן נישט אַ בליץ געטון אויף אים אַ פּאָר בריליאַנטענע אויגן געזעצט אין זיידענע ברעמען; ווען עס וואָלט נישט אַ שיין געטון אויף אים אַ מילד־צאַרט פּנים, באַ־רעמלט מיט אַ געלבלעך־שפּיציקער באָרד. און היינקע האָט זיך אָפּגעשטעלט; ער איז פאַרגליווערט געוואָרן. ער האָט מיטן ערשטן אימפּולס זיך געוואָלט אַ צלם טון פאַר יעזוסן זיין גאָט, אָבער באַלד האָט זיין האַרץ געטון אַ פלאַטער אין אים; באַלד האָבן זיינע בלוטן זיך צעגאַלאָפּירט און ער האָט דערפילט, אַז יעדער אבר טאַנצט אין אים פאַר פרייד.

„איך האָב גאָט אין מיינע הענט געקראָגן!” האָט היינקע אַזש אויפן קול אַ פּאַטש געטון מיט די ליפּן, און ער האָט זיך אַ לאָז געטון צום וואָגן און האָט באַפוילן: „אָט דעם... — נעם איך!” ער האָט שיר נישט אַרויס־געזאָגט „אָט דעם גאָט נעם איך”.

אין אַ באַזונדער צימערל, נאָענט לעבן זיך, האָט היינקע געהאַלטן זיין גאָט, וועלוולען. ער האָט אים קיינעם נישט געוואָלט געטרויען. ער איז אין די נעכט געלעגן לעבן וועלוולס צימער און האָט אים געהיט, ער איז געלעגן און האָט געטראַכט, געמאַכט פּלענער ווי אַזוי צו פאַרלענגערן די פּיינען, די אַגאָניעס פון איינציקן גאָט, וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין רשות. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט היינקע געהערט ווי די יונגע סאַסנעס הינטער זיין פענצטער סודן זיך שטיל און אין זייער געפּליסטער מישט זיך און פאַרמישט זיך אַ ווייט, צאַרט, בעטנדיק געזאַנג. ער האָט נישט געוווסט פון וואַנען דאָס מאָדנע געזאַנג קומט. אויף די שפּיצן פינגער איז ער צוגעגאַנגען צו וועלוולס צימער. ער האָט געהערט אַ גלעטנדיק־תפילהדיק קול פון צימער אַרויס. עס איז אים באַפאַלן אַ פּחד. ער האָט געטון אַ צעפּראַל די טיר. ער האָט פאַר זיך דערזען שטיין

אַ שלאַנקן, אַ הויכן, אַ בלאַס־פּנימדיקן גאָט, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ טלית און האָט געטראָגן תפילין אויפן קאָפּ און אויף אַ האַנט.

וועלוול האָט אויפגעעפנט די אויגן. ער האָט אַ קוק געטון אויף היינקען. אים האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויף דעם פּנים, וואָס איז געווען פול מיט רשעות, פול מיט פּחד: „אַזויפיל שלעכטס איז דאָ אויף דער וועלט!“ האָט וועלוול מיט שטוינונג אַ שעפּטשע געטון; „אַזויפיל רשעות!“ האָט אים ווײ געטון. ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף היינקען, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט געגלאָצט אויף אים מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן; ער האָט נישט געזען אַפילו ווי היינקע וואַרפט זיך פאַר פּחד ווי אַ בלאַט אין ווינט. ער האָט נאָר געזען פאַר זיך היינקעס בייזן, ווילדן רעכטן ברעם; ער האָט נאָר געזען פאַר זיך היינקעס צוויי שפּיזיקע אויגן, וואָס האָבן געשטראַמט רשעות פון זיך: „אויב עס איז דאָ אַזויפיל שלעכטס אויף דער וועלט, אויב די וועלט האָט אַזאַ רשע צווישן אירע מענטשן איז דוכט מיר שוין די צייט פון כולו חייב!“ האָט פלוצלונג אַ פרייד אַ שפּאַר געטון פון אים. „כולו חייב!“ האָט ער איבערגעזאָגט הויך אויפן קול און ער האָט צוגעגעבן מיט שמחה: „איז אויב כולו חייב איז דאָך אַוודאַי שוין נאָענט, גאָר נאָענט די צייט די געגאַרטע!“ און וועלוול האָט אויפגעהויבן די אויגן צו היינקען, וואָס איז ערשט געשטאַנען פאַרגליווערט, צוגענאָגלט ביי דער טיר.

היינקעס אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן האָבן דערפילט אויף זיך דעם בליק פון וועלוולען. היינקע האָט זיך אויפגעריסן פון זיין פאַרשטיינערטקייט. ער האָט געשטאַרט אויף וועלוולען. ער האָט געזען וועלוולס צוויי פייכטע, שיינענדיקע אויגן, וואָס האָבן אויף אים געקוקט מיט אַ מאָדנער צערטלעכקייט, מיט אַ מאָדנעם רחמנות. ער האָט געהערט וועלוולען שעפּטשען עפּעס אַזוי דורכדרינגנדיק, אַזוי תפילהדיק פרעמד. היינקעס הענט און פיס האָבן זיך צעפלאַטערט. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם גלאַנץ אין וועלוולס אויגן. ער האָט נישט געקענט הערן מער וועלוולס גלעטנדיק־מאָדנע שטימע. ער האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט, ער האָט מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט דעם פּנים, האָט פאַרקלאַמערט די אויגן. ער האָט אַ כאַפּ געטון די קלאַמקע פון דער טיר מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער די טיר צעפּראַלט. ער איז אַרויס אויפן הויף. ער איז געלאָפן איבער די אַלייען, צווישן די געדיכטע סאָסנע־ביימלעך פון

טרעבלינקע. ער האָט געריסן דעם רעכטן, ווילדן ברעם איבער זיין אויג. ער איז געלאָפן און האָט געזען ווי ווערוולס אויגן לויפן אים נאָך, פאַרלויפן אים דעם וועג. ער איז געלאָפן און האָט געשריגן און האָט געריווּעט ווילד אין דער נאַכט אַריין: „נעמט צו, נעמט צו, נעמט צו גאָטס אויגן פון מיר!"

און דער בוג האָט געשעפּטשעט סודותדיק, מוראדיק, און די סאָסנעביימלעך האָבן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוויספּערט; און די גרעזער האָבן זיך געטוליעט איינע צום אַנדערן און איבער זיי, און איבער גאַנץ טרעבלינקע און אין רוים אַרום, ביז די ווייטע ווייטקייטן האָט זיך כסדר געטראָגן אין דער נאַכט דער ווּיסטער עכאָ פון הייִנקעס קול, וואָס האָט גערופן: „נעמט צו! נעמט צו! נעמט צו גאָטס אויגן פון מיר!"

צוויי אָמניבוסן

בערל נאָזדרע האָט זייטיק אַ בליק געטון צו דער סאַפקע ווו זיין טאָכטער לייטשע איז געלעגן איינגעוויקלט אין אַ געלבלעך־ווייסן ליילעך. דורך דער נעפּלדיקער באַגינען־ליכט האָט ער באַמערקט, אַז גאָרנישט; זיין לייטשע איז שוין מער נישט קיין קינד. מיט דעם איינעם קוק האָט ער עס באַשיינפּערלעך ערשט געזען. אַ צווייטער, אַ לענגערער קוק אויף לייטשען האָט אים איבערצייגט, אַז די הויפּנדלעך, וואָס שטאַרצן אַרויס מיט אָנגעשפּיצקייט פון אונטערן ליילעך אויף לייטשעס ברוסט־קאַסטן, זענען שוין שפּאָרלעך צעבליט. ער האָט אויך געזען זיין לייטשעס קאַשטאַנעוואַטע־צעפּלאָכטענע צעפּ ליגן צעלייגט אויף דעם קישן ווי זאַנגען פון אַ צעעפנטן סנאָפּ. אירע פולע ליפּן האָבן זיך אָנגעשרויפּט ווי זיי וואָלטן זיך געצויגן צום גלי פון אַ באַק, וואָס רייצט און זאָגט צו. בערל נאָזדרע האָט אַ זשמורע געטון די אויגן ווי ער וואָלט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל איבערצייגן, אַז דאָס דאָזיקע מיידל איז נישט קיין אַנדערע ווי טאַקע זיין לייטשעלע, וואָס איז ערשט נעכטן געווען אַ פּיצל קינד און איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ בתולה, אַ בוגרת. „יאָ, דאָס איז זי", האָבן זיינע קליינע, גרוי־בלויע אויגן אים אַ זאָג געטון און בערל נאָזדרע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: „אויב אַזוי איז פאַרפאַלן. נישטאָ קיין ברירה!"

כאָטש אין דרויסן איז שוין געווען גאַנץ וואַרעמלעך און זון־שטראַלן האָבן אין פאַרלויף פון טאָג שוין אָפּט אַפילו אַ ברי געטון, פונדעסטוועגן האָט בערל געפילט אַ מאָדנע קאַלטקייט אין די ביינער. ער האָט אַ כאַפּ געטון זיין שעפּסן־פּעלצל אויף זיינע ברייטע אַקסלען און ער איז מיט שטילע טריט אַרויס פון הויז.

די גאַסן פון שטאָט זענען געווען בית־עולמדיק שטיל. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ קריי פון אַ האָן, אַ ביל פון אַ בענקנדיקן הונט, אַ

געמו פון פאַרחלומטע קי, וואָס גייען אין פעלד אַריין. בערל נאָזדרע האָט געשפּאַנט דורך די מדבר־גאַסן און ער האָט מיט זיינע שווערע טריט גע־פּאַסמעוועט די שטילקייט אַרום זיך.

פון ביאַליסטאָקער גאַס איז אָנגעפאָרן דער ריזיקער בלוי־געלער אָמ־ניבוס. דאָס רעווען פון מאָטאָר פון אָמניבוס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף בערלען. ער האָט אויפגעהויבן זיינע גרוי־בלויע אויגן און ער האָט איין קוק געטון אויפן אָמניבוס. ווי שטיקער בליי זענען די אויגן־לעדלעך אַראָפּ־געפאַלן איבער בערלס אויגן. „אין דער ערד אַריין!" האָט בערל אַ בורטשע געטון ווען דער אָמניבוס איז אים פאַרבייגעפלויגן ווי עפּעס אַ בייזע פאַנ־טאַסטישע חיה. „אין דער ערד מיטן קאָפּ!" האָט ער נאָכגעברומט דעם אָמניבוס ווען עס איז שוין פון אים בלויז געבליבן אַ וואָלקן שטויב און אַ ווייטער, אַ טעמפּער געהודזשע, וואָס איז געהאַנגען אין רוים און האָט זיך געוויגט איבער בערלס קאָפּ.

„נישטאָ קיין ברירה!" האָט ער איבערגעחזרט זיין באַשלוס, און איי־דער וואָס ווען האָט ער זיך דערזען ביים פּלויט פון אַלטן בית־עולם. ער האָט גוט געקענט יעדע צאַלעווקע, וואָס איז געשטאַנען אין פּלויט, ווי אַ זעלנער אין זיין רייע. בערל איז אַריין דורכן טויער פון בית־עולם, האָט פאַרבייגעשפּרייזט דעם פאַרוואָרלאָזטן הקדש און האָט זיך פאַרקערעוועט צו זיין טאַטן ברוכס קבר.

די מצבה איבער ברוכס קבר האָט אויסגעזען ווי דער הארבאטער נתן דער מלמד. די ווערטער אויף דער מצבה האָט מען שוין קוים געקענט איבערלייענען, אָבער בערל האָט אָן שוועריקייטן אַ זעברעווע געטון דעם נאָמען פון זיין טאַטן, זיין יחוס און די דאַטע פון זיין טויט און ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט.

„טאַטעו!" האָט בערל אַ רוף געטון ברוכן אין קבר. „היינט, טאַטע, בין איך געקומען נישט אויף קיין יאָרצייט, נישט צוליב קיין יום־טוב, נישט סתם אַזוי צו זאָגן אַ יום תהילים אויף דיין קבר". האָט בערל גע־טענהט. „היינט בין איך געקומען זיך דורכשמועסן מיט דיר וועגן אַ וויכ־טיקן ענין, און איך האָף, טאַטע, אַז דו וועסט מיר מוחל זיין און נאָכגעבן מיין בקשה!"

אַז בערל האָט געענדיקט די הקדמה האָט ער אַ הייב געטון די הויזן אויף זיך, אַ צי געטון דעם רויטן גאַרטל אַרום די לענדן און אַ שנייץ

געטון צום ערשט איין נאָזלעכל און באַלד נאָכדעם דאָס צווייטע. זיין שנייץ, ווי אַ שאַרפע שווערד, האָט אַ שניט געטון די אומהיימלעכע שטיל־קייט אויפן בית־עולם. פייגל, וואָס זענען געזעסן אויף די שפּיץ־צווייגן פון די וויספּערנדיקע ביימער האָבן מיט פּחד זיך אַ ריס געטון פון זייער ערטער און מיט אימה אַ פּאַטש געטון מיט זייערע פליגל אין דער דורכזיכטיקער לופט. בערל האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די פייגל אַרום אים. זייער מאָדנער געצוויטשער האָט אים נישט גערירט. ער האָט געהאַט אַ מיסיע דאָ ביים טאַטן אויפן קבר און גלייך נאָכן שנייצן די נאָז האָט ער אָוועקגעלייגט פאַרן טאַטן זיינע טענות:

„געדענקסט דאָך, טאַטע, אַז מיט אַזוינע פינף־און־צוואַנציק אָדער גאָר גאַנצע דרייסיק יאָר צוריק ווען יאַנקל איז אַוועק קיין אַמעריקע האָב איך דיר געגעבן אַ תקיעת־כף, אַז וואָס, וואָס, קיין אַמעריקע וועל איך נישט פאָרן, דיין נחלה וועל איך היטן און אַ ייִד וועל איך בלייבן". האָט בערל געשמועסט מיט זיין טאַטן אין קבר און ער האָט אין געאייל אים געגעבן אַן איבערבליק איבער די לעצטע געשעענישן אי אין שטאָט בכלל, אי ביי אים, ביי בערלען אין הויז, בפרט. ער האָט דעם טאַטן דער־ציילט, אַז אַפילו מיט אַן אייגענער בריטשקע — אַן אמתן קאַטש, מיט צוויי פערד קען מען ערשט אויך קיין פּרנסה נישט האָבן. ער האָט אים מיט טרערן אין די אויגן איבערגעגעבן, אַז צוליב דעם וואָס עס גייען ערשט אָמניבוסן צוויי מאָל אַ טאָג דירעקט קיין וואַרשע איז די בריטשקע קיין מאַלקין און פון מאַלקין אָפּט כמעט ווי לידיק. „הערסט, טאַטע!" האָט בערל אַזש געריטשעט פון צאָרן: „אַפילו די יחסנטע דיינע, די באַן, וואָס דו האָסט אַמאָל געשאָלטן מיט קנאה, אַפילו זי, די „שטינקעלירקע" ווי דו האָסט זי גערופן, לויפט היינט אויך מיט ליידיקן קיין וואַרשע, ווייל דער עולם האָט ליבער דעם נייעם מחבל, דעם אָמניבוס ווי די באַן!"

בערל האָט זיין פאָטער ברוכן פאַרזיכערט, אַז ווי אַ ייִד היט אָפּ דאָס דאַווענען אַזוי ערלעך האָט ער, בערל געהיט זיין פּרנסה, עס האָט אָבער געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. דער אָמניבוס רייסט די פּאַסאַזשירן פון אונטער די הענט און אָט באַלד וועט זיין אויס בריטשקע. און לסוף האָט בערל נאָזדרע זיך אַ שטעל געטון אין זיין גאַנצער הייך און ער האָט הויך אויפן קול זיך אָנגערופן צום טאַטן: „אָבער נישט וועגן מיר גייט עס דאָ. איך ווי איך, כ'האָב פאַר זיך, פאַרן שטיקל ברויט נישט

וואָס צו זאָרגן, גיין גייט עס אין מיין לייטשעז! זי, שוין אַ שפּאַרע מויד, זי איז ביי מיר דאָס אויג אין קאָפּ. איר וויל איך נישט פאַרטאַכלעוועז פאַר קיין פּשוטן שמייסער־יונג! פאַר איר וויל איך עפּעס אַנדערש!"

און בערל האָט אָוועקגעלייגט פאַרן טאַטן אַ פּלאַן: אַזוי ווי זיין לייטשע פאַרדינט זיך אַ לייטישן יונגנמאַן פאַר אַ חתן, אַזוי ווי ער קען שוין ערשט נישט האָפן אָפּצושפּאַרן אויף אַ פיינעם נדן פון זיין בריטשקע, בכן האָט ער באַשלאָסן: די ווייב מיט דער טאָכטער וועלן בלייבן מיט דער בריטשקע; זיי וועלן דינגען אַ שמייסער און וועלן ווי עס איז צ׳יען פּרנסה פון געשפאַן, און ער, בערל וועט זיך אָוועקלאָזן אויף אַ פּאָר יאָר, טאַקע בלויז אויף אַ פּאָר יאָר, קיין אַמעריקע ווו ער וועט אָנזאַמלען אויף איינעם אָדער צוויי אָמניבוסן און די אָמניבוסן וועלן ווערן זיין פּרנסה, וועט ער אי האָבן אויף אַ נדן אי; „אָט וואָס, טאַטע, די אָמניבוסן וועלן איבערגיין צו מיין איידעם און צו מיין טאָכטער!" האָט ער ברוכן איינגערעדט.

„איז ווי זאָגסטו, טאַטע, וועסט לאָזן פאָרן? באַפרייסט מיר פון תקיעת־כּף אויף אַ פּאָר יאָרעלעך? כ׳זאָג צו בהן שלי, אַז ס׳מעג דונערן און בליצן קום איך צוריק און אַ ייִד בלייב איך, אַפילו דאָרט בלייב איך אַ ייִד, הערסט, טאַטע?!"

און בערל האָט קלאָר און דייטלעך געהערט ווי ברוך האָט אים געענטפערט פון קבר אַרויס: „פאָר, מיין קינד, און היט אָפּ ס׳ביסל ייִדישקייט, און קום בשלום אַהיים!"

אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף בערלס צעקאַרבטן פּנים און דער שמייכל איז אַריין אין זיינע וואָנצעס און פון דאָרטן איז ער אַריבער אין דער ברייטער, געלבלעך־רויטער באָרד. „איז גאָרנישט, טאַטע, איז, אַז דו גיסט דיין הסכּמה, איז זיי זשע מיר געזונט און שטאַרק און צום יאָר־צייט וועל איך אָפּשיסן גאַנץ תּהילים און זאָגן דעם ריכטיקן קדיש אַפילו אין אַמעריקע!"

אין שטרויענעם קויש האָט בערל אַריינגעלייגט זיין טלית און תּפילין, צוויי גאַרטלען, דעם גראָבן קרבן־מנחה סידור, אַן אַמתער כּל־בוניק; אַ גוט אויסגעדאַרטן קעז, אַ פלעשל ניינציקער און אַביסל וועש. ער איז אַריין אין שטאַל; איז צו דיביידע פערד, וואָס האָבן זיך מאָדנע צעהירזשעט, ווען זיי האָבן דערזען זייער באַלעבאָס עפּעס אויסגעצירט אין

אַ וואָכענדיקן טאָג; ער האָט זיי געגלעט און געצערטלט; ער האָט גע־הערט זייער כליפּנדיק געבעט ער זאָל זיי נישט פאַרלאָזן אויף קיין שמיי־סער און ער האָט זיי מיט פאָטער־ליבע געטרייסט: „דער שוואַרצער יצחקל איז אַ געניטער שמייסער. ער וועט אייך שאַנעווען; כ׳האָב ביי אים ס׳וואָרט גענומען!“

און בערל נאָזדרע איז מיט אַ באַן געפלויגן, מיט אַ באַן, וואָס האָט געשלונגען הייזער און וועגן אוןביימער און וועלדער און טייכן, און בערל האָט זיך געטראָגן אויף די בייזע רוקנס פון ברויזנדיקע כוואַליעס, און בערל נאָזדרע איז אָנגעקומען מיט מזל קיין ניו־יאָרק, וואָס האָט מיט אַלע אירע מויערן, מיט אירע בריקן, מיט אירע באַנען זיך באַלד אַ לייג געטון בערלען אויפן געמיט מיט אַזאַ שווערקייט ווי עס וואָלטן פּליטעס בליי זיך אַרויפגעוואַליעט אויף אים און אים נישט געלאָזט אָטעמען.

***

דער צימער, וואָס זיין שוועגערין גיטל, וואָס האָט זיך דאָ גערופן גוירדי, אָדער גאָר גויד, אָט דער צימער האָט מיטן בלינדן פענצטער־אויג אַרויסגעקוקט צו אַ פאַרזשאַווערטן לאָדן פון אַ פאַבריק, ווו מען האָט שוין פון יאָרן נישט געאַרבעט. אין אַ ווינקל פון צימער איז פאַריתומט געשטאַנען בערל נאָזדרעס סדום־בעטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אומ־געבעטענער גאַסט, ווי אַ וויסטער צולייג צו די צרות, צו דער מוראדיקער ענגשאַפט אַרום. גיטל, זיין ווייבס שוועסטער, אַ יידענע מיט אַ פּאָר פּלייצעס ווי באַלקעס, מיט אַ מויל פון בלויז צונג, וואָס קלאַפּערט ווי מיט האַמערן אויף אַ קאָוואַדלע, אָט די גיטל האָט בערלס געמיט נאָך מער דערשלאָגן ווי דאָס ווילד־צעוואָקסענע, שטיקנדיקע ניו־יאָרק. אַז גיטל האָט זיך צעקלאַפּערט מיט איר בבל־שפּראַך האָט בערל פּשוט דער־פילט ווי ס׳איבלט אים אונטערן לעפעלע פון האַרצן, אַז אָט באַלד וועלן צוויי שטייפע הענט אים טון אַ שטאַרקן, אַ לעצטן דרוק ביים ושט און אַ סוף, אַן עק, ער וועט אויסהויכן זיין נשמה. גיטל־גוידי האָט גערעדט ווערטער אַזוינע וואָס האָבן בערלען אויסגעזען אי ווילד, אי פרעמד אי סתם פּלוידערייען. נאָך איידער בערל האָט געקענט אַ צענדליק ווערטער ענגליש האָט ער ביי זיך שוין געהאַט אָפּגעמאַכט: אָט די צעוירעוועטע גיטל האָט שוין לאַנג פאַרגעסן ווי צו רעדן אַ יידיש וואָרט און קיין ענגליש קען זי מסתמא נישט. ער האָט באַלד צוגעגעבן: „און זי וועט שוין קיין

ענגליש קיינמאָל נישט קענען!״ ער האָט דערביי מיט צאָרן אַ פּאָכע געטון מיט זיינע צעפּלעצלט־איינגעפאַלענע נאָזלעכער ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך דעם ריח אי פון גיטל־גוידיס רייד, אי פון איר אַליין, אי פון צימער, ווו עס האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן אַ ריח פון אַ באַליע מיט וועש, וואָס איז שוין געבליט געוואָרן אָבער נאָך נישט געקראָכמאַליעט.

„וואָטצאַ דע מער מיט יו?״ האָט גיטל אים געקריטיקירט אויף יעדן שריט און טריט און זי האָט אים מיט איינגעשפּאַרטקייט געלערנט צו ווערן אויס גרינער:

„זאָג נישט פענצטער, ס׳איז דאָך שיים, ווינדע, ווינדע זאָגט מען דאָ!״ האָט זי זיך געבייזערט אויף אים. בערל האָט געקוקט אויף גיטל־גוירדיס וווּרשטלדיקע ליפּן, אויף אירע נאַקעטע אָרעמס און ער האָט געטראַכט, אַז אַ ווינדע איז גאָר אַ הייב־מאַשין, אַזאַ מין מאַשין, וואָס איז געווען ביי מאַסן אין דער פּאַראָווער מיל, אַן „עלעווייטער״, וואָס מען רופט דאָ. ער האָט דערביי אַרויסגעקוקט צו די פּאָרביימער, וואָס ער האָט געזען פון זיין שוואָגערס הויז, פון גיטל־גוירדיס פּאַלאַץ, צו די פּאָר ביימער, וואָס זי רופט מיט גאווה: „אונדזער אסתר־פּאַרק!״ זי האָט אים שוין נישט איינמאָל געפרעגט: „האַו דזשו לייק אונדזער אסתר־פּאַרק?״ און בערל האָט שטענדיק געהאַט אַ געפיל ווי אויסצושרייען: אַז אָך און וויי צו אונדזער אסתר המלכה נעבעך, אַז אַזאַ שלימזלדיקן פּאַרק רופט מען אויף איר נאָמען!״

אַזוי שנעל ווי בערל איז אַריין אין שאַפּ ווו ער האָט זיך געלערנט פּאַר אַ פּרעסער, אַזוי שנעל ווי עס האָבן זיך געפונען אין זיין קעשענע די ערשטע פּאָר אַמעריקאַנער פאַרדינטע דאָלאַרן, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן פון גיטל־גוירדין, פון איר „וואָטצאַ דע מער מיט יו״, און פון זיין סדום בעטל. ער האָט זיך מיט זיין שטרויען קיישל אַריבערגעצויגן לעבן שאַפּ.

ווי אַ שאָטן האָט זיך בערל אַרומגעדרייט מיט זיך אַליין איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, און אַ בענקשאַפט האָט אים גענאָגט ביי דער נשמה ווי אַ מעכטיקע פּיאַווקע וואָלט דאָרט געזעסן. ער האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געזוכט עפּעס אַ שייכות צווישן זיין ניו־יאָרקער היינט און זיין דאָרטיקן נעכטן. ער האָט געזוכט אַ טרייסט אין די שילדן, וואָס זענען געהאַנגען אויף יידישע געשעפטן. ער האָט געשלונגען די יידישע ווער־

טער אויף די שילדן. די שילדן האָבן אויסגעזען צו זיין אַ שטיקל קנופּ, וואָס האָט פּרובירט פֿאַרבינדן זיין נעכטן מיט זיין היינט, אָבער אַפּילו די ייִדישע שילדן האָבן אָפּט אָנגעיאָגט אַ קעלט אויף אים: „מיר פּיקסן, מיר דאַרנען, מיר...” אַז אָך און ווי צו אַזאַ מין ייִדיש”, האָט בערל געמורמלט צו זיך און ער האָט זיך פֿאַרקליבן צו דער „גילדערנער הון” אין שערע־ריי, אין באַרבער שאָפּ.

ביי דער „גילדערנער הון” אין באַרבער שאָפּ האָבן זיך אָפּט פֿאַר־זאַמלט די חברה, וואָס האָבן זיך געקענט פֿון דער היים. נח, „די גילדערנע הון”, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אַ שטייפֿער ווי אַ טשוואָק איז דאָ אויף ברום־סטריט געווען אַ שערער; דער זעלביקער לאַנגאָץ, וואָס קלימפּערט מיטן שערל ווי דאָרט אין שטאָט, נח, „די גילדערנע הון” האָט ליב געהאַט צו שטיין איבער אַ קאָפּ, צו קלימפּערן מיט זיין שערל און קעמל און דערביי איבערצוזינגען אַלע לידער, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פֿון אַמאָל, פֿון יענער זייט. נח האָט געקענט אויסזינגען מיט זיין ציקלדיקער שטימע פֿון אַן אדון־עולם ביז אַ שבתדיק שטיקל, פֿון אַ יום־כּיפּורדיקס ביז דער מעשה מיט לעאַנען און זיין פּיסטאָלעט, אַ טראַגישער ראָמאַנס, וואָס איז געווען באַרימט אין נחס און אין בערלס בחורישע יאָרן. ביי נחן אין באַרבער שאָפּ איז בערל נאָזדרע אָפּגעזעסן שעהן אין די אָוונטן; ער האָט געהערט נחן זינגען און דערביי האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן און געסלעך פֿון שטאָט. „אָך, ווען איך קען ערשט אַזוי כאַפּן אַ בליק אין מיין הויז אַריין!” האָט בערל מיט אַ פֿאַרבענקטן קרעכץ אַ זאָג געטון סתם אין דער וועלט אַריין: „ווען איך קען אַזוי טון אַ נעם אַרום מיין קאַטשענעוואַטער לייטשען!” האָט זיין האַרץ זיך אַ שמעלץ געטון בלויז פֿון געדאַנק, אַז ער האָט דאָרט אַזאַ מין שטיק טאָכטער, וואָס אָט וועט ער זי זען. און געזאָגט האָט ער הויך אויפֿן קול צו נחן: „ווי וואָלט דיר געפֿעלן געוואָרן צו טון ערשט אַ שפּרייז צו דער אַברהם־יאַנקעווטשי־כע אין שענק אַריין און טון אַזאַ מין זשלאָקע אַריין אַ פּאָר גלעזלעך און פֿאַרבייסן מיט אַ געענדזן פּופּיקל אָדער מיט אַ געבראָטן לעבערל?”

און נח האָט אויפֿגעהערט זינגען און ער האָט אָנגעשפּיזט אויף בערלען אַ פּאָר פֿינקלענדיק־צעשטראַלטע, פֿאַרבענקטע אויגן און האָט צוגעגעבן: „אַזאַ טעם זאָלן גאָר מיינע שונאים נישט וויסן!”

און באַלד האָט ער זיך פֿאַרכלינעט, און שוימיק איז אים ס׳מויל

געוואָרן און בערל און נח האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַן עקסקורסיע, איינער האָט דעם אַנדערן געוואָלט איבערשטייגן אין מאָלן אידיליעס פון דער היים: „געדענקסט, בערל, ווי קאטשער מיטן שטעקן האָט געוועקט צו תהילים באַגינען־צוטאָגנס?״ „געדענקסט, נח, ווי פאליק דער שוחט האָט זיך געטון אַ צעלאָז מיט זיינע משוררים אין אַ „המלך!״ אַז די זיילן פון דער וועלט האָבן זיך אַזש אַ טרייסל געטון!״

„און דעם בראקער וואַלד מיט די נאָדל־ביימער האָסטו שוין פאַר־געסן?״

„און דער וואַרשעווער וואַלד איז אַ הונט ביי דיר?״

„נו — און די סאַזשעווקע, דער שפּאַציר־גאָרטן?״

און נחס אויגן האָבן זיך צעוואַסערט און בערלס האַרץ האָט געדונערט און זיינע ליפּן האָבן זיך געווייקט אין שוים. און נח האָט זיין קונה געלאָזט זיצן מיט אַ האַלב־געראַזירטער באָרד, מיט פאַרגליווערטער מידלענע אויף דער באַק און ער האָט מיט אַ צעעפנט מויל זיך צוגעהערט צו די וווּנ־דער, וואָס זענען אין שטאָט געשען צייט ער איז אַוועק פון דער היים.

אַזוי איז בערל אָפּגעזעסן און אָפּגעחלומט זיינע אָוונטן און אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט ער ווי אַן אינזשעניער געפּלאַנירט און געבויט גאַנ־צע געביידעס: „אָט וועל איך שוין באַלד האָבן צוויי הונדערט, דריי, פינף, אַ גאַנצן טויזנטער!״ און בערל איז נישט געווען צופרידן מיט זיך. ער איז געלעגן אין בעט און האָט זיך געזידלט: „אַ טאַטע, וואָס וויל זיין טאָכטער אויסגעבן פאַר אַ לייטישן יונגנמאַן; אַ טאַטע, וואָס וויל געבן דער טאָכטער אַ וואָזשנעם נדן; אַ ייִד, וואָס וויל וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דער דאָזיקער אַמעריקע, ווו אַ ייִד זיין קומט אָן מיט קריעת־ים־סוף און אַפילו דעמאָלט איז מען אַ ייִד מ׳שטיינסגעזאָגט, אַזאַ איינער טאָר נישט פאַרפרעסן און פאַרזויפן זיינע פאַרדינסטן. מען דאַרף קאַרגן און שפּאָרן אַפילו דעם ביסן אין מויל אַבי וואָס שנעלער אַהיימצופאָרן!״ אַזוי האָט בערל מיט זיך גע־טענהט און יעדעס מאָל, וואָס זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „אַהיים״, האָט בערל דערפילט ווי אַ שווידערלעכע נאָגעניש איז פאַרקראָכן אין זיין בוזעם אַריין און ער האָט אויך געזען ווי אויף זיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן אַזוינע מאָדנע, רעגנבויגנדיקע בלעמלעך.

און כדי וואָס שנעלער צונויפצוקלאַפּן די סומע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערגרייכן איז בערל אַוועק צו זיין באַלעבאָס

פון שאָפּ און האָט אים אַריינגערוימט אַזאַ סוד: „אַ היטער פאַרן שאָפּ אויף די נעכט דאַרפט איר דאָך. ערלעך ווייסט איר דאָך, אַז איך בין, איז בעט איך אייך מר׳ הערטץ, גיט מיר דאָס „דזשאָבל״ וועל איך מיר צופאַרדינען נאָך אַ צענערל אַ וואָך!״ מר׳ הערטץ האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען בערלס אָנבאָט און בערל האָט זיך מיט זיין שטרויענעם קויש, מיט זיין ביסל אָרעמקייט אַריינגעצויגן אין אַ ווינקל פון שאָפּ, דאָרט ווו זיין פרעסמאַשין איז געשטאַנען.

בייטאָג האָט בערל געאיילט מיטן פרעסל איבער די שטאָפּן און מיט די ברייט־צעעפנטע גרוי־בלויע אויגן האָט ער פאַר זיך געזען זיין הויז, זיין לייטשען, זיין בריטשקע און ער האָט אויך געזען זיינע צוויי בלוי־ווייסע גיגנטאַשע אָמניבוסן, וואָס פליען קיין וואַרשע און ברענגען צוריק אַ רייכן נדן פאַר אַ וואַזשנעם, יחסנישן, ווילגעלערנטן איידעם פאַר זיין טאָכטער.

די צייט איז אַזוי געפלויגן אין טראַכטעניש, אין בענקעניש ווי אַ ווינט אין פעלד. אָט איז געקומען אַ טאָג און אָט האָט זיך דער טאָג גע־ענדיקט. דער שאָפּ איז געבליבן ליידיק. בלויז אַ געזשום פון פליגן און אַ ציין־געקריצעריי פון ראַצן אונטער די דילן האָט זיך געהערט אין שאָפּ. בערל האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, האָט זיך צוגעגרייט זיין וועטשערע אויפן עלעקטרישן אייוועלע, וואָס ער האָט פאַר זיין אייגן געלט געקויפט, האָט אָפּגעגעסן און געבענטשט און באַלד האָט ער זיך גענומען צו זיין נאַכט־אַרבעט: סאָרטירן די רעשטלעך סחורה, וואָס זענען געלעגן אויף די שנייד־טישן; איינלייגן אין פעקלעך פון פופציק די טאָוולנע רערן אויף וואָס די סחורה איז געווען געראָלט; אָנפּאַקן זעק מיט אָפּפאַל־שמאַטעס און קערן די דילן. פון די אַלע אַרבעטן האָט בערל געקראָגן אַלץ נייע און גרעסערע איינקונפטן; פון יעדער זאַך, וואָס ער האָט אין די אָוונטן געטון איז דער צוזאָג אויף זיין גלאַרייכן מאָרגן געוואָרן אַלץ נענטער צו דער פאַרווירקלעכונג: „אָט באַלד, באַלד, מיין קינד!״ האָט בערל געשעפּטשעט מיט צערטלעכקייט צו זיין לייטשען. „אָט באַלד קום איך אַהיים!״ האָט ער זיך צוגעזאָגט און ער האָט מיטן וואָרט „אַהיים״ זיך פאַרוויגט אין אַ רויִקן שלאָף אויפן באַרג שמאַטעס, וואָס ער האָט זיך אונטערגעלייגט אויפן לאַנגן, ברייטן שנייד־טיש אין שאָפּ.

און מיטאַמאָל האָט בערל באַשלאָסן: „שוין, כ׳בין פאַרטיק צו פאָרן אַהיים! כ׳בין גרייט!״

ער האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעקוקט זײַנע ביכלעך פֿון די בענק; ער האָט מיט קרײד געחשבונט אויפֿן גאָלן שנײַד־טיש; ער האָט מיט שפּײעכץ געמעקט זײַן שרײַבן, די קײן־עין־הרעדיקע ציפֿערן, און ער האָט שטיף אַ זאָג געטון פֿון די צעפּלעצלטע נאָזלעכער אַרויס: „הײדאַ, בערל, לײג נישט אָפּ; װײַל נישט אַרײַנרײַסן קײן װעלט, געפֿאָרן זאָל עס װערן!“

װי אַלעמאָל האָט בערל נאָזדרע געשריבן אַהײם אַ קורץ בריװל, אַ בריװל מיט גראָבע, זיגזאַגישע אותיות: „מײַן טײַערע װײַב; מײַן ליב טעכטערל לײטשעלע, געזונט זאָלט איר זײַן, שוין באַלד, טאַקע אָט באַלד, כ׳מײַן גאָר אינגיכן קום איך מירצעשעם אַהײם!“ און גלײַך װי ער האָט באַלײגט די בריװ האָט ער פֿאַרפּאַקט זײַן קײשל; בערל האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף אַ שיף און ער האָט איר באַפֿוילן: „פֿיר מיר אַהײם צו מײַן לײטשעלען!“

ער האָט באַלד צוגעגעבן:

„און צו מײַן חוהן אויך!“

און בערל האָט געפֿילט װי גאַנץ ניו־יאָרק, די הײַזער, די בריקן, די באַנען און דאָס פּרעסאײַזן גליטשן זיך פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך אַראָפּ פֿון זײַנע ברײטע אַקסלען.

און װען ער איז געזעסן און ער האָט געקוקט אויפֿן ברױזנדיק־צעכװאַליעטן ים, האָט ער געפֿילט װי זײַן ברוסט־קאַסטן װערט ברײטער און גרעסער און גראַמער און ער האָט פֿריידיק אַ שעפּטשע געטון צום ים:

„איז װאָס קאָכסטו זיך? װאָס שױמסטו פֿון צאָרן? דיך פֿאַרדריסט אַװדאַי װאָס איך, בערל נאָזדרע, פֿאָר זיך אַהײם צו לײטשעלען, צו דער װײַב חוהן, צום נײַעם בית־המדרש און צו צװײ אָמניבוסן בלױ־װײַסע און דו מוזט נעבעך בלײַבן דאָ אַלײן, אײנער אַלײן אין דער פֿרעמדער װיסטער װעלט!?“

און בערל האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויפֿן אײנזאַם־פֿאַרלאָזטן ים און זיך אַלײן האָט ער קײן עין־הרע מקנא געװען.

***

װען בערל נאָזדרע איז אָנגעקומען אַהײם האָט ער געהערט שמו־עסן, אַז אָט באַלד װעט אַ מוראַדיקער שטורעם אויסברעכן. ער האָט געזען װי שװערע מלחמה־װאָלקנס, שטיקער בלײַ, הענגען אין רױם.

אָבער בערלס הימל, זיין אייגן שטיקל הימל איז נאָך געווען לויטער און זיין געמיט איז געווען פּוכיק־גרינג: „אַזאַ טאָכטער, אַזאַ לייטשע, מיט גאָלדן־געלע האָר, מיט לויטער בלויע אויגן, מיט דורכזיכטיקער קלאָרער הויט, אַז מען האָט אַזאַ לייטשע איז דאָך גענוג צו פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ פינצטערניש אויף דער וועלט!״ האָט בערל, זיך ווייקנדיק אין נחת, געטראַכט ביי זיך און ער האָט פון זיך געטריבן יעדן קלאַנג וועגן מלחמה ווי מען טרייבט פון זיך אַ טשאַטע בילנדיקע הינט.

מיט אַ טייסטער אַמעריקאַנער באַנקנאָטן, וואָס ער האָט צעטוישט אויף חמרים זלאָטעס איז ער אין וואַרשע געווען און האָט באַשטעלט צוויי אָמניבוסן, בלוי־ווייסע אָמניבוסן, ווי ער האָט נאָך ביי זיך מיט יאָרן צוריק געהאַט אָפּגעמאַכט. ער האָט איינגעצאָלט אויף די אָמניבוסן אַרום אַ העלפט פון דער סומע, וואָס זיי האָבן באַטראָפן און די אַנדערע העלפט האָט ער געגומען אויף אַ היפּאָטעק אויסצוצאָלן אין גאַנצע פינף יאָר; אַ וועלט מיט יאָרן.

מיט די פּאַפּירן אין קעשענע, וואַזשנע פּאַפּירן מיט מאָדנע, געדריי־טע אונטערשריפטן, מיט שטעמפּלען, מיט טריוואַקס, מיט די פּאַפּירן איז בערל געקומען אַהיים און ער האָט באַלד דערפילט, אַז עס קומט אים אַ שטאָט אין נייעם בית־המדרש אַזש אויף דער מזרח־וואַנט, נאָענט לעבן נחמן גאָלדבערגן און טאַקע גלייך לעבן ר׳ איטשע איטקעס. ער איז גע־גאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט און ער האָט פאַר זיך געמאָלן ביל־דער: „אָט גיי איך מיר מיט מיין איידעם, מיטן וועלטלעך־פרומען, מיט ווילגעלערנטן איידעם, וואָס טראָגט מסתמא פענסנע, וואָס טראָגט אַוודאי לאַקירענע שטיוול, וואָס האָט אַ ידיעה אי אין יידישע אי אין העברעישע ספרים, מיט דעם אַ איידעם שפּאַציר איך זיך שבת אינדערפרי צום דאַ־ווענען; איך אַליין קריג שישי אין בית־המדרש און מיין איידעם כאַפּט דעם מפטיר און פון אויבן, פון ווייבער־שול קוקן אַראָפּ מיין חוהס אויגן און קוועלן און עס קוקן אויך אַראָפּ מיין טאָכטער לייטשעס טיף־בלויע אויגן, וואָס באַלייכטן מיט זייער פריידי די גאַנצע עדה יידן!״

אַזוי האָט בערל געחלומט ווען ער איז פאַרפאַרן אין הויז אַריין מיט זיינע פּאַפּירן, וואָס האָבן שוואַרץ־אויף־ווייס געזאָגט: „בערל טוכציג איז דער אייגנטימער פון די אָמניבוסן 161 און 162, וואָס האָבן די דערלויבע־ניש צו פירן פּריוואַטע פּאַסאַזשירן קיין וואַרשע און צוריק!״

„נו, חוה, כאַוטשעלע מיינס״, האָט ער מיט אויסערגעווייגטלעכער צאַרטקייט געטענהט צו זיין ווייב. „נו, איז זעסטו שוין וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אָט זענען די אָמניבוסן און באַלד נעמען מיר און מיר הייסן שדכנים זיך אַ לאָז טון איבער מדינת פוילן זוכן פאַר אונדז אַן איידעם, איינס און אַזעלכעס״. און בערל האָט געקוואָלן און ער האָט געלאַכט אויף די טרערן, וואָס ער האָט דערזען ביי זיין חוהן אין די ווינקלען פון די אויגן.

„ווייסט גאָר, שוטה בן פּיקהאָלץ!״ האָט ער זיך געחכמעט. און ער האָט זיין חוהן אַרומגענומען און ער האָט זי געגלעט מיט זיינע הענט, וואָס זענען געווען קלעצלדיק האַרט און שאַרסטקע ווי אַ ריבאייזן.

„ס׳האַרץ, מיין האַרץ ציטערט אין מיר פאַר פרייד פון אזויפיל נחת, ווי דו זאָגסט מיר צו; כ׳האָב מורא פאַר מענטשנס אויגן!״ האָט חוה גע־שעפּטשעט מיט ציטערנדיקע ליפּן. אָבער בערל, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך צעלאָזט מיט אַ פּענדזל מיט פאַרבן און ער האָט געמאָלן און ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט זיך צעלייגט אויף אַ קאַנווע אָט אַזוי אַ:

„זעסט, כאַוטשעלע ווו עס שטייט דאָרט די פערד־שטאַל? אַ יאָ, זי שטייט דאָרט, אמת? איז וועל איך זי טון אַ צעוואַרף איינס־צוויי־דריי, און אויפן פּלאַץ פון שטאַל און אויפן פּלאַץ ווו עס ליגט דער גרויסער שטיין וואַקסט ביי מיר אויס אַ צוויי־גאָרנדיק געביידעלע פאַרן פאַר־פאָלק; לייי־טשעלע זאָל לעבן מיטן מאַן און מיט זייערע קינדערלעך, קיין־עין־הרע, וועלן לעבן דאָ ביי בערלען אונטער די פליגל!״ האָט בערל אַ צעפּאַכע געטון די ביידע הענט זיינע, וואָס זענען ערשט גרייט געווען די גאַנצע וועלט אַרומצונעמען און גיין מיט איר אין אַ קאַדריל. ער האָט געטון אַ צעקעם זיין ברייטלעך־רחבותדיקע באָרד און ער האָט אַ שנייץ געטון, סתם אַזוי, צום ערשטן איין נאָזלעכל און דערנאָך דאָס צווייטע:

„אימירצעשעם אַרום ראש־חודש וועלן מיינע ווייס־בלויע „סוסים״ באַלאָדענע מיט פּאַסאַזשירן בריאַזגען פון דאַנען קיין וואַרשע און צו־ריק!״ האָט ער געווישט די צעפּלעצלטע נאָז מיט דער רויטער פּאַטשיילע. ער האָט זיך אַ לאָז געטון איבערן הויז. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין חוהן און ער האָט איר אַ פרעג געטון: „וועמען אַ שטייגער פון די שטאָטישע בחורים, כ׳מיין טאַקע פון אייבערשטן פון שטויסל, וואָלסטו געוואָלט פאַר אַ חתן פאַר אונדזער לייטשעלען?״ און באַלד האָט ער צו־געגעבן מיט שטיפערישער פרייד: „און ווער צום ביישפּיל, געפעלט

אונדזער לייטשעלען, כ׳מיין, זי האָט עפּעס געוואָרפן אַן אויג אויף עפּעס רעכטס אין שטאָט?"

חוה האָט זיך געפילט פאַרשעמט ווי זי וואָלט געווען אַ מיידעלע מיט צעפּעלעך. איר בערלס פראַגעס האָבן איר אויסגעזען מאָדנע פרעמד, צו יענגליש־ווילערישע פראַגעס, וואָס האָבן זיך קוים געפּאַסט פאַר איר בערלס בכבודיקער באָרד. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אַ רויטלעך חנדעלע אויף איר פּנים האָט זי בערלען דערציילט, אַז יאָ, זייער טאָכטער שפּאַצירט לעצטנס גאַנץ אָפט מיט דוד דאָזאָרס יינגסטן זון, מיט דעם אַמאָליקן ישיבה־בחור, וואָס איז היינט דער גאַנצער פירער פון ביבליאָטעק. „אַ טייערער בחור, זאָגט מען, אָבער שוין צו פריי!" האָט חוה זיך חנדלענדיק געקלאָגט.

„מיט יאָסל ר׳ דודס?" האָט בערל זיך איבערגעפרעגט מיט געוואַלדיקער פאַרגאַפונג, „אַזוי גאָר? איז דאָך, כ׳מיין, יאָ, נו, טאַקע מיט דוד דאָזאָרס. ס׳געהערט אַ מעשה? אַוודאַי, וואָס דען!" האָט בערל געשטאַמלט; אונטערגעהוסטלט און געצופּט די באָרד. „אַזוי, מיט יאָסל ר׳ דודס איז זי, הייסט עס, גייט זי אָפט? כאַוווטשעלע, איז וואָס זשע שוויגסטו? כ׳מיין, מעג דאָך אַ טאַטע אויך וויסן!" האָט בערלס מויל זיך געשוימט און זיינע אויגן האָבן זיך אַזוי מוראדיק צעגאַלאָפּירט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלן אַרויס פון זייערע אָרביטן.

און בערלס האַרץ האָט געזעצט אין אים און זיינע פיס האָבן פאַר פרייד זיך צעשאָקלט אונטער אים ווי דיביימער אין וואַלד אין אַ שטורעמווינט.

„מיט יאָסל ר׳ דוד דאָזאָרס! אַן איינפאַלן!" האָט ער סתם אַזוי פאַר פרייד געפּלוידערט און ער האָט זיך אַ לאָז געטון אויף אַ שפּאַציר אין זיין מאָרגן אַריין און ער האָט געפילט, אַז גאָרנישט, די וועלט איז געוואָרן אַזוי געראַם, אַזוי רחבותדיק ברייט, אַז עס איז פּשוט אַ פאַרגעניגן צו זיין אַן איינוווינער אין איר.

„אָט דאָ אָ, זעסט, וועט שטיין ס׳הויז פון רויטע ציגל, אַ צוויי־גאָרנדיק הויז פאַר מיין לייטשעלען, פאַר איר מאַן און פאַר אירע קינדערלעך אָן עין־הרע!" האָט בערל געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט מעסטן ס׳שטיקל פּלאַץ וווּ ער וועט לאָזן בויען דאָס הויז פאַר זיין לייטשעלען און פאַר זיין אײדעם, יאָסל ר׳ דוד דאָזאָרס יינגסטן

זון. בעת בערל האָט מיט זיינע שטיוול געהאַלטן אין מעסטן דעם פּלאַץ ווו ער וועט לאָזן בויען דאָס צוויי־גאָרנדיקע הויז, האָט ער דערזען, ווי פון קאָסע־געסל גייט היפּקע דער הימלקוקער מיטן זעקל שמאַטעס פאַר־וואָרפן אויפן רעכטן אַקסל.

„וואָס מעסטו, בערל, וואָס עפּעס פּאַראַ מעסטן היינט?" האָט היפּקע געפרעגט מיט זיין קול, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ גרימפּל פון אַ באַס. „מ'מעסט סתם אַזוי!" האָט בערל אָפּגעענטפערט און ער האָט געשטעלט אַ פּיאַטע פון איין פוס צו די שפּיץ־פינגער פון אַנדערן פוס. „מ'מעסט צו שטעלן אַ סוכה דעם יום־טובֿ!" האָט בערל שוין מיט שפּילעוודיקייט היפּ־קען אַ זאָג געטון.

היפּקע האָט זיך צעכאַכאַטשעט הילכיק: „ער גרייט זיך שוין אויף סוכות און ביי דער גרענעץ זאָגט מען ברענען שוין די פלאַמען פייער פון מלחמה!" האָט היפּקע אַ הייב געטון די באַרקע מיטן אָנגעלאָדענעם זעקל שמאַטעס.

בערל טאָזדרע איז געבליבן שטיין פאַרגאַפּט. ער האָט דאָס לשון פאַרלוירן פון שרעק, ווייל ער האָט געזען, אַז וואָס, וואָס, היפּקעס כאַ־כאַטשען איז אַ גאָר ערנסטער ענין; היפּקעס ווערטער זענען שטאָלענע טשוועקעס, וואָס קלינעווען זיך אַריין גלייך אין האַרצן אַריין.

„וואָס בעבעסטו, היפּקע? וואָסער מלחמה?" האָבן ביי בערלען זיך געטרייסלט די ליפּן אונטער די געלבלעך־גרויע וואָנצעס.

„אַז מען שמועסט מלחמה איז דאָך נישט שייך!" האָט היפּקע גע־טענהט מיט גמרא לשון. „עס זענען אַפילו דאָ אַ יש אומרים וואָס האַלטן, אַז די היטלער־רשעים האָבן זיך שוין אַ לאָז געטון מיט שטאָלענע פייגל איבער וואַרשע און, אַז זיי האָבן אַ לייג געטון ביי אַ שאָק דינאַמיט־אייער אויף סאַמע מאַרשאַלקאָווסקע!" האָט היפּקע שלשלתדיק געדרייט אַ פּסוק. בערלס אויגן האָבן זיך צעגאַלאָפּירט ווילד. אים האָט ערשט שטאַרק פאַר־דראָסן פאַרוואָס היפּקע צעלייגט אַזוי זיינע שפּיזן־רייד אויף טעלערלעך, פאַרוואָס ער דערציילט אַזוינע ברענעדיק־הייסע געשעענישן מיט אַזאַ אייז־קאַלטער געטאַמעוועטקייט. ווי אַ צעבייטשטער אָגער, וואָס פאַרגעסט אַפּי־לו די „קענזשעלע" אין מויל, אַזוי האָט זיך בערל אַ לאָז געטון פון זיין הויף. ער האָט היפּקען איבערגעלאָזט אַ דערשטוינטן.

מיט צעפּאָכעטע פּאָלעס, ווי פאַנטאַסטישע פליגל, איז ער געפלויגן

פון בראָקער געסל צום מאַרק צו. ער האָט געאײַלט צו ר׳ אַהרן נחס, צו ר׳ אַהרנען, וואָס ווייסט אַלע נײַעסן, וואָס קומען פֿאָר אין אַלע עקן וועלט. נאָר ווייט לויפֿן האָט בערל נאָזדרע שוין נישט געדאַרפֿט. לעבן פּלומפּ, אין ווינקל מאַרק ביי משה וואַסערמאַכערס מויער איז געשטאַנען אַן ענג־צונויפֿגעפּרעסטע עדה ייִדן. אין רעכטן צענטער פֿון דער עדה איז גע־שטאַנען אַהרן. זיין געלבלעך־צעקעמט ברייט בערדל איז ערשט געווען אַ שפּאָר־ביסל צעפּאַטלט. זיינע פּענסנע זענען געווען איינגעלייגט אַזוי ווי ער וואָלט זיי גרייט געווען אַריינצולייגן אין שיידל. מיט די פּענסנע ווי אַ מאַנאָקאָל האָט ער באַקוקט דעם עולם אַרום זיך און מיט פֿולער ערנסט, ווי דער מאָמענט האָט געפֿאָדערט, האָט ער מיט זיין קלינגנדיק־קלאָרער שטימע ערשט איכהדיק דערציילט:

— „אָן וואָרענונג, אָן אורזאַך, פֿון העלן הימל אַראָפּ האָבן זיי זיך באַוויזן און זיי האָבן די גאַסן באַהאָגלט מיט טויט, מיט שווידערלעכן, מיט האַרצרייסנדיקן טויט!״

דער עולם אַרום האָט זיך געשטופּט נעענטער צו ר׳ אַהרנען. מען האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פֿינגער; מען האָט געצויגן אַן אויער אַרויפֿצוצו און מען האָט געהערט אָן אָטעם יעדן קלאַנג, וואָס איז אַרויס פֿון ר׳ אַהרנס מויל:

— „פֿון וואַרשע לויפֿט מען ווי פֿון אַ גהינום. ס׳לאַנד איז אין גרויס געפֿאַר!״ האָט ר׳ אַהרן גערעדט ערשט מיט אַ נביאישן טאָן און באַלד האָט ער צוגעגעבן מיט פֿיינלעכן אויסרוף:

— „המן הרשע גייט אונדז פּאַרטיליקן! ייִדן, מיר דאַרפֿן זיך אויך גרייטן אין וועג אַריין!״

אַ ווייטיקדיקער זיפֿץ האָט זיך אַ ריס געטון פֿון גאַנצן קנויל ייִדן; אָבער איבער אַלעמענס זיפֿץ האָט זיך געהערט בערל נאָזדרעס מוראדיי־קער קרעכץ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין רוים איבערן מאַרק מיט אַזאַ געהילך ווי עס וואָלט ערגעץ־ווו אַ מאַמע־קו מיט אומעט געמוקעט ווען מען רייסט פֿון איר אַוועק דאָס זויגנדיקע קעלבעלע.

***

בערלס צוויי שפּאָגל נייע ווייס־בלויע אָמניבוסן זענען געשטאַנען אין מיטן מאַרק. די פֿרילינגס־זון האָט זיי באַגאָסן מיט שטראָמען זילבער. די

אָמניבוסן זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט יונגעלייט, וואָס די רעגירונג האָט אין גיכן רעקרוטירט. ביי אַן אָפענעם פענצטער פון איינעם פון די אָמניבוסן איז געזעסן יאָסל ר׳ דודס. ער האָט מיט זיינע קאַרשן־אויגן געקוקט צום טראָטואַר ווו עס איז געשטאַנען לייטשע בערל נאָזדרעס. אירע קאַשטאַנעוואַטע האָר האָבן זיך געגאָלדט אין דער זון און אירע צוויי גרויסע אויגן זענען געווען איינגעראַמט אין צעפּלאָמטע רעמלעך.

אויפן העכסטן טרעפּל פון דער אברהם יאַנקעוויטשיכעס שענק איז געשטאַנען בערל נאָזדרע. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען צוגעצאָגלט צום אייבערשטן טרעפּל. זיינע פינקלנדיק־שנעלע אויגן זענען ערשט פאַרגליווערט געלעגן אין די שפּאַלטן פון פאַרכמורעטן פּנים און זיי האָבן אַפילו קיין פינטל נישט געטון.

צוויי טרערן האָבן זיך פּלוצלונג אַ קייקל געטון פון די אויגן איבער די באַקן, און בערל האָט דערזען דורך די פאַרגלייזטע אויגן, אַז חוץ זיינע אָמניבוסן שטייט אים ערשט אין קאָן זיין טאָכטער לייטשעלע אויך, ווייל פון ווייטן האָט ער ערשט באַמערקט ווי עס ליגט אויף איר פּנים אַ פאַרמעטענע געלקייט, אַ מאָדנע געלקייט, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער אויף קיין לעבעדיקן מענטשנס פּנים נישט געזען. ער האָט זיך ראַפּטום אַ ריס געטון פון אָרט און ער האָט זיך געלאָזט שפּרייזן צו זיין לייטשעלען, אָבער ווען ער איז שוין נאָענט געווען לעבן זיין טאָכטער האָט ער באַמערקט ווי אירע צעפּלאָמטע אויגן זענען צוגעשמידט צום ערשטן אָמניבוס, צו אַ פענצטער פון אָמניבוס, צו יאָסל ר׳ דודס פּנים ביים פענצטער פון אָמניבוס. און בערל האָט מיט יראת־הכבוד, מיט רחמנות זיך אָפּגעקערעוועט אין אַ זייט.

און אַז די אָמניבוסן האָבן זיך צערעוועט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו ברומען און זיי האָבן זיך אַ ריס געטון פון אָרט האָט בערל געהאַט דאָס געפיל ווי עס וואָלטן צוויי נייע עגלות מיט גאָר נאָענטע מתים זיך אַ טראָג געטון פאַר אים צום בית־עולם צו. ער האָט מעכאַניש אָנגעהויבן צו שפּרייזן נאָך די אָמניבוסן ווי מען גייט נאָך אַ טויטן־וואָגן; אים האָט נאָר געוווּנדערט פאַרוואָס קוטשער, דער שמש פון אַלטן בית־מדרש מיטן סענקעוואַטן שטעקן אין איין האַנט און מיט דער פּושקע אין דער צווייטער האַנט, גייט נישט נאָך די עגלות און פאַרוואָס מען הערט נישט זיין יללה־דיקן קול: „צדקה תציל ממות“.

אינהאַלט:

	זייט
פאָרוואָרט	5
פייגל	7
אַ טראָפּן אמונה	37
„איך פאַל, מיין קינד!"	48
זיבן	57
מיין יגאל	68
אַ משפּט אין נגב	81
אויף רש"י־גאַס	108
אין דער ריי	118
אַן אורח	124
משכנות	133
אַן אייגענער מזומן	150
צוויי חברים	161
אַ נאַקעטער טיש	170
די פּערל	181
דאָס צווייטע געבאָט	207
„ס'פאַלק פון נידעריקסטן פּוסבענקעלע"	225
„מאלקולישע געדאַנקען"	240
פאַרנאַכטיקע שאָטנס	256
אויגן	280
צוויי אָמניבוסן	293

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

דערשינען:

1. ווידערקלאַנגען — **דערציילונגען**
2. יוסף אַפּאַטאָשוס שאַפונגס־וועג — **מאָנאָגראַפיע.**
3. דורות — **דערציילונגען.**

גרייט צום דרוק:

1. פון מצדה ביז רוים — **היסטאָרישע נאָוועלע.**
2. דער תורשתא נחמיה — **היסטאָרישער ראָמאַן.**

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 15 DE JULIO
DE 1955 EN LOS TALL. GRAF.
"ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE
GASCON 1231, BUENOS AIRES.